STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06183

IDEYE UN GESHTALT

Abraham Bick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ביק

אידייע און געשטאַלט

איקוף פארלאג

אברהם ביק

אידייע און געשטאלט

עסייען

ניו יאָרק
1963

ABRAHAM BICK

Idea and Image

ESSAYS

Copyright
A. Bick - N. Y. C.
1 9 6 3

אַרויסגעגעבן פון דעם לערן־קרייז פאַר ליטעראַטור

„א ר ו ש ם"

איזידאָר קאופמאַן, פּאַרזיצער ,
שלום לעווין, ערן־פּאַרזיצער
יאַנקל אַדלער, עקזעקוטיוו־פּאַרזיצער
מרים באומעל, סעקרעטערין
נינאַ גאָלדסטיין, פינ. סעק.
א. אָרענסטיין, קאַסירער

שער־בלאַט געצייכנט פון באבי מילער

א וואָרט צום לייענער

אלע עסייען פון בוך, — מיטן אויסנאַם פון דריי, — זיינען נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרן. די דאָזיקע ליטעראַטור־קריטישע עסייען און אימפּרעסיעס וועגן יידישע און אַלוועלטלעכע קלאַסיקער און די יורשים האָט דער מחבר געשריבן די לעצטע יאָרן און האָט זיי פאַרענדיקט אין 1963, ערב זיין ווערן אַ בן חמישים.

איך בין אויפריכטיק דאַנקבאַר דעם לערן־קרייז פאַר ליטעראַטור „אַ רושם" פאַר זייער מעגלעך מאַכן דאָס דערשיינען פון בוך און פאַר איינ־אָרדענען צענדליקער ליטעראַרישע צונויפקומס, ביי וועלכע דער מחבר האָט געלייענט די מערסטע עסייען פון כתב יד.

דאָס עפענען די הערצער פון הונדערטער יידישע פאָלקס־מענטשן פאַרן יידיש־מענטשלעכן קינסטלערישן און אידייאישן וואָרט, האַלט איך פאַר אַ בשותפותדיקן און נישט־קליינעם זכות. הלוואי זאָל מיר און דעם „אַ רושם" באַשערט זיין צו מאַכן ווייטערדיקע שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג פון דערגרייכן דעם יידישן לייענער און אים העלפן צו פאַרשטיין און האַלטן טייער דאָס וואָרט פון די יידישע און אַלגעמיינע שאַפער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור.

א. ב.

ניו יאָרק, אַפּריל 29, 1963

אָרגאַניזאַציעס און לייענער
וואָס האָבן געהאָלפען אַרויסגעבן דאָס בוך

לערן קרייז פאַר ליטעראַטור
„א רושם"
(לויט די איניציאַלן: אלגין, רייזען, ווינטשעווסקי, שטיינבאַרג, מרמר)

ע ק ז ע ק ו ט י ו ו ע

ראוז אורליכט, פייגל אדלער. בעלא ביק, ראובן האך, ד. טאבאטשניק,
י. לייזעראוויטש, בעסי סיגעל, בערל ראללער, מאקס שטערן

קאמיטעט פון איקוף – טוער אין לאס אנדזשעלעס

יוסף קאַראַבעלאַ, עליו השלום
שמואל פּראַנצבלוי, סעקרעטער
אהרן קוירטמאַן
מערי און נייטען גאַרפילד
דאָראַ פיינס — מייזעל
מאיר גאָלדין
פרעד מאָרטאָן

בעסעראַביער־פּאָדאָליער בענעוואָלענט סאָסייטע
דר. חיים זשיטלאָווסקי לייען־קרייז (טשעלסי, מאַסס.)
פּרעמיער עיד סאָסייעטי, ש. רובינסקי, פּרעזידענט
אברהם ביק לייען־קרייז, לאָס אנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

אינהאַלט

די קריטישע עסיי 9

אידייע און געשטאַלט 13

קלאַסיקער און יורשים

א ליטעראטור פון חסד און אמת (מענדעלע מוכר ספרים) 23

אלט - ניי — חידוש און קידוש (י. ל. פרץ) 29

דער יידישער פעלקער - אוצר (שלום עליכם) 38

דער מעין המתגבר (ח. נ. ביאַליק) 46

דער פשט פון דער וועלט (אברהם רייזען) 53

בטחון און גלויבן (שלום אַש) 62

דער וואלף פון אומרו — צו דער זון (משה לייב האַלפערן) 70

פון הארבסט צוב שטורעם - ווינט (דוד בערגלסאָן) 76

די זריעה אונטער שניי (ה. לייוויק) 83

דער מדרש פון משל (אליעזר שטיינבאַרג) 94

אין רשות פון רעגן (די יידיש־סאָוועטישע ליריק) 103

נאכן גאלדענעם הירש (פאַר זייער קינסטלערישער עלית נשמה) 108

פרוכט פון צייט

פון צייט און טייך מאַרק טוועין) 121

דער וואלף אין צפון - ליכט (דזשעק לאָנדאָן) 128

די הויפט - גאס און דער שפיגל (סינקלער לואיס) 135

דער פייער - געשריי פון דער שטאט (טעאָדאָר דרייזער) 144

דער אקער און דער מולד (דזשאן סטיינבעק) 156

דער טונקעלער שטראם (וויליאַם פאולקנער) 171

צווישן גורל און ווילן (הערמאַן מעלוויל און אוירנעסט העמינגוועי) 177

דער אלטער מאן פון די בערג (ראָבערט פראָסט) 191

דער קרעמער און די הילצערנע רויז (בערנאַרד מאַלאַמוד) 196

ווינטן פון מערב

דער זין פון דער פורעם (גוסטאַוו פלאָבער) 207

פון פרייען שפיל צו תשובה (אָסקאַר ווײַלד) 219

די העראָאישע באַלאַדע (ליבקנעכט און לוקסעמבורג) 224

דער ברוינער שייטער און די שטערן (ב. ברעכט און א. זעגערס) 232

צווישן תוהו און תיקון (פראַנץ קאַפקאַ) 251

דער אבסורד און די האפנונג (אַלבערט קאַמי) 262

די העראָאישע לאַנדשאַפט

דער וואלקן - זייל און דער תהום (פ. דאָסטאָיעווסקי) 269

דער פעלז און דער אקעאן (לעוו טאָלסטאָי) 274

פון סטעפּ און גאָרטן (א. טשעכאָוו) 280

די נשמה און דער וואלד (לעאָניד לעאָנאָוו) 284

דער האמלעט פון דאן — קערנער און זאנגען (מ. שאָלאָכאָוו) 297

פון יענער זייט טראגעדיע (קאָנסטאַנטין פעדין) 316

די קריטישע עסיי

במקום הקדמה



„אפילו ווען דער קריטיקער האָט שוין טיף אויסגעפאָרשט זיין ענין און האָט באַהערשט דעם מאַטעריאַל, דאַרף ער נאָך אָפטמאָל לאַנג וואַרטן ביז ער דער־פילט, אַז די געשטאַלט וואָס ער וויל פאָרשטעלן איז געוואָרן אַ לעבעדיק וועזן אין אים״ (געאָרג בראַנדעס)

אין זיין באַקאַנט ווערק „וואָס איז קונסט?״ האָט דער גאָניאַלער טאָלסטאָי, ווי באַוואוסט, געוואָלט איינשטעלן אַ נייע שייכות צווישן קונסט און קריטיקער:

„אַלע אויסטייטשונגען פון אַ קונסט־ווערק זיינען איבעריק. אויב קונסט אַליין רעגט ניט אָן דעם לייענער וועלן די אויסטייטשונגען ניט העלפן אים אָנצורעגן. ווען מען זאָל קענען מיט ווערטער אויסטייטשן, וואָס דער קינסטלער האָט געוואָלט זאָגן, וואָלט עס דער קינסטלער געזאָגט מיט די ווערטער. ער זאָגט עס נאָר מיט זיין קונסט ווייל אַנדערש קען ער ניט איבערגעבן די עמאָציעס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. אויב דאָס ווערק איז קינסטלעריש גוט לעבט מען עס איבער און דערפאַר זיינען אַלע אויס־טייטשונגען איבעריק״.

ווען מען נעמט אָן אַז דער גרויסער קלאַסיקער איז געווען גערעכט וואָס שייך דער אַלגעמיינער קריטיק, בנוגע די סאָציאָלאָגישע, נאַציאָנאַלע,

סאָציאַלע אָדער אַנדערע קריטישע מאָסן, בלייבט די פראַגע, צי איז זיין הנחה אויך גילטיק פאַרן קריטיקער־עסייאיסט, פאַר דער קריטישער עסיי.

די גוט־באַקאַנטע דעפיניציע וועגן דער עסיי אַז זי געפינט זיך אויף דער גרענעץ צווישן זשורנאַליזם און בעלעטריסטיק איז שוין לאַנג אָפּגעפרעגט. אפילו די וועלכע האַלטן, אַז די עסיי איז אַ מין געמיטלעכער שמועס, אַ שרייבן אָן ציל און תכלית, זייען פונדעסטוועגן מודה, אַז די עסיי איז אַ קונסט־פאָרם פאַר זיך און איז פונקט אַזוי באַרעכטיקט ווי דאָס ליד אין דער מוזיק.

אַ מאָדערנע דעפיניציע וועגן עסיי: „די עסיי איז אַ קורצע באַטראַכטונג, וואָס באַלייכט אַ טעמע פון פאַרשיידענע זייטן און אין אַ קינסטלערישער פאָרם. די עסיי איז ניט וויסנשאַפטלעך געניי, זי שוועבט איבער דער טאָג־טעגלעכקייט און שטרעבט צו דער חשיבות, וואָס איז איבער געוויינלעכן" (וואָלפגאַנג קאַיזער, קליינער ליטעראַרישער לעקסיקאָן, 1953).

דער עסייאיסט דר. א קאַראַלניק האָט אַמאָל געפּרוווט דעפינירן די עסיי און דעם עסייאיסט ווי דעם שרייבער, וואָס „האָט נישט געפלאַנצט און קאָן נישט וואַרטן אויף פּירות. ער האָט נישט קיין פרוכט. ער האָט בלויז בלעטער" („ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכן")· אויף דעם האָט ש. ניגער געשריבן „ניין, ער האָט געפלאַנצט און געוואַרט אויף פּרוכט. ער האָט יאָ געפלאַנצט — דער עסייאיסט — אויף דעם פרוכטבאַרסטן באָדן פון זיין לעבן" (וועגן עסיי).

אפשר ליגט אין די ווערטער דער שליסל צו דעם מהות פון דעם עסייאיסט־קריטיקער. פאַרן עסייאיסט, וואָס איז אויך אַ קריטיקער, איז דאָס קונסט־ווערק ניט בלויז אַן אָביעקט, וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, נאָר אויך איבערגעלעבט ווערן. די געדאַנקען, וואָס ער וויקלט אַרויס פון דער געשטאַלטן־וועלט, וואָס דער שרייבער שילדערט, מוזן פריער דורכגיין און דורכגעלייטערט ווערן אין דער עמאָציע פון קריטיקער, אין זיין אייגענעם געמיט. בלויז דערפאַר וואָס דער עסייאיסט־קריטיקער לעבט איבער דאָס ווערק, איז ער מסוגל צו באַאַטעמען די געשטאַלטן מיטן גייסט פון זיין דור, מיט די נייע אידייען פון דער צייט.

אין זיין רעדע וועגן „האַמלעט און דאָן קיכאָט" האָט טורגעניעוו געזאָגט: „די באַזונדערע מעלה פון גרויסע פּאָעטישע ווערק ליגט אין דעם וואָס זייערע

שאַפער האָבן אין זיי אַריינגעאָטעמט אַ ניט־שטאַרבנדיקן לעבן. וואָס די מיינונגען וועגן זיי, — ווי וועגן לעבן בכלל, — קאָנען זיין אומענדלעך פאַר־שיידן, אָפט אפילו ווידערשפּרעכנדיק, און אין דער זעלבער צייט גלייך גערעכט״.

און ביעלינסקי, וואָס איז אַליין געווען דער מוסטער פון אַ קינסטלער־קריטיקער, האָט געזאָגט וועגן פּושקינען, אַז „ער געהערט צו די אייביק לעבנדיקע און זיך באַוועגנדיקע דערשיינונגען, וועלכע בלייבן ניט שטיין אויף יענעם פּונקט, וואו עס האָט זיי געטראָפן דער טויט, נאָר וועלכע אַנט־וויקלען זיך ווייטער אין דעם באַוואוסטזיין פון דער געזעלשאַפט. יעדע עפּאָכע טראָגט אַרויס וועגן זיי איר אורטייל, און ווי ריכטיק זי זאָל זיי פאַרשטיין, וועט זי שטענדיק איבערלאָזן פאַר דער קומענדיקער תקופה צו זאָגן עפּעס נייס און מער ריכטיקס און קיינער וועט קיינמאָל ניט אַרויסזאָגן אַלץ...״

עס איז זיכער ניט קיין צופאַל, וואָס די ערשטע שאַפער פון דער עסיי זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער שוועל פון נייע תקופות. מאָנטעין אין פראַנקרייך, טשאַרלס לעמב אין ענגלאַנד און עמער־סאָן, וואָס איז געשטאַנען אין טויער פון דער „נייער וועלט״ (אמעריקע). זיי זיינען פאַרבליבן די עסייאיסטן.

„די וועלט איז ניט מער ווי אַן אייביקער אומרו״ — זאָגט דער ערשטער פראַנצויזישער עסייאיסט מאָנטען — „און איך נעם אַן יעדן פּונקט פון דער באַוועגונג, איך מאָל ניט דאָס וואָס איז, נאָר דאָס וואָס איז אין איבערגאַנג״.

און אין אונדזער צייט האָט אַן ענגלישער עסייאיסט־קריטיקער גע־שריבן: „די קריטיק, וואָס איז די באַגלייטערין אינעם צוזיפּטערף פונעם לייענער מיטן שרייבער, איז קיינמאָל ניט קיין פּאַסיווער צושויער; זי לאָזט דורך דער זיפּ פון איר אייגענער עמאָציע איר אָפּשאַצונג פונעם שרייבער און זיין טעמע. דער קריטיקער איז קודם כל אַ לייענער. זיין באַווירקט ווערן איז דער עיקר.״ (מאַרטין טאַרנעל, אַריינפיר צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון זשאַן פּ. סאַרטרס „באַדלער״).

דער קריטיקער איז, הייסט עס, ניט קיין מפורש, וואָס טייטשט אַריין אין אַ קונסט־ווערק אַבסטראַקטע אידעען און געדאַנקען, ווי עס פאַלט אים איין. ער איז „קודם כל אַ לייענער, וואָס ווערט באַווירקט פונעם ווערק״. דערפאַר פּרעטענדירט ער ניט, אַז ער אַליין זאָגט דעם גאַנצן אמת וועגן שאַפער און שאַפונג. עס איז גאַרניטאָ קיין תקופה, וואָס זאָגט דאָס לעצטע

וואָרט. יעדער נייער דור באַפרוכפּערט דאָס קונסט־ווערק מיט זיין נייעם לעבן און רופט אין אים אליין אַרויס אַ נייעם לעבן.

די אויפגאַבע פונעם ליטעראַטור־קריטיקער איז טאַקע צו באַווירקט ווערן פון שרייבער און זיין ווערק, וואָס זאָל אים אָנרעגן צו באַלעבן דאָס לעבן אליין מיט נייע געדאַנקען. אויב עס געלינגט אים דאָס צו טאָן אין אַן עסיי ווערט זיין קריטיק אַ טייל פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

אידייע און געשטאַלט

„און דו זאָלסט ניט פאַרפירט ווערן פון דער גריכישער חכמה, וואָס האָט בלויז בלומען ניט קיין פרוכט", האָט דער גרויסער דיכטער פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" אין שפּאַניע, יהודה הלוי, געזאָגט אין זיין רעליגיעז־פילאָסאָפיש ווערק דער „כוזרי". דער דאָזיקער זאָג האָט פאַרפירט געוויסע מאָראַליסטן און דיכטער, וואָס פון איין זייט האָבן זיי אין דעם וואָרט פונעם גרויסן יידישן דיכטער געזען די אָפּלייקענונג פון דער גריכישער עסטעטיק, צוליב דער עטיק, און פון דער צווייטער זייט — די מכלומרשט היסטאָרישע פרעמדקייט פון יידן אָדער יידישקייט צו קונסט.

נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן פון אָנהויב אָן ניט פאַרשטאַנען די אָרגאַנישע איינהייטלעכקייט פון אינהאַלט און פאָרם, פון געשטאַלט און אידייע, האָבן געקענט אריינלייענען אין הלויס פאָרמולע אַ פּראָטעסט קעגן דער עסטעטיק פון דער גריכישער קלאַסיק. אַז דער שאַרפער זאָג פון דעם מיטלאַלטערלעכן דענקער און דיכטער האָט בפירוש געצילט קעגן „גריכישער חכמה" (אין העברעאיש „חכמת יונית") און ניט קעגן דער קלאַסישער קונסט, איז צו זען פון זיינע אייגענע קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס זיינען מוסטערן פון בילד און וויזיע, געלייטערט און ראַפינירט אין די כלים פון קונסט — שפּראַך, ריטם, מעטריק, גראַם. ווי אַנדערש קאָן מען באַנעמען אַזעלכע שורות פונעם גרויסן דיכטער פון טאָלעדאָ:

> „זי וואַרפט די שלייערן אַראָפּ און בלייבט ניט נאַקעט,
> ווייל חן און פּראַכט און שיינקייט וויקלען זי אַרום".

(די טענצערין)

שוין וו. בעלינסקי האָט אָנגעוויזן, אַז מען קען וועגן דער קלאַסישער גריכישער קונסט ניט רעדן בלויז ווי וועגן קלאַסישן אויסדרוק פון שיינקייט. „דער אינהאַלט פון יעדער גריכישער טראַגעדיע איז אַ מאָראַליש פּראָבלעם עסטעטיש געלייזט". ביעלינסקי איז, ווי באַוואוסט, געווען פון די ערשטע קלאַסיקער־קריטיקער, וואָס איז געקומען צום אויספיר, אַז יעדער קונסט־ווערק דאַרף באַטראַכט ווערן נאָר אין דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון אינהאַלט און פאָרם, און פונקט ווי עס איז ניט אָפּצוטיילן דעם קאָליר פון פרוכטן פון זייער אינערלעכן אינהאַלט, אַזוי איז ניט אָפּצוטיילן די אידייע, דעם זין פון ווערק פון איר פאָרם.

לויט דעם שטאַנדפּונקט האָט דער רוסישער קריטיקער פאָרמולירט די ספּעציפיק פון דער קונסט אין דער פראַזע: „אַ דענקען דורך בילדער". דאָס ספּעציפישע אין דער קונסט איז דער עלעמענט פון בילדערישקייט. דאָס מיינט אידייע וואָס לויכט אַרויס פון דער געשטאַלט, ווייל געשטאַלט אָן אידייע עקזיסטירט גאָרניט. וואָס גרעסער און טיפער ס'איז די קונסט אַלץ גרעסער איז די אידייע אין איר, ווייל אַלץ גרעסער איז די ווירקלעכקייט, וואָס זי נעמט אַרום. דער קינסטלערישער שאַפונגס־פּראָצעס איז אַן איינהייטלעכער קאָמפּלעקס פון פאָרם און אינהאַלט. קוים האָט דער קינסטלער באַשאַפן אַן השלמהדיק ווערק פון לטיל, אימאַזש, קלאַנג און ריטם, איז עס די קאָנ־קרעטיזאַציע פון אַ וועלט־אַנשויאונג, פון אַן אידייע, וואָס איז אַלמענטשלעך, אוניווערסאַל. נאָר דערפאַר קען מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אפילו די קינסטלער, וואָס האָבן באַטראַכט די קונסט נאָר ווי אַ געניוס־מיטל, וואָס ליגט מחוץ יעדער באַציאונג צו סאָציאַלע אינטערעסן, האָבן באַרייכערט דעם לייענער ניט נאָר מיט זייער עסטעטישער שיינקייט נאָר אויך מיט מאָראַלישע אמתן.

פון דעם אָרגאַנישן באַהעפט פון אידייע און געשטאַלט דרינגט שוין במילא אַרויס די פאַלשקייט פון דער לאָזונג: „קונסט לשם קונסט!"

קיין שום זאַך עקזיסטירט ניט צוליב זיך אליין, נאָר איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער עקזיסטענץ פון אַנדערע דערשיינונגען אין דער געשיכטע און אין דער נאַטור. עיקרדיק פאַר דער קונסט איז שטענדיק דער עמאַציאַנעלער כאַראַקטער פונעם מאַטעריאַל, די פעאיקייט צו איבערלעבן, אַרויסצוכשופן דאָס לעבעדיקע פון יעדער זאַך. ניט דאָס באַשרייבן אַ בלום איז פּאָעזיע, נאָר דאָס מאַכן פילן דעם נשמה־צושטאַנד, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער קאָנקרעטער בלום. אַדאַנק דער באַלויכטונג אין דעם קינסטלערישן בילד דורך וואָרט, קלאַנג אָדער אַנדערע מיטלען, ווערט באַוויזן די דיאַלעקטישע איינהייטלעכקייט פון דער דערשיינונג, איר באַרייכערונג, איר לעבעדיק לעבן.

אין וואָס באַשטייט אָט־די לעבעדיקייט? אין דער איינהייטלעכקייט פון כלי און ליכט, פון זינען און פאָרם. די שיינקייט פון אַ לעבעדיק וועזן, פון בעל־חי, פון בלום, שפּראַך — די שיינקייט פון זייער געשטאַלט איז דאָס ליכט פון עקזיסטענץ וואָס איז אין זיי, און די מאָס פון זייער שיינקייט איז אין פּראָפאָרץ צום לעבנס־שטראָם וואָס אין זיי, אין דער ברייט און אין דער טיף.

ביי די פאָרמאַליסטן באַדייט פאָרם אויסערלעכקייט. זיי זעען אין די דערשיינונגען פון דער ווירקלעכקייט בלויז דאָס אויסערלעכע און ממילא פאַרשטייען זיי ניט די אינהאַלטלעכקייט פון דער פאָרם, וואָס איז טאַקע אַזוי אויסגעפורעמט אַז איר אינהאַלט איז אָפּהענגיק פון איר פאָרם. די מיטלען פון פאָרמעלן אַנאַליז אין אַ קונסט ווערק זיינען טאַקע נויטיק אָבער זיי זיינען ניט גענוג. די וואָס ווילן דערקלערן די קונסט בלויז אין די ראַמען פון דער קונסט, די וואָס זעען דעם באַגריף פאָרם אַלס עיקרדיקן סימן פון קונסט לאָזן אַרויס פון אויג דווקא דאָס ספּעציפישע פון דער קונסט, איר עמאָציאָנעלן כאַראַקטער, איר אינערלעך לעבן. זיי זעען בלויז די שאָלעכץ, די בלעטער, דעם צווייג, די בלומען, צום ליכט פון דער בלום, צום קערן וועלן זיי זיך ניט דערגרונטעווען.

אין זיין ווערק „עסטעטיק" זאָגט בענעדעטאָ קראָטשע, אַז אַלע פאָרמען פון קונסטן האָבן איין נשמה. זיי זיינען ניט קיין טיילווייזער אויסדרוק אָדער פראַגמענט, וואָס דאַרף דערגאַנצט ווערן דורך אַן אַנדער טייל. „אין אַ גוט ליד קען מען געפינען מאַלעריי, אַרכיטעקטור און מוזיק".

מאַלערי איז אַ פּראָיעקציע אין רוים. ביים וואָרט־קינסטלער איז עס דער מעטאָד פון בילד, פון ליכט און קאָליר־פלעקן; אַרכיטעקטור — די מאָזאַאיק פון דעטאַל, און מוזיק — דער עלעמענט פון צייט. אַ קאָמפּאָזיציע איז טאַקע געבויט ווי אַ קאַטעדראַל, ניט ווי זי זעט אויס פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק. דער אמתער אַרכיטעקט האָט פאָראויס אין זיין אויג דעם בנין בעת ער דערפילט זיין גאַנצע פונקציע.

אַ סאָציאָלאָג און אַ ליטעראַטור־קענער, אַ מאַרקסיסט האָט געשריבן: „דער אופן ווי פאָרמאַליסטן שטעלן אַוועק די פראַגע פון קונסט, דורך באַגרענעצן איר, דורך באַוועגן זיך בלויז אין אירע גרענעצן; אין דער שורה, זילב, קלאַנג, ריטם איז דער ענגער שטאַנדפּונקט פון אַ צעך־ספּעציאַליסט און ניט פון אַן אמתן וויסנשאַפטסמאַן. די מענטשן זיינען ניט בכח אַריבערקוקן די שמאָלע ראַמען פון זייער פאַך... די אַרכיטעקטאָניש־קאָנסטרוקטיווע סכעמע פון דער קעלנער קירך קען מען פעסטשטעלן דורך די אויסמעסטונגען פון פונדאַמענט און די געוועלב־בויגנס; אויב אָבער מיר וועלן ניט וויסן וואָס אַזוינס עס איז אַ מיטלאַלטערלעכער שטאָט, וואָס עס איז אַ קאַטוילישע קירך פון מיטלאַלטער, וועלן מיר קיינמאָל ניט פאַרשטיין די קעלנער קירך. דער פּרואוו צו באַפרייען די קונסט פון לעבן, דאָס דערקלערן זי אַלס זעלבסטשטענדיקע מייסטערשאַפט, נעמט צו ביי דער קונסט די נשמה".

די קונסט איז אויך לויט איר מהות דינאַמיש. זי פֿאַרמאָגט דעריבער עלעמענטן וואָס לעבן איבער די צייט און די עפּאָכע און באַשטימטע סאָציאַלע סביבות אין וועלכע זי איז געבוירן געוואָרן. גרויסע און טיפֿע קינסטלער האָבן געשאַפֿן ניט בלויז פֿאַר זייער דור נאָר אויך פֿאַר די קומענדיקע דורות. אין זיין „דאָן קיכאָט" האָט סערוואַנטעס געוויס אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פֿון אַ באַשטימטער אָפּגייענדיקער עפּאָכע, און דאָך איז ער געוואָרן פֿאַר די דורות דער סימבאָל פֿון דעם קאַמפּער מיט דער מיטלמעסיקייט און גרויער וואָכעדיקייט. זיין קינסטלערישע הייך האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער דער באַגרענעצטקייט פֿון זיין עפּאָכע. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן אַזעלכע מייסטער ווי דאַנטע, שעקספּיר, טאָלסטאָי, באַלזאַק, דאָסטאָיעווסקי. וואָס דער כאַראַקטער פֿון זייערע ווערק איז די פֿולקאָמענקייט פֿון פֿאָרם און אינהאַלט, אידייע און געשטאַלט אין איין געלייטערטקייט.

אין זיין עסיי הלכה און אגדה האָט ח. נ. ביאַליק געגעבן אַ פּרעכטיקע פֿאָרמולע וועגן פֿאָרם און אינהאַלט. ביאַליק האָט געוואָרנט, ווי זיין גאונישער פֿאָרגייער הלוי, קעגן דעם וואָס די צווייט, די בלום, פֿאַרנעמט דעם אָרט פֿון דער פּרוכט. דער וואָס טיילט אָפּ וואָרט פֿון טאַט, משל למה הדבר דומה, צו וואָס איז די זאַך געגליכן? — „צו דעם דאַזיקן וואָס זאָגט, איך רייס מיר אָפּ די בלומען, אָבער די פּרוכטן וויל איך ניט. דער סוף וועט זיין, אַז ער וועט אַפֿילו קיין בלומען אויך ניט האָבן; ווייל אויב עס איז נישטאָ קיין פּרוכט — איז נישטאָ קיין קערן, און אויב קיין קערן איז נישטאָ, פֿונוואַנען וועט זיך נעמען די בלום?... דער חלום לויפֿט און ציט זיך צום באַשייד, דער ווילן — צו דער טאַט, דער געדאַנק — צום וואָרט, דאָס בליעכץ — צו דער פּרי" (הלכה און אגדה).

יהודה הלויס פּראָזע האָט אַרויסגערופֿן געגנוג וויכוחים צווישן יידישע „שיין-שרייבער". קודם-כל האָט מען, ווי געזאָגט, געוואָלט שאַפֿן אויפֿן סמך פֿון הלויס ווערטער אַ ריס צווישן העלענישער און יידישער קולטור.

„וואָס שיין איז גוט — די גריכן; וואָס גוט איז שיין — די יידן. לויט דער פֿאָרמולע האָבן זיך די שרייבער צעטיילט אין דעם פּראָבלעם פֿון אידייע און געשטאַלט אין דער ליטעראַטור. איינער האָט געשריבן: „שיינע ליטעראַטור איז שיין און מער גאָרניט!" אַנדערע האָבן ביי דער ליטעראַטור געמאָנט עטישן תכלית, מאָראַל, קדושה.

די צוויי צדדים האָבן זיך געראַנגלט פאַר די צוויי זייטן פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור; איין צד פאַרן געניוס פון דער געשטאַלטיקונג; דער צווייטער — פאַר דער אידייאישקייט. דער אָביעקט פון דער ליטעראַטור, טענהט דער ערשטער, איז דער יחיד און זיינע עמאָציעס, זיינע יחידישע פאַרלאַנגען און איבערלעבונגען. ניין, די געזעלשאַפטלעכע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען, וואָס די ליטעראַטור הייבט אַרויס, איז דער עיקר — ענטפערט דער צווייטער.

דאָס אָװעקשטעלן אַ מחיצה צווישן „עסטעטישקייט" און אידייאיש־קייט" אין דער ליטעראַטור, איז אַ שטיק מעכאַנישקייט און באַגרענעצטקייט.

די וואָס האַלטן, אַז ליטעראַטור איז בלויז געניוס כאַפּן זיך אָן אין דעם אור מאָטיוו פון ליטעראַטור: די ליבע. וואָס איז ליבע אויב ניט אַ יחידישער באַגער אין זיין עלעמענטישער פאָרם: באַפרוכפּערונג, ווי ביי פלאַנצן. דער ווינט פאַרטראָגט דעם זאָמען פון איין פלאַנץ צו דער צווייטער אוןביידע האָבן ניט קיין שייכות צווישן זיך. דאָך פאַרנעמט דער ליבע־מאָטיוו אַזאַ גרויסן אָרט אין דער שיינער ליטעראַטור. איז עס דען ניט קיין באַווייז, אַז די קינסטלערישע ליטעראַטור, וואָס דערגרייכט דעם לייענער דורך זיינע חושים, איז דווקא פאַראינטערעסירט אינעם יחיד און זיין געניוס?

עס איז אָבער שווער צו דערקלערן פאַרוואָס דווקא אָט דער אייביקער מאָטיוו אין דער ליטעראַטור איז ווייט־ווייט אַריבער איבער זיין גרונט צוועק און דערגרייכט אין אַנדערע ספערן. ווען באַלזאַק, טאָלסטאָי אָדער שלום עליכם האָבן געשריבן וועגן ליבע האָבן זיי דאָך מיט דעם דאָזיקן מאָטיוו פאַרבונדן אַלערליי אידייען וועגן מענטש און וועלט, מיט געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען און מיט פילאָסאָפיע.

קינסטלערישער געניוס איז שוין מיט דעם אליין אַנדערש פון אַנדערע געניוסן, — ווי לאַמיר זאָגן, וויסנשאַפטלעכער געניוס, — וואָס די קונסט האָט ניט צו טאָן מיט דערפינדונג, נאָר מיט אַנטפּלעקונג, מיט דער אַנטפּלעקונג פון לעבן, וואָס איז פאַר זיך אַליין שוין לאַנג אַנטפּלעקט געוואָרן און דאָך איז עס אין יעדן איינצלפאַל אַ גרויסע און פייערלעכע געשעעניש. אַזאַ איז, למשל, די יעדעס מאָל אויפסניי אַנטפּלעקטע ליבע אין אַ ווערק, וואָס איז געשריבן טויזנטער יאָרן נאָך דעם ווי עמיצער האָט שוין אָנגעשריבן „ויאהב יעקב את רחל".

די דאָזיקע אַנטדעקונג איז יעדעס מאָל ניי און לעבעדיק, ווייל זי

ווירקט אויף אונזער גאַנצן יש, אויף אונזערע חושים און אויף אונזער באַוואוסטזיין, און מיר געפינען אין דער אַנטפּלעקונג דעם שליסל צו אידייען און פּראָבלעמען, וואָס זיינען ברייטער און טיפער ווי דער יחידישער גענוס. דאָס מאַכט אויך דעם געגוס ברייטער און טיפער.

אין זיין בוך „קריטיקער און קריטיק" דערמאָנט ש. ניגער דעם שרייבער י. י. זינגער, וואָס האָט געשריבן וועגן מענטשן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין זין און געשמאַק פאַר געגוס און זיי האָבן דערפאַר „אויסגע־טייטשט אַזאַ מעטאַפאָר פון גרויסן ראָמאַנטישן ווערק „שיר השירים", אַז מיטן בילד „שני שדיך" מיינט מען „משה און אהרן"... אויף דעם זאָגט ש׳ ניגער, אַז פאַר יענע אויסטייטשערס איז „שיר־השירים ניט געווען קיין קונסט, נאָר אַ הייליקע שריפט".

עס איז אָבער מערקווירדיק וואָס עס זיינען אויך געווען גאַנץ „קונסט־געניםערישע" מענטשן, וואָס האָבן גוט אָפּגעשאַצט די עסטעטישע און העדאָניסטישע עלעמענטן פון שיר השירים און דאָך האָט דאָס ווערק אין זיי אַרויסגערופן אידייען־אַסאָציאַציעס וועגן פאָלק און גערעלשאַפט.

אַ יידישער רעליגיעזער דענקער און דיכטער האָט אין זיינעם אַ פּירוש אויף שיר השירים אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז דווקא יחידיש־קינסטלערישער געגוס, דערפירט צו כלל־אידעען.

הרב אברהם יצחק קוק וויל דערקלערן פאַרוואָס דער תנא ר׳ עקיבא דער אידעאָלאָג פון בר־כוכבא אויפשטאַנד, וואָס האָט זיין לעבן מקריב געווען פאַר פאָלק און תורה; וואָס דווקא ער האָט געזאָגט, אַז „אויב אַלע געזאַנגען זיינען הייליק איז דאָס געזאַנג פון געזאַנגען, שיר השירים, דאָס הייליקסטע פון הייליקן". „ניט געווען קיין וויכטיקערער טאָג, ווי דער וואָס אין אים איז געגעבן געוואָרן שיר השירים".

און אַט ווי דער ירושלימער רב, וואָס האָט אויך געזוכט „ניט די בלומען נאָר די פּרוכט", פאַרצווייגט אין זיין קורצער עסיי וועגן שיר השירים, אַ קינסטלערישע געשטאַלט מיט אַ נאַציאָנאַלער אידעע. רבי עקיבא איז, לויט דער פאָלקס־לעגענדע, געווען אַ פּאַסטוך און האָט זיך פאַרליבט אין דער רייכער ירושלימער טאָכטער רחל. דער דאָזיקער תנא־פּאַסטוך, וועמענס אייגן לעבן איז געשטאַלטיקט געוואָרן אין ערדישער, יחידיש־ראָמאַנטישער ליבע צו אַ פרוי, ער ר׳ עקיבא, האָט דערזען אין דעם פּאַסטאָראַלן געזאַנג,

אַ מאָטיוו, וואָס טראָגט אַריבער די ליבע צו אַ העכערער רעאַלקייט, אַ ליבע צו פאָלק און וועלט.

די קינסטלערישע מאַלעריי און די סקולפּטאָרישקייט פון ליטעראַטור הייבט אַרויס די גייסטיקע באַגריפן, וואָס קוועלן אין דער טיפעניש פון מענטשנס נשמה. עס איז זיכער אַ גרונט־חסרון פון אַ ליטעראַטור, אויב עס פעלן אין איר די געפילן פון ליבע און חשק; דער וואָס איז בלינד פאַר דער חושימדיקער ליבע וועט ניט דערשפּירן וואָס דער דיכטער וויל מיט זיין ראָמאַנטישער ליריק; אַזוי וועט אויך דער וואָס האָט אַ פאַרגולמט האַרץ ניט באַנעמען, אַז די יחידישע בענקענישן פון שיר־השירים זיינען אויך מאָטיוון פון פאָלק־ליבע. ׳דיין האַלדז ווי דער טורם פון דוד, אויף אַנצוקוקן געבויט׳, אָבער קאַרליקעס מיט קורצזוכטיקע אויגן פויזען דאָך אַרום דעם אונטערשטן שטיינערנעם צאַם פון אייפל־טורם. זיי קענען ניט מערקן זיין הייך, וואָס דערגרייכט אַזש ביז די וואָלקנס און זיי דער־זעען אים נאָר אויף אַזאַ ווייט ווי עס גרייכט זייער קורצע האַנט און זייער באַגרענעצטער האָריזאָנט, וואָס איז פאַרבאַראַקאַדירט מיט בעלמעס. און ווען מען וואָלט פון אייפל־טורעם אַראָפּ זיי געזאָגט, אַז זיי זעען נאָר אַ בליציקן שטערן, וואָלטן זיי געענטפערט: ווי קליין דער פּרעכטיקער שטערן איז!... אַזוי זעען זיי אויס, די וואָס באַנעמען ניט, אַז דער געפיל־פולער פּאַסטוך ר׳ עקיבא, איז פון זיין נאַטירלעכער ליבע צו דער טאָכטער פון ירושלים, דערגאַנגען צו דער נאַציאָנאַלער כלל ליבע״.

איך האָב בכיוון ציטירט הרב קוק, ווייל אין אים האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ מוסטער פון אַ יידן, וואָס האָט, ווי מיר זעען, ניט געוואָלט געבן דער אידייע דעם אויבערגעוויכט איבער געשטאַלט אין דער קונסט, נאָר האָט זיך געוואָלט גרונטעווען צום גלייכגעוויכט פוןביידן, פון אידייע און געשטאַלט.

אין די שריפטן פון גרויסע וואָרט־קינסטלער איז דער געדאַנק ניט איינמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן. דער גרויסער רוסישער ליריקער סימבאָליסט אַלעקסאַנדער בלאָק, וואָס האָט געזונגען זיין שיר השירים צו דער „שיינער דאַמע״, האָט געפאָדערט פון זיינע צייט־חברים, זיי זאָלן אַרויס פון דעם ענגן, דושנעם כשוף־קרייז פון לירישן „איך״ און באַהעפטן זיך מיט אַלץ און אַלעמען, מיט לאַנד, פאָלק און געזעלשאַפט, ווייל, האָט ער געשריבן, וואָס איך זאָל ניט זינגען, אפילו אַ ליבע־ליד, איז עס „אַלץ וועגן רוסלאַנד״.

אברהם ביק

אַזעלכע געדאַנקען שטימען אפשר ניט מיט די מעכאַנישע קונסט־טעאָריעס מיט פאָרמאַליסטישע סכעמעס, אָבער דאָס גרויסע קינסטלערישע שאַפן באַשטעטיקט עס. געשטאַלטן און אידייען זיינען אין קינסטלערישע ווערק איינס, ניט אָפּצוטיילן, ווי מען קען ניט אָפּטיילן דעם פלאַם פון דער קויל, די ענערגיע פון מוח, די נשמה פונעם גוף.

קלאַסיקער און יורשים

אַ ליטעראַטור פון חסד און אמת

חסד און אמת האָבן זיך באַגעגנט. אמת שפּראָצט פון דער ערד תהלים עה).

ווען מענדעלע מוכר ספרים זיינען אָנגעשריבן געוואָרן ביבליאָטעקן, נאָר איבער אָט די בערג מיט ביכער און אַרטיקלען שטייען דריי קליינע (לויט דער צאָל זייטן) אַרטיקלען, וואָס מען מעג אָנרופן: דער א מ ת וועגן מענדעלען! עס זיינען דריי עסייען פון דעם גרויסן חיים נחמן ביאַליק.

ביאַליק האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין מענדעלעס שאַפן איז ניטאָ קיין נסתר. אַלץ איז נגלה. ער איז דער „ראשון", דער ערשטער קלאַסיקער!

„מענדעלע" — זאָגט ביאַליק — איז אַ 'ריזן־גייסט', וואָס האָט געשאַפן אַ נוסח און דאָס מיינט — „אָפּטאָן" אַזוינס, וואָס דאַרף אָפּגעטאָן ווערן דורך אַ רבים, דורך גאַנצע דורות... שאַפן פאַר אַ ליטעראַטור אַ נוסח, דאָס הייסט איינמאָל פאַר אַלעמאָל צוגעבן פעסטע און דויערהאַפטע פאָרמען פאַר די געפילן און געדאַנקען פון פאָלק, און דערמיט במילא אים פאַרגרינגערן דעם פּראָצעס פון זיי בײדע; דאָס הייסט מיטהעלפן דעם פאָלק צו דענקען... און שענקען נוסח דעם פאָלק — דאָס הייסט אומבאַמערקט אריינקריכן דעם פאָלק אין מאַרך אריין; שטילערהייט זיך אים איינבאַקן אין האַרצן, אַריינגיסן זיך און אפשר אויף אייביק פאַרשוואונדן ווערן אין זיין נשמה".

און די ערשטע עסיי פון זיינע דריי עסייען פאַרענדיקט דער נאַציאָ־

נאָלער דיכטער מיט די ווערטער: „איצט איז אונזער ליטעראַטור פעסט און שטאַרק, אפשר שטאַרקער פאַרן זיידן. דאָס איז דערפאַר — ווייל דער זיידע האָט זיך אין איר אַריינגעגאָסן. און דעם חסד ואמת וועלן מיר אים אייביק ניט פאַרגעסן".

די ליטעראַטור, בימי ביאַליק און שפּעטער, האָט זיך געגרונטעוועט און אויך אָפט געאַמפּערט וועגן מענדעלעס כלומרשע סתירות. מען האָט געשריבן וועגן זיין קריטישער חכמה און זיין געפּילפּולן ליריזם; צי האָט מענדעלע איבערגעוואויגן די שאָל פון מדת־הדין ביים משפּטן דאָס לעבן פון זיין צייט איבער דער שאָל פון מדת־הרחמים, אָדער פאַרקערט, ער איז געווען נאָענטער צו דער תורה פון חסד? די וועלכע האָבן זיך געגריבלט אין דער פּרשה מענדעלע און האָבן געפּרואווט פאַנאַנדערקניפּן דעם געוועב פון די „סתירות", האָבן אָנגעוויזן, אַז דער זיידע האָט אין זיין פּאַנאָראַמע אַריינגעוועבט פאַרשיידענע פעדים, אָבער דער רויטער פאָדים פון לעבן גייט דורך זיין גאַנצן שאַפן, ווייל ווען מען לייענט מענדעלען האַנדלט זיך ניט וועגן איין קאַפּיטל, נאָר וועגן אַ גאַנצער משנה — די משנה פון לעבן — וואָס האָט פאַרשיידענע קאַפּיטלען ווי דאָס לעבן אַליין, וואָס איז פּילזייטיק, פּילקאָלירנדיק.

מען מישט אויף די פּרשות קריטיק וועגן זיידן. די בירגערלעכע, די ציוניסטישע (ראַווניצקי, בעל מחשבות, ש. ניגער), די יידישיסטיש־פּראָגרעסיווע (ב. ריווקין, נחמן מייזיל) און די מאַרקסיסטישע (מאיר וויִנער) און נמנו וגמרו! אַלע זיינען איינשטימיק!

„ער (מענדעלע) מיט זיין שאַרף אויג נעמט דאָס לעבן פון אַלע זייטן דורך און דורך. ער קריכט אריין טיף־טיף אינעם תהום פון לעבן אין דער יידישער גאַס" (י. ח. ראַווניצקי). „מענדעלעס צוויי געפילן — פאַראַכטונג און רחמנות — געפינען זיך אין יידישן פאָלקס־לעבן. זיין סאַטירע שטאַמט פון די סתירות אין יידישן לעבן, אין יידישער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע" (בעל מחשבות) „מענדעלעס מאַטעריאַל, זיין פורעמען דעם מאַטעריאַל שטאַמט פון דעם סאַמע געדיכטן פון יידישן לעבן. מענדעלע ווייזט עס אונז בשלמות. זיין פאָרם, זיין שפּראַך און אייגענע געשטאַלט קומען פון די טיפסטע פאָלקס־גרונטן. דאָרטן ליגן פאַרבאָרגן זיינע וואָרצלען. מענדעלע האָט ניט געקענט ווערן מענדעלע אָן דער סביבה און ירושה — ניט געזעלשאַפטלעכקייט נאָר לעבן גופא" (ש. ניגער).

„מענדעלעס אַלעגאָריע, ווייל אין דינסט צו דער כנסת ישראל איז

געוואָרן אַ קינסטלערישע פּאַרקערפּערונג פון לעבן פון אַ דור" (ב. ריווקין) „אין יעדן באַוועג, אין יעדער תנועה, אין יעדן קנייטש פון זיינעם אַ מענטש, פון זיינער אַ געשטאַלט האָט ער געזען דעם פּאָלקס כאַראַקטער" (נ. מײַזיל).

„אין מענדעלעס בעטלערישע, פּאַרקריפּלטע פיגורן לעבט טיפע מענטש־לעכקייט און ווירדע. דורך די סאַמע אָרעמסטע, פאַרשטויסענע און פאַר־לוירענע האָט מענדעלע סימבאַליזירט די לאַגע פון די ביטער־פאַראָרעמטע פאָלקס־מאַסן בכלל, דאָקומענטן פון מענדעלעס גרויסער ליבע צום פאָלק" (מ. ווינער).

אַזוי האָבן מענדעלעס מפרשים־קריטיקער באַנומען די טיף־פאַר־וואָרצלטע געשטאַלט פון שאַפער און זיין שאַפונג, פון זיין קונסט פון „חסד און אמת", וואָס דער זיידע האָט געלאָזן פאַר די דורות.

מענדעלע זעט ניט קיין אונטערשייד צווישן אויסערלעכן און אינערלעכן אין דער נאַטור. ער זעט אויך ניט קיין אונטערשייד צווישן מענטש און חיה, די חיה ווערט אויך געשילדערט צוליבן מענטשן. ער ווייסט אַז מענטש קען אַמאָל אָננעמען די געשטאַלט פון א חיה. דעם קינסטלערס אויג איז דורכגענומען מיט דער גאַנצקייט פון דער יצירה, מיטן באַשאַף. אַלץ רעגט און צאַפּלט פאַר אים, אַלץ זינגט און ברומט, טאַנצט און ציטערט. ער זעט בחוש ווי יעדעס גרעזל שפּראָצט און וואַקסט, ווי „אין היי צווישן די תבואות שמוצערן די גרילן, זשומזשן, צימבלען און אַלע זאַנגען כאַפּן זיך אויף". ער כאַפּט אויף "די קונציקע ניגונים פון אַלערליי שפּיל־פייגעלעך", דאָס פליסן און פּלייצן פון „טייכל, ריין־קלאָר ווי קרישטאַל, אין וועלכן עס טוקן זיך די שטראַלן פון דער זון און באַלייגן עס מיט פינקלדיקע גילדערנע פליטערלעך".

דער מוכר ספרים אויפן וואָגן, וואָס דער יצר־טוב פאַרהאַלט מיט די ווערטער פון פרק: „ אַ ייד אונטערוועגנס, אַז ער איז מפסיק דאָס לערנען און זאָגט 'ווי שיין דער בוים איז, ווי שיין דאָס פעלד' — איז גלייך ווי ער טוט זיך אליין אַ מעשה אָן" (פּישקע דער קרומער).נאָר ערגער איז דער מענטש, וואָס פאַרדאַרבט די נאַטור. ווען ער זעט ווי מ'שלאָגט די קליאַטשע, דאַכט זיך אים, אַז דער מענטש, וואָס האָרעוועט ווי דער פערד, ניט פאַר זיינע, נאָר יענעמס נוצן, איז ערגער ווי די קליאַטשע. אַ משל אויף יעדער מין אונטערדריקונג פון מענטש און פאָלק און פעלקער.

אַ כלל גדול האָט מענדעלע געלערנט — לעולם איז דער מענטש דער צענטער פונעם קינסטלערס באַשאַף. די שילדערונגען פון בעלי־חיים קומען

נאָר כדי אויסצוקלאָרן די געשטאַלט פונעם מענטש. עס איז ביי אים ניטאָ קיין קונסט פון דערציילן, וואָס דרייט זיך ניט אַרום דעם מענטשן־אַקס, און מענטש איז גוף און נשמה אינאיינעם. „פישקע דער קרומער" איז די נשמה־שיינקייט אין אַ פיזיש־פאַרקריפּלטן קערפּער; „ביילע די האַרבאַטע" איז מסוגל אויף דער שענסטער ליבע, ווייל נאָר איר קערפּער איז מיאוס און איר נשמה איז אויסערלעך פאַרשקלאַפט, אָבער אינעווייניק שטראַלנדיק.

בנימין איז אַ בטלן, סענדערל — „אַ יידענע", אָבער בטלנות איז ניט קיין פּגם אויף דער נשמה, כאָטש זי איז אַ שטער ביים אַרויפשטייגן אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער. מענדעלעס נאַטוראַליזם איז נשמהדיק. ער פאַר־שטאַרקט דעם בונד צווישן עטיק און עסטעטיק. עס איז אין אים בכלל ניטאָ קיין גרענעץ צווישן עטישן און עסטעטישן. אַ בילד אין „פישקע דער קרומער": „די הייזער זיינען עפּעס ווילד, הויך אומגעלומפּערט. דער גאַנג איז געווייגלעך דורך אַ טויער אין אַ הויף. דאָרט קריך אויף טרעפּ, זוך אַ טיר. האָסטו שוין געפונען אַ טיר, איז זי גאָר פאַרשלאָסן, עפּעס איז זי מיט אַ גלעקל, מיט גאַנצע צאַצקעס. דו בלייבסט באַ דיר עפּעס אַראָפּ־געפאַלן, פילסט ,אַז דו ביסט אָרעם, נידעריק, האָסט קיין פּנים נישט".

בנימין און סענדערל, פישקע אוןביילע זיינען טראַגיש ניט דערפאַר ווייל זיי זיינען ניט שיין נאָר ווייל זיי לעבן אין „עמק הבכא"; ווייל בעטלענדיק און וואַנדערנדיק אויף זייערע „אויסגעטרוימטע רייזעס" פאַלן זיי אַריין אין דעם „טאָל פון טרערן".

מענדעלע דערציילט עס מיט אַזאַ חכמה און פשטות אַז מען דערהערט דעם פאַרטויבטן רעש און געוויין פון גורלות, וואָס גייען פון דער טיף פון יאָרהונדערטער.

נוסח און סטיל. פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן די צוויי. דער נוסח ווערט די ירושה פון אַ רבים, אָבער דער סטיל בלייבט דעם קינסטלערס, ווייל ער קוועלט פון זיינע נשמה־טיפענישן. „אפילו צוויי נביאים — ווערט געזאָגט — קענען ניט נביאות זאָגן אין איין סטיל". מענדעלעס סטיל איז באַלויכטן מיט אַזאַ ליכט, וואָס האָט גאָר קיין גלייכן ניט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין זיין מאָנומענטאַלער אַרבעט וועגן מענדעלען רעדט מ. וויינער וועגן

פּאַטעטישן ליכט, וואָס מענדעלעס וויכע לאַנדשאַפט שטראַלט אַרויס פון זיך. אין דעם שײנעם קאַפּיטל „מענדעלעס סטיל״ זוכט ער אַן אַנאַלאָגיע צווישן מענדעלען און רעמבראַנדטן.

„קונסט קריטיקער האָבן זיך אָפּט געמאַטערט די קעפּ: פון וועלכן פּונקט וואַרפט אייגנטלעך רעמבראַנדט די שײן אויף זיינע בילדער: פון אויבן, פון פאָרנט, פון רעכטס, פון לינקס, צי פון דער זייט... זיי האָבן ניט געוואוסט אַז זיין שיין, זיין ליכט גייט אויף פון זיין האַרצן, פון זיין ליבע צום געפּלאָגטן מענטשן, וואָס באַקומט שטאַרק צו פילן דאָס לעבן״.

אין וואָס באַשטייט די העל־און־טונקל־מאַניר בײַ רעמבראַנדטן? זיין ליכט „דאָס איז גאָלד צעשמאָלצן דורך ליבע און דורך קענטעניש פון לעבן. דער שאָטן, די טונקלקייט, וואָס ער מאָלט, איז ניט סתם פּוסטע פינצטערניש, נאָר קאָנצענטרירטע געדיכטקייט פון לעבן, אויף וועלכן דער העלער, פאָדער־גרונט מיט זיינע באַלויכטענע געשטאַלטן גיט בלויז אַן אַנצוהערעניש״.

דאָס זעלבע געשעט מיט מענדעלען. באַזונדערס אין זיין פּראָזע־ווערק „פישקע״, און אין זיינע קינדער־טיפּאַזשן, וואו דער אומעט פון דער געדיכט־טונקעלער, טרויעריקער אַטמאָספערע ווערט באַלויכטן מיט אַזאַ גאָלדענער ליכטיקייט פון צאַרטן ליריזם.

אויב מענדעלעס סאַטירישער שטריך ברעכט זיך זייער אָפט אין גראָטעסק אין זיינע ביכער „מסעות״, „די קליאַטשע״ און „פישקע״, איז ער קיינמאָל ניט סאַטיריש ווען ער קומט צום צאַרטן קינדער־פּערסאָנאַזש. זיין שאַרפער מוח לאָזט אים ניט אָפּ אויך אין זיין מאָלן די קינדער־סביבה, די „קליינע יידעלעך״, דאָ גייט אָבער אויף אַ זאַנפט ליריש ליכט, וואָס באַהעלט די טונקלקייט.

ווען הערשעלע פּרוּווט „היילן״ מיט אַ טשוואָק זיין חברס פּיסל אויפן שטייגער פון דעם רופא, ווען ער רעדט אים איין, אַז ער וועט אים דערפאַר געבן אַ שטיקל ברויט, נאָך וועלכן ער אַליין בענקט שטאַרק — ווערט די גאַנצע מיזעראַבעלע, טוניאַדיוזקער און קאַבצאַנסקער מיליע העל און זוניק.

אין „ווינטשפינגערל״: „די קינדער נעמען זיך אונטער צו העלפן דער מאַמען מיט חשק, לעבעדיק. די שיילט קאַרטאָפלעס, די טראָגט צו אַ קריגל וואַסער, די טוט אַ שפּרינג און ברענגט דאַרע שפּענדלעך, די צעלייגט דאָס און מאַכט אַ פייער און שטעלט צו דאָס טעפּל. די שפּענדלעך טרעשטשען, פונקען פליען, דער פלאַם כאַפּט אַרום דאָס טעפּל — און ס׳איז ליכטיק, פריילעך די קינדער אויף די הערצלעך. די קאַץ זיצט אויפן געזעסל,

וואַרעמט זיך אַקעגן פייער, לעקט די לאַפּקעס און האָט גרויס הנאה".

דער חן וחסד וואָס מענדעלע שפּרייט אין זיינע ווערק אויפן יידישן קינד איז ווי אַ קאָנטראַסט צו די סאַטירישע און גראָטעסקע ליניעס פון זיין שאַרפער אַריינזאָגערישקייט.

דאָרטן וואַרפט ער פונעם טונקעלן הינטערגרונט זיינע „בייזע פיילן", ווי ער וואָלט די פאַרהאַסטע סביבה פון סאָציאַלן חושך און דלות וועלן צו־שניידן מיט זיין שאַרפן סאַטירישן מעסער; דאָ — דער ליריש־ווייכער שפּיל.

אַ חכם איז מענדעלע געווען און ער האָט געוואוסט אַז חושך קאָן מען ניט שניידן מיט אַ מעסער. זיין שאַרפער מח האָט באַגריפן, אַז די חכמה ווערט אויסגעפּראַוווט ניט אויפן טונקעלן היינט, נאָר אויפן מאָרגן, אויפן צווייטן דור, און אַז געזעלשאַפט מיינט קינדער, מיינט די צוקונפט, וואָס מוז ווערן העלער און ליכטיקער.

ווען מענדעלע משפּט זיינע העלדן, טוט ער עס אויך מיט דער מידה פון חכמה. אַוודאי איז דאָ פאַראַן אַ סך מדת־הדין: די אונטערדריקער, די קהל־פאַרזאָרגער ווערן דאָך געשילדערט ווי טיפן פון זייער שיכט און ער פאַראַלגעמיינערט זיי, כדי ער זאָל זיי קענען אויפרייסן פאַר די דורות. פונקט ווי זיי האָבן זיך פאַרמירט אין די דורות. שטענדיק איז ביי אים דער יחיד אידענטעפיצירט מיטן כלל ווייל אין כלל איז גאַרניט אַזאַ צער צו לעבן. דער כלל איז דאָך אַ טייל פון ווירקלעכקייט, וואָס ענדערט זיך און דויערט.

מענדעלעס רעאַליזם איז געווען אַ סינטעטישער, אַזאַ וואָס האָט כולל געווען אין זיך אמת און חסד, דין און רחמים. דערפאַר ווייעט פון זיין נוסח און פון זיין סטיל מיט אַ גבורה, וואָס איז אַ סינטעז פון חסד און אמת, פון דין און רחמים. מיט דעם איז פול געווען זיין וועלט און דאָס האָט ער אונז צוגעטראָגן מיט ביידע הענט.

אלט נײ־חידוש און קידוש

י. ל. פּרץ אין דורותדיקער מחשבה

„עס איז אַ שטאָק־פֿינצטערע נאַכט. דאָ און דאָרט גיט אַ בליץ אַ פונק ליכט... עס איז אויך דאָ אַ גרויס ליכט. משהס פּנים לייכט ווי די זון, יהושעס — ווי די לבנה, און פאַר ניט נביאים דאַרף דער־ליכט פונקט באַגלייט ווערן מיט אַ צושטאַנד פֿון אַליין אַרורכגעדרונגען ווערן מיטן געפיל פאַרן אמת" (רמב"ם, מורה נבוכים, חלק ב 123).

„נישט אייער ליכט, אייער צוריק־אָנ־צינדער וויל איך זיין! מיט בליצן וועל איך אייך אָנצינדן... לייכטן זיך און אַנדערע זאָלט איר אַליין!" (י. ל. פּרץ)

צום זעקס און צוואַנציקסטן יאָרצייט פון פּרץ, אין 1941, זיינען וואַרשעווער יידישע יוגענטלעכע אַרבעטער אַוועק צו זיין קבר און מיט די געלע לאַטעס אויף זייערע אָרעמס האָבן זיי געלייענט די אויפשריפט אויפן אוהל־פּרץ: „מיר שטאָלצע, שבת־יומטובדיקע יידן... זינגענדיק און טאַנצנדיק, די נשמות פלאַקערן".

נאָכדעם איז געקומען די קאָשמאַרנע נאַכט, וואָס צו איר חשכות איז ניט געווען קיין גלייכן אין דער יידישער געשיכטע. מער האָבן זיך שוין יידישע הענט, הערצער און נשמות ניט געקענט טוליען צו פּרצעס גליאיק וואָרט און זיין שטויב, כאָטש צווישן די געטאָ־ווענט האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אינעם קלאַסיקערס שריפטן און זיך געקוויקט מיט זיין וואָרט. אָבער אַ מופת! אין די שרעקלעכע טעג ווען די „פאַלנדיקע ווענט" האָבן געקראַכט, ווען די נאַציישע שריפה האָט פאַרצערט וואַרשע פון דאַך ביז פונדאַמענט, איז דער געוועלבטער דענקמאָל אויפן קבר פונעם מיטל־זייל פון דער יידישע ליטעראַטור, דער אוהל־פּרץ, געבליבן גאַנץ.

ערשט נאָך גזירות תש"ה, ווען דאָס נייע באַגינענדיקע ליכט אין פּוילן האָט אָנגעהויבן פאַרטרייבן די לעצטע שאָטנס פון פּוילישן מאַרק, ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, זיינען די געראַטעוועטע און צוריקגע־קערטע יידן פון מרחקים אַוועק צום קבר פון גרויסן טרייסטער און נשמות־צינדער און דערזען ווי דער גאַנצער אוהל שטייט און איבער אים פלאַטערן די אותיות: „אַזוי גייען מיר — — —"

ווי אַזוי האָבן די פלאַמען ניט פאַרצערט דעם אוהל־פרץ? — אַ נס?

פרץ אליין האָט ביים לעבן געבערענט און געפלאַקערט. „זיין געדאַנק האָט ניט גערוט ווי פלאַמען פייער, וואָס ווערן פון ווינט און פון זיך אַליין אויפגעשטורעמט" (ש. ניגער), קען דען פייער פאַרצערן — פייער?

צוויי יידישע בית־עלמינס: דער גענשער בית־עולם אין וואַרשע, וואו דער אוהל־פרץ לויכט אין רו און פרידן און דער פאַרקראַטעוועטער אַלטער בית־עולם אויפן קוזמירער מאַרק אין קראָקע, וואו עס לויכט אין פאַרגליווערטן שיין די מצבה פון דעם גאון ר' משה איסערליס באַקאַנט ווי דער רמ"א.

מען באַטראַכט ביידע מצבות און עס שוועבן אַן בילדער און עס וועבן זיך געדאַנקען און אַסאָציאַציעס.

דאָס בילד פון דעם גרויסן שבת־יומטובדיקן יידן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס זיצט אין זיין „שלום־בית"דיקער שטוב אויף צעגליאַנאַ, זיינע קלוגע און הייסע אויגן האַלט ער אָנגעשטרענגט איבערן פּאַפּיר און שרייבט זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". און אָט איז אַ בילד פון דעם קראָקעווער יידן פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט, מיט אַ פאַרשנייטער באָרד און דיקע ברעמען. ער זיצט איבער אַ פאַרמעט און קריצט מיט אַ געגזענער פעדער אַ בריוו צו יידישע קהלות אין דייטשלאַנד. „אין ערגעץ איז אַזוי יידן ניט גוט ווי אין מלכות פּוילן".

גענוג אַז ביידע זאָלן אויפהייבן די אויגן — דער פון ווייסן פּאַפּיר און דער פון געלן — און די בליציקע אויגן, ווי בלאַנקע חלפים, זאָלן שפּרייטן וויזיעס, ליכטיקע זעאונגען. עס אַנטפלעקן זיך די גאָלדענע רינגען אין דער יידישער מחשבה אויף דער פּוילישער ערד, פון רמ"א אין די צייטן פון רענעסאַנס ביז פרצן אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דער רמ"א פון קראָקע און יצחק לייבוש פרץ פון זאַמאָשץ — ביידע האָבן אָפּגעשלאָסן, פאַרזיגלט תקופות און איינצייטיק געעפנט נייע עפּאָכעס; אין ביידנס שאַפן און נוסח, אין רמא'ס מנהגים און זיינע פירושים

אויפן „מורה נבוכים" פון רמב"ם („תורת העולה") און אין פּרצעס "פּאָלקס־טימלעכע געשיכטן", ווי אין זיין גאַנצן אוצר פון ליד און דערציילונג, דראַמע און באַלאַדע, איז דער אויפטו: שעפערישע חתימה, אַפּשלוס, און שעפערישע חתימה, איז שטענדיק אַ פּתיחה, אַ נייער אָנהויב.

משה איסערליס, באַקאַנט אונטערן קיצור־נאָמען דער רמ"א (אַרום 1520 — 1572), דער מערסטנס אַווטאָראַטיווער פּוסק; אַ קינד פון רענעסאַנס און אַ צענטראַלע רענעסאַנס־באַווירקטע פיגור. אויסצוגן פון זיינע פילאָסאָפישע ווערק גיבן אַ באַגריף וועגן זיין, בשעתו, פּאָרגעשריטענעם געדאַנקען־גאַנג. דער דאָזיקער ראש־בית־דין פון „קאָמיטעט פון פיר לענדער", וואָס איז געווען דער בר־סמכא פון יידישן ריטואַל און מנהג, איז געווען צו־געבונדן צו זיין פּויליש היימלאַנד. ער האָט געלערנט אַז דער „תכלית פונעם מענטשן איז דאָס פאַרשן די פראַגן און זיי באַנעמען מיטן שכל, ווייל נאָר מיט דער הילף פון פאַרשטאַנד פאַרשטייט מען דעם אמת". ער האָט געהייסן שטודירן די גריכישע פילאָסאָפיע און געשריבן: „ווער עס זאָגט אַרויס אַ קלוגן געדאַנק, צי אַריסטאָטל אין דער פיזיק, צי עמיצער אַנדערש, דער איז אַ חכם". דער עיקר האָט אָבער דער רמ"א באַוויזן, אַז רענעסאַנס־אידייען פליסן דורך זיין פעדער, דורכדעם וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם מענטש אין צענטער פון זיין פילאָסאָפיע.

די דייטשע און פראַנצויזיש־יידישע רעליגיעזע חכמים האָבן די וועלט אָנגערופן "יאָמער טאָל", „פינצטערע וועלט", לויטן רמ"א „איז דער מענטש דער תמצית פון דער ווירקלעכקייט". ער איז אַן „עולם קטן" (מיקראָקאָסמאָס). „דער שכל — איז די נשמה", און דער „גן עדן — די דאָאיקע וועלט". קרבן, לויטן רמ"א מיינט גלויבן אין „חידוש העולם", אַ פערמאַנענטער באַנייאונגס פּראָצעס פון דער וועלט. ניט די דאָגמע שטייט ביים רמ"א אין צענטער. „באמת זיינען אַלע רעליגיעזע געבאָטן בלויז באַדערפעניש פאַרן קערפּער און אויספירונגען צווישן מענטש און מענטש".

דאָס וויכטיקסטע אין דער לערע פונעם רמ"א איז זיין חידוש, אויפטו, וואָס איז ביי אים געגאַנגען צוזאַמען מיט ק י ד ו ש, מיט פאַרהייליקן דאָס ווערטפולע אינעם אַלטן, אין אָפּפרישן דאָס אַלטע פון דורותדיקן שימל, פון שטויב און מיסט, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן. ערשט דאָ באַגעגנט ער זיך מיט דער מאָדערנער צענטראַלער געשטאַלט פון פּוילישן יידנטום מיט דריי־און־האַלב יאָרהונדערט שפּעטער — י. ל. פּ ר ץ.

פרצעס וואָרט־קונסט, זיין אידייען־קונסט, האָט דריי געשטאַלטן: אַן עטישע, אַ פאָלקישע און אַ געדאַנקלעכע, אָדער טראַכטנדיקע. אַלע דריי זיינען געווען כל ימיו זיין פנים. אין אַלע דריי האָט ער געשיינט ווי דאָס גרויסע ליכט פאַר זיין דור.

וועלכע פון די דריי איז ביי אים געווען די וויכטיקסטע? ער האָט אין זיך סינטעטיש כולל געווען אַלע דריי. די קריטיק, וואָס האָט געוואָלט איזאָלירן איין געשטאַלט פון דער צווייטער, כדי צו באַקומען אַן אַדעקוואַטן באַגריף פון זיין שאַפן, איז צוגעקומען צום סך הכל פון גאַנצן פרץ — ווי קינסטלער און דענקער, ווי אַ שרייבער פון יחיד און כלל, ווי פון רעאַליזם און ראָמאַנטיזם, פון ערד און הימל, מח און האַרץ, גוף און נשמה.

פרץ, וואָס האָט דער יידישער ליטעראַטור געוויזן דעם וועג צו די אוצרות פון היסטאָרישער יידישקייט; ער, וואָס האָט געזוכט די קערנער פון עסטעטיק און עטיק אין דער רעליגיעז־פאָלקישער ליטעראַטור (קבלה און חסידות), האָט זיך געחברט מיט די אייראָפּייאישע קונסט־פאָרמען און איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון פויליש־קלאַסישן מאָדערנעם שאַפן.

ליטעראַטור האָט צום אַלעם ערשטן ביי פרצן געמיינט שליחות, און די שליחות האָט ער אַרויסגעדרונגען פון דער יידישער געשיכטע אין זיין לאַנד, פונעם היסטאָרישן צוזאַמענלעבן צווישן צוויי פעלקער אויף איין ערד אין משך פון הונדערטער יאָרן. קאָן מען דען לייקענען פרצעס באַהאַפטנקייט מיט דער פוילישער קולטור, ווען מען זעט ווי זיינע העלדן זיינען אַזוי פאַרוואָרצלט אין פוילישן קולטור־און נאַטור־פייזאַזש, און איז אַזוי פאַר־פעדעמט אין דעם היסטאָרישן געוועב פון פויליש־יידישער צוזאַמענקייט.

קיין חידוש איז עס ניט. אין קיין איין לאַנד אין וועלכן יידן האָבן געלעבט, חוץ אין שפּאַניע אין די צייטן פון דער „גאָלדענער עפּאָכע", איז דאָך ניט פאָרגעקומען אַזאַ ענגער קאָנטאַקט פון יידן מיט זייערע שכנים, ווי אין פוילן. דעם פאַראַלעל פון די צוויי פעלקער־שיקזאַלן טרעפט מען אין פרצעס עסיי וועגן „האַלבן נביא מיצקעוויטש" 'מיר קענען מיצקעוויטשן און בייגן די קעפּ פאַרן האַלבן נביא. מיר האָבן גאַנצע געהאַט". (אַ דריטע עצה, באַנד 11). ער באַוואונדערט מיצקעוויטשן, וואָס האָט פאַר „ישראלן דעם עלטערן ברודער" געפאָדערט "כבוד און דרך־ארץ". אויך ביי די בעסטע פוילישע שרייבער (סלאָוואַצקי, נאָרוויד) איז דער ייד ניט געווען סתם אַ „געטאָ איינוואוינער" נאָר אַ תושב אין דער פוילישער געשיכטע.

שוין מיט זיין פוילישקייט איז פרץ געווען אַ המשך פון יענעם רענעסאַנס־

פעריאָד, וואָס האָט אַרויסגעהייבן אַזאַ הומאַניסטישע געשטאַלט ווי דעם פּוסק און פילאָסאָף משה איסערליס.

י. ל. פּרץ האָט געשאַפן זיין פאָלקס־עפּאָס דורך פרעזערווירן אַלטע מנהגים און פירעכצן, וואָס ער האָט אַראָפּגעשריבן פון אַלטע פאַרגעלטע בלעטער פון שמות און פּנקסים. ער האָט די מנהגים אָפּגעפרישט און באַנייט, ווייל „גייסט איז פונקט ווי ערד, דאַרף מען אויך גייסט שטענדיק אויפסניי אַקערן און זייען. מען טאָר בשום אופן ניט אַוועקוואַרפן דאָס אַלטע מיטן אויסרייד, אַז עס איז פאַרשימלט. אויב מיר אַליין זיינען ניט פאַרשימלט, וועלן מיר שטענדיק קאָנען דאָס אַלטע באַנייען און אויף נייע יסודות צו־פאַסן צו זיך" (פון מיין ווינקעלע).

וויכטיק אין דער ענלעכקייט צווישן דעם קראָקעווער רמ"א און דעם וואַרשעווער פּרץ איז דער ווילן אויפצוהיטן די אַלטע פאַרמען, די כלים, וואָסביידע האָבן געוואָלט באַנייען פון אינעווייניק. אין דעם זין איז דעם רמ"אס קידוש החידוש אַן אַנדער טערמין פאַר פּרצעס „אַלט־ניי", אָדער ווי ער פאַרענדיקט זיין פאָלקסטימלעכע דערציילונג „נסים אויפן ים", — „און מנהג איז געבליבן מנהג".

די גאָלדענע רינגען אין דער מחשבה־קייט רינגלען זיך ווייטער און פלעכטן זיך אַריין אין פּרצעס געשטאַלטן־וועלט. אַזוי ווי עס איז דאָ אַ „גלגול פון אַ ניגון איז אויך דאָ אַ גלגול, אַ טראַנספאָרמאַציע פון מחשבה. פּרצעס אינטעלעקטואַלע פּערפּעציע איז אַ בליץ, אַ מעטעאָרן־שטרייף מיט וועלכן ער צינדט אָן הערצער און נשמות. „פּרץ איז דינאַמיק, ווייל ער האָט געטראַכט, און געטראַכט האָט ער מיט זיין גאַנצן איך... דער אינטעלעקט איז צענטער, וואו די געהיימע קרעפטן האָבן זיך באַגעגנט און געשלאָגן פונקען... ניט פון קאַלטן אַנאַליזירן און אויסרעכענען איז געקומען צו אים דער געדאַנק, נאָר פון עפּעס אַ בליץ, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן און ס'איז אים ליכטיק געוואָרן, אויך פריער האָט דער געדאַנק אין אים געלעבט, אָבער איצט האָט ער אויפגעלויכטן. פּרצעס געדאַנקען־בילדער זיינען ניט געווען קיין דערפינדונגען נאָר אַנטדעקונגען, ניט סתם אַזוי אינטע־לעקטואַליזם, נאָר אינטויאיטיוו־קינסטלערישער אינטעלעקטואַליזם" (ש. ניגער י. ל. פּרץ, זז. 348).

פּרץ, ווי זיין עילוי מאַניש, האָט אויף זיך געקאָנט זאָגן:

„תורה זאַפּט ער ווי אַ שוואָם,

און אַ קעפּל — ווי אַ בליץ,
צי אַרויף — צום העכסטן שפּיץ,
צי אַראָפּ — אין טיפסטן תהום!
מעג דער רמב״ם זיין, ווי האַרב
טרעפט ער באַלד אַריין אין קאַרב״.

ביי דער צענטראַלער געשטאַלט פון דער „גאָלדענער עפּאָכע״, דעם קאָרדאָווער משה בן מיימון, איז דער גרונט געדאַנק געווען ניט בלויז אַ ראַציאָנעלע דערקלערונג פון דער תורה און אַ דערנעענטערונג פון יידנטום און גריכנטום. דער רמב״ם האָט געגעבן אַ מוזיקאַליש־מאָראַלישע ווענדונג דער אידייע פון די גריכן און זי דערנעענטערט צום מענטשן. „ער האָט געבויט פון די פאַרשיידענע עלעמענטן אין דעם יידנטום און גריכנטום איין גרעסטן פעסטן געבוי, און אויב אַרכיטעקטור איז, ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן, „געפרוירענע מוזיק״, איז דער פילאָסאָפישער סיסטעם פונעם רמב״ם די פאַרפרוירענע מוזיק פון יידנטום״ (א. קאַראַלניק, ווידערקלאַנגען)

נאָר פאַר דעם וואָס דענקט אַבסטראַקט איז דער געדאַנק פאַרפרוירן, ניט פאַר דעם וואָס שפּירט אים אינטואיטיוו; פאַר אים איז דער געדאַנק באַוועגלעך, דינאַמיש, שעפעריש.

פּרעצעס דענקען און פילן באַרירט זיך דערפאַר מיט דער שכלדיקער און עטישער האַרמאָניע פונעם רמב״ם. ווי דער רמב״ם האָט פּרץ געהאַלטן, אַז דאָס דענקען איז דער טיפערער שכל פון דער וועלט.

אין „ווענוס און שולמית״ זוכט דער מאָדערנער ייד די לאָקנדיקע און זיך־באַהאַלטנדיקע שיינקייט. ער ווייסט און פילט אַז ערגעץ איז זי דאָ, די דאָזיקע שיינקייט. אין „צווישן צוויי בערג״ פירט פּרץ דעם בריסקער רב, דעם גייסטיקן אַריסטאָקראַט דורכן ליכטיקן פּאַלאַץ מיט קרישטאָלענע ווענט, וואו „מען גייט אַלץ ווייטער און ווייטער״, צו די „מענטשן פון דער גאַס״, צום לעבן, צו פאָלקס ליבע, דאָרט „וואו די נשמה פון דער וועלט זינגט — אַלץ זינגט...״

אַזוי ווי דער רמב״ם אַמאָל האָט געגאָסן התגלות, אַנטפּלעקונג און „תבונה״ (פאַרשטאַנד) צוזאַמען אַזוי וועבט פּרץ געפיל און געדאַנק אינאיינעם.

אין רמב״מס אויסטייטש פון יחידס ראָלע אין דער געזעלשאַפט און אין זיין באַנעם פון געשיכטע איז פאַראַן דער גלויבן אינעם כח וואָס דער מענטש פאַרמאָגט צו פאַרבעסערן זיך גופא און דעם גאַנצן מענטשלעכן קיבוץ. דער רמב״ם האַלט, אַז דער מענטש דאַרף האָבן פאַר זיך אַ ציל, וואָס צו אים

דאַרף ער שטערבן. אין סאָציאַלן זין, לויט דעם רמב״מס טערמינאָלאָגיע, איז עס „משיחס צייטן", דער „סוף פון די טעג". מיט דעם שליסט ער זיין פערצן־גאַרנדיקן ספר „משנה תורה":

„די חכמים און נביאים האָבן געגאַרט נאָך משיחס צייטן ניט כדי צו באַהערשן די גאַנצע וועלט און נישט כדי צו אונטערדריקן אַנדערע פעלקער נאָר זיי זאָלן זיך קענען אָפּגעבן מיט חכמה... דעמאָלט וועט ניט זיין נישט קיין הונגער און נישט קיין קריג, נישט קיין קנאה און נישט קיין קאָנקורענץ, ווייל די שפע פון גוטס וועט זיין גרויס און די בעסטע מאכלים וועלן זיין ווי זאַמד און די גאַנצע וועלט וועט זיך פאַרנעמען מיט וויסן, און די וועלט וועט פול ווערן מיט וויסן ווי וואַסערן באַדעקן דעם ים".

„ניט קיין הונגער, ניט קיין קריג" — די מאַטעריעלע באַדערפעניש וועלן זיין באַפרידיקט, אינאיינעם מיט דעם וועלן פאַרשווינדן קנאה־שנאה און איין גייסטיקער אינטערעס צו דערקענען דאָס העכסטע און טיפסטע וועט פאַרבינדן אין איין בונד אַלע מענטשן. לויטן רמב״ם קאָן דער אידעאַל פאַר־ווירקלעכט ווערן אויף דעם נאַטירלעכסטן וועג. „עס זאָל ניט אַרויף אויפן געדאַנק" — זאָגט ער אין אַנהויב פונעם זעלביקן פרק — „אַז אין משיחס צייטן וועט עפּעס בטל ווערן אין דער אָרדנונג פון דער וועלט אָדער אַז עס וועט געשען אַ חידוש אין מעשה־בראשית, נאָר פאַרקערט, די וועלט וועט זיך פירן ווי זי פירט זיך" אויס הונגער און אויס מלחמה איז הייסט עס, נישט נאָר ניט קעגן דער נאַטור, נאָר דוקא עפּעס וואָס איז שוין לכתחילה איינגעשלאָסן אין דער נאַטירלעכער וועלט־אָרדנונג, וואָס עס הענגט אָפּ פון מענטשן איז בליז צו אַקטואַליזירן די דאָזיקע פּאָטענץ.

עס איז אין דעם געדאַנק־גאַנג וואו עס קלינגען זיך צענויף דעם רמב״מס „אַרכיטעקטאָנישע מוזיק" מיט דער דראַמאַטישער מוזיק פון י. ל. פּרץ.

„מיר זיינען אַרויס פון טישעוויץ. דער פרילינגס־אָטעם בלאָזט אויף אונז פון גרינעם פעלד. ער שלעפּט מיך צו צו אַ צוים. מיר זעצן זיך. און דאָ וואַקסן דערנער. צי עסט קיינער קיין דערנער ניט? — אייזלען, זאָגט מען, עסן דערנער. פאַרוואָס — פרעגט ער — האָט גאָט באַשאַפן יעדע בריאה זאָל עסן עפּעס אַנדערש? ער ווייסט נישט, ווען אַלע זאָלן גלייך עסן וואָלטן אַלע גלייך געווען" (רייזע בילדער).

די דאָזיקע ווערטער דערמאָנען אין פּרצעס „באָנטשע שווייג": „אויב אַזוי וויל איך טאָקע אַלע טאָג אַ פרישע בולקע מיט פּוטער" („און די בעסטע מאכלים וועלן זיין מיט זאַמד צוגלייך"). די מלאכים אין הימל שמייכלען

פאַרשעמט, דער שטן צעלאַכט זיך בייז און שטעכיק. די באַדערפעניש און באַגריפן פונעם טעמפּן שווייגער זיינען דערוויל קליין, ווייל אים פעלט זיין ברויט, זיין עקאָנאָמישע באַפרידיקונג, ווייל ער האָט ניט „געגעסן גלייך". זאָל ער נאָר באַקומען זיינס וועלן שוין זיינע האַריזאָנטן אויסגע־ברייטערט ווערן"...

די „גאָלדענע קייט" איז דער פּראָבלעם פון גרעאַנגל פאַרן שבת פון דער וועלט. מען האָט דעם אינהאַלט פון דער דראַמע פאַרגליכן צו איבסענס „בראַנד". סיי ביים נאַרוועגישן דראַמאַטורג און סיי ביי פּרצן ווערט אַרויס־געדרוקט די פּערזאָן, וואָס איז פעאיק צום געוואַגטן טאַט. לויט דער אינהאַלט־לעכער סימבאָליק איז דאָך פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן פּרצעס שלמה און איבסענס בראַנד. בראַנד שטרעבט אויסבויען פאַר זיך אַ טעמפּל אויף די נאַרוועגישע הייכן; שלמה וויל אָבער איינפירן דעם כולו שבת אין דער געשיכטע. ביי איבסענען איז שטח, ביי פּרצן — צייט.

דער אינדיווידואַליסטישער אידעאַל פון אַ כולו־שבת־וועלט, איז לויטן רמב"ם ניט אין סתירה מיטן קאָלעקטיוויסטישן אידעאַל פון „משיחס צייטן", ווען עס וועט „ניט זיין ניט קיין הונגער און ניט קיין קריג". „יעטווידער מענטש האָט סיי זכותים און סיי זינד. האָבן זכותים הייסט טאָן מצוות, און אַלע מצוות האָבן קיין אַנדער צוועק ניט ווי תיקון העולם" (מורה נבוכים, דריטער טייל, 27). ס'איז ניט מעגלעך זיך משתדל זיין וועגן עולם הבא פאַר זיך אַליין. ווען מען איז ניט איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן דעם אינטערעס פון אַלעמען, פון גאַנצן כלל. דעם רמב"מס עטיק איז אַן אינדי־ווידועל־סאָציאַלע אָדער אַ סאָציאַל־אינדיווידועלע. דיביידע מאָמענטן בינדט ער פעסט צונויף אין זיין ווערק „משנה תורה": „ווי דער יחיד קאָן זיין אַ צדיק, אַ רשע, אָדער אַ מיטלמענטש, אַזוי איז עס אויך מיט אַ גאַנצער מדינה און מיט גאָר דער מענטשהייט; זיינען אירע זכותים מכריע, וועגן זיי אַריבער אירע זינד, איז זי אַ „צדקת"; איז עס פאַרקערט דאַן שטייט זי אין דער געפאַר פונקט אַזוי אונטערצוגיין ווי אַן איינצלנער רשע. דאַרף דער מענטש סיי זיך, סיי די גאַנצע וועלט, שטענדיק באַטראַכטן אין דער לאַגע פון האַלב זכאי, האַלב חייב; וועט ער אָפּטאָן נאָך איין־איינציקע עבירה, וועט ער אַריבערציען זיך און דערמיט די גאַנצע וועלט אויף דער זייט פון חייב און גורם זיין איר אונטערגאַנג; דורך נאָר איין מצוה ציט ער אָבער אַריבער זיך און די גאַנצע וועלט לכף זכות און ברענגט זיך און דער וועלט הילף רעטונג און אויסלייזונג"... (הלכות תשובה).

מען דערקענט אַט־די מערקווירדיקע געדאַנקען־קאָנסטרוקציע אין דער „גאָלדענער קייט", וואו עס ווערט געוואויגן דער גורל פון יחיד און דער גורל פון דער וועלט. „עס הענגט אין דער הייך דאָרט אַ וואָג, וויגט זיך די וואָג"... און די וואָג אין „דריי מתנות", וואָס אירע וואָגשאָלן „הייבן זיך פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, אַמאָל די, אַמאָל יענע"...

און אַז דעם הימל פאַרווילט זיך אַ מתנה איז גענוג צו ברענגען דריי טראָפּן פון מענטשלעכער מסירת נפש און ליידן און עס וועגט איבער... וואָס וועגט איבער? דאָס מענטשלעכע, הומאַניסטישע, דאָס פאַרשטומט די פמליא של מעלה. „זאָל בטל ווערן יום כיפור איבער איין „בערל דעם שניידער", וואָס האָט אָפּגעהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך און האָט ניט אויף ברויט.

דער שליסל צו פּרצעס קונסט־אידייע איז זיין פאַרהייליקן דאָס ווערטפולע אינעם אַלטן, אין זיין באַנייאונג. און דאָס איז „וואָס די לבנה דערציילט".

וואָס איז אַזוינס די לבנה? פאַר די פּאַרצייטיקע עגיפּטער איז זי געווען אַ גאָט; פאַר דער היינטיקער וויסנשאַפט — אַ טויטע סקאַלע, וואָס דרייט זיך אַרום אינעם וועלט־רוים; פאַרן פאַרליבטן פּאָרל אויף דער באַנק אין קראַשינסקיס גאָרטן, איז די לבנה אַ מאַגישע לאַמטערנע, וואָס מאַכט זייער ליבע ראָמאַנטישער.

די לבנה דערציילט און וועקט דעם חשק און חוב זיך מחדש צו זיין, זיך באַנייען ווי זי. דעם חוב זיך איינצושטעלן פאַר חידוש, פאַר באַנייאונג. (דעם עצם וואָרט: רעוואָלוציע האָט די מאָדערנע סאָציאַלע וויסנשאַפט בשותפות מיט דער אַסטראָנאָמיע מיט אַ ווערק פון דעם פּוילישן גאון קאָפּערניקוס, זיין קלאַסיש ווערק „די רעוואָלוציע פון אָרביט").

די לבנה, ווי די גאַנצע נאַטור, איז עפּעס, וואָס איז ראוי באַקרוינט צו ווערן מיט קידוש, וואָס קאָן און זאָל געהייליקט ווערן — ווייל דערצו זיינען דאָך מענטשן באַשאַפן געוואָרן, זיך באַנייען און די וועלט באַנייען.

די גרונט־אידייע פון י. ל. פּרץ איז: אַלט־ניי, קידוש און חידוש.

דער יידישער פֿעלקער־אוצר

הונדערט יאָר נאָך שלום עליכמס געבורט



„און כאַייל דיין נאָמען אים פּאַרטיײטשן
גלייך,
אַז שלום פרידן הייסט, עליכם — אייך
און אייל דערקלערן אים געווי פּאַרוואָס
אַ נאָמען האָסטו זיך אַזאַ געגעבן,
וואָס איז פֿון ברודערשאַפֿט די העכסטע
מאָס
פּאַרוואָס כדאי איז אָפּגעבן דאָס לעבן,
און אַז געוועזן איז דיין וואָר — און
חלום
צו הערן ענטפֿערן עליכם שלום".
(ש. האַלקין)

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פֿון דעם יידישן פֿאָלקס־שרייבער, וואָס ביי זיין צוקאָפּנס האָט געשוועבט דער גאָט פֿון פרייד און געלעכטער, אין יאָר 1959, האָבן זיך געעפֿנט פֿאַר אים די טויערן פֿון דער אַלוועלטלעכער קולטור. די שלום עליכם פֿאָן האָט אַ פֿלאַטער געטאָן איבער לענדער און קאָנטינענטן. דורך שלום עליכמס וואָרט האָבן זיך פֿאַרביי געטראָגן פֿאַר אַ וועלט מיט לייענער זיינע געשטאַלטן, טיפּן, פֿאַרשוינען, זאַכן, די גאַנצע שלום עליכמשע וועלט מיט איר ערד און הימל.

דער פּשוט־האַרציקער טעוויע מיט זיינע ביין מאָס רייד און זיין וואָגן פֿול מיט מילכיקס, טרויער און בטחון; דער טרוימערישער מנחם־מענדל מיט דער צעהיצטער פֿאַנטאַזיע; ; דער שטיפֿערישער מאָטל פּייסי מיט זיין „כי טוב" — מיר איז גוט !". עס האָט זיך אַ וויג געטאָן אונטער דער לבֿנה, ווי אין אַ פֿאַרכשופֿטער וויג, שמעון עליע שמע קולנו, וואָס האָט געשלעפּט די ווייסע ציג, און איר איז נאָכגעלאָפֿן „סטעמפּעניו" מיט זיין זיסער פֿידל, כדי

צוגעבן טעם און מתיקות זייך ביטערן טרויער. עס האָבן זיך צעשיינט די „בלאַנדזשענדיקע שטערן״ און עס האָבן זיך צעפינקלט חוה מיט די פּאַסמעס זייד, שימעלע סאָראָקער מיט זיין אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן „גרויסן געווינס״, און אַז די קאַסרילעווקער באַן האָט זיך אַ ריר געטאָן און האָט אָנגעהויבן אַריינ־וואַנדערן אין מרחקים, ווי אַמאָל די דאָן־קיכאָטישע ראָזינאַנטע, האָט מען אויף דער באַן געזען די מענגע קאַסרילעווקער טרוימער. נאָך דער באַן איז נאָכגעלאָפן דאָס הינטל „ראַבטשיק״ און ס״האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער אַלטער פערד „מתושלח״. — —

שלום עליכמס וואָרט און געשטאַלט האָט דורכגעדרונגען צאַמען פון שטיין און אייזן, אַריבערגעשפּרייזט באַטירלעכע און קינסטלעכע גרענעצן און געמאַכט וויברירן טויזנטער אומזעבאַרע פעדים, וואָס ציען זיך פון די מענטשלעכע הערצער אין אַלע לענדער. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך ניט נאָר דעראָבערט עקזיסטענץ־רעכט אין דער וועלט־ליטעראַטור נאָר עס האָט — אין יענעם יובל־יאָר — געשאַפן אמתע קאָ־עקזיסטענץ צווישן לענדער און פעלקער.

וועלטן האָבן זיך באַגעגנט ארום דעם נאָמען פון דעם שרייבער און האָבן זיך באַגריסט, אומגעפער לויט דעם בילד:

— שלום עליכם — האָט יום־טובדיק אויסגערופן מאָסקווע.

— עליכם שלום — האָט געענטפערט פּאַריז.

— שלום עליכם — האָט שטיל און באַשיידן געזאָגט די אַלט־ רעמב־ראַנדטישע אַמסטערדאַם.

— עליכם שלום — האָט הילכיק אָפּגעענטפערט די אויפסניי־אָפגע־בויטע וואַרשע.

— שלום עליכם — האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט די כמורנע און מיושבדיקע לאָנדאָן.

— עליכם שלום — האָט געענטפערט די מונטערע בוקאַרעסט.

— שלום עליכם האָט אַ יובל געטאָן די גערדיכטע ניו יאָרק.

— עליכם שלום — האָט געענטפערט דאָס מיליאָניקע, דערוואַכטע פעקין.

— שלום עליכם — האָט אָפּגעקלונגען אין דער בלוי־ווייסער תל־אביב.

— עליכם שלום — האָט געענטפערט דאָס אַלט־נייע פּראַג.

— שלום עליכם — האָט אויסגעהאַמערט דאָס שטאָל־גרויע שוועדן.

— עליכם שלום — האָט געענטפערט די פון רואינען־אויפגעשטאַנענע און שולד־באַוואוסטזיניקע מזרח־בערלין.

לענדער מיט פאַרשיידענע קלימאַטן און פעלקער מיט פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטן און לשונות, אידעאָלאָגיעס און סיסטעמען, האָבן געפייערט שלום עליכמס געבוירנטאָג. אין משך פון יאָרן האָבן זיך אַרום דעם נאָמען פון דעם גרויסן יידישן הומאָריסט אַנגעקליבן אַזויפיל פּלאַסטן, אַז ער איז ביכולת גובר זיין די גרענעצן פון פאָלק און לאַנד.

פון עטלעכע שורות אין די ווערק פון דעם ליכטיקן יידישן שמייכלער דרינגט מען אריין אין זיין גאַנצער געשטאַלטן און אידייען־וועלט.

וועו טעוויע זאָגט: „למנצח על הגיתית — אַז סע גייט לויפט עס; בעל כרחך אתה חי און מיט גוואַלד צערייסטו אַ פּאָר שטיוול״ — פאַרשטייען עס דער קאַטוילישער נאָבעל־פּרייז־טרעגער פראַנסאָ מאַריאַק און דער מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע אַנדרעי מאַרואַ.

„דו טעוויע, זאָגט גאָט, באַדאַרפסט אין זיבעצן האָבן קעז און פּוטער, נישט חלומות, וואָס מער צרות, מער בטחון, וואָס מער קבצן, מער האָפנונג״ — באַגעגנט עס דער פראַנצויזישער דיכטער־מאַרקסיסט לואי אַראַגאָן.

מנחם־מענדל זעצט מיט קראַפט: „געלט,געלט! ער קויפט אַ קאַץ אין אַ זאַק, פאַרמעקלערט אַ וועלט און כאַפּט זיך, ווי איז אים, ער איז צו וויט פאַרקראָכן. שוין צונויפגעפירט ביידן, ערשט דאָס זיינען גאָר צוויי מיידן — דערזעט עס אַ פּריסטלי און אַ ספּענדער פון ענגלאַנד.

מנחם־מענדל בריוולט צו שיינע־שיינדלען: „הלואי זאָל גאָט געבן, אַז קיין רעגן זאָל בעסער נישט זיין און די זשוקלעך זאָלן עסן די בוראַקעס אויף וואָס די וועלט שטייט. ווארעם וויבאַלד עס וועט נישט זיין קיין בוראַקעס, וועט דאָך נישט זיין קיין צוקער, וועט צוקער זיין מיט גאָלד גלייך, וועלן די שפּעקולאַנטן מאַכן געשעפטן, די מעקלערס וועלן פאַרדינען געלט, און איך אויך בתוכם״ — דאָס ווייסן ווי אָפּצושאַצן די ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיקער איינעם סאַמע קאָך פון דער קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעטיקער ניו־יאָרק — אַלפרעד קייזין און ברוק עטקינסאָן.

קלאָגט זיך דער קאַסרילעווקער מלמד: ״אוי די מלחמות, די מלחמות! דאָס איז, הערט איר, גאָר אַ שחיטה פאַר דער וועלט!... און וויבאַלד אויס מלחמות, היינט צי וואָס באַדאַרף מען דאָס כלי־זין, מיטן חיל, אַט אַלע זיבעצן זאַכן, מיטן גאַנצן טאַראַראַם, אויף טישע ביינציק כפרות, און וויבאַלד אויס כלי־זין, אויס חיל, איז דאָך אויס שנאה אויס קנאה, אויס טערק — אויס ענגלענדער, אויס פראַנצויז, אויס ייד להבדיל — די גאַנצע וועלט

באַקומט דעמאָלט אַן אַנדער פּנים״. — ער ווייסט דעם אמת פון דעם זאָג, דער מאָסקווער שרייבער ווסעוואָלאַד איוואַנאָוו.

מאָטל פּייסי שרייט: „מיר איז גוט — איך בין אַ יתום״, מיין רוקן איז געבויגן צו דער ערד, אָבער ס׳ציט מיך צו די הייכן און איך רייס זיך צו די ברייטע ווייטענישן — דאָס דערפילט דער הויפּט פון די כינעזישע שרייבער־חכמים — קו־מאָ־דזשאָ.

„שמעון עליע פּועלט ביי זיך, אַז די דאָזיקע ציג, וואָס ער פירט זיך מיט איר אַרום, איז נישט קיין ציג, נאָר אַ גלגול, אָדער אַ לץ, וואָס אָט־באַלד שטעלט ער אַרויס די צונג אויף צען אַרשין, אָדער ער טוט אַ פּאַטש מיט די פליגל און טוט אַ געשריי איבער דער גאַנצער שטאָט — קוקאַריקו, און מעשה־שטן קומען אים אַנטקעגן דווקא אַלערליי מוראדיקע בילדער פון באַקאַנטע, וואָס זיינען שוין גאָר אויף דער אמתער וועלט״ — דאָס פילט אינסטינקטיוו דער פּרווידיאַנישער פילם־מייסטער — אינגמאַר בערגמאַן.

פאַרטייטשט פעפערל: „ביז וואַנען עס וועט נישט אָנקומען די גליק־לעכע צייט וועגן וועלכער עס האָבן געריידט קאַרל מאַרקס, אויגוסט בעבל און אַלע גוטע און קלוגע מענטשן״ — פאַרשטייען עס גאָר גוט די מזרח־דייטשע נאָוועליסטן אַנאַ זעגערס און אַרנאָלד צווייג.

ווער דען קאָן אַזוי פאַרשטיין די עמיגראַנטן, וואָס דאַרפן „גנבענען די גרענעץ (אין דער פאַנטאַזיע פונעם קליינעם מאָטל, וואָס פרעגט, וואָס מיינט עס, וואָס זאָל עס באַדייטן? איז דען די גרענעץ אַ בהמה מיט הערנער?) — ווער פאַרשטייט עס דען בעסער ווי די תל־אביבער און עמק־און־נגב דיכטער — אברהם שלאָנסקי און נתן אַלטערמאַן.

פאַרוואָס איז דער סאַמע יידישסטער קלאַסיקער, ווען עס איז, דאַכט זיך, שווער איבערצוזעצן, דווקא דער אוניווערסאַלער שרייבער? — ווייל אַ שרייבער פון שלום עליכמס פאַרנעם קאָן מען ניט מעסטן מיט די מאָסן פון מיין פאָלק און דיין פאָלק. אַ שרייבער, וואָס גיט אַ רעאַלע אָפּשפּיגלונג פון די עיקרדיקע שטריכן פון זיין פאָלק איז שוין במילא כולל אין זיין שאַפן אַלע מענטשלעכע ווערטן אויף וועלכע נאַציאָנאַלע גבולים האָבן ניט קיין שליטה.

שלום עליכמס הומאָר איז, לויט זיין מקור, געווענדעט צו אַלע מענטשן. זיין יידישער גורל איז בלויז אַ פאַרגרעסערט בילד פון מענטשלעכן שיקזאַל.

אַרום שלום עליכמען קאָ־עקזיסטירן די וועלטן פון מזרח און מערב,

ווייל זיין הומאָר און געלעכטער איז אַ געווער אין די הענט פון די פאָלקס־מאַסן סיי אין די קאַפּיטאַליסטישע און סיי סאָציאַליסטישע לענדער. אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג דעמאַסקירט ער דעם קלאָגעדיקן מצב פון קליינבירגער און אין דער סאָציאַליסטישער העלפט ער די מאַסן זיך צו געזעגענען לאַכנדיק מיט דער אַלטער וועלט און אירע רעשטלעך אין דער עקאָנאָמיק און באַוואוסטזיין.

אין זיין „קריטיק פון העגעלס רעכט־פילאָסאָפיע" שרייבט מאַרקס:

„כל זמן די אַלטע אָרדנונג ווי אַן עקזיסטירנדיקע וועלט־אָרדנונג, האָט גע־קעמפט קעגן אַ וועלט, וואָס האָט ערשט געהאַלטן אין געבוירן ווערן, איז דאָס פון איר זייט געווען בלויז אַן אַלוועלטלעכער היסטאָרישער פעלער, אָבער ניט קיין פערזענלעכער. איר אומקום איז דעריבער געווען אַ טראַגישער". פאַר־קערט, אין נייע סאָציאַלע באַדינגונגען גייט דורך די געשיכטע אַ נייעם פאַזיס, ווען דער עקזיסטירנדיקער רעזשים איז שוין אַן אַנאַכראָניזם, אַ נעבעכדיקייט. „דער מאָדערנער רעזשים" — זאָגט מאַרקס — „איז גיכער פון אַלץ אַ קאָמעדיאַנט פון דער וועלט־אָרדנונג, וואָס אירע ווירקלעכע העלדן זיינען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן... דער לעצטער פאַזיס פון דער אַלוועלטלעכער היסטאָרישער פאָרם איז איר קאָמעדיע... פאַרוואָס־זשע באַוועגט זיך אַזוי די געשיכטע? דאָס איז כדי די מענטשהייט זאָל לאַכנדיק זיך געזעגענען מיט איר פאַרגאַנגענהייט".

אין ליכט פון דער דאָזיקער באַמערקונג איז צו פאַרשטיין פאַרוואָס, למשל, אין די ערשטע אָקטאָבער יאָרן האָבן זיך געפונען דיכטער און פּראָזאאיקער, וואָס האָבן זיך אין זייער ליד און דערציילונג מיט געלעכטער אָפּגעזעגנט מיט דער אַלטער וועלט.

עס איז באַקאַנט אַז שלום עליכם האָט זיך ניט געריסן צום לייענער. דער לייענער האָט זיך געצויגן צו אים. אַ גאַנץ פאָלק האָט געוואַרט אויף זיין קינסטלערישן תיקון איז געקומען אַ שרייבער, וואָס האָט געהאַט אין זיך קינסטלערישע גבורה. ער האָט גענומען ביים פאָלק לשון און וואָס דאָס פאָלק האָט אים געגעבן האָט ער צוריקגעגעבן. דאָס איז דער סוד פון זיין כשופדיקער השפעה.

עס איז באַקאַנט דער בריוו פון פרידריך ענגעלס צו מיס האַרנעקס (1888) אַז „ביי באַלזאַקן האָט ער זיך אָפּגעלערנט — אפילו אינעם זינען פון עקאָנאָמישע דעטאַלן — פיל מער, איידער פון די ביכער פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע היסטאָריקער, עקאָנאָמיסטן און סטאַטיריקער צוזאַמען גע־

נומען". דאָס זעלבע קען מען אַנאַלאָגיש אָנווענדן אויף שלום עליכמען: מען קען לערנען פון זיינע דעטאַלן, פון זיין הומאָר, אַזויפיל סאָציאַלן אמת אַ סך מער ווי פון וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן און טעאָרעטישע ביכער.

וואָס שלום עליכמס פּריוואַטע וועלט-אָנשויאונג זאָל האָבן געווען, פון וואָס פאַר אַ קליינבירגערלעכער ספערע זיי זאָלן ניט האָבן געשטאַמט, און ווי ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט די קאָנקרעטע לייזונג פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, איז דער עיקר אין זיין טעמע, אין זיין וועלט-עמפינדונג, דער גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ בעסערער, גערעכטער געזעלשאַפט. דעם עיקר זעען מיר ווי אַ גרונט-איינשטעלונג אין דער עצם-שילדערונג פון אַלע זיינע געשטאַלטן.

שלום עליכמס ווערק זיינען טראַקטירט הומאָריסטיש און קיינמאָל ניט קאָמיש. הומאָר איז בשום אופן ניט קיין קאָמיזם. קאָמיש זיינען ביי אים נאָר די אויפגעקומענע גבירים, די זעלבסט-צופרידענע באַלעבעסלעך. „שלום עליכם איז אַן ערלעכער טרעגער פון די אייביק-מענטשלעכע אידעאַלן. זיינע פאַרשוינען זיינען די באַוואונדערטסטע, די זיילן פון לעבן. קיינער האָט, ווי ער, בישט געזען דעם אָרעמאַן אַלס דעם אויסדערוויילטן. אַדאַנק די גרויסע לעבנס-כחות וואָס קוועלן אין אים. קיינער האָט דעם גביר אונזערן נישט געזען אַזאַ קלאָגעדיקן, אַזאַ גייסטיק-באַנומענעם, אַזאַ קליינינקן אין פאַר-גלייך מיט זיינע „מענטשן" — מיט די וואָס פאַרמאָגן נישט זיין מיסט" (יעקב פיכמאַן).

גענוג איבערצולייענען בלויז אַ פּאָר פון זיינע קאַסרילעווקער מעשות ווי, למשל, „שלח מנות", „חרוסת", און זיין צוגאַנג צו די אָרעמע „מענטשן" ווערט קלאָר.

ליטעראַטור-קריטיק קאָן מען אַמאָל לערנען ביי פילאָסאָפן און בפרט ביי אַזאַ אָנהענגער פון „אידייען-פאַרבינדונגען" ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי. ער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק דעפינירט שלום עליכמס וואָרט-קונסט, ווי „פאַן-הומאַניזם". „אין מיינע אויגן האָט שלום עליכמס בליק אויף דעם מענטשלעכן מהות גאָר אַ געהויבענעם באַדייט פאַר דעם גרויסן קאַמף פון דער צייט. .. ער זאָגט אונז, אָדער ריכטיקער, עס זאָגט זיך ביי אים אַרויס: אויך די איצטיקע מענטשן, ניט נאָר די צוקונפט-מענטשן זיינען „בכי טוב". עס איז גוט צו לעבן און צו פרייען זיך מיט זיי".

ווי אַ ביישפּיל ברענגט זשיטלאָווסקי צוויי קלענערע דערציילונגען פון דעם מייסטער. „אויף פסח אַהיים" און די מעשה מיט דעם „טשאַסטני

פריסטאוו". סיי דער מלמד, וואָס פאַרט אינאיינעם מיט דעם גויאישן מומחה־איבערפירער אויפן אייז־קריעדיקן בוג און סיי דער וואָס זוכט ביים יידן טריפהנע סחורה (בראָנפן אָן אַ פאַטענט), אַרעסטירט אים און שיקט אים אָפּ מיטן עטאַפּ; ווייזט זיך אַרויס אַז דער „פאַרפאַלגטער" גיט פון זיין אייגענעם געלט דעם „פאַרפאָלגטן" אַ פּאָר קערבלעך, אַ „מילאָסט־חסד נאַ־וועצאָוועס" (אַ גמילות חסד אויף הוצאות). ביידע גייען אַרויס פון דער שילדערונג גערעכט־פאַרטיקע. פונקט ווי פישל דער מלמד מיטן גויאישן שיפער שניידן דורך מיט מסירת נפש שטורעמדיקע וואַסערן, ווייל ביידע געפינען זיך „אויף איין שיף". „און ווען" — פאַרענדיקט זשיטלאָווסקי — „די שטורעמדיקע וואַסערן וועלן דורכגעשניטן ווערן, און אויפן זיכערן ברעג וועט מען נעמען בויען די יום־טובדיקע היים, וועט אפילו דער געוועזענער טשינאָווניק געבן זיין גמילות חסד אויף יענעם וועג, וואָס פירט צו גליק און פרייד פאַר יעדן מענטשן־קינד".

ביי שלום עליכמס העלד איז דער עיקר דער געמיינשאַפט־געפיל, וואָס ווערט דער קוואַל פון זיין אָפּטימיזם. שימעלע סאַראַקער פון „גרויסן געווינס" זאָגט: „איר האָט געהערט מן הסתם, אַז אַן אָרעמער שניידער האָט אויס־געוואונען דאָס גרויסע געווינס, די צוויי הונדערט טויזנט? דאָס בין איך, שימעלע... די צוויי הונדערט טויזנט זיינען אויסגערונען, אַוועק מיטן ווינט און מיטן רויך, און שימעלע איז צוריק דער אייגענער עמך, וואָס געווען... לאָמיר נעמען צו קאַפּעלעך משקה און טרינקען לחיים פאַר אונזער פאָלק שער־און־אייזן־עמך!"

מען האָט געצויגן פּאַראַלעלן צווישן סערוואַנטעס קלאַסיק דאָן־קיכאָט און שלום עליכמס מנחם־מענדל. אין ביידן זיינען קאָנצענטרירט צוויי וועלטן, דיווירקלעכע וועלט און די פאַנטאַסטישע. ביידע רופן אַרויס אי שטאַרקן געלעכטער אי באַהאַלטענעם טרויער. דאָן קיכאָט איז דער שאָטן, דער געשפּענסט פון ריטערטום, וואָס האָט שוין ניט געהאַט קיין לעבנס־קראַפט. ער האָט אויף זיך גענומען ערנסט די איידלקייט און דערהויבנקייט וואָס דאָס ריטערטום האָט זיך אין דעם געשליירט, און ער האָט עס געטאָן אין אַ צייט ווען נייע פאָרמען האָבן זיך געמערקט אין לעבן. דער דאָן־קיכאָט אידעאַל האָט זיך אַזוי טראַגיש דערוויטערט פון דער בורזשואַזער ווירק־לעכקייט, וואָס איז געוואָרן פול מיט געמיינע חשבונות.

אָט־דער ריס צווישן טרוים און ווירקלעכקייט איז אויך דער קוואַל פון שלום עליכמס טראַגישן געלעכטער. דער פאַרגלייך צווישן סערוואַנטעסעס

קלאַסישן העלד און מנחם-מענדלשן אומרו איז בולט ניט נאָר אין זייערעביידנס מעשים, נאָר נאָך מער אין זייערע פּסיכישע אייגנשאַפטן. ביידע בלייבן העלדן פאַר דער צוקונפט.

אַזוי ווי סערוואַנטעס אַליין לאַכט אויס די טרוימען פון זיין העלד און דאָך באַשראַלט ער אים מיט אַלע חנען פון אידעאַליזם, אַזוי באַווייזט שלום עליכם דעם אומבאַצווינגבאַרן כח פון מנחם-מענדלען, וואָס ניט קוקנדיק אויף אַלע זיינע דורכפאַלן, ווען פון אַלע זיינע געשעפטן לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, רייסט זיך צו נייע געשעפטן, נייע פּרוואוון, ווייל ער איז באַשאַנקען מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע, וואָס איז דער קוואַל פון אַלע גרויסע מענטשלעכע פּאַרמעסטן. נאָר אַ נייער סדר קאָן ברענגען דערצו, אַז דער געזונטער אומרו פון דאָן קיכאָטן און דער פאַנטאַסטישער שוואונג און אימפּעט פון לופט-מענשן, זאָלן געפינען אַ תיקון און ווערן שעפעריש, ווייל זיי וועלן זיך שוין מער ניט אָנשטויסן אָן דער בלינדער וואַנט פון דערווירקלעכקייט.

שרייבער ווי שלום עליכם זיינען געציילטע אין דער וועלט-ליטעראַטור. ניט יעדער פאָלק האָט די זכיה צו האָבן אַזעלכע שרייבער, אָבער זייער שאַפן מוז זיך איינהיימישן אין יעדער שפּראַך, און פאָלקישער קולטור, טאַקע ווייל זייער „וואָר און חלום איז שלום.״ שלום מיינט שלימות — גאַנצקייט, גאַנצקייט פון מענש, פון פאָלק, פון פעלקער און אויך גאַנצקייט פון געשיכטע, וואָס איז באַהאַפטן מיטן היינט און ווינקט צו דער צוקונפט.

שלום עליכם דערמאָנט אין יענער צוקונפט ווען דער ליכטיקער שמייכל, וואָס קומט פון דער גאָרער ערד, וועט זיך אָנקליידן אין אַלע פאַרבן און שטראַלן, וועלכע ציען זיך נאָך פון דעם ערשטן מענטשן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזונגען זיין פרייד און געשמייכלט דורך טרערן; פון יענער צייט ווען דער מענטש האָט מיט צאָרן און געוואַלדעט אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן עוולות אויף דער ערד, און האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבן האָפן אויף יענער גליקלעכער צייט, אויף דעם שלום, ווען איין קומען אויף אַלעמען, אויף אונז און אויף אייך, אויף דער צייט, ווען איין פאָלק וועט זאָגן צום אַנדערן שלום אייך, און דער ענטפער וועט זיין דער זעלבער — אויף אייך שלום!

דער מעין המתגבר

ביים ברונעם פון חיים נחמן ביאַליק



פאַר די וואַכנדיקע איז די וועלט
אַ בשותפותדיקע — אָבער יעדער
שלאָפנדיקער האָט זיין אייגענע וועלט"
(העראַקליטוס)

„כהאָב אַ גאָרטן, כ'האָב אַ ברונעם,
אויפן ברונעם הענגט דער עמער.
אַלעביימער שטייען שטילע,
ס'שלאָפט דאָס ווינטעלע אפילו;
ס'דרימלט טאַטע, ס'שלאָפט די מאַמע,
נאָר מיין האַרץ איז וואַך און אָפן.
ווי מיין האַרץ דער עמער וואַכט"
(אין מיין גאָרטן) .

דער וועג צו ביאַליקס פּאָעטישן ברונעם איז גרינג. מען דאַרף בלויז צוגיין און זיך אָנטרינקען פון זיין לויטערן קוואַל. ביאַליקס פּאָעזיע איז אָבער פאַרביק און פאַרשיידנאַרטיק. ברייט־עפּישע פאָרם און באַלאַדישער ריטם, לידער וואָס אָטעמען מיט שטורמישער קראַפט און מיט שטילער קאָנטעמפּלאַציע; עכטער ליריזם און אָראַטאָרישע אינטאָנאַציע; קלאַנג־לעכע מוזיקאַלישקייט און פּלאַסטישע וויזיע; מעלאָדיק פון אַ פידל און געשאַל פון שופר; גליאיקער מדבר און פּראָסטיקער סטעפּ; נביאישען צער און צאָרן, בונט און לויטערע ליבע; הכנעהדיקע רעזיגנאַציע פון אַ יתומס טרער און אַ תוכחה־שטראָף, וואָס האָגלט מיט שערבלעך פון צע־בראָכענע טעפּ און אַ תפילה־זכה, וואָס בעט מחילה ביי „די פאַרשעמטע פון דער וועלט" (עלובי עולם) — דאָס אַלץ פאַרמאָגט דאָס ביאַליקישע קוואַליקע וואָרט.

אַ ברונעם און אַ קוואַל —

ס'איז פֿאַראַן אַ קוואַל און ס'איז פֿאַראַן געשעפּט וואַסער. דאָס אָנגעשעפּט וואַסער, מעג אָנפּילן דעם עמער אָדער פֿאַס ביז אַריבער די ברעגן, האָט דאָס וואַסער אַ מאָס אָבער ניט קיין לעבן. אַ קוואַל — מעג ער אפילו זיין דין ווי דער אָפּשטראַל פון א נאָדל, איז אָבער אין דער בחינה פון אין־סוף, תמיד וואַך, שטענדיק קוואַליק, לעבעדיק.

„עלי באר" — גיי אויף ברונעם — מיט די ווערטער האָבן די ביבלישע שבטים אין דער מדבר אַרויסגערופן מרימס קוואַל. אויך דער שירה־ברונעם, דער דיכטערישער קוואַל פונעם וואָלינער זון, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אים אָנגעטאָן די קרוין פון נאַציאָנאַלן דיכטער, קומט אַנטקעגן דעם לייענער וואָס דערנענטערט זיך צו אים.

מען האָט אַ סך מאָל באַטראַכט זיין דיכטונג, יעדער שורה, יעדן אימאַזש און זילב. מען האָלט אים אין איין דרשנען, ווייל ער איז דער מקור מים חיים. ער איז אַליין דער ברונעם, אַליין דער קוואַל.

די העברעאישע ליטעראַטור־קריטיק האָט זיך אַסך אָפּגעגעבן מיט דער אַזוי־גערופענער צווייאיקייט פון ביאַליקן. מען האָט געשריבן וועגן דעם דיכטער פון „יחידישן טרויער" און דעם פּאָעט פון „נאַציאָנאַלער שליחות". עס איז אָבער קלאָר, אַז די צעטיילונג איז ניט אַלעמאָל אמת. די סתירות אין זיין שאַפן זיינען בשום אופן ניט קיין רעזולטאַט פון אַ געשפּאָלטענעם געמיט. אין די לידער וואו ער פאַרנעמט זיך מיט געזעל־שאַפטלעך־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען ריזלט דאָס לירישע, און דער אימאַזש איז באַהעפט מיט דעם דיכטערס געפיל און אין זיינע יחידישע בענקענישן איז קאָנטיק דער אָנקער מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

ביאַליקס אויטאָביאָגראַפישע לידער און פּאָעמעס, צו וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אומקערן אויף זיין שאַפערישן וועג, זיינען צוגעשמידט צו זיין קינדהייט. די קינדהייט איז געווען דער קוואַל פון וואַנען ער האָט געשעפּט זיינע מענטש־און־נאַטור־וויזיעס. ביאַליק זאָגט „ערגעץ איז, מיט רעכט, געזאָגט געוואָרן, אַז אַ מענטש זעט און באַגרייפט זאַכן בלויז איינמאָל אין זיין לעבן בעת ער איז נאָך אַ קינד. די ערשטע זעאונגען, ווען זיי זיינען נאָך פריש, זיינען דער עיקר... אַלע זעאונגען, הימלישע און ערדישע, וואָס איך האָב געמאַכט אויף זיי אַ ברכה אין מיין לעבן — האָבן זיך גענערט פון דעם כח פון ערשטן אָנבליק".

אין זיין פּרעכטיקער פּאָעטיש־פּראָזאַאישער שילדערונג וועגן זיין פריער קינדהייט „ספיח" (ווידערוואוקס) האָט ביאַליק געגעבן אַ מוסטער פון אַ

מייסטערישער אינטראָספּעקציע, פון אַ מין אַריינקוקן אין זיך אַליין. אין דער „ערשטער זעאונג" איז שוין דאָ דער סינטעז און צונויפפלעכט פון יחידישן מיטן סאָציאַלן, פון זיין פּאַראייניקן דעם אייגענעם האַרץ־קלאַפּ מיטן האַרץ־קלאַפּ פון דער גרויסער וועלט. אין דעם אינטערעסאַנטן פּרק וועגן חלום דערציילט ער וועגן אַן אמת׳ן חלום, אַ ממשותדיקע ווירקלעכקייט. ער מאָלט ווי ער ווערט אַריינגעצויגן אין אַ מחנה „צוריקפּאָרער פון יאַריד" און ווי ער ווערט „אַ פּאַרשלונגענער צווישן גרויסן עולם און ווערט נאָכגע־שלעפּט נאָך זיי". די מחנה, וואָס איז דער סימבאָל פון דער יידישער ווירקלעכ־קייט אין איר גאַנצער צעמישעניש. „אַ טשערעדע. דער יאַריד, זעט אויס, האָט זיך נישט איינגעגעבן". דאָס קינד דערפילט זיך ווי ער שפּאַנט אין דער טשערעדע, ווי ער איז איינער פון דער מחנה. פּלוצלונג דערזעט ער פאַר זיך „גרינע ווערבעס ביים טייך... הויך און געדיכט ציען זיי זיך לענגאויס דעם וועג" און דאָרט „הינטער דער מחיצה פון די ביימלעך איז אַן אַנדער וועלט פאַראַן, אַ קלאָרע רואיקע וועלט". דאָרטן זעט ער דאָס בילד „פון איינעם אַ סודותדיקן, וואָס זיצט מיטן פּנים צום קלאָרן רואיקן וואַסער, מיטן פּנים צום וואַסער־שפּיגל זיצט ער, ווי ער וואָלט געוועזן אַריינגעטאָן אין אַן אַנדער וועלט" און פּלוצלונג דערקענט ער, אַז יענער פאַרקלערטער איז ער אַליין. ער וויל לויפן צו דער איינזאַמער ליטערער וועלט און קען ניט. „איך שלעפּ זיך פונדעסטוועגן נאָך די מחנות רייזנדיקע, אַ פאַרוויקלטער אין וואָלקנס שטויב".

דעם באַשייד פון דעם חלום דערציילט ער ניט. ער „לאָזט איבער דעם סודותדיקן זיצן איינזאַם אויף זיין פּלאַץ". אָבער מיט אַ זיכערקייט, אַז „זיין בילד וועט ווידער אויפבליצן פון די שפּאַלטן אַרויס".

דער מאָטיוו פונעם איינזאַמען, וואָס שפּיגלט זיך אין זיך האָט שפּעטער אויפגעבליצט אין דעם באַרציסטישן בילד פון זיין „מגילת האש" (פייער־מגילה) וואו דער „יונג מיט די קלאָרע אויגן" דערציילט:

אַ דערשלאָגענער בין איך אויפן ברעג־טייך געזעסן, די אויגן צום וואַסער צוגעשמידט, און מיין קאָפּ אונטער אַ שווערער משא פון שוואַרצע זינדיקע מחשבות געבויגן — און געדאַכט האָט מיר, ווי איך וואָלט אויפן קרייצוועג פון פלוך און בענטשונג געזעסן. פּלוצלונג האָב איך מיינע האָר אין וואַסער דערזען, ווילד און לאַנג אָפּגעוואַקסן, פאַרהענגען מיין פּנים, ווי מיט אַ שווערן פאַרהאַנג פון שוואַרצע שלאַנגען, וואָס ווילן

מיין נשמה כאַפּן אין זייער נעץ. איך בין אויפגעשפּרונגען פון מיין אָרט און מיינע לאָקן הייליק געמאַכט צום הימל״.

די סימבאָלישע וויזיע אָדער זעאונג פון אַריינקוקן אין וואַסער דער־נעענטערט דעם דיכטער צו דער גריכישער מיטאָלאָגיע וועגן נאַרציסן, וואָס אַלע נימפעס פון די בערג, פעלדער און טייכן האָבן זיך פאַרליבט אין אים און ער האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, ביז ער האָט זיך איינמאָל איינגעג־בויגן טרינקען וואַסער פון טייך, דערזען זיין אייגענעם פּנים און אַ פאַרכשופטער פון דער אייגענער שיינקייט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון אָרט. אַזוי קוקנדיג איז ער געשטאָרבן.

די פאַרבינדונג צווישן אייגענעם קוק אין וואַסער־שפּיגל און די אַנטפּלעקונג פונעם „איך״, דער נאַרציסטישער מאָטיוו, געפינט זיך אין דער קלאַסיש מאָדערנער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע אופנים און גלגולים. אין פערטן געזאַנג פון מילטאָנס „פאַרלוירענעם גן עדן״ איז ער דאָ. ער ווערט אויך איבערגעחזרט אין אַ באַלאַדע ביי געטען, וואו דער פישער ווערט דערטרונקען, ווען ער שלעפּט זיך נאָך דער שטים פון דער יונגפרוי. אין אַ באַלאַדע פון אדאם מיצקעוויטש, וואו דער יעגער אין וואַלד ציט זיך נאָך דער „טאָכטער פון כוואַליעס״ און פאַרשווינדט אין וואַסער. דערביי איז אינטערעסאַנט, וואָס אויפן אָרט פון וואַסער־שפּיגל, וואו דער מענטש מיטן שפּיגל, דער שיינער יונג, קוקט אין אים אַ פאַרגאַפטער, און אַז מען וויל אים ראַטעווען, דורך צעברעכן דעם שפּיגל, כאַפּט ער קושן דאָס גלאָז און ווערט לויטער שטיין, וואָס איז דער סימבאָל פון מערדערישן עגאָ־צענטריזם.

אַ סימבאָלישע סאָציאַלע אָנלאָדונג באַקומט דער נאַרציסטישער מאָטיוו אין ש. אַנסקיס „דיבוק״, וואו עס מערקט זיך בולט דער געדאַנק, אַז דורכן דורכזיכטיקן גלאָז זעט דער מענטש די גאַנצע וועלט, אָבער אַז ער פאַרשמירט דאָס גלאָז מיט זילבער־פאַרב — זעט ער בלויז ז י ך.

דער נאַרציסטישער מאָטיוו אין זיינע פאַרשיידענע געשטאַלטן: דער יונג, דאָס וואַסער, די יונגפרוי, וואָס ציט צום טייך, איז אויך פאַראַן ביי ביאַליקן. זיין ליד איז אָבער ניט קיין שפּיגל פאַר זיין פּאָעטישן „איך״. זיין פּאָעזיע איז די עקספּאַנסיע פונעם איך, זיין טאַלאַנט איז די כלי, דער עמער, וואָס שעפּט זיך אָן מיט רוים און צייט.

ביאַליקס ליריק פליסט פון יענעם קוואַל, וואָס איז שטענדיק וואַך און שפּרודלדיק און ברעכט דורך די צוימען פון עגאָצענטרישקייט און

מיזאַנטראָפּיע. ביאַליקס ליד איז פרעמד די סטאַגנאַציע פון טויט און ס׳איז איר נאָענט די אינטענזיטעט פון לעבן. די קאָלעקטיווע וועלט שטעלט ער קעגן דער אינדיווידועלער. צוגלייך מיט דער קראַפט פון וואַסער איז פאַראַן ביי אים דער כח פון פייער, וואָס איז דער אויסדרוק פאַר לעבן.

מיט דעם איז ער ענלעך צום נאַציאָנאַלן דיכטער פון פוילן. אויך מיצקעוויטש דערציילט וועגן דערטרינקען זיך פון זיין יעגער אין טייך וואו עס לעבט „די טאָכטער פון די כוואַליעס״. דער צענטראַלער העלד פון זיין ווערק ראַנגלט זיך אויך פאַר זיין פּריוואַטן גליק, די ליבע, אָבער ער ווערט פאַרוואַנדלט אין קאָנראַדן, וואָס איז מקריב זיין טאַלאַנט אויפן שייטער פון זיין נאַציאָנאַלן אידעאַל. אַזוי אויך ביי ביאַליקן הייליקט דער יונג זיינע „לאָקן״ (סימבאָל פון גבורה) צום הימל.

אין די טיפענישן פון זיין „סאַזשעלקע״ זעט דער דיכטער די וועלט פון זיינע בענקענישן, זיינע גלוסטענישן און חלומות. עס ווייזט זיך אים אויס —

„אַז בלויז אומזיסט לויפט אום און בלאָנדזשעט דער בן מלך
און זעט אין וועלדער אייביקע, מדבריות זאַמדיקע, און אויפן
דעק פון ימען

דער בת מלכה דער לאַנג־פאַרלוירענער —
אַז ס׳איז דער אוצר אָט דער דאָזיקער אין גאַנצער שיין
פאַרבאָרגן דאָך ביי איר אין אירע טיפקייטן —
אין האַרצן פון דער דרעמלענדיקער סאַזשעלקע״.

(יידיש: י. י. שוואַרץ)

דער פּאָעט זינקט אָבער ניט אין דער וועלט פון זיינע דמיונות, ער גייט ניט נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן נאָך זיינע אינערלעכע גלוסטענישן. ער פאַרזינקט ניט אין דער סאַזשעלקע.

דער רעאַלער יסוד איז ביי ביאַליקן שטענדיק גובר דעם פאַנטאַסטישן עלעמענט, וואָס האָט געהערשט אין זיין קינדער־וועלט. די ליכטנדיקע זון ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ זון וואָס וואַרעמט. די אויפגאַבע פון זיין פּאָעזיע, ווייסט דער דיכטער, איז דער צונויפשמעלץ מיט דער וועלט ביז ווערן איר מוזיק. ער לאָזט זיך ניט איינדרעמלען פון דער נאַטור. זיין וואָרט ווערט רוישיק ווי אַ קוואַל און זיין האַרץ וויברירט מיט די כוואַליעס פון ים.

אין דריטער ים אין מיטן שלאָפט נישט:
מיין האַרץ מיט זיינע נייע לידער״

אין דעם ליד „פון ליכט״ —

„מיין ליכטיקע זעאונג — אַ שפּריץ פון איר שטראַל,
געלייטערט און קלאָר, און געבענטשט פון איר קוואַל״.

און אויב אפילו דאָס ליכט פּאַרשפּעקטיקט צו קומען איז ער פול מיט זיכערקייט, אַז עס וועט קומען און אים אויסלעבן, ווייל —

ס׳גליט אין זון בלויז אין הימל, ס׳זינגט אין ליד אינעם האַרצן —
און ניטאָ מער קיין אַנדערע לידער״;

„כ׳האָב אַ ברונעם״ — אַ קוואַל. ניט קיין פלאַכער שטראָם און ניט אפילו קיין טיפע סאַזשעלקע נאָר אַ ברונעם, וואָס אין זיין דינקייט איז ער מעכטיק ווי אַן אָקעאַן, ווייל שטענדיק ריזלט ער און תמיד איז ער וואַך.

ביאַליקס דיכטונג איז ניט קיין קרייז־אַרטיקע נאָר אַ ספּיראַלע. אין דער פּאָעמע „מתי מדבר״, וואו דער „שטורם האָט פאַרשלעפּערט אויף אייביק אין אַ קרייז אַרום די גיבורים״, טרעפט אַז —

דעם מדבר דערעסט אויך זיין טויטע, זיין אייביקע שטילקייט״
דעמאָלט ווערט דער מדבר „אויפגערעגט״, פול מיט צאָרן —
„און ס׳דערוואַכט פלוצלונג אויף פון איר טויט־שלאָף די מחנה גיבורים
אַרום זיי — דער שטורם, אַרום זיי דער צאָן, עס דונערט!״

ניטאָ ביים דיכטער קיין אָפּגרונט צווישן שטורם און רו. מנוחה, ווייסט ער, גייט אָפּט איבער אין אַ שטורם, און דער שטורם — אין רו ווייל —
און ווידער ווערט שטיל ווי געווען, ווידער ווערט איינזאַם דער מדבר״.

באַ ביאַליקן איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן פּאָעזיע און פּראָזע. זיין דערציילונג, עסיי, קריטישע אָפּהאַנדלונג פאַרמאָגן אַזאַ אויסגעהאַלטענעם ריטם, אַזאַ ווערבאַלע אינסטרומענטאַציע, אַז זיין פּראָזע, ווי זיין ליד, לייענען זיך ווי מוזיק. אַ ביישפּיל ווי זיין ריטמישקייט גיסט זיך צונויף מיטן בילד איז זיין אויסגעהאַמערטע פון לויטער גאָלד עסיי „הלכה און אגדה״, וואָס ער הייבט אָן מיט די ווערטער:

„די הלכה האָט אַ צאָרנדיק פּנים, די אגדה — אַ שמייכלענדיק פּנים, די — אַ שטרענגע, אַ האַרבע ,האַרט ווי אייזן — מדת הדין, די אַ לייכטע, צאַרטע — מדת הרחמים... דאָ — אַ פעסט־געשטעלטער, אויס־געשמידטער סטיל, אַ גרויע, מאָנאָטאָנע שפּראַך — די מלוכה פון שכל; דאָ — פליסנדיקער, תמיד זיך בייטנדיקער סטיל, אַ פאַרביקע שפּראַך — די מלוכה פון געפיל... אַ זאַך און איר קעגנזאַץ? די וואָס מיינען אַזוי פאַר־

בייטן סובסטאַנץ מיט צושטאַנד און פאָרם מיט מאַטעריע, און צו ווען זיינען זיי געגליכן? צום יעניקן וואָס האַלט, אַז דאָס וואַסער און אייז פון טייך זיינען צוויי באַזונדערע מאַטעריעס... צוויי צושטאַנדן פון איין מהות, ווי וואַסער און אייז; ווי אַ צאַרנדיק פנים און אַ „שמייכלענדיק פנים", ווי „דער חלום וואָס ציט זיך צום באַשייד".

פאַראַן ביי ביאַליקן אַ מין דיאַלעקטישער רעאַליזם, וואָס זעט דאָס בשותפותדיקע אין סאַמע היפוכדיקסטן. ער זעט די סתירה, דעם קעגנזאַץ און דעם זיווג, דעם באַהעפט, ווי אַזוי זיי עקזיסטירן זייט ביי זייט, ווי זיי באַלעבן איינע די אַנדערע. דאָס זיינען קלאַנגען, וואָס גיסן זיך צונויף. אין דעם זין איז זיין שאַפן דיאַלעקטיש, ווייל דיאַלעקטיק מיינט ארומנעמען מיט איינמאָל טויזנטער זייטן פון איין דערשיינונג פון איין אנטפלעקונג. עס מיינט זען דאָס גרעסערע אינעם קלענערן, דאָס מערערע אינעם איינצלנעם, דערזען אין שקיעה דעם נייעם געבורט און אויפדעקן אין דער ווירקלעכקייט דאָס ווירקלעכערע.

סיי אין ביאַליקס נאַציאָנאַלן פאַטאָס און סיי אין זיין שטיל און לויטער ליבע־ליד, סיי אין זיין טרויעריקער עלעגיע און סיי אין זיין רוישיקער לעבנס־לוסטיקייט, איז פאַראַן די גאַנצקייט. ווען ער וויי־טיקט אויס אַ „ניין" באַווייזט זיך באַלד אַ „יאָ", ווען ער ברומט און צאַרנט, קומט די פאַרגיטיקונג פון אַ רחמימדיקן גלעט.

ביאַליק איז דער ברונעם פון נפש און פון צייט. ווייל זיין דיכטונג איז פול מיט וואַכיקן רויש ווערט דער לייענער אַ שותף צו זיין ליד. די וועלט פון די וואָכע איז אַ בשותפותדיקע.

„שטיל אַרום, מיין האַרץ נאָר פיל איך,
וויל ניט שווייגן, וויל ניט שטומען —
און איך הער אַ קוואַל אַ ריינעם
אין מיין האַרצן רוישן, ברומען".

אַ רוישיקער קוואַל, אַ קוואַליקער ברונעם, — אַ מעין המתגבר.

דער פשט פון דער וועלט

אברהם רייזענס ליד און דערציילונג



„וואָס איז אַ דיכטער? פרעגסטו ליבער,
טאָ הער מיין קינד: די וועלט איז גראָ,
נו פאַרבט ער זי צוביסלעך איבער,
אַמאָל אין גרין, אַמאָל אין בלאָ.
די רויטע פאַרב — זי קאָסט צו טייער.
נאָר ווען עס קומט אַ גרויסע נויט,
דאַן צינדט זי אָן זיין האַרץ ווי פייער,
און פאַרבט די וועלט אין פייער רויט".

„אין הימל פליט ער ניט, נאָר אויף דער ערד איז ער דער גרעסטער", אַזוי זאָל י. ל. פרץ האָבן כאַראַקטעריזירט זיין ייִנגערן בן־דור, דעם דיכטער און דערציילער, וואָס איז געוואָרן די לעגענדע פון פשטות אין דער ייִדישער ליטעראַטור — אברהם רייזען.

דער דאָזיקער בליציקער זאָג פונעם קלאַסיקער פרץ פאַלט צונויף מיט דער געלונגענער דעפיניציע פון ב. ריווקין, וואָס האָט געפאָדערט פונעם דיכטער, אַז „דאָס ליד זאָל באַלד מקוים ווערן אינעם לייענער", און האָט דערפאַר כאַראַקטעריזירט רייזענען ווי דעם דיכטער פון שטענדיקן „ברכה מאַכן אויפן ברויט פון לעבן".

אַן עקסקורסיע אין רייזענס ליד און דערציילונג ווייזט אונז ווי דער דיכטער אליין לערנט דעם פשט פון דער וועלט.

„פאָלקסדיכטער", „דאָס ליד אין וועלכן דאָס פאָלק האָט זיך אַליין דערקענט" — די דאָזיקע שבחים זיינען געקומען פריער ווי די אָפיציעלע קריטיק מיט אירע פירושים אויף רייזענס ליד און פראָזע. עס האָבן געמוזט

אפֿלויפֿן יאָרן ביז די קריטיק אַליין זאָל זיין גרייט אויפֿצונעמען רייזענס אייגענעם קלאָרן פּירוש אויפֿן תוך פֿון זיין שאַפֿן.

„בכלל האַלט איך, אַז כאָטש איך שרייב און זינג קלאָר בין איך אָבער ניט אַזוי פּשוט, ווי די קריטיק וויל מיך פֿאָרשטעלן. דווקא דאָס קלאָרע איז טיף און דאָס פֿאַרפּלאָנטערטע איז אַמאָל פֿלאַך... איך האָב ניט ליב סימבאָליק, וואָס איז געשריבן אין סימבאָליזירטער פֿאָרם. איך האָב אָבער ליב סימבאָליק, וואָס דרינגט ארויס פֿון אַ רעאַלער דערציילונג און אפילו פֿון אַ רעאַליסטישער ליד".

רייזענס ווערטער צעקלאַפּן דעם שאַבלאָן, אַז ער איז בלויז דער פֿאָלקס־דיכטער און מער ניט. דער באַוואוסטזיין פֿון זיין דיכטערישער אינדיווידואַלקייט אין באַציאונג צו דער וועלט, זיין טיף־לירישע וועלט־אויפֿפֿאַסונג, דאָס איז די מאָס פֿון זיין ליד און פּראָזע, פֿון זיין פּשטות אין פֿאָרם און אמת אין אינהאַלט. אַנשטאָט דער סימבאָלישער צופֿלאָסנקייט, במקום דער רעטאָריק איז רייזען געקומען מיט אַ פֿאַרבילדלעכט וואָרט, וואָס איז דורכגעוואָרעמט געוואָרן אין זיין האַרץ. אָט ווי דער פּאָעט אַליין רעקאָמענדירט זיין דיכטערישע קרעדאָ:

„איין וואָרט וואָס ער וועט זאָגן
מיט ליבע און פֿאַרטרויט
וועט אונז אַריבערטראָגן
אין וועלטן ניי געבויט"

פֿריער פֿאַר וואָרט איז געקומען דאָס לעבן און די וועלט, און רייזענס ליד איז פֿול געוואָרן מיט וועלט, דערפֿאַר איז ער געוואָרן דער באַלעבאָס איבער זיינע ווערטער־בילדער. דאָס בילד איז ביי אים ניט קיין צופֿאַל, נאָר פֿאַסיקע ראַם פֿאַר דער גאַנצער שטימונג, דערפֿאַר האָט ער געשאַפֿן יענע אַטמאָספֿער פֿון אַ פּאָעזיע, וואָס איז ניט ליידנשאַפֿטלעך, מאַכט ניט קיין קולות, אָבער שמידט דאָך צו דעם לייענער און האַלט אים אין אירע קלאַמערן.

„איך וויל זינגען מיין ליד ווי איך פֿיל,
איך וויל זינגען מיין ליד ווי איך טראַכט;
און וואָס נאָר איך וועב אין דער שטיל
וועט רוישן אין וואַכיקן פּראַכט"...

אָדער דאָס „קליינע גרויסע" פּרעכטיק ליד, וואָס וועט בלייבן אינעם פֿאָנד פֿון רייזענס רייכער ירושה. דאָס ליד וועגן ערשטן, וואָס האָט אויס־געטראַכט די אותיות:

דער פשט פון דער וועלט

„ווער איז געווען אַמאָל דער ערשטער,
וואָס האָט די אותיות אויסגעטראַכט?
געזעסן איז ער אַ באַהערשטער, ...
אין שטילקייט פון געהיימער מאַכט. ..

אין ווינקל וואַלד זיך וייט פאַרקליבן
און שוץ געזוכט פון אונטערגאַנג,
און צייכנס מיט אַ צווײַג געשריבן ..
אויף פּיכטער ערד ס׳זאָל בלייבן לאַנג.

און האָט דערנאָך באַטראַכט די שטערן,
אין זייער ליכטן זיך פאַרטיפט,
און האָט געטרייסט זיך: ס׳וועט געווערן,
ווי דאָרט די שטערן, דאָ זיין שריפט״.

דאָס ליד, געדרוקט אין 1926, אַן עטאַפּ אין רייזענס פּרוכטבאַרן שאַפן, דער עטאַפּ אין זיין רייפן דיכטערישן באַוואוסטזיין, וואָס האָט אים געפירט צו באַנעמען דעם זין פון דער געשיכטע פון מענטשלעכן וואָרט.

אָט די „שטילקייט פון געהיימער מאַכט״ האָט אין אים געצייטיקט די שטרענגע און ניכטערע קלאָרקייט פון באַנעם, וואָס פאַראייניקט דעם לירישן „איך״ מיט דער וועלט; יענער „איך״— וועלט־סינטעז, וואָס איז אַ סימן ברכה פאַרן דיכטער.

פאַראַן אַ באַוואוסטע פאָרמול וועגן ליד, וואָס ווערט אָנגעווענדט אויף עכטער פּאָעזיע: „אַ ליד איז דאָס געוויינלעכע, אומגעוויינלעך אויסגעדריקט״. דערמאָנענדיק די גאַנגבאַרע פאָרמולע שרייבט ריווקין וועגן רייזענען, אַז „זיין (רייזענס) פּערזענלעכע איבערלעבונג, די שיינקייט, בילדלעכקייט, וואָרט־עפעקט, זיין יחידיש אייגנטום, איז געוואָרן כלל־אייגנטום״.

וועגן דעם אַז דאָס ליד דאַרף ווערן כלל־אייגנטום רעדט דער דיכטער אַליין אין זיין כמעט אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג („די גניבה״). „עס איז אוממעגלעך שטיקן זיך אַליין מיטן ליד. עד היום גלויב איך ניט אין די פאַרריסענע פּאָעטן, וואָס זאָגן כלוממרשט, אַז זיי זינגען ווי דער פויגל נאָר פאַר זיך אַליין און די וועלט גייט זיי גאָרניט אָן! שקר וכזב! אַ מענטש איז ניט קיין פויגל און אַז אַ מענטש מאַכט אַ ליד מוז ער האָבן, דער מענטש הייסט עס, נאָך אַ מענטש מיט צוויי אויערן, וואָס זאָל זיין ליד אויסהערן״.

רייזענס רעאַליסטיש לידאיז אַ ליריש ליד, ווייל פּאָעזיע, וואָס האָט זיך ניט אָנגעשעפּט מיט רוים און צייט, די צימעדיקע ליריק און די „אין־זיך״ פּאָעזיע האָט זיך אָפּט אָנגעשלאָגן אָן די ווענט פון די אייגענע געפילן, ווי דער פויגל אין שטייג.

ליריזם איז בשום אופן ניט דאָס זעלבע, וואָס סוביעקטיוויזם, די וואָס האַלטן אַז דאָס ליד דאַרף קוועלן פון זיך און קרייזן אַרום זיך פאַר־שפּאַרן זייערע אייגענע עמאָציעס, שוין צוליב דעם אַליין וואָס זייער עסטעטישע אידייע ווערט איזאָלירט און צעשפּליטערט אויף איינצלנע, באַ־זונדערע דערשיינונגען.

„דער סאָפּיזם פון דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע באַשטייט אין דעם, וואָס די שפּירונג ווערט אויפגענומען ניט ווי אַ פאַרבינדונג פונעם באַוואוסט־זיין מיט דער אויסערלעכער וועלט, נאָר ווי אַ צאַם, ווי אַ וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם באַוואוסטזיין פון דער אויסערלעכער וועלט״ (וו. לענין, דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם, ז. 14 — 24).

רייזענס „שפּירונג״, זיין פילבאַרקייט צוזאַמען מיט זיין פּאָעטישער קלאָרקייט זיינען געבוירן געוואָרן פון יענעם אַרום לעבנס־אמת, אַז דער פּאָעטישער געמיט בלייבט שטענדיק אין דער פולקאָמער אָנגעהעריקייט צום כלל.

אַן איינציקע דערפאַרונג (אויך אין זיין פּראָזע!) איז בלויז אַ טייל פון דער פילזייטיקער רעאַלקייט און אַ סוביעקטיווע דערקענטעניש, וואָס איינס מיט אים אַליין און איז דאָך ניט ענג־פּערזענלעך, ניט „איכיש״.

„איך טראָג אין האַרץ אַ גרויסן צער,
ער איז ניט מיינער;
אָ, וועלט, נעם צו פון מיר דעם צער
ער איז דאָך דיינער״.

און דערפאַר וואָס ער גיט דעם לייענער צו פאַרשטיין און פאַרזוכן דעם צוויאיקן צער קאָן ער געבן אַזאַ קלאָרן פּירוש אויף דער ליריק, וואָס דערמאָנט אין יענעם גרויסן אמת, אַז מען דאַרף ניט בלויז דערקלערן און דערפילן די וועלט, נאָר טאַקע „זי איבערמאַכן״.

„איך — וועלט״, דאָס איז אַ גרונט־אידייע אין רייזענס פּאָעטישן שאַפן. אַזוי פּשוט קלינגען זיינע שורות, וואָס וועלן קיינמאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פון דער ליטעראַטור.

ווען די גאַנצע וועלט וואָלט לײַדן,

דער פשט פון דער וועלט

גוט זאָל מיר אַליין זײַן בלויז —
וואָלט איך דאַן די וועלט די גאַנצע
איינגעלאַדן אין מײַן הויז.

איך וואָלט טרייסטן זי און צערטלען ..
און געזאָגט: ניט זאָרג זיך וועלט!
ביז זי וואָלט צו זיך געקומען,
און זיך אויף די פיס געשטעלט. ..

ווען די וועלט געווען וואָלט גליקלעך
איך אַליין בלויז פול מיט לייד, ..
וואָלט איך דאַן צו איר געקומען
און געפאָדערט: גיב מיר פרייד!

אָבער אַז מיר בײדע ליידן, ..
סיי די וועלט און איך אַליין —
האָט די וועלט ניט וואו צו קומען,
און איך האָב ניט וואו צו גיין".

„**אויב עס** איז פאַראַן בא אונז אַ קינסטלער, וואָס איז טיף מענטשלעך, איז דאָס רייזען מיט זיינע שילדערונגען פון אַלטעגלעך יידיש לעבן. סיי די גוטמוטיקייט, סיי דער ליריזם, סיי דער הומאָר שטרייכן אונטער די טיפע מענטשלעכקייט.. . עס טליעט ביי אים אַ האָפנונג אומבאַוואוסט, אויף עפּעס בעסערס" (שכנא עפּשטיין, 1926).

פון אויבן אויף קאָן זיך דאַכטן, אַז דאָ ליגט אַ טיפע סתירה, דער דערציילער, וואָס שעפּט זיין טעמאַטיק פון די טיפסטע פאָלקס־קוואַלן באַפּוצט ניט קיין זאַך, פאַרשלייערט זיי ניט אין טיפע כוונות. און אַלץ איז בלויז אַן עמאָציאָנעלע דערפאַרונג, ווי אַזוי קאָן ער אָנווייזן אויף „עפּעס בעסערס?"

ר ח מ י ם איז אַ לייט־מאָטיוו, וואָס שטראָמט אין רייזענס דערציילונג. זיין מיטלייד מיט די מענטשן (און דער וואָרט אַליין „מיט־לייד" איז, האָט אין זיך דעם צווייענדיקן „איך־דו"־באַדייט). רייזען טרעט אָבער ניט אָפּ פון דערווירקלעכקייט. ער גרונטעוועט זיך צו די וואָרצלען פון דער זאַך, צו אַ טיפערן רעאַליזם, וואָס ווערט באַצייכנט ווי „קריטישער רעאַליזם".

ער דערגרייכט דעם רעאַליזם דורך קינסטלערישן דעטאַל, דורכן בילד. ער הייבט אַרויס איין שטריך פון אַ געשטאַלט, וואָס איז די פּאַראַלגעמיינערונג, דער סך־הכל פון סאָציאַל.

מעגן די מעשות אויסקוקן, אויפן ערשטן בליק, ווי אַן אויסדרוק פון אַן איבערפלעכלעכן צוקוקן זיך צום לעבן. זיי ווערן אָבער גיך פאַרוואַנדלט אין זיין דערציילונג אין אַ געוועב פון זעאונגען, וואָס זיינען געמישט מיט דערציילערישער חכמה. דער רעאַלער פאַקט ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ טיפער זעאונג, וואָס זעט זיך דורך דעם סוזשעט. עמיצער האָט רייזענען פאַרגליכן מיט טשעכאָוון. זיינע דערציילונגען פאַרמאָגן טאַקע עפּעס פון טשעכאָווס געפילס־זעאונג, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם זאָץ: „קונסט איז דאָס וואָס דאָס האַרץ דערפילט וואָס דאָס אויג דערזעט ניט".

„רייזענס זען, — שרייבט ב. ריווקין, — איז דאָס זען בחוש, מיט אַלע חושים. ער שפּירט, דערקענט. עס איז אַ זען מיטן האַרצן. און ווען מען זעט אַזוי איז מען במילא ווייסנדיק און פאַרשטייענדיק".

דער יסוד פון רייזענס פּראָזע האָט אומעטום אַ סאָציאַלן הינטערגרונט, אויבנאויפיק איז עס שטייגער לעבן פון שטעטל אין דער אַלטער היים, אָבער ווען מען לייענט זיך אַריין דערשפּירט מען ווי די דאָזיקע שטייגער־שילדערונג וועפּט זיך אויס און ווערט אַן אויפלויכטנדיקע אַל־מענטשלעכע אידייע. רייזענס דערציילונג איז בלויז יידיש לויט דער חיצוניותדיקער דעקאָראַציע, לויט דער פאָרם. זי איז מענטשלעך לויט דער פּנימיותדיקייט. פון זיין שטייגערישן משל וויקלט זיך אויס דער אידייאישער נמשל, וואָס איז אין זיין עסענץ, אין סאַמע תוך, אוניווערסאַל.

אין זיין פּרעכטיקער דערציילונג „דער בוים", וואָס קאָן פאַררעכנט ווערן ווי אַ פּערל אין דער וועלט־ליטעראַטור, זעט דער אָרעמער יידישער שניידער ניט אויס ווי פּרצעס יידישער העלד, וואָס פאַריומטובט די וואָך, אָדער פאַר־וועלטלעכט דאָס יידישע, אויך ניט ווי שלום עליכמס תחום־ייד מיט זיין טרויעריקער חדווה, נאָר דער מענטש מיט זיין איינגעבוירענעם געפיל פון לעבן און ליבע צו אַן איינציקן בוים, וואָס ער פאַרמענטשלעכט, ווייל „אַ בוים איז געגליכן צו אַ מענטשן"; „און דער בוים וועט אונז אַלעמען איבערלעבן" — „עפּעס העכערס פון שער און אייזן".

פון רייזענס קליינשטעטלדיקער טעמאַטיק, וואָס זעט אויס אויבנאויפיק ווי אַן אַנעקדאָטישע שטעטל־דערציילונג, שטייגן אויף מענטשלעכע פּראָ־בלעמען וואָס דערהייבן די טעמע צו אַ סאָציאַלן סימבאָל.

„אברהם דער שוסטער", וואָס ציט זיין חיונה פון דער קליינשטעטלדיקער בלאָטע, קאָן בשום אופן ניט באַגרייפן די מעגלעכקייט, אַז די גאַסן זאָלן אויסגעברוקירט ווערן. ער נעמט זיך אַזוי צום האַרצן, אַז ער שטאַרבט פון עגמת נפש. ווען דער ברוק איז שוין פאַרטיק, אַ יאָר נאָך זיין טויט, גייט זיין ווייב, פעשע, אויף זיין קבר און טענהט: „אברהם, אברהם, אַז דו וואָלסט איצט אויפגעשטאַנען און וואָלסט אַ קוק געטאָן וואָס פון דער בלאָטע איז געוואָרן, וואָלסטו נאָכאַמאָל געשטאָרבן"...

מען דערשפירט אין די געציילטע שורות פון דער מיזערנער דערציילונג די קראַפט פון באַלעמעלאַכישער האַרעוואַניע, וואָס ווערט געשטעלט קעגן כח פון מעכאַניזאַציע (אויטאָמאַטיזאַציע). „אַ סמיכת הפרשה! — האָט זיך אברהם געמאַכט כלומרשט ניט פאַרשטייענדיק. — וואָס געהערט דער ברוק צו מיין אַרבעט? לײדאַקעס וואָס מיינט איר זיך? איר וועט די וועלט איבער־מאַכן? אַזוי לאַנג קרענקט איר, ווי לאַנג עס וועט נאָך זיין בלאָטע. איר וועט נאָך אָנקומען צו מיר, צו מיר, צו אברהם דעם שוסטער, וואָס וועט נייען בייע שטיוול", ווייל ער „וועט זיך אויסלערנען. ער האָט אַ גרויסן שטערן".

אַזוי לויכט און שטראַלט דורך די שטייגער־שילדערונג פון דער מעשה דורכן דעטאַל, וואָס איז אַ רמז. און דאָס זעלבע אויך אין דער דערציילונג „שליפּעס". די צוויי גרויסעביילן, ווי פויסטן, אויפן רעכטן און לינקן קאַרק פון יידישן מוליער, וואָס האָבן זיך אָנגעריבן פון שלעפּן מולטערס ליים און ציגל. „כשר פאַרדינטע שליפּעס", פאַרענדיקט דער דערציילער דאָס בילד מיט איין שטריך. די שליפּעס בלייבן, אָבער קיין סענטימענטאַלע רחמנות צום אומגליקלעכן מוליער לאָזן זיי ניט איבער. עס בלייבט גאָר אַ מונטערע שפּירונג, וואָס וועקט און דערהייבט. ס'איז די מונטערע פריילעכקייט פון דעם פאַרהאָרעוועטן מענטשן, וואָס איז שטאָלץ מיט זיין אַרבעט, וואָס ווייסט, אַז די פּראַצע־צייכנס וועלן אַמאָל ווערן צייכנס פון כבוד און רום.

אָדער די דערציילונג די „קנעטערין". שרה די אלמנה, וואָס פלעגט „וואַשן גרעט פאַר די רייכע שטעטלשע באַלעבאָסטעס פאַר פסח". ווען עס זיינען איר כמעט אויסגעגאַנגען די כחות איז איר איינגעפאַלן צו דינגען פאַר די פאַר אָפּגעשפאָרטע גילדן אַ „מענטשן" צו מאַכן פאַר איר דעם פסח. זי דינגט פאַר צוויי גילדן כאַשען, די אלמנה, וואָס דינט אויך ווי זי שרה, ביי באַלעבאָסטעס. און אַז די דינערין, שרה, זעט ווי איר „דינסט" כאַשע נעמט שלעפּן דעם קאַסטן, פאַרקלעמט איר דאָס האַרץ און זי העלפט איר אַרויס. דער סוף: „ביידע אַרבעטן מיט דעם זעלבן חשק. „און זעענדיק ווי זיי אַרבעטן

ביידע, וואָלט שווער געווען צו דערקענען ווער איז דאָ די באַלעבאָסטע און ווער די געדונגענע״...

און די סקיצע „דער טרעגער״, וואָס בענקט אַזוי נאָך אַ משא. „עפּעס אַ שווערן קאַסטן זאָל מען אים געבן! ער וואָלט מיט אים געפלויגן, ווי דאָס בעסטע פערד... נאָר קיינער באַמערקט אים ניט, קיינער רופט אים נישט, און מענטשן זיינען דאָ אַזויפיל, אַזויפיל!״

אין איין דעטאַל ווערט אָפּגעמאָלן דער גאַנצער טראַגיזם פון דעם האַרעפּאַשניק, וואָס וויל אַ שווערע לאַסט און קיינער קויפט אים ניט. דער טרעגער זעט ווי פאַרביי אים טראָגן זיך „איילנדיק מענטשן, וואָס קוקן ניט אין זיין זייט, ווי ער וואָלט אַ סלופּ געווען...״

„גזלנים! גיט כאָטש אַ קוק אויף מיר — איך בין דאָך אַ מענטש! דאַכט זיך ,אַז פּשוטער דערשיטערנדיקער און פּלאַסטישער קאָן מען אַזאַ שטימונג ניט אויסדריקן. „איך בין דאָך אַ מענטש!״ דעם ערשטן אַנוואַקסנדיקן באַוואוסטזיין פון אַרבעטסלאָזן מענטשן, וואָס שפּירט אין זיין „אַנטווערטונג״ זיין מענטשלעכע ווערדע ווען אויף זיין „פערדישער קראַפט״ וויל זיך קיינער ניט אומקוקן.

אין דער סקיצע „דער מאָלער״ דערזעט דער קינסטלער אַ מוטער מיט אַ קינד „און אין די בליקן איז אַזויפיל טרויער געלעגן, אַזויפיל צער פון בענקען, אַז דעם מאָלערס האַרץ האָט זיך אָנגעגאָסן מיט ווייכע געפילן״. דער מאָלער האָט פאַראייביקט דאָס בילד און איז געווען פול מיט „אינע־ווייניקסטער שמחה. „דאַכט זיך ניט קיין בילד, נאָר דאָס גליק פאַר זיך באַשאַפן״. דאָס בילד „עלנט״ איז פאַרקויפט געוואָרן. מען האָט עס אָפּ־געשאַצט. ער איז באַרימט געוואָרן. באַלד קומט דער מוסר־השכל, דער רייזענישער „מאי־קא־משמע־לן״. „דער גיפטיקער געדאַנק, וואָס לאָזט נישט רוען. דער ביטערער עלנט ווערט אויסגעזויגן ביזן דעק אין דעם גאַלגן־הומאָר: „כאַ־כאַ! דאָס טויטע בילד אויפן לייוונט ווערט אייביק לעבן און זי אַליין, מיטן האַרץ, מיט געפילן, איז פאַרשוואונדן געוואָרן״...

אין אַ קורצער אָפּשאַצונג פון רייזענען האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי אַ פּאָר בילדערישע שורות. „רייזען האָט ליב צוצולייגן זיין האַנט צו דעם מענטשנס נשמה, כדי דערטאַפּן דעם ערשט־קוים באַמערקבאַרן אויפקום פון אַ שפּירונג אָדער געפיל״. זשיטלאָווסקי ציטירט דעם פילאָסאָף לייבניץ וועגן דער העכערער מאַטעמאַטיק, דעם פאַרוויקלטן חשבון פון די „קליין־גרעסטע גרויסן״. ער שרייבט: ווען מען שיט אויס אַ שעפל קליינע קערנער

הערט מען זייער גערויש. דער גערויש איז אָבער אַ סכום פון יענע גאָר קליינע גערוישן, וואָס יעדעס קערנדל מאַכט. נאָר — ווען עס וואָלט זיך באַוועגט נאָר איין־און־איינציק קערנדל, וואָלטן מיר זיין גערויש ניט געהערט״.

דעם קינסטלערס אויג דערזעט דאָסווירקלעכע, דאָס רעאַלע אין קליינעם טאָג־טעגלעכן דעטאַל. דאָס האַרץ וואָס איז „אָנגעגאָסן מיט ווייכע געפילן״ דערזעט ווייטער און העכער און דערהערט דעם גערויש פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט אין איין דעטאַל, אין איין קערנדל.

בטחון און גלויבן

שלום אש: „דער תהלים ייד״

„די געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס די הויפּט־שטריכן פון זיין כאַראַקטער זיינען פשוטקייט און מענטשלעכקייט, די געשטאַלט פון דעם תהלים ייד מיר גלויבן אין ר׳ יחיאלן, דער תהלים ייד, מיר גלויבן אין זיין רעאַליטעט, און דאָס איז נאָך פיל וויכטיקער ווי גלויבן אין זיין גלויבן״ (ש. ניגער)

פון אלע דריי קאַפּיטלעך תהלים, וואָס הייבן זיך אָן מיט די ווערטער „תפלה״ — שטייט געשריבן אין מדרש — תפלה למשה, תפלה לדוד און תפלה לעני, איז די לעצטע תפלה אָנגעקומען. די לעצטע, „תפלה לעני כי יעטוף״, אַ ליריש געבעט פון אַן אָרעמאַן איז די וויכטיקסטע. דאָס איז די פּאָעזיע פון דעם אָרעמען און וואַכעדיקן מענטשן, וואָס שילדערט די פּיין, די ליידן און האָפנונגען פון דעם עני ואביון.

ניט דאָס געבעט פונעם פירער און די תפלה פונעם קיניג מאַכן אַ רושם, נאָר די בקשה פונעם אָרעמאַן. פון דעם דאָזיקן שטילן געבעט זיינען אַרויסגעוואַקסן דריי וועלט־רעליגיעס און די תפלה האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די וועלט־ליטעראַטור.

אין זיין פּרעכטיקער עסיי־שמועס „ווי איך האָב זיך געלערנט שרייבן״ רעדט מאַקסים גאָרקי וועגן די שאַפונגען וואָס מען רופט רעליגיעזע אָבער אין דער אמת׳ן זיינען זיי קינסטלערישע שאַפונג... „איך האָב זיך געלערנט שרייבן ביים תהלים. איך האָב שטאַרק ליב געהאַט אָט דאָס בוך, — עס רעדט מיט אַזאַ וואונדערלעכער מוזיקאַלישער שפּראַך. ווען יאַקאָוו קאַטעל־

ניקאָוו, מיין זיידע, און בכלל די אַלטע לייט האָבן זיך געקלאָגט איינער פאַרן אַנדערן אויף זייערע קינדער, האָב איך זיך דערמאָנט אָן די קלאָגעגישן פון דעם קיניג דוד פאַר גאָט אויף זיין זון דעם בונטאַר אבישלום".

עס איז קיין שום ספק ניט אַז דער יידישער זון פון קוטנע, וואָס איז געבוירן ביי די ברעגעס פון דער ווייסל און האָט געלויכטן ווי אַ מעטעאָר מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אין דער ליטעראַטור, אַז ער האָט אין זיין מאָנומענטאַל ווערק "תהלים ייד" אויפגעכאַפּט מיט דער גאַנצער קינסטלערי־שער פּרעציזקייט די „וואונדערלעכע מוזיקאַלישע שפּראַך", די עטישע ליריק און דעם גאַנצן לויב פאַרן מענטשן, וואָס איז דאָ אין יענעם בוך.

ווען שלום אַשס "תהלים ייד" איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1932, האָט מען דאָס ווערק באַצייכנט ווי זיין קרוין־שאַפונג. דעם „תהלים־ייד" האָט אַש באַשאַנקען מיט דער רייכקייט פון זיין פאַנטאַזיע, מיטן בעסטן פון זיין קינסטלער־חלום. עס איז אַ ווערק, וואָס איז אפשר די העכסטע מדרגה פון אַ שעפערישן ראָמאַנטיזם, וואָס איז איינס מיט רעאַליזם, אַ רעאַליזם פון מענטשלעכער הייליקייט אין וועלכן די נויטן און ליידן פון הארטן און טונקעלן עלנט ווערן באַשטראַלט פון לויטערן גלויבן פון דעם אָרעמאַן; ניט מיט דער ראָמאַנטישער דעקאַראַציע און אידעאַליזאַציע פון חסידישער נגידישקייט, ווי אין די פּאַטריאַרכאַלע „שלמה נגידס" און יחזקאַל גאָמבינערס.

אויך אין דעם ווערק איז אַש פאַרבליבן דער ראָמאַנטיקער. ער איז דאָ, אין תוך, מער דיכטער ווי פּראָזאַאיקער. זיין ראָמאַנטיק איז אַ רעאַלע און זיין רעאַליזם — אַ ראָמאַנטישער. אַזוי ווערט דאָ אויסגעגליכן די מערכה פון פּאָעזיע און פּראָזע.

„דער ראָמאַנטיזם איז ניט געווען בלויז אַ ליטעראַרישער סטיל. ער איז געווען אַ וועלט־אויפפאַסונג, אַ וועלט־אַנשויאונג, אין אים האָבן זיך אויסגעדריקט באַשטימטע פּסיכאָ־אידעאָלאָגיעס", שרייבט דער סאָוועטישער שרייבער יחזקאל נוסינאָוו. איז אמת, אַז די גרונט־שטריכן פון ראָמאַנטיזם זיינען פאַרבליבן אידעאַליזם, אויסער־היסטאָרישקייט, פאַנטאַסטישקייט, דער ראָמאַנטיזם פאַרמאָגט אָבער אַן אייגנשאַפט, וואָס מאַכט אים נאָענט צום סאָ־ציאַלן רעאַליזם. דאָס איז זיין אַקטיווקייט. הגם די ראָמאַנטיקער האָבן אָפט אויסגעדריקט די סאָציאַלע מאַכטלאָזיקייט, האָבן זיי ניט אַלעמאָל אויסגע־דריקט סאָציאַלע מאַכטלאָזיקייט. זיי האָבן אויך אַרויסגערוקט דעם סאָציאַלן ווילן צו טאָט, געוועקט צו אַקטיווע מעשים.

גאָרקי האָט דערפֿאַר דעפֿינירט דעם אַקטיוון ראָמאַנטיזם ווי די שטרעבונג „צו פֿאַרשטאַרקן דעם מענטשנס ווילן, דערוועקן אין אים אַ בונט קעגן דער גרויער ווירקלעכקייט... ביי גרויסע קינסטלער איז רעאַליזם און ראָמאַנטיזם שטענדיק ווי פֿאַראייניקט".

גאָרקי איז אויך געווען אַ ראָמאַנטיקער ער איז אָבער געווען דער דיכטער פֿון ווילן. ער באַזינגט ניט די אָרגאַניזאַציע פֿון שטאַרקן ווילן, נאָר די דרייסטקייט און מוטיקייט. זיין „שטורעם פֿויגל" איז דערפֿאַר אַ לעגענדע אַריינגעטריבן אין דער ווירקלעכקייט. עס איז „ווי מען טרייבט טיף אַריין אַ בילד אין מעטאַל, מען צעגליט דעם מעטאַל און דערנאָך קריצט מען איין, גראָבט מען איין די אידייע פֿונעם קינסטלער, די וויזיע אויף אייביק" (דר. א. קאָראַלניק).

אין זיינע פֿריערדיקע ווערק האָט אַש ניט אויסגעמיטן דעם ראָמאַנטישן סענטימענטאַליזם און ניט די אַבסטראַקטע מאָראַל און די צעריסנקייט, די „צוויי־שטאַקיקייט" פֿון „גאָט פֿון נקמה" (אונטן אַ הייזל, אויבן — אַ ספר תורה), די צוויייאיקע וויזיע פֿון הימל און ערד, וואָס זיינען אָפּגעשיידט. אין „תהלים ייד" באַווייזט ער זיך ווי אַ דיכטער־רעאַליסט, וואָס וויל פֿאַראייניקן דעם העלדס אויסגעטרוימטע וועלט מיט דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייט. דאָ, אין „תהלים ייד", „איז אים געלונגען אַנצופֿילן דאָס ווערק מיט האַנדלונג, ניט נאָר מיט מאָראַל, מיט נשמה לופֿט, נישט מיט לופֿטיקע נשמות, אים איז געלונגען צו מאַכן פֿון יחיאלן אַ לעבנס־געשטאַלט, אַ געשטאַלט, וואָס ווי הויך און געהויבן זי איז איז זי דאָך פֿלייש און בלוט, אַ געשטאַלט, וואָס ווי אידעאַליסטיש זי איז, איז זי דאָך רעאַל" (ש. ניגער, דערציילערס און ראָמאַניסטן).

יחיאל איז אַ וואָכעדיקער רבי. ער האָט גאָר קיין רבי ניט געוואָלט זיין און דערפֿאַר האָבן די פּראָסטע, אָרעמע פֿאָלקס־מאַסן זיך געצויגן צו אים ווי פֿונקען צו אַ פֿלאַם. אַ תהלים ייד, אַ פּשוטער אָרעמער ייד פֿון די פּראָסטע תהלים־יידן, וואָס האָט ניט קיין קאָפּ און קיין געמיט פֿאַר לערנעריי. ער זוכט ניט קיין גאָט, ווייל ער האָט דאָס געטלעכע (וואָס איז ניט אַנדערש ווי דאָס מענטשלעכע) אין זיך. ציען זיך דערפֿאַר צו אים „די שוסטער מיט די פֿאַרהאָרעוועטע הענט, די באַלעגאָלעס מיט די צעשויבערטע האָר, צעפֿלויגענע בערד און צעריסענע פּנימער פֿון שניי און רעגן און דורכגעווייקטע לייבער". די אָרעמע האָבן געדאַרפֿט האָבן טרייסט, גלויבן, אַקטיוון בטחון און דאָס האָט ער זיי געגעבן. ער האָט זיי באַוויזן

רחמנות. ער איז פאַרמערט געוואָרן פון מענטשלעכע ליידן, וואָס ער האָט געזען אויפן מאַרק און דעם דאָזיקן צער געוואָלט לינדערן מיטן כוח פון זיין לויטערן מיטלייד: „יעדעס מענטשלעכע אומגליק, ידער לייד, יעדער נויט האָט זיין האַרץ צעריסן און געלעכערט".

אַש איז דאָ טריי געבליבן דעם יידישן, תהלימדיקן על־האדמה־רעאַליזם און דעריבער קומען אַרויס אפילו די פאַנטאַסטישע נסים־סצענעס אַזוי רעאַל, מענטשלעך און ליכטיק. אַוודאי האָבן מיר דאָ געניג פון אַשס פריער־דיקע מאָטיוון (וואָס ער האָט שפּעטער איבערגעחזרט אין די „קריסטוס"־ווער) ווי „קאַמף מיט די געטער", קדושה און טומאה, ליכט מיט פינצטערניש. יחיאל האָט אָבער דעם כוח דורכלייכטן די פינצטערניש מיט זיין ליכט. „עס ווערט דורכגעלויכטן פון יחיאלן דאָס פינצטערע פויערל טאַדעאוש, עס דער־שרעקט זיך פאַר יחיאלס דרייסטן קוק טיטוס, דעם פריצס הונט" (ש. ניגער), ווייל — „עס איז געלעגן אין יחיאלס בליק די זיכערקייט און יענער גלויבן אין זיך, וואָס האָט נאָך אַמאָל די ערשטע חיה אונטערטעניק געמאַכט פאַרן מענטשן". מעג די וועלט בלייבן ווי זי איז געווען, וואַכעדיק, בייז און טונקל, ער, יחיאל, וויל איר דאָך געבן אַ תיקון, אַן עטישן תיקון.

און דעם דאָזיקן תיקון זוכט ער אויף דער וואַכעדיקער ערד. ער ווייסט, אַז אויך די געשעענישן פון פּראָסטן טאָג זיינען סודותפול. ער זוכט ניט דאָס שיינע און דאָס וואונדערלעכע אין די הימלישע געצעלטן, נאָר אין גרויען, טאָג־טעגלעכן יאָך. פון זיין קינדהייט אָן האָט יחיאל „געפּילט דעם עול, וואָס איז געפאַלן אויף זיינע פּלייצעס", ווען ברוך־משה, זיין פאָטער, פאַרלאָזט די הַיים און פאָרט אַוועק קיין טאָמאַשאָוו, וויל אַנטלויפן פון דער אָרעמער, וואַכעדיקער ווירקלעכקייט און זיך געפינען אין די העכערע היכלות פון זיין פאַרמוחטן און פילאָסאָפירנדיקן רבין, בלייבט יחיאל אין דער היים צו העלפן דער מאַמען אין איר ביטערער האָרעוואַניע.

יחיאל וואַקסט מיט דער מאָסע תהלים־זאָגער און מיט אים שטייגט און וואַקסט אויך דער פאַלקישער המון, די באַעוולהטע און באַליידיקטע מארק־יידן, וואָס שעפּן אמונה און בטחון פון זייער רבין, וועלכער לערנט זיי, אַז „די פליכטן פון בין אדם למקום זיינען שטענדיק נאָר אַ צוגאָב צו די פליכטן פון בין אדם לחברו".

אַש וואַרפט ניט אַריין דעם לייענער פון „תהלים ייד" אין אַ געווירבל פון סאָציאַלע קאָנפליקטן פון יענער תקופה, נאָר מיט אַ פעסטן ווילן פירט ער אים תופס זיין דעם גרונט־מאָטיוו פון זיין ראָמאַן, וואָס איז אין תוך

די טעמע פון זיינע אַנדערע ווערק : אמונה און בטחון, אָבער מיטן צוגאָב פון אַ נייער שליחות, אַקטיווע מעשים, אַפּאָטעאָז פון גרויסן מענטשלעכן טאַט.

די געשיכטע פון יחיאלס לעבן הייבט זיך אָן אין דער ערשטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, ווען די „נאַפּאָלעאָנישע חילות האָבן נאָר־וואָס דאָס לאַנד אַדורכגעצויגן. די מלחמות פון גוג און מגוג זייַנען שוין אַדורכגעגאַנגען און די טריט פון דעם פאַרשפּעטיקטן משיח הערן זיך נאָך אַלץ נישט..." און די שטורעמדיקע און אויפגעטרייסלטע עפּאָכע האָט אויך אַרויסגעגעבן איר נייעם צדיק, אַ רבי, וואָס האָט ניט געשטאַמט פון רביים און האָט זיין טראָן ניט געירשנט פון זיינע עלטערן, און ווייל ער איז אַ מענטש פון דעם המון איז זיין הייליקייט אַן ערדישע. ער איז ניט קיין פּאַרטיקער צדיק, ניט קיין גאַנצער, ווי אַש זאָגט „נישט קיין קדוש וטהור פון געבורט, און קיין פּרוש קאָן ער אויך ניט זיין. ער קאָן ניט צעברעכן די תאווה... אַלץ וואָס ער קאָן טאָן איז זי צו רייניקן דורך גוטער כוונה", אָדער „הייליקן די ערד מיט זיין ריינקייט".

אין דעם ניי־צוגעשריבענעם קאַפּיטל „יחיאל מאַכט זיך אַ חבר אין הימל", זאָגט יחיאל צום מלאך : „גיי שוין, גיי. דיר איז וואוילער, וואָס דו ביסט אַ מלאך, נישט קיין זינדיקער מענטש ווי איך. דו קאָנסט זיין גוט און פרום וויפיל דו ווילסט נאָר אליין". און נאָך אַ וויכוח צווישן מלאך, וואָס וואוינט אין הימל און יחיאלן, וואָס לעבט אויף דער זינדיקער ערד, באַשליסן ביידע, אַז זיי וועלן זיך שוין טרעפן : „אַמאָל וועל איך (דער מלאך) אַראָפּקומען צו דיר, און אַמאָל וועסטו אַרויפקומען צו מיר".

יחיאל ווייסט, אַז צוליב דער מיאוסער ווירקלעכקייט, צוליב דער שפּלער וועלט קאָן מען קיין גאַנצער ניט זיין, אָבער ער האָט אַ ציל פון שלימות פאַר זיך. עס איז ניטאָ אין אים דער צאָרן פון אַ שטראָפער, נאָר די לויטערקייט פון אַ הייליקן און די צעבראָכנקייט פון אַ זינדיקן. ער איז אַ מענטש, וואָס ווערט געשטרויכלט, פאַלט אום, הייבט זיך אויף און שפּאַנט אַוועק ווייטער. זיין צעבראָכנקייט איז די צעבראָכנקייט פון הכנעה. ער איז מקיים דאָס אַלטע חסידישע וואָרט : „אַזוי ווי לוחות מוזן צעבראָכן ווערן, כדי גאַנץ צו זיין, אַזוי מוז אַ האַרץ זיין צעבראָכן, כדי גאַנץ צו זיין".

די שטימונג, וואָס יחיאל שאַפט אַרום זיך, אין זיין חסידישער סביבה, איז אַ שטימונג, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דער תקופה, אין וועלכער ער האָט געלעבט. דאָס בעשטישע חסידות האָט שוין דאָן אָנ־געהויבן דעגענערירן און זיך קייקלען אויפן וועג צו ירידה. עס איז געווען

אַ צייט, ווען דער פרומער מאָסן־מענטש האָט געזוכט אַ פירער פון זיינע אייגענע רייען, און יחיאל, מיט זיין גאַנצן פאַלקישן כאַראַקטער, האָט איבערן וואָכעדיקן לעבן געלאָזט לייכטן די קדושה פון יום־טוב. אַט דעם סינטעז פון הימל און ערד, פון שבת און וואָך, האָט אש געגעבן אינעם בוך. דאָס גיט דעם „תהלים ייד" דעם כאַראַקטער פון רעאַליזם פון קדושה.

אויב יחיאל איז דער מוסטער־טיפּ פון דעם וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די מדת הרחמים, ווערט דאָ מענדל קאָצקער דער אַנטי־טעזיס פון יחיאלן, די געשטאַלט פון מדת הדין. דער קאָצקער מעסט די תהומות פון דער וועלט מיט דער מאָס פון ליידנדיקן אינטעלעקטואַל, וואָס גראָבט אין די טיפענישן. ער דערשיינט אין „תהלים ייד" ביים אָנהויב פון זיינע ראַנגלענישן מיט זיך און מיט זיינע חסידים.

אָט ווי אַש שילדערט אים: „אַליין איז ער באַוואָקסן, ווי ער וואָלט שוין לאַנגע יאָרן פון דעם שטיבל נישט אַרויסגעקומען. שטיקער דיקע פּענטעס, באַפּעדערטע פיאות פון אונטער דעם באַפּעדערטן קאַפּל אַרויס־געשטאַרט שטייף ווי דראָטן, אַזוי ווי די פיאות האָבן אויך שטיקער שוואַרץ־גרויע באַפּעדערטע האָר פון דער באָרד, געדיכטע שטיקער, צו־זאַמענגעפּלאָכטן מיט פיאות און באַקן־בערד, אויסגעזען ווי אין געדיכטער וואַלד. די אויגן קוים פון די געדיכטע לאַנגע ברעמען אַרויס. ער איז געווען פאַרחושט און פאַרטיפט אין „מורה נבוכים". האָט אומגעדולדיק געקייט שטיקער באָרד צווישן די ליפּן, בשעת ער האָט געטראַכט. נערוועז יעדן מאָל מיט די באַהאָרטע דיקע פינגער געכאַפּט אַן אַנדער ספר, אַריינגעקוקט, אַוועקגעוואָרפן און אָנגעהויבן צו ריטשען מיט די לאַטשן איבער דער שטוב".

דער קאָצקער איז געווען אַ טיפער דענקער און געוואָלט פאַראייניקן ס׳האַרץ מיטן מוח. ער האָט זיך געשטעלט גרויסע אויפגאַבן, און ווען ער האָט זיי ניט דערגרייכט איז ער געוואָרן אַ טראַגישער מתבודד, זיך פאַר־קליבן אין אַ חדר, גערעדט מיט די שאָטנס אויף די ווענט, מיט שפּינוועבס אויפן באַלקן און געטריבן פון זיך די חסידים, וואָס האָבן פון אים געמאָנט עולם הזה.

דאָס קאַפּיטל „אין אַ גאָלדענער שטייג" אין „תהלים ייד" טרייסלט אונז אויף מיט דער טיף־טראַגישער און דערהייבענער שילדערונג פון דער פּערזענלעכקייט: דער קאָצקער רבי.

אַש מאָלט דעם רבין ווי ער זיצט „אין דער טונקלקייט פון דעם אויס־

גייענדיקן שבת און זיי דאָרטן, זיינע חסידים אין בית־מדרש, האַלטן איין די מלכה, דעם שבת, ווי אַ געפאַנגענעם פויגל, און לאָזן זי נישט אַוועק".

„אין דעם טראַגישן געראַנגל צווישן שבת און וואָך דערמאָנט ער זיין חבר און רבין דעם רבין ר' בונם, ווי ער איז פון אַ יידנס וועגן באַרייט געווען אפילו אַן עבירה צו טאָן און זיין חבר ר' יצחקל וואורקער, וועלכער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם גרויסן זאַק, די מצווה פון פדיון־שבוים. זיין הויז איז געווען אַן אַפּרו און אַ באַשיצונג פאַר אַלע געליטענע און דער־שלאָגענע. דורך זיין האַרץ זיינען דורכגעגאַנגען אַלע שטורעמס פון יידישע קרעכצן; דורך זיינע אויגן — אַלע טרערן. און ער, דער קאָצקער, וואָס האָט ער געטאָן?...

„אָבער דער קאָצקער גיט זיך נישט אונטער: 'איך בין נישט קיין בייגל־בעקער, גאָט האָט מיר נישט געגעבן קיין קויש מיט בייגל צו פאַרטיילן'. טוב לי כי עוניתי למען אלמד חוקיך (עס איז גוט, וואָס דו האָסט מיך געפּייניקט, כדי איך זאָל אויסלערנען דיין געזעץ). דער מענטש איז נישט געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט, כדי מיט מצוות זיך אָנפרעסן. דער מענטש איז געבוירן אויף דער וועלט, כדי אַן עקבער צו זיין, כדי אין די הימלישע טיפענישן איינצובויערן זיך..."

אַשן געלינגט צו געבן דאָס געמיט פון קאָצקער, וואָס קאָן נישט פאַרליידן דאָס אַרומיקע קליינלעכע און וואָכעדיקע. ער, וואָס ווייסט נישט פון קיין רחמנות, וואָס באַקעמפט אין זיך אַלע שוואַכקייטן און שמידט און האַרטעוועט דעם ווילן צו „דערהויבן די הימלען".

דאָס געשטאַלט פון קאָצקער אין „תהלים ייד" וואַקסט אויס צו אַ פערזענלעכקייט מיט אַ לעבנס־באַנעם פון אַן אַריסטאָקראַט, אַ מין אויבער־מענטש, וואָס וויל זיך אָפּשיידן פון המון, וואָס קאָן זיך נישט צונויפלעבן מיט דער מענגע חסידים, וואָס קומט צו אים מאָנען דאָס סאַמע קלענסטע — קינדער, שידוכים און פרנסה.

ער איז נישט אויסן קיינעם צו העלפן, נאָר לערנען. ער וויל זיי אַרויספירן אויף אַ נייעם וועג. ווי אַנדערש איז אָבער אַש'ס קאָצקער פון אָפּאָטאָשוס „פוילישע וועלדער". דאָ, ביי אַשן, הויכע מחשבה, דאָרט, ביי אָפּאָטאָשון — קרענקלעכקייט און מות־פערווערזיע.

ווי אַ קאָנטראַסט צום קאָצקער דערשיינט די פיגור פון יחיאלן, וואָס זיצט אין דער זעלבער שעה פון שלש סעודות, צווישן שבת און וואָך. „צו־זאַמענגעקנאָטן אין דער מאַסע, שאָקלט זיך און וויגט זיך מיט. ער פילט

זיך ווי אַ טראָפּן אין ים״ ער פאַרשטייט, אַז דער ענין קאָצק איז אַ הויכע מדרגה, דאָס נישט לאָזן זיך באַנוגענען מיט דעם ביסעלע „האָבן״, אָבער אין זיין האַרץ איז ער גאָר אַנדערשוואו... צווישן די פּראָסטע יידן פון חברה תהלים״. „דאָס וואָס איז דאָ, איז גוט פאַר די גרויסע — טראַכט ער זיך — פאַר אים איז גענוג דער גוטער וועג פון תהלים זאָגן, וואָס עס האָבן אויסגעטראָטן פאַר אים די פּראָסטע דאָרפס־יידן...״

אין „תהלים ייד״ האָט דער פּערזענלעכקייט מאָטיוו געקראָגן אַ קינסטלערישן תיקון. די צוויי ווידערשפּרעכנדיקע געשטאַלטן, דער אַריסטאָ־קראַטישער קאָצקער און דער תהילימשער פּראָסטער יחיאל קומען אַרויס גרויס און דערהויבן.

שלום אַשס „תהלים ייד״ איז אַ פּאָעמע וועגן אַ הייליקן פאָלקס־מענטשן, וואָס איז ווי אַש אַליין פאַרענדיקט, דער „יסוד עולם״, דער פונדאַמענט פון דער וועלט. אין סך־הכל איז עס ווי אַ תפילה צו דער גרויסקייט פון מענטשן.

דער וואָלף פון אומרו — צו דער זון

וועגן משה לייב האלפּערן

„און געהאַט משה לייב האָט צוויי הענט
ווי די לאַפּעס די צוויי פון אַ בער;
און אויגן — דער הימל וואָס ברענט
אין דער בלוי פון אַ קינדערשער טרער
און אַ פּנים—אַ וואָלף, ווען ער שפּרינגט
אויף אַ סטאַדע מיט בלוט אין די ציין;
און אַ שמייכל—אַ תּפילה וואָס קלינגט
פאַרן קינד, פאַרן רינד, פאַרן שטיין"
(מאַני לייב)

..ער איז געווען דער אומרו וואָס האָט געוואָלט אין דעם אומרו זיין רו
געפינען. דעם עלעמענט זיינעם האָט ער אַליין אַנטפּלעקט אין זיין באַרימט
ליד: „מיין אומרו פון אַ וואָלף".

„מיין אומרו פון אַ וואָלף און פון אַ בער מיין רו,
די ווילדקייט שרייט אין מיר, די לאַנגווייל הערט זיך צו".

איז אים געוואָרן לאַנגווייליק צווישן די כמורנע, רוגזהדיקע מויערן פון
דעם כרך ניו־יאָרק, האָט ער זיך געשטיקט צווישן „גלי פון גרין און רויט"
אין דער ניוואָרקער סאָבוועי, איז ער אַוועק צום ים, זיך צוהערן ווי — „די
כוואַליע קלינגט צום ריטם פון דעם ליד".

„און אייביק זינגט דער ים דאָס אַלטע ליד
און ווערט דערביי ניט אַלט".

דער פּאָעט פון הפקרדיקן אומרו האָט געוואוסט אַז —

„אַ האַרץ ביים ים וויל אייביקייט,
וויל טיפע, טיפע רו".

און —

„בענקסטו, מענטש, אָוועקצוגיין אַמאָל ווייט, ווייט פון אַלץ,
פון זיך אַליין
פאַרלאָז די שטאָט און גיי צום ים אַרויס".

ער האָט אָבער קיין מנוחה ביים ים ניט געפונען. די ים־כוואַליעס האָבן געמורמלט שפּרוכן אין זיינע אויערן: נעם אָן דיינע יסורים באהבה, בונטעווע זיך ניט. דערזע מיין קראַפט. איך שטורם אויף, שלאָג זיך קאָפּ אין זאַמד. איך קער זיך אָבער אום צוריק צו מיין גבול. איך בין גרויזאַם, איך וויס אָבער פון גרענעצן. — —.

משה לייב האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.
„די שטאָט מיט אירע גרויסע גלעקער
האָט איר זשאַווער אין מיר אַריינגעשאַלט"

האָט ער אין זיין חלום פאַרברענט דעם כרך, און פון זיין ווערק איז ניט געבליבן קיין גאַנצער קינסטלערישער בנין, נאָר אָפּגעברענטע מויערן וואו ס'שפּאַרט דער פייער פון אַ ברענענדיקער נשמה.

משה לייב האַלפּערן איז געווען אַ דיכטער וואָס איז געווען פול מיט שאַרפע סתירות און ברויזיקע מלחמות מיט זיך און מיט זיין סביבה; אַ פּאָעט פון סאַרקאַזם און סענטימענטאַליזם, פון סקעפּטיק און לעסטערונג, פול מיט קהלתדיקן הבל־הבלים און מיט שיר־השירים קלאַנג; מיט גראָבע רייד און מיט זיידענע חלומות. ער האָט זיך געקריגט מיט אַלעמען, געווען דער „איש ריב ומדון" פון אַ וועלט און האָט איראַניזירט איבער זיך אַליין. די קריטיק האָט אים געטייטשט און געטייטשט און איז געבליבן שטיין פאַר זיין „רעטעניש" .

„פון מיר וועט שוין גאָרניט ווערן — איך בין געוואָרן אַ דיכטער" — האָט היינע געזאָגט, און משה לייב, וואָס איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון היינעס כשוף־ליד איז געווען מער ווי אַ דיכטער. „משה לייב איז קיינמאָל קיין ליטעראַט ניט געווען, ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט, געברענט און געשרפהט דורך זיין וואָרט. ער האָט געהערט צו די יעניקע, וואָס שאַפן און לעבן זיינען ביי זיי איינס: ער האָט געלעבט אויסשליסלעך זיינע שאַפונגען! זיין לעבן איז זיין ליד־מאַטעריאַל. דער פּאַטאָס זיינער פאַר גרויס־יושר און גרויס־אמת איז געווען דער גרונט טאָן פון זיין פּאָעטישן געמיט" (ב. ריווקין).

„ציין און ליפּן וועלפיש ווילד
אָבער אויגן האָב איך בלויע,

אויגן בלויע גוט און מילד.
אָבער מיט אַ האַרץ, וואָס האָמערט
זינג איך מיר, ווי מיר געפעלט
און צום האָמער־טאַנץ פון האַרצן
טאַנצט די גאַנצע שיינע וועלט.
האָט דער אָדלער פליגל גרויסע
האָב איך ברייטע, שטאַרקע הענט
האָט דאָס לעבן קאַמף און ליבע,
האָב איך בלוט, וואָס שרייט און ברענט״.

אַז פּאָעטן האָבן זיך ליב צו שטעלן העכער פון המון און אים שטראָפן, איז קיין נייעס ניט. די מוסר־רייד פון „פּאָעטן־נביאים״ צום פאָלק זיינען גוט באַקאַנט. משה לייבס שטראָף־רייד האָבן אין זיך געהאַט עפּעס נייעס. ער האָט געשטראָפט ניט נאָר דעם כלל, נאָר זיך, דעם פּרט, וואָס איז אַ טייל פונעם גרויסן כלל. דערפאַר איז דאָ אַזאַ שאַרפער טרויער אין זיין צאַרנדיק ליד.

אין ליד „סאַלוט״, ווען ער קוקט זיך צו, אין דער פאַנטאַזיע, צו דעם לינטשער פון אַ יונגן נעגער, ווענדט ער זיך צו זיך אַליין, פאַר וואָס ער שטייט און קוקט זיך צו, און שרייט ניט אויף.

און איך זאָג דיר — ס׳איז ניט דער קרעכץ פון צוויג,
ניט דער שטריק מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג,
ניט דאָס פערדל אין ווינטגעטרייב,
וואָס האָט פאַרזאַמט זיך צו קלעפּן צום לייב,
נאָר דו — דאָס טרויער־געשטאַנק פון דער וועלט,
וואָס האָט זיך פון ווייטן אַנידערגעשטעלט
מיט די הענט אין די קעשענעס ביים דיך,
פאַרטראַכטן אַ ליד פאַר דער וועלט און פאַר זיך״.

אין דעם קורצן פּעריאָד, וואָס האַלפּערן איז געווען פאַרבונדן מיט דער „פרייהייט״, איז זיין בונטאַרישער פּאַטאָס און סאַטירע פאַרשאַרפט געוואָרן ביז צום סאָציאַל־קינסטלערישן שאַרף. פון יענעם פּעריאָד שטאַמען זיינע „פאַרדאַמט זאָל ער ווערן דער פראַזן־דרעשער״ און „די זונה — אונזער פירערשאַפט״, וואָס איז אַ מעכטיקע אָנקלאַגע קעגן די פירער־פאַרפירער פון קאָרופּטירטן טרעיד־יוניאָניזם.

„דער גאָט פאַרשאָלטענער אינטילעגענט; ..

ער האָט צוויי פּאַסקודנע הענט,
וואָס ווילן ניט אַרבעטן, דרייט ער מיט זיי
דאָס אייביקע גראָבע פינגער געדריי
איך בין בײַ אים דאָס לעבן נישט ווערט
צוליב דעם, וואָס איך האַלט נישט צונויפגעפּאַרט
ווי אַ הונט מיט אַ צויג, שיינקייט און וואָרט.
און ער באַצירט מיליאָנענמאָרד״.

עס איז געווען גרינג אויסצוטייטשן דאָס ליד ווי אַן אויסדרוק פון אַנטי־אינטעלעקטואַליזם. ס׳איז אָבער וויכטיק צו דערמאָנען, אַז דאָס ליד איז ניט נאָר געווענדט צו דער אינטעליגענץ מיט איר פאַלשער פּרעטענזיע אויף „קולטור״, נאָר אויך קעגן זיך אַליין. אין ליד „זון אויפגאַנג״ שרייט ער אויס: „אַ זון, פאַרגיב מיר פאַר מיינע ווייסע הענט״.

די דאָזיקע קללה אויפן שאַנד־און־שמאַך פון אונזער לעבן איז געווען אין בונטאַרישן געמיט פונעם דיכטער אין אַ צייט ווען ער האָט אין דער בירגערלעכער סביבה ניט געזען קיין פּערספּעקטיוו פאַר אַ קולטור לעבן. האַלפּערן האָט אָבער אויך אין יענעם פּעריאָד אַרויסגעראַטעוועט זיין אייגן ליד פון קללהדיקן געשריי דורך זיין גלויבן אין סאָציאַלער גאולה, וואָס האָט אים אויך אויסגעלאָדן פון צאָרן און געמאַכט לעכצן נאָך גרויס־יושר.

אין אונזער צייט האָט אַ יונג־באַרימטע פראַנצויזישע שרייבערין פראַנסואַז סאַגאַן באַקומען אַ פּרעמיע פאַר איר ראָמאַן „גוטמאָרגן אומעט״, וואו זי שילדערט אַ יוגנט, וואָס קאָן זיך ניט אַרויסרייסן פון דער ענגשאַפט פון איר אומעט.

און ווי האָט געזונגען משה לייב אין זיין באַרימט לירישן ליד? —
„די זון וועט אַרונטערגיין הינטערן באַרג
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צוגיין
צום אומעט, וואָס זיצט אויף אַ גאָלדענעם שטיין
און וויינט פאַר זיך איינער אַליין״.

דאָ האָט דער דיכטער ניט געטראַכט דווקא וועגן די אומעטיקע סוזאַנען, דעניסעס, סימאָנס, נאָר וועגן די מרימס, איזאַבעלאַס און רבקהס און מעריס פון די „שעפער״ וואָס האָבן געהאָפט אויפן טאָג, ווען דער דאָזיקער יוגנט וועט ווערן אומעטיק צו זיין — אומעטיק; דעמאָלט וועלן זיי ניט זאָגן „גוטמאָרגן אומעט״, נאָר אַ גוטמאָרגן דעם מאָרגן, וואָס וועט פאַרטרייבן די אומעטן.

אַזאַ ליד איז זיין טרייסט־געזאַנג צו דער „נייטאָרין״.

„מיט די הענט און מיט די אויגן
פון דער פרי ביז שפעט אין אָוונט,
צום געניי אַראָפּגעבויגן.
ווייַן ניט מיידל, הייַנט צי מאָרגן —
עס וועט זיין. ווי מייז פאַרסמטע
וועלן פגרן די זאָרגן...״

צוויי עלעמענטן ליגן אין גרונט פון משה לייבס ליד: טראַגיזם און פּאַטעטישקייט. דער אַמעריקאַנער טיפער דענקער ריינהאָלד ניבור דעפינירט דעם אונטערשייד צווישן טראַגישן פּאַטאָס און פּאַטעטיק אויף אַזאַ אופן: „דער קוואַל פון פּאַטעטישקייט איז אין די פאַרשיידענע צענויפשטויסנדיקע צופעליקע פּאַסירונגען פון גורל. דער טראַגישער עלעמענט איז שוין אַ פראַגע פון באַוואוסטזיניקער מענטשלעכער בחירה, פון אויסוואַל צווישן שלעכטס און גוטס... די טראַגעדיע דערוועקט אין אונז יראת הכבוד און רחמים, ווייל זי איז אַ געמיש פון שולד און ווערדע״.

אין משה לייבס ליד איז אויך דאָ פּאַטעטיק און טראַגישער פּאַטאָס. אַט דערציילט ער, אַז דער קעניג האָט באַפוילן איינצונעמען די גאַנצע וועלט אָבער די וועלט קאָן ניט אריין צו אים אין שטאָל און בלייבט אין דרויסן. דער קעניג לאָדט איין צו זיך הערש בער דעם קוילן־טרעגער, און ער, הערש בער, שלאָפט איין „אַזוי ווי ער וואָלט דעם קעניג קיינמאָל אין לעבן גאָרניט צוגעזאָגט. און אַז דער קעניג אַליין „אין זיין גאַנצער פּראַכט״ ברענגט די שיך צו פאַרריכטן, בלייבט ער שטיין ביי דער טיר, ווייל פאַר אים איז געקומען אַ יתום. ער איז בילכער...

משה לייב האָט געגלייבט, אַז אין אַ געזינטערער סאָציאַלער פאָרמאַציע, אונטערן איינפלוס פון אַ באַפליגלטער סאָציאַלער וויזיע וועט דאָך קומען אַ תיקון. דעמאָלט שרייבט ער אַן אַזעלכע הימנעס צום פשוטן מענטשן.

„ייד מיין ברודער, זאָג אויב דו ווייסט
ווער איז הייליק?
נישט דער מענטש אפן ציילעם באַצירט מיט גאָלד,
נישט דאָס קינד מיט דער מאַמען אף לייוונט געמאָלט,
נאָר דאָ אייביק־קויטיק־פאַרהאָרעוועט לייב
פון דיר אַליין מיט דיין קינד און ווייב —
אָט וואָס איז הייליק!

דער וואָלף פון אומרו צו דער זון פון רחמים

ווער איז איידל?
ניטש דער וואָס זיצט מיט דער קרוין אפן טראָן,
און ניט דער וואָס שטאָלצירט מיט בלוט אף דער פאָן,
נאָר דער וואָס שלעפט זיך הינטער זיין פערד
און צעגראָבט מיט אַקער־אייזנס די ערד, — .
אָט ווער ס'איז איידל!"

און עס גייט אויף דאָס ליד פון גלויבן אין מאָרגן, אין דער זון.

„ווען די מאָרגן־זון וועט קומען,
וועלן רוישן טייך און מילן,
וועלן מאָרגן־טוי און שטראַלן
זיך מיט בוים און בלומען שפּילן,
וועך ס'וועט שפילן זיך מיט קינדער,
וועך מיט אַקערן די פעלדער
וועך ס'וועט מיט די פייגל זינגען".

דעמאָלט גיט זיך דער „אומרו" אַ ריס צו דער זון.

„אַ מענטש זאָל ליב האָבן די זון
באַדאַרף ער זען אַז ס'איז דאָ אַ נאַכט!
און אַ טויטן באַוויינט מען צוליב דעם,
מען זאָל זיך פרייען מיט אַ קינד וואָס לאַכט,
און מיט דער זון וואָס פאַרטרייבט די נאַכט".

אין שיין פון דער זון־אידייע, וואָס טרייבט די נאַכט, באַטראַכט ער זיך אַליין.

„ווער בין איך ווערבין איך? ווער וואָלט זיך גערינכט..?
אַז אַלץ וואָס איך טראַכט זאָל ווערן ליכט?"

ניט אַלץ וואָס דער פּאָעט האָט פאַרטראַכט און איבערגעלעבט איז געוועזן ליכטיק. ער איז געקומען מיט דעם „אומרו פון אַ וואָלף", מיט פאַר־צווייפלטער קללה און לעסטערונג, אָבער ער האָט אויך געהאַט בענקשאַפט און גלויבן אין דער זון. אפילו אין די סאַמע טרויעריקסטע מינוטן, אין אַ „נאַכט אין מאַנהעטן" האָט ער זיך געווענדט מיט אַ געבעט צו דער זון:

„אַ, זאָל די זון שוין רחמנות האָבן
אַזוי ווי די מאַלפּע אויף אירע קינדער
אויף אונזער אָרעמער וועלט".

און אַזאַ איז געווען דער גאַנג פונעם דיכטער פון אומרו, פון נאַכט — צו דער רחמים פון דער זון.

פון האַרבסט צום שטורם־ווינט

וועגן דוד בערגעלסאָנס סטיל און מאָטיוו

„אויפן האָריזאָנט די זון — .
אַ בלאַסע בעלמע איז.
גרויליק שאַלט אַרויס דער ברום
פון שמשונען, דעם בלינדן ריז.
ווי מילשטיין אויף מילשטיין
ליגט שטיק וואָלקן זיך אויף וואָלקן.
דער מאַן פון שבט דן ביים שטיין
איז געפאַנגען אין די קייטן
איצט איז נאַכט. ווען ס׳וועט טאָגן
קומען וועט באַפעל.
דער מילנער וועט ווייס מאַכן די ערד
מיט קאַלטן מעל.

(חיים לענסקי)

האַרבסט. „האַרבסטיקער געמיט". פאַר סענטימענטאַלע ראָמאַנטיקער און אימפּרעסיאָניסטן, וואָס האָבן געשריבן וועגן אַ „וועלט אין זיך", וואָס האָבן דערציילט און געמאָלן לויט שטימונג, האָט האַרבסט שטענדיק געמיינט דאָס מעלאַנכאָלישע רויט פון האַלב־פאַרוויאַנעטע בלעטער אויף די ביימער, „בלעטערפאַל", וואָס דערמאָנט אָן גסיסה, אָן שטילער רעזיגנאַציע פון לעבן.

פאַראַן אין דער אימפּרעסיאָניסטישער וואָרט־קונסט עפּעס פון דער שטימונגספולער שאָפּען־מוזיק, וואָס איר גרונט־טאָן איז די עלעגיע פון „ליסטאָפּאַד" — דער פוילישער נאָמען פאַר בלעטערפאַל; מענטשן שטאַרבן, ווי עס שטאַרבן אַקאָרדן אויף אַ פּיאַנאָ, פאַלן ווי עס פאַלן בלעטער אין סעזאָן. ס׳איז דער מאָטיוו פון אייביקער זוכעניש און אָבסערוואַציע פון די וואָס קענען זיך ניט קיין עצה געבן מיט דער פיל־פאַרביקייט פון דער גרויסער וועלט און זיי פאַרנעמען זיך מיט ליכט־און־שאָטן־שפּיל פון זייער אייגענער נשמה; יעדער מענטש אַ מין זון, וואָס פאַרגייט שטיל אין זיין אייגענעם מערב, באַהאַלט זיך הינטער זיין אייגענעם באַרגיקן האָריזאָנט.

פאַר גרויסע קינסטלער, וואָס פּאַסן אין זייער טיפּאַזש אין די ראַמען

פון געזעלשאַפטלעכער היסטאָרישערווירקלעכקייט, פאַר קינסטלער־שרייבער, וועמענס שאַפן איז מער אונטערוואָרפן די געזעצן פון דער ווירקלעכקייט ווי די אייגענע שטימונגען און קאַפריזן, פאַר זיי מיינט האַרבסט קלאָרקייט און רייפקייט, אַ פאַרמעסט אויפצונעמען די רעאַלע וועלט אין איר איבערגאַנג, אין אירע ענדערונגען אין טויש פון האַרבסט און פרילינג, זומער און ווינטער.

גראַד בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניסטישע ירושה, גראַד זיין האַרבסטיקער געמעל איז אַזוי איינציקאַרטיק, אַזוי קינסטלעריש באַדייטנדיק, אַז מיר דערזעען אין זיינע טיפן און געשטאַלטן, אין זיין דעטאַליזירטער שילדערונג, סיי דעם „נאָך אַלעמען" און סיי דעם פאַר אַלעמען, דעם האַרבסטיקן נעפּל, און דעם שטורם־ווינט, וואָסצעטרייבט אים.

עס איז די קלוגע האַרבסטיקע רייפקייט, וואָס מען דערשפּירט ווען דער שרייבער לאָזט אייך דערהערן דעם טרויער־ניגון פון ר' גדליה הורוויצעס תורה לערנען, ווען ער לאָזט אייך אַריינקוקן דער בלויקייט פון מירעלעס פאַרחלומטע אויגן; ווען ער מאָלט פאַר אייך דעם טויבנס שטיין ביי דער מיל־ראָד, אָדער די סצענע פון דער לעצטער סעודה, וואָס דער ספּעקולאַנט אהרן לעמבערגער פאַראוועט אין טורמע און ווען ער וואָרנט אייך מיט פיליפּאָווס שטרענגן „מדת הדין" און פּענעקס יינגל־טאַנץ אין די הינטער־געסלעך פון גבירישן הויף.

פון זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דער מייסטער פון אימפּרעסיאָניזם דוד בערגלסאָן געבראַכט זיין האַרבסטיקע לאַנד־שאַפט, וואָס איז געוואָרן זיין קינסטלערישע גרונט־פאַן. דערביי איז אָבער מערקווירדיק וואָס שטענדיק איז אין זיין האַרבסט־מאַלעריי און טונקעלער שטימונג פאַראַן אַ פּסיכאָ־אידייאישער אַנלאָד. זיין וואָרט־מאַלעריי, זיין בילד, דינט אים פאַר אַ ראַם אַריינצוּוועבן אין איר מחשבות'ן וועגן דער אָביעקטיווער וועלט, די ווירקלעכקייט.

דער בערגעלסאָנישער סטיל, וואָס אָטעמט מיט אַזאַ שעפעריש־ דער־הויבענעם גייסט־אומעט, מיט דעם אַזוי־געראָפענעם „האַרבסט פון אונזער גייסטיקייט", ווי דער טונקעלער קינסטלער־היסטאָריקער שפּענגלער דריקט זיך אויס, אין אים איז שוין דאָ די אָביעקטיווע אָפּשפּיגלונג און דער אַנדייט אויף די סאָציאַלע פּראָצעסן, אויפן טויש פון די כחות־פאַרהעלטעניסן, אויף דעם בייט פון צייטן.

„דער טויבער" איז די געשיכטע וועגן אַ שטומען ריז, אַ מיל־אַרבעטער, וואָס איז טויב געוואָרן ביי דער אַרבעט אין דער מיל און זיין טאָכטער איז

פאַרפירט געוואָרן פון דעם באַלעבאָס זינדל. די אידייע, די סאָציאַלע אָנ־דייטונג וועגן טויבן און זיינע נקמה־מחשבות, שטראָמט דורך זיין נאַטור־געמעל. „נאַריש פאַרמרהשחורהטע הימלען.... געשטאַנען זיינען דעמאָלט קורצע, ווייגענדיקע חשון־טעג. אין פייכטן נעפל איז די פירשטאָקיקע מיל איינגעהילט געוואָרן. האָט זי געברומט איר אוראַלטן מאָנאָטאָנישן ברום און זיך געדרייט: ׳מיר מאָלן מעל... מיר מאָלן מעל...״

אין „אַרום וואָקזאַל״ פאַרפלעכט דער מייסטער אין איין בילדערישן קנויל פייזאַזש און חפץ, מענטש און שטימונג. „פון ווייט איז אַהער דער צוג געלאָפן, און געטראָגן האָט ער מיט זיך אַ גוטע און פריילעכע בשורה פאַרן וואָקזאַל און פאַר דער געגנט, און געאיילט האָט ער זיך די בשורה צו ברענגען. אָבער נאָך אינעם ערשטן טרויעריקן אָפּהילכן פון זיין לאַנגן און פריילעכן פייף האָט ער זיך שוין איבערצייגט, אַז די מרה־שחורה איז דאָ זייער טיף און אייביק. ער איז שוין צום וואָקזאַל צוגעקראָכן פעמעלעך מיט אַ געפּאַלענעם געמיט און דאָרט שטיין געבליבן מיט אַ שווערן און לאַנגן זיפץ.. . אומזיסט... אומזיסט! און פאַרפאַלן, אַלץ פאַרפאַלן״.

איר האָט דאָ די שטימונגספולע פאַן, דעם קאָליר, וואָס מאַכט קלאָר דעם גורל פון דעם געשילדערטן פערסאָנאַזש, די פסיכאָ־אידייאישע אָפּהילכן פונעם העלד, דעם לאַ־יוצלחדיקן סוחר ביינוש רובינשטיין, וואָס קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. נאָך אַ טרויעריקן איבעררייד וועגן די סוחרים אַרום וואָקזאַל, וואָס נאַרן איינער דעם אַנדערן און וועגן זיין אייגענער ביטערער מערכה, גייט ביינוש אַרויס אין גאַס „און אַ קאַלטע כוואַליע האָט אים מיטאַמאָל אַרומגענומען. וועגן קראַפט און מאַכט האָט זיך דער פּראָסטיקער ווינט מיט דער נאַכט געסודעט, און די טיפע פינצטערניש האָט דעם טאָג אין זיך געשלונגען און געשוויגן. ער איז געגאַנגען און געטראַכט: ׳אָט למשל איך׳...״

בערגעלסאָן איז דאָ דער דיכטער פון עלעגישע שטימונגען, וואָס ווערעאַירן דעם קהלתדיקן „הכל הבל״. דאָ און אין זיינע אַנדערע ווערק דערמאָנען זיינע ליריש געמיט־וויבראַציעס די גלענצענדיקע עפּיגראַמען פון דעם קהלת בוך.

„יעדער מענטש, האָט ער איר פאַרצייכנט, וואַרפט זיין נעץ אין ים אַריין, און יעדן שיקט זיין מזל עפּעס צו. · איז, אָט־אַמאָל קאָן דאָך טרעפן, אַז נאָך לאַנגע יאָרן שלעפּט אַ מענטש זיין נעץ פון ים אַרויס און זעט, אַז זי איז פוסט — זיין מזל האָט אים גאָרניט צוגעשיקט. מילא, זאָגט דער מענטש

צו זיך, וועט שוין זיין אַזוי..." דער קהלתדיקער נוסח פון אַזאַ קלוגער רייפקייט. "ווארים דער מענטש טוט אויך נישט וויסן זיין צייט, ווי די פיש וואָס ווערן געפאַנגען אין אַ שלעכטער נעץ" (קאַפּיטל 5) און "שיק דיין ברויט איבערן וואַסער, וואָרים אין אַ סך טעג אַרום וועסטו אים געפינען".

די קריטיק האָט אָפט גערעדט וועגן דעם איינפלוס פון דער איירא־פּיאישער ליטעראַטור אויף בערגעלסאָנען, וועגן דער השפעה פון אַזעלכע שרייבער־קלאַסיקער ווי טורגעניעוו, מאַפּאַסאַן, פלאָבער, טשעכאָוו און האַמסון. אַוודאי איז זיין טיפּאַזש ענלעך צו די פון די דערמאָנטע שרייבער. ווער וועט ניט דערקענען, למשל, די קרובהשאַפט פון זיין "אָפּגאַנג" און "יורדים" צו טשעכאָווס ירידה־געמעל אין "קארשן־סאָד", אָדער פון מירעלע הורוויץ מיט עמאַ באָווארי.. אין "מאַדאַם באָווארי":

"טיף אין איר נשמה האָט זי דאָך געוואַרט אויף עפּעס אַ געשעעניש. פונקט ווי מאַטראָסן ביי אַן אומגליק אַזוי האָט זי אַרומגעפירט אירע פאַר־צווייפלטע אויגן איבערן מדבר פון איר לעבן, זוכנדיק עפּעס אַ ווייסן זעגל אין וויטן נעפּל פון האָריזאָנט... איז עמעס האָרץ ווידער אויסגעליידיקט געוואָרן און ס'איז אַוועק אַ לאַנגע שורה פון גרויע טעג... איצט וועלן זיך שוין כסדר ציען טעג, ענלעך איינער צום צווייטן, און זיי וועלן גאָרניט ברענגען מיט זיך".

אין "נאָך אַלעמען": "איר איז אַזוי שווער און עקלדיק אָף דער נשמה, גליך ווי מע וואָלט נעמען דאָס האַרץ און עס איינגאַנצן אין עפּעס ברודיקעס איינטונקען... און פון אונטער די דרויסנדיקע פאַרוואָלקנטע הימלען האָט אַריינגעקוקט דער נייער וויסטער זונטיק און האָט דאָ דורכאויס זיין איינציק לאַנגווייליקע מחשבה אויסגעשפּרייט: אַ נייע וואָך, אַ וויסטע וואָך אַ פּוסטע וואָך".

דאָ ווערט קונציק פאַרדייט פלאָבערס השפעה, זיין ריטם פון אַ פליסנדיק וואַסער צווישן פעסטע אומבאַוועגלעכע ברעגעס. דאָס איז דער סדר פון לעבן פון עמאַ באָווערי ווי פון מירעלע הורוויץ, וואָס די דאָזיקע ווערטער ווילן איבערגעבן. מען דאַרף אָבער אונטערשטרייכן, אַז בערגעלסאָן האָט ניט געצירשנט ביים פּראָגצוויזישן מייסטער די האָרבע מאָס פון "ליטעראַרישער אָביעקטיווקייט". בערגעלסאָן איז קיינמאָל ניט מאָראַליש נייטראַל. זיינע זאַכן און טיפן וואָרצלען ניט אין ריין־עסטעטישער אַטמאָספערע. אין זיין מאָלן איז פאַראַן דער ווידערקלאַנג וואָס נעמט ניט אָן דאָס שלעכטע טרויעריקע ווי

אַן אומפאַרמיידלעכן פאַקט. דאָס לעבן אַליין פרעגט: „פאַרוואָס?"

שטענדיק איז ביי אים די נאַטור־געמעל אַן אויסגעהאַלטענער אַקאָמ־פאַנימענט צום אינהאַלט. „ערגעץ העכער פונעם עולם, התוהו קריגן זיך איבער די הימלען דער ווינטער מיטן פרילינג, שמייכלט דאָרט דער פרילינג און בעט: הימלען זייט ריין און לויטער, ס'וועט דאָך אייך נאָכדעם געוויס הנאה טאָן". דער טויבער בלאָנקעט אַרום אין דער נאַכט „און די נאַכט איז אַזוי שטיל און שלינגט איין די האַרטע טריט, אפשר דערפאַר וואָס די נאַכט איז שטיל און קיינער אַחוץ דעם טויבן שפּאַנט נישט, ווייזט זיך אויס, אַז דער טויבער וועט זיך אייביק, אייביק אַרומדרייען און אַז די נאַכט וועט זיך אייביק ציען".

אין לעצטן סך־הכל איז זיין „אָפּגאַנג"־פּראָזע, די דערציילונגען פון אַ „פאַרטונקלטער צייט", טעמעס וואָס וואַראַירן זיך אויף דער אייביקער פראַגע פון די חכמים, די איוב־פראַגע: „צדיק ורע לו רשע — וטוב לו". אין „אַרום וואָקזאַל", אין „אָפּגאַנג",: אינטעליגענט ורע לו, גראָבער יונג — וטוב לו; אין „נאָך אַלעמען" איז דער אידייאישער אויסגאַנג־פונקט די איינגעשפּאַרטע קאָנסעקווענטקייט פון מירעלען, וואָס קען ניט שלום מאַכן מיט די כאַראַקטערן פון אַ שאַבלאָנער, מגושמדיקער סביבה.

און סוף־כל־סוף טראַכט מירעלע אין אַ קילן פאַרנאַכט „אַז ערגעץ מוזן דאָך זיין אַזעלכע, וואָס טוען עפּעס אַנדערש". עס וועלן קומען שטורם־ווינטן וואָס וועלן ברענגען מיט זיך אַ נייעם פרילינג, וואָס זי האָט ניט געהאַט, און וואָס „עמיצער אַנדערש וועט איבערלעבן".

אין „מדת הדין" וואו בערגעלסאָן האָט אויפן הינטערגרונט פונעם סאָציאַל־מיקראָסקאָפּישן, אין גרענעץ־שטעטלע גאַליכאָווקע, געגעבן דעם סאָציאַל־גיגאַנטישן געבורטס־פּראָצעס פון ווייפולן סאָוועטישן לעבן אין דעם בירגער־קריג, שליסן די זעלבע נאַטור־אימפּרעסיעס איין אין זיך די אידייאישע מאָמענטן פון די מענטשן־טיפּן. אין „מדת הדין" קליידט זיך די גאַנצע נאַטור־שילדערונג די סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיק, דער פּייזאַזש איז דאָ ציל־געווענדט צו די שטורם־ווינטן פון דער רעוואָלוציע.

„רעכטס פון גאַליכאָווקע איבער צוג־ווינטן און איבער פעלדער האָט געשריגן פון שלאָף אַ רוישיק וועלדל". וועגן די שטיבער ביים גרענעץ־דערפל, וואָס דינט אַלערליי שמוגלערס און קאָנטראַבאַנדע, דערציילט דער שרייבער: „די שטיבער עס בלאָזט אויף זיי פון אַלע זייטן". און ווייטער: „נאָר אַף מאָרגן האָט דער טאָג זיך געגעבן אַ שרומפּ איין און האָט גלייך

פאַרלאָן זיין ערשטע האַלב״. דאָס בילד האַרמאָנירט אַזוי מיטן צווייטן סאָציאַל־כאַראַקטעריזירנדיקן בילד פון די „פייערן״, וואָס לויכטן מיט ביינאַכטיקן מדת הדין אין גרוי וועדנדיקן טאָג אַריין״.

אהרן לעמבערגער איז אפשר די געלונגענסטע קינסטלערישע געשטאַלט פון „מדת הדין״, און ווי אַזאַ איז ער פולבאַרעכטיקט אין דער האַרבסטיקער אָפּגאַנג־אַטמאָספערע, וואָס דער שטורמדיקער מדת־הדין ווינט פון דער רעוואָלוציע קערט אויס פון דער געשיכטע.

דער סוחר האָט געגנבעט מלוכהשן לעדער און האָט דערפאַר באַקומען די העכסטע שטראָף. אויפדעקנדיק לעמבערגערס געירשנטע פאַטריאַרכאַלע רעכטפאַרטיקייט וואָס שטערט אים ניט צו פּראַקטיצירן עגאָאיסטישע פּריוואַט־אייגנטימלעכקייט, באַווייזט דער שרייבער דעם גאַנצן טראַגיזם, דעם תהום, וואָס די רעוואָלוציע האָט געעפנט פאַר די וואָס האָבן זייער אייגנטימערישן רויב איינגעדעקט און פאַרהילט מיטן שלייער פון גייסטיקייט. אהרן לעמבערגער פירט זיך אויף ווי אַ קדוש, פּראַוועט אַ מלוה־מלכה. ער דערמאַנט די משנה אין סנהדרין „נגמר הדין״.. און איידער ער גייט אַוועק אין זיין עולם־הבא, זאָגט ער פונדעסטוועגן אָן אַן אַרעסטאַנט, ער זאָל איבערגעבן זיין ווייב „וואו עס ליגן אויסבאַהאַלטן אין דער היים נאָך עטלעכע רובל״ פון ספּעקולאַציע. „וואָס איז עס אַזוינס פאַרמעגן־גיריקייט, וואָס שיקט מענטשן אַף טויט דורך אַלע שיינע תורהס און פיינסטע דרשות?״

אין דעם וואָרט־געמעל ווערט געגעבן די טראַגישקייט פון דעם אָפּגאַנג־קלאַס, וואָס די שטורם־ווינטן קערן אויס. עס איז די טראַגיק פון דער נייער צייט, וואָס „שפּיגלט אָפּ די געבורט־ווייען פון אַ נייער וועלט, די קרבנות, וואָס זיינען אַלץ נישט נאָר מעגלעך, נאָר נויטווענדיק״ (א. לונאַטשאַרסקי).

באַנעמענדיק די וועלט פון אונטערדריקונג און קינסטלעריש באַ־הערשנדיק זי האָט בערגעלסאָן פאַר זיין סאָוועטישן פעריאָד געזוכט דעם סאָציאַלן רעטונגס־וועג, ווי אַזוי אַנטרינען פון דעם קלעם פון פּוסטקייט און פּרוכטלאָזן אומעט. צו דעם פעריאָד זיינעם פון „פאַרטונקלונ״, ערב דעם „שיין פון אַ נייער עפּאָכע״ געהער זיין דערציילונג „אַלטוואַרג״.

אינעם לעבן פונעם אַלטן גרייזוויס, וואָס איז אַוועק פון סאָוועטישן לאַנד צו זיינע קינדער אין אַמעריקע, האָט זיך ארייינגעריסן אַ נייער פרישער ווינט. ער האָט געבענקט נאָך זיין היימלאַנד און עס האָט געריפט אין אים דער באַוואוסטזיין, אַז „וואָס־וואָס, בנוגע צו די מידות, וואָס צווישן איין מענטשן און צווייטן, איז די וועלט אויפגעריכט געוואָרן״. דעמאָלט האָט זיך

אַריינגעריסן דער שטאַרקער ווינט. „משה גרייוויס האָט זיך אַ שאָקל געגעבן, געטאָן אַ זיפץ און האָט זיך פאַרטראַכט וועגן ווינט און וועגן רוסלאַנד ווי אין פסוק שטייט: דער גרויסער ווינט וואָס וואַרפט פאַנאַנדער בערג און קערט איבער פעלזן"...

אָט דער שטורם־ווינט האָט געפירט דעם מייסטער אַרויסאַנטפלעקן די טייב־שטומע קראַפט, וואָס וועט צעטרייבן די האַרבסטיקע וואָלקנס, וועט איין פאַרטאָג אויפהייבן דעם דרימלענדיקן מענטשן, ער זאָל ווי דער פאַרצייטיקער ריז ביי די מילשטיינער צעטרייסלען די זיילן פון דער אָרדנונג און ווייסער מאַכן, אויפהעלן די ערד.

די זריעה אונטער שניי

ה. לייוויק און זיין געליטערטקייט



„כ׳האָב, ווי אַ שנייליכט אין דער פרי
שטיין,
דערזען דיין ווייסן מאָנומענט.
און גראָז געפלען אויף די קני שטיין
מיט רויטע זונען אין די הענט. . . ....

און כ׳האָב דערהערט די ווינטן ברומען:
פאַרהענגט דעם צער און זייט
געטרייסט!!
דער ווייסער נביא פון איהומען
האָט זיך אין ליידן אויסגעלייזט. . .

נאָר ס׳איז געבליבן זיין נר תמיד,
דיין ליד, מיט אונז, אין גרינעם טאָל,
אין פאָלק פאַר׳גופ׳ט און פאַר׳נשמה׳ט
אויף אַלעמאָל״.

(פרץ מיראַנסקי)

אויב ס׳איז אמת אַז יעדער עכטער קינסטלער זעט תמיד ווען ער שרייבט וועגן דעם היינט, דער סביבה, דער וועלט פון זיך אַרויס, איז דער אמת אינגאַנצן באַשטעטיקט געוואָרן אויף ה. לייוויקן, וואָס האָט ווי דער פאַרצייטיקער איוב געקאָנט זאָגן „מבשרי אחזה״, פון מיין לייב און לעבן זע איך אַלץ.

ה. לייוויק האָט געשאַפן אַן אייגענעם אימאַזש אין דער יידישער ליטעראַטור ווייל ער איז געווען אינגאַנצן אונטערוואָרפן זיין אייגענעם נוסח און דערפאַר האָט ער זוכה געווען, אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל אים טראָגן ווי די ווייסע עטרה, ווי ער האָט געטראָגן אויף זיין קאָפ די גאַנצע ווייסקייט פון סיבירער שנייען.

אין ווייס־רוסישן שטעטל איהומען, וואָס איז געווען באַדעקט פונעם

כיסלודיקן שניי, אין אַ כאַטע, וואָס איז געפּאַטשט געוואָרן פון דעם ווינטער־דיקן זאַווי, איז ער געבוירן געוואָרן. אַ זון פון אַ טאַטן, אַ כהן מיט אַ פלאַמי־קער באָרד און אַ מאַמע אַן אָרעמע בעקערין. נאָך יונגערהייט איז ער אָרונטערגעוואָרפן געוואָרן דעם צער און גזר. אומזיסטיקע ליידן פון תפיסה און קייטן, וואָגל און וואַנדער אויף קאַטאָרגע אין די שנייאיקע סיבירער סטעפּעס, איז פון יסורים געבוירן געוואָרן אַ ממעמקים־ליד, וואָס האָט זיך חלפדיק אַריינגעשניטן אין דער יידישער דיכטונג, אַן אימאַזש וועגן „בלוט צוגעדעקט מיט שניי״, וואָס ער האָט אַ לעבן לאַנג געטראָגן פון דעם פּאַר־שנייטן מדבר איבערן „שאָפּ״ אין פילאַדעלפיע; איבער די טעג פון שפּאַלירע־ווען צימערן צווישן די ניויאָרקער וואָלקנקראַצערס, ביזן סאַניטאַריום צו־פוסנס די מיט שניי־באַדעקטע „ראָקיס׳ פון קאָלאָראַדאָ, וואו ער האָט פאַר־לאַטעט זיינע קראַנקע לונגען, ביז די לעצטע פיר־און־אַ פערטל יאָר, אויף זיין בעט־מזבח, אין צעפּייניקטע יסורים. דעמאָלט האָט זיך דער צער אויפ־געלייזט אין לעצטן גזר און ער איז אין אַ פּאַרשנייטן אינדערפרי, אין זעלבן טאָג פון זיין געבוירן, אויסגעלייזט געוואָרן פון יסורים און איז אָוועק אין דער לעצטער רו. דער אימאַזש איז געוואָרן קאָנקרעט. געבליבן איז דאָס וואָרט, וואָס איז אויפגעגאַנגען „ווי פייער אין אַן אָוונט־ליד״.

ה. לייוויקס ליד איז פון אָנהויב אָן געווען אונטערוואָרפן זיין אייגענעם דרך פון לעבן, ווען נאָך „יינגלוויז״, ווי ער דערציילט —

איך האָב שוין דאַן געזען, ווי מענטשן ליידן־שווייגן,
האָב איך דעם שוויגן זייערן אין זיך פאַרנומען,
און עפּעס פאַרגעשטעלט זיך ווייט אין ווייטן עלטער
עפּעס גרויסע, וואונדערלעכעס וועט פון ליידן קומען״.

אָט דער זין־אומזין פון ליידן איז געוואָרן דער אָרגאַנישסטער טייל פון זיין פּאָעטיש לעבן און שאַפן.

אַלס יינגל האָט אים זיין מאַמע, די אָרעמע בעקערין, וואָס איז גע־שטאַנען צווישן די זעק מעל און די מולטערס טייג,ביים אָפענעם שלונג פון דעם צעפלאַמטן אויוון, פאַרוויגט מיטן אַלטן וויגליד פון „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״. די מאַנדלען זיינען ניט געווען זיס, נאָר ביטער. איז ער קוים אכצן יאָר אַלט געוואָרן האָט מען אים געשמידט אין שווערע קייטן. איז גלייך פון „וואונד״ געבוירן געוואָרן אַ „וואונדער״. די וואונד האָט זיך אויס־געבויגן אין אַ וואונדערדיקן פאַרוואָס?

וואָס וויל איך דען? אויסלייזן אַ וועלט פון קלעם און צוואַנג, איז

פאַרוואָס קומט מיר קייטן, קאַטאַרגע? איז עס אפשר אַ צייכן אַז גאולה קומט, מוז קומען, דורך ליידן, אַ סימן אַז מען ווערט אויפגעלייזט אין ים פון יסורים, אַז שרייענדיקער צער וויל זיך אַליין אויפלייזן?

זיינען שוין די קייטן ניט געווען מער קיין צייטלעך פאַרגאַנגענער עפּיזאָד נאָר אַ רמז, אַ סימבאָל אויף אַן אייביקערווירקלעכקייט, וואָס שטייט צווישן און איבער די צייטן, אַן אינזל פון לעצטן געלייטער אינעם ברויזיקן ים פון לעבן, פון כסדר זיך ווידערהאָלנדיקע, שטענדיק אַנדערע און שטענדיק די זעלבע טעג. דער סימבאָל און די וויזיע פון שניי, ווען אפילו אויסגעטאָן פון דעם קאָנקרעטן שניי פון זיינע קינדער־יאָרן און יוגנט־זכרונות איז געוואָרן אורשפּרינגלעכע אידייע.

דער יידישער לייענער, באַזונדערס דער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, האָט זיך „אָפּט געפילט אומהיימלעך אין דער אַנגעגליטער יום־הדין לופט פון זיינע משפטים" (מנחם באָריישאָ). דער דיכטער אליין האָט גערעדט וועגן זיין אייביקן מאָטיוו פון עלנט, יאוש, צער און גזר, וועגן דער אומהיימלעכ־קייט, וואָס די מאָטיוון רופן אַרויס אינעם געמיט פון זיין דור. דאָך איז מען באַלוינט געוואָרן פון זיין וויזיאָנערישער אמונה אין אַ האַרמאָניע וואָס וועט אַמאָל אויפלייזן די סתירות און דערפירן צו אַ גאַנצקייט.

„די זינד און סתירות פון מיין אייגן לעבן
האָב איך ניט אויפגעדעקט צו שפּילן זיך מיט זיי,
און אויך ניט גלאָט צו הספדן אויף זיך: הוי, וויי!
נאָר כדי אין גאַנג פון אַלע וועלטן זיך פאַרוועבן".

אַט דער ווילן זיך פאַרוועבן אין וועלט־גאַנג האָט געפירט דעם פּאָעט ער זאָל פון איין זייט שרייבן —

„אפשר איז גאָר דאָס שענסטע אין ליידן
„אפילו ווען עס דוכט זיך, אַז מיר ליידן אומזיסט"

און פון דער אַנדערער זייט —

„און אַלץ וואָס איז פאַרשעמט ווערט ווירדיק, וויכטיק,
און יעדער צעריסנקייט ווערט אַליין אַ בונד".

עס שווימט אַרויף אַ פאַרגלייך פון לייוויקס אַ ליד, מיט אַ ליד פון זיין עלטערן חבר אברהם רייזען, און עס מערקט זיך גלייך אָן די פאַרשיידנ־קייט אין מאָטיוו. ביי אברהם רייזענען: „אַ געזינד זאַלבע אַכט" און די קינדער האָבן ניט וואו צו שלאָפן, איז —

„דריי מיטן טאַטן,

און דריי מיט דער מאַמען —
הענטלעך און פיסלעך
געפלאָכטן צוזאַמען״.

קומט די נאַכט, ווען די אָרעמע מאַמע דאַרף מאַכן דאָס געלעגער, בעט זי דעם טויט אויף זיך:

„זי מיינט מיט אַן אמת —
עס איז נישט קיין וואונדער:
אויך ענג איז אין קבֿר,
דאָך ליגט מען באַזונדער״

ביי רייזענען איז די אויפלייזונג פון ליידן — אין קבר; ביי לייוויקן —

„די נאָרע איז קורץ,
נאָר שלאָפן מוז יעדער זיך לייגן —
לייגט איינער די פיס
דעם צווייטן אַרויף אויף די אויגן,
און איינער דעם קאָפּ
שפּאַרט אָן צו דעם אַנדערענס קייטן.
די נאָרע איז ענג —
מוז יעדער האַלדזן דעם צווייטן״.

אַזוי גייט אויף די לויטערע וויזיע, אַז ליידן פאַרברידערן גאָר, באַהעפטן אין בעל־יסורים מיטן אַנדערן. ס׳איז אַ סך גרינגער זיך האַלדזן אין ענגשאַפט ווי אין רחבות. אין קבר ליגט מען באַזונדער, אין דער תפיסה — האַלדזט מען זיך.

קאַרגע פערציק יאָר איז דער דיכטער אַלט געווען (1926) ווען ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער „פרייהייט״ און אָנגעהויבן אַ ניי שעפעריש קאַפּיטל אין זיין דיכטונג, וואָס האָט, ווי די אָפיציעלע קריטיק האָט באַשטעטיקט, „געטריבן פון זיין שאַפן די טונקעלע שאָטנס פון בייזקייט און ביטערקייט און ער האָט „אַרומגעגאַרטלט זיינע לעגדן מיט ליכט און ליבשאַפט״ (ש. ניגער, ה. לייוויק, ז׳ 279).

„לייוויק אונטער „פרייהייט״־דיסציפּלין״ — אַזוי באַצייכנט דער קריטיקער ב. ריווקין זיין עסיי־שטודיע וועגן ה. לייוויקס לידער, וואָס פאַלן צונויף מיט זיין אַריינטערעטן אין דער „פרייהייט״. די לידער וועגן „סאַקאָ און וואַנזעטי״, „הירש לעקערט״, בעגער לידער, נויט־און־שאַף לידער, אַרבעט

היים ,גאָסן מאַרשן און דעם גאַנצן פּרעכטיקן ציקל „היים סאָוועטישע".

ריווקין שרייבט: „פּרייהייט־דיסציפּלין? — יאָ, עס איז געווען דיס־ציפּלין, ס׳וועט אָבער זיין אַ טעות צו זאָגן, אַז די דיסציפּלין האָט לייוויקן נאָר שאָדן געטאָן. פאַרקערט זי האָט אים אַ טובה געטאָן... באַרייכערט אים מיט מעלות, וואָס זיינען אַריין אַלס בלייבנדע טיילן פון זיין פאַרמעגן. ער האָט זיך דורך איר דעראָבערט צו אַ נייער געלייטערטקייט, אַפשיידנדיק אים מיט אייך קלאַפּ פון קרייץ, טויט און אומקום".

דאָס כאַראַקטעריסטישע אין לייוויקס „פרייהייט"־לידער איז די אַנטייל־נעמערישקייט פונעם דיכטער גופא, זיינע אייגענע געשילדערטע איך־באַ־ציאונגען צו דער סאָציאַלער טעמע. פון יענער צייט שטאַמען זיינע לידער וועגן „ניו־יאָרק" „די ראָד פון לאָסטוואָגן".

„אַמעריקע, בייע הײם — דיך צו דערוואָרעמען, דערקענען
שטרעק איך זיך אויס מיט מיין גוף איבער דער לענגסטער גאַס,
ביז מיין קלייד און מיין לייב הויבן אָן צו ברענען
מיט דיין בלוטיקן פייער פון דאַסע און קלאַס".

זיינע אויסגעצייכנטע לידער אויף דער טעמע: נעגער, באַצייכנט ער פּאָעט ווי אַ „ווידוי ליד".

„ווען איך קום מיט אָפּנקייט, מיט ווידוי ליד
אונטער אַ הימל, וואָס קען זיך ניט פאַרשליסן,
אַנטקעגן דעם געוויין פון אייער הויט און גליד
איז לעכערלעך דאָס געוויין פון מיין געוויסן.
זאָל זיין דאָס וואָרט אונזער אויסקויפנדיקער פריינט
און אונז פאַרברידערן, אונז לעצטע און באַהערשטע,
און באַזינגען חברשאַפט צווישן מחנות פיינט
מיין יידיש ליד זאָל זיין איינס פון די ערשטע".

אין זיינע „סאַקאָ און וואַנזעטי לידער" איז פאַראַן דער סוביעקטיווער פּערזענלעכער עלעמענט פון אידענטיפיצירן זיך מיטן.

פון געדרעכטער מאַנונג, פון אָפּצאָל־אַטאַקע,
הערן זיך שוין, הערן זיך שוין טריט,
ווי אַ גלאָק קלינגט דער קלאַנג סאַקאָ
און ווי אַ זוד וואַנזעטי זידט".

אַנגעגאָסן מיט געדאַנקלעכן זאַפט און עסטעטישן וואוילקלאַנג איז דאָס דאָזיקע ליד, וואָס „זידט" און „קלינגט".

דאָס זיינען נאָר אַ פּאָרביישפּילן, וואָס באַווייזן דעם פרישן שטראָם, וואָס האָט זיך אריינגעטראָגן אין דער יידישער אַרבעטער פּאָעזיע דורך לייוויקס ליד געדיכטעט אויף דערווירקלעכקייט; ווען זיין טעמע איז געווען דער לעבעדיקער רעאַליזם. מען וואָלט געקענט פאַרמערן די ביישפּילן מיט צענדליקער לידער פון זיין גאַנצער סעריע „לידער צו אַ ווייטן פריינט" און נאָך און נאָך.

„צום ערשטן מאָל, נאָך לאַנגע יאָרן פון זוכענישן האָט לייוויק, דרויסן פון זיך, געפונען שטאָף, וואָס איז לייבלעכער קרוב צו אים אליין — דער סאָוועטישער עטאַפּ איז אין אַ געוויסן זין אפשר דער העכסטער אין לייוויקס ביז אַהעריקן גאַנג; דער סך־הכל פון זיינע ביז איצטיקע דערגרייכונגען", שרייבט ב. ריווקין, און ש. ניגער, וואָס האָלט אַז אין זיין „היים סאָוועטישע" איז ער, לייוויק, „ביט געוואָרן אינגאַנצן היימיש", איז מודה, אַז עס „האָט באַשטראַלט און ווייכער געמאַכט זיין ליד". דאָס זיינען ליכטיקע און ברכהדיקע לידער צו בייער און פרישער ערד, וואָס טראָגט אַ צוקונפט־זריעה, לידער ווי קלאָרע צײַן". לידער וועגן סאָוועטישן פּייזאַזש און מענטשן, וואָס ער האָט דאָן באַגעגענט.

„אין די אָרעמס דיינע נעם אַריין, פאַרקלאַמער,
צפונדיקער, גליענדיקער שליאַך,
גוט איז אונטער דיינע שטערן סערפּ און האַמער,
רוסלאַנד, אונטער דיין צעשטראַלטן דאַך.
ס׳ליגט אַ טישטוך שוין אויף דיינע טישן, רוסלאַנד,
אונטער דיינע שנייען וואַרט געוויקס,
באַרשט ווי ווײַרויך רויכערט זיך פון דיינע שיסלען,
און דיין האַנט האָט גאָפּל הייבט אָנשטאָט אַ ביקס".

די דאָזיקע אָרגאַנישע באַהעפטונג פון מענטש און פּעיזאַזש, דער לאַנד־שאַפטיקער מענטש און די פאַרמענטשלעכטע לאַנדשאַפט.

שפּילט פאַר זיך אליין אַזאַ מין ניגון,
וואָס עס שפּילט דער ווינט אויף רוסלאַנדס שליאַכן
אַ פאַרהוליעטע בעריאָזע צו פאַרוויגן".

אונזער פרייד, די ברעמען צו פאַרמאַכן,
דער אינטימער באַהעפט פונעם פּאָעט מיט דער לאַנדשאַפט האָט אים געפירט צו דערזען אין זיין היים־שטעטל, ווי —

איבער אַלע געסלעך — טריאומפירנדיקע מאַרשן

אוּן זוּן אויף אַלעמען, ווי דורכזיכטיקער עמבער,
און אויסרופן פון יוגנט וויגן זיך ווי פולע קאַרשן
אויף די צווייגן — אויף די שעהן — פונעם זיבעטן נאָוועמבער״...
און מאַכט אים צו באַגריסן די „נייע וועלט״, די —
„וועלט איז שוין אין שותפותדיקע הענט,
מאָרגן פינגער קלאַפּן זיך אין לאָרן,
נעכטן — פון בייזן גאָט פאַרלענדט,
היינט — באַפרייט, באַשאָטן מיט גנאָדן״.

לייוויקס שאַפן, ווי בכלל יעדע עכטע שאַפונג, איז געגערט געוואָרן פון צווי הויפּט־שטראָמען: די סוביעקטיוו, אָדער יחידיש־לירישע כחות פונעם קינסטלער און פון וויזיאָנערישן, באַוואוסטזיניק אידייאישן, וואָס איז סאָציאַל אָנגעזעטיקט. זיין סוביעקטיווען ליריזם, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון זעלבסט־פּייניקונג און „חלפדיקן שפּאַן״, דאָס ליד פון „בלוט פאַרדעקט מיט שניי״, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ סך שטאַרקער אין אים ווי דער צווייטער שטראָם פון דערזען די זריעה אונטערן שניי די ליכטיקע צוקונפט אויף פעלדער, וואָס זיינען פאַרזייט געוואָרן מיט מענטשלעכער שותפותדיקער זריעה.

„מיין געזאַנג צו אַלעמען צו ווענדן —
דורכצורייסן זיך דורך וועגט פון תהומען.
ווייל איך האָב אַרומגעגאַרטלט מיינע לענדן
מיט ליכט און ליבשאַפט פון דיין נאָמען״

מיט דער סטראָפע האָט לייוויק פאַרענדיקט זיין ליד וועגן זיין אַלטער הים. שפּעטער האָט ער געגראָבן נייע „וועגט פון תהומען״, נייע פּאָעטישע אָפּגרונטן, אָבער די לידער פון דעם „פרייהייט״־פּעריאָד זיינען פאַרבליבן לידער פון „ליכט און ליבשאַפט״ און אַ קרן אין דער יידישער ליטעראַטור.

ה. לייוויקס געזאַנג צו ישראל לאָזט זיך ניט איינפּאַסן אין דער טראַ־דיציאָנעלער ליטעראַרישער פאָרם. ער איז אַנדערש ווייל ער נערט זיך פון זיין קוואַל און אינספּיראַציע. דאָ איז ניטאָ די טראַדיציאָנעלע לויב־געזאַנגען צום העלד און זיגער, דעם געשיכטלעכן און דעם היינטצייטיקן. ה. לייוויק האָט שטאַרק ליב געהאַט די ישראל־לאַנדשאַפט, וואָס די חלוצים האָבן אַרויס־געכשופט פון פעלז און וויסטעניש, אָבער זיין באַגייסטערונג איז ניט פאַר דער נאַציאָנאַליסטישער גלאָריע פון אַ „ווידעראויפגעשטעלטער פראַכט פון „מלכות בית־דוד״ נאָר צו די טריבע, שטייניקע סקאַלעס פון גלבוע־בערג,

וואו עס שלאָפט דער פאַרראַטענער פאַסטוך קעניג, בשעת אונטן, אין דאָרף גאַלדיקט זיך דער פּיכטער טוי אויף דער וואָל פון אַ פרידלעך לעמעל, און „ביימער בליען בלוי" קעגן „זוים פון פעלד מיט זאַנגען". צו דעם פאַסטוך שאול פאַלט צו זיין טויאיק־שנייאיק וואָרט:

„ליד פון טוי ווי ליד פון שנייען,
מיט ווייסער בלענדיקייט פאַרשרייב, —
אַנטקעגן קומט דער באַרג גלבוע
און שאולס דורכגעשטאָכן לייב.

זיין גורל שטאַרבן, אנשטאָט זיגן,
ניט רוף עס שטאַרבן, רוף עס שלאָף.
צו וואָס אַ דורכגעשטאָכענער ליגן
ווען אונטן וואַרט אַ סטאַדע שאָף".

דער פּאָעט, וואָס פאַרברענגט אין דעם עמק־דאָרף, עין חרוד, שיקט אַ רוף צו דעם נאַאיוון העלד, וועמען מען האָט אָפּגענאַרט, אים צוגענומען פון די שאָף און אויף אים אַרויפגעוואָרפן דעם קעניג־מאַנטל. ער רופט דעם מלך ווידער צו ווערן אַ פאַסטוך.

„די זעלבע סטאַדע, פאַסטעך ליבער,
מיט זעלבער פאַרביקייט פון וואָל. —
.... די סטאַדע וואַרט, די סטאַדע פיבערט, —
.... קום ווידער פיטערן אין טאָל".

דער צוקונפטיקער משיח ווערט אין דער תנכישער טראַדיציע באַצייכנט ווי דער „פאַסטוך קיניג". אויך דוד איז פריער געווען פאַסטוך און נאָכדעם קיניג. לייוויק זוכט דעם משיח, וואָס איז פאַסטוך, ניט קעניג. מער ווי דער זיגרייכער דוד, וואָס האָט געגעבן אַ באַפעל צו זיין פעלד־מאַרשאַל אומברענגען דעם פּשוטן סאָלדאַט אוריה, ווייל ער האָט געגלוסט צו זיך שיינער בת שבע, לאָקט לייוויקן דער פאַסטוך. ווען ער געפינט זיך אינאיינעם מיט די „אַקערער פון עין חרוד" — „וואָס גראָבן זיך אין מדבר הארטן, און זוכן חן ביי אים און גנאָד" — דער פאַסטוך שאול, וואָס ליגט אַ דורכגעשטאָכענער אויפן וויסטן באַרג גלבוע.

„ניט דוד — דו, דורך פיין־געשליסן,
דער נאַשנטסטער ביסט, — הייב אויף דיין האַנט
דעם אַלטן בונד אויפסניי צו שליסן

מיט שאָף, מיט גראָז, מיט ווינט און זאַמד.
אויף באַרג גלבוע טאַנצן שטערן
אַרום דיין גוף אַ קאַראַהאָד,
און אונטן קוקן צו און הערן
די נייע זין פון עין חרוד״.

און שאול האָט דערהערט דעם פלאַטערדיקן רוף —

„אַ שותפות־טאַנץ פון מענטש און שטערן,
און איבער באַרג אַ פלאַטער קול:
כ׳בין פאַסטוך ווידער, ברענגט די שערן
ווייל אויף די שעפסן טאַנצט דאָס וואָל״.

די נישט־אויסגעלאָדענע אַנגסטלעכע קינדער און יוגנט־פאַנטאַזיעס האָט לייוויק קינסטלעריש טראַנספּערירט אויף זיינע העלדן אין די דראַמעס און מיט זיי אַנגעלאָדן די טעמאַטיק פון זיין רייכן שאַפן. אין דעם פעריאָד פון „אומקום״ האָט זיך דעם דיכטער געדאַכט, אַז אויך אין „פייערלאַנד״ פון דער רעוואָלוציע איז נאָך די שלימות ניטאָ; אַז עס איז גאָרניטאָ קיין שום סאָציאַלע אָרדנונג, מיט וועלכער דער מענטש, אויף וויפיל ער ווערט געפירט פון עפעס אַ קאָמפּאַס, אויף וויפיל ער טראָגט אין זיך אַ סימבאָל פון אַ העכערער שלימות, קען זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירן; אַז עס איז ניטאָ קיין מענטשלעכע אָרדנונג, ווי שלמותדיק זי זאָל ניט זיין, וואָס מעג אידענטיפיצירט ווערן, ווערן איינס מיט ד ע ר שלימות.

פון זיינע „אומקום״־לידער האָט אָפּגעשלאָגן מיט צער און גערודגל, אַ ראַנגלעניש מיט גורל און מיט שטערונג. אָפט האָט זיך געדאַכט, אַז זיין ליד שרייט ניט נאָר פ ו ן תהום אַרויס נאָר א י ן תהום אַריין. עס איז אָבער דאָך אַ קול פון לעבן, פון אַ לעבן, וואָס איז אומגעקומען, קומט ווידער אום און ווערט ווידער געבאָרן, כדי ווידער אומצוקומען, כדי פון דעם אַלעם זאָל געבוירן ווערן עפעס גרויס־מענטשלעכעס.

כאָטש איבער זיינע שורות זיינען אָפט געהאַנגען בראַנדיקע גרוילן, ווי בלוטיקע וואָלקנס, און ס׳האָט געפרעסט אויף זיי דאָס בליי פון אומעט, האָט זיך אָבער זיין וואָרט אויפגעלייזט אין די ליידן און אין חלום פון דערלייזונג און באַפרייאונג.

„צו די ליידן פונעם צווייטן, צו דער פרייד פונעם צווייטן
דיין לעבן נעמט זיך צו ווי צו אַ בייט אַ פלאַנץ,
ס׳איז דאָ אַזאַ תפיסה מיט אַזוינע קייטן,

וואו דער טרויעריקסטער זינגט און דער פאַרשמידטער טאַנצט״.

ס׳איז דאָ אַזאַ אַלטקייט וואָס מאַכט דיך יינגער,
ס׳איז דאָ אַזאַ גבורה אין פינגער־ברוך,
ס׳איז דאָ אַזאַ גוטסקייט וואָס שטראַלט פון הונגער,
און אַ שיין געלעגער, וואָל איז ווייכער פון פוך״.

און אין סאַמע מיטן יאוש און טרויער־אַנגסט טוליעט זיך דער פּאָעט צו דער אייביקער סטיכיע פון קאָלעקטיוון און קאָסמישן נצח. אין אַ ליד צום זון, וואָס איז קלאָר, אַז ס׳איז אַ ליד צום טויט, זינגט דער דיכטער:

„איך וועל ניט פאַרשווינדן,
דו וועסט ניט פאַרגיין.
וואָס וועט אונז פאַרבינדן? ......
גראָז און זאַמד און שטיין.
קיין זאַך ווערט ניט חרוב
כל זמן דו ביסט דאָ,
כל זמן דו ביסט ערב.
פאַר מיין לעצטער שעה.
זע, ווי איך טו קנייען
צווישן תהומען צוויי —
זו זאָלסט קענען בלייען
דאָרט וואו איך פאַרגיי״.

דער לייוויקישער טרויער איז דאָך וייט געווען פון עדגאַר פּאָוס יחידישן שוידער, וואָס איז פון אַפּגרונט. ביי לייוויקן איז עס סוף־כל־סוף קאָלעקטיווע טראַגיק און דאָרט וואו דער יחיד איז אידענטיפיצירט מיטן גורל פונעם כלל, וואו ער פאַרבינדט זיך מיט מצב פונעם קאָלעקטיוו, געפינט ער די יועגן, וואָס פירן צום מענטשן און באַקומט צוטרוי און גלויבן אין לעבן:

„די וועלט איז גרויס, און מיר זיינען גרויס, און אייביק
איז דער טאָג פון אונזער לעבן״.

און ווידער אַ סתירה, וואָס לייזט זיך אויף אין האַרמאָניע. —

„דער מענטש איז פינצטער היינט, זיין גייסט איז קראַנק״,
נאָך צאַפּלט זיך דער טרוים פון אמתע פּאָעטן:
דער מענטש וועט ליכטיק זיין ווי גאָטס געדאַנק״.

נאָך דער פאַרטונקלונג פון מענטשלעכן געוויסן מוז קומען בטחון.

„זיין גיב מיר כח ביזן סוף צו האָפן.

די זריעה אונטער שניי

„האלט אונטער גייסט און קרעפטיק מיין מוט,
האסט געזאגט ביים אנהייב דאס ווארט: ס׳איז גוט — .
זאג איך: ס׳איז גוט ביים סוף פון סופן״. .

„ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט דאס לאנד דאס פארבאטענע
ווארטן אוצרות אויף אונז
ווארטן אוצרות פארשאטענע״.

מיט די ווערטער, וואס האבן זיך איינגעקריצט אין זכרון און אין הארצן פון יידישן לייענער האט לייוויק אנגעהויבן זיין גאנג אין דער יידישער פאעזיע. מעג דער מענטש דערוויל נאך ניט געפינען דעם וועג צו די „אוצרות״ אונטערן שניי, וואס זיינען פארבארגן אונטערן שיכט, עס ווארעמט זיך די זריעה. עס איז זיכער פאראן עטוואס סימבאלישעס אין די ווערטער מיט וועלכע דער שאפער פון גולם האט פארענדיקט זיין דראמע. ווען דער מהר״ל הייסט דעם גולם אפטאן די לעצטע שליחות, זיך אונטערגעבן זיין גורל, הייסט ער דעם עולם אנהייבן זאגן „מזמור שיר ליום השבת״.

דאס פאלק, וואס האט אויסגעטרוימט דעם חלום פון יום שכולו שבת, די סאציאלע דערלייזונג, דעם שבת פון דער וועלט, פאלט ניט דורך. עס איז דער גלויבן אז די זריעה וועט אין דער צוקונפט אויפגיין אין א גרויסער מענטשלעכער גערעטעניש.

לייוויקס גרונט־חלום אין דער דראמע און פיעסע, אין ליד און באלאדע, איז געווען דער חלום פון „ערגעץ ווייט״, וואס ער האט אמאל דערזען אויף די „וועגן סיבירער״. די בענקשאפט איז איינגאנצן מקוים געווארן. און דער חלום איז געבליבן, ביזן טאג פון זיין אויפלייזונג אין פיבער־יסורים האט ער געטראגן דעם חלום „צום בלוי פון פארטאג״, צו יענעם באגינען, וואס וועט אמאל, אמאל גרייכן די ערד וואו „זילבעריק בלאען די בערג —

נאך פון קיינעם באטראטענע
ווארטן אוצרות פארשאטענע״.

דער מדרש פון משל

וועגן אליעזר שטיינבארגס משלים

פאַר דאָראַ פיינס־מייזעלס !

„טרויעריק, קינדער, אויף דער וועלט,
דער ברייטער, גראָמער, ביטער ! ......
מיט אַ משל כאַטש זיך קוויקן לאָמיר".
(אויפשריפט אויף זיין מצבה)

„יעדער טאָג לאָזט זיך דערקענען פון אינדערפרי" — זאָגט אַ מאָלדאַוויש פאָלקס־ווערטל. קיינער האָט אַזוי ניט באַשטעטיקט דעם פאָלקס־אַפאָריזם, ווי דער גרויסער בעסעראַביש־מאָלדאַווישער משל־דיכטער אליעזר שטיינבאַרג. עזאָפּ, קרילאָוו, לאַפאָנטעין, דער דובנער מגיד. וואָס נאָך קאָן מען צוגעבן צו דעם קינסטלער פון משל־זשאַנר, וואָס האָט אריינגענומען אין זיין משל־ליד כמעט אַלע ליטעראַרישע זשאַנערן און זיי מייסטעריש סינטעזירט, אַז זיי פינקלען מיט פאַנטאַסטיק און רעאַליזם, סאַטירע, שאַרפזין און הומאָר ; ליריזם און פּראָבלעמאַטיק, געדיכטקייט פון בילד און מעטאַפאָר און געלייטערטע פאָלקס־חכמה, אָבער איבער אַלץ שוועבט די ליכטיקייט פון אַנהויב־טאָג, פון זון אויפגאַנג, וואָס אין איר גאָלדיקן בלענד ווערט העל און זוניק אין געמיט.

דער גאָלדיקער גלאַנץ פון דער בעסעראַביער־מאָלדאַווער לאַנדשאַפט, וואו אפילו דער האַרבסט פרילינגט, דאָס גיט אונז דעם שליסל צו דעם סטיל און דער כשופדיקער משל־פאָרם פונעם בעסעראַביער וואָרט־קינסטלער.

דער מדרש פון משל

שטיינבאַרגס משל איז דורכגעלויכטן פון זון שטראַלן אפילו ווען עס איז אים האַרבסטיק אויפן געמיט. עס איז די בעסעראַביער האַרבסטיקייט, וואָס וויקט זיך ניט אין אָסיענדיקן חושך נאָר וואו די זון אויף דיביימער איז אַזוי זאַפטיק־גרין, גלייך ווי עס הויבט ערשט אָן צו בליען. אפילו ווען ער טראָגט איבער קהלתדיקע שטימונגען אין זיינע לירישע עפיגראַמען, קוקן זיי אַרויס פון זיינע לידער־משלים, ווי בלעטלעך פון זאַטע בלומען אין אַ שפעט־זומערדיקן גאָרטן. אינמיטן סאַמע טרויעריקן בין־השמשות דערקענט זיך דער נייער טאָג, אין דער האַרבסטיקער עלעגיע קלינגען־אויף פרילינג־דיקע שיר־השירים־טענער.

„וואָס, די וועלט איז חסר־דעה'ש?
פינצטער, גליטשיק, יאוש? .
אין די ביינער עסט זיך איין?
אָבער, חברה, אַז די זון וועט טאָן אַ שיין!"

שטיינבאַרגס משל־פערז שטראַלט מיט אַלע זיבן חנען פון שפּראַך־בילדערישקייט, איז פול מיט פאָלקסטימלעכן קלאַנג, וואָס גייט־איבער אין באַלאַדנאַרטיקן געזאַנג, אָבער דאָס וויכטיקסטע אין זיין שאַפן איז, אָן ספק, דער נייער אינהאַלט, זיין סאָציאַלער רעאַליזם און פילאָסאָפישע אָנגעלאָדנקייט, וואָס איז אי אַקטועל צייטיק אי אייביק, דורותדיק.

„שטיינבאַרגס שאַפן" — זאָגט זיין חבר און בן־עיר, דער דיכטער יעקב שטערנבערג, „באַוועגט זיך אַזוי וואונדערלעך האַרמאָניש צווישן די צוויי באַפרוכפּערנדיקע שאַפונגס־פּאַליוסן פון דער יידישער ליטעראַטור — פרץ און שלום עליכם. צו פרצן טוליעט ער זיך מיט זיינע ליריש־פילאָסאָפישע משלים, און צו שלום עליכמען — מיט זיינע שטייגעריש־סאָציאַלע". און מען דאַרף צוגעבן, אַז שטיינבאַרג האָט אויך די גוט־פאַרדייטע השפעה פון ביאַליקן און רייזענען.

ווי פרץ, זוכט ער מיט זיין משל צו דערגראָבן זיך צו די אייגנשאַפטן פון זאַכן, אַרויסציען די קוואַליטעטן פון חיות און דומם (שטיל לעבן), וואָס ציען זיך צום מענטשן און שפּיגלען אָפּ זייער מהות אין זיינער. שוין דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אויף זיין פילאָסאָפירנדיקן אופן אָנגעוויזן, ווי „פרצעס קינסטלער־אויג פאַלט אויף גאָר טויטע זאַכן — אַ הענג לייכטער, אַ לאָמפּ, אַ האַלב־צעפוילטער קלאָץ אין מיטן מאַרק, אַ צעריסענער שוך אויף אַ הויפן מיסט, — זאַכן, וואָס האָבן, דאַכט זיך, לחלוטין נישט קיין שום שייכות ניט צו דער מענטשלעכער נשמה — גיסט זיך אַריין אין זיי פון דעם אויג פרצעס

כשוף, און זיי הייבן־אָן צו לעבן, צו מאַכן מענטשישע שטיק. די צעריסענע שיך פוילן אין מיסט,ליידן פון ניט־באַפרידיקטער גאווה, און ׳צוויי אַפּצאַסן אין איין שטיוול בלאָזן זיך אַוודאי׳. דער קלאָץ דערמאָנט זיך אָן די יאָרן, ווען ער איז נאָך געשטאַנען אין וואַלד און זיך געריסן צו וואַקסן העכער פון אַלע ביימער, צו דעם הימל און דער זון, און בעתן פאַלן געטרוימט, אַז ער וועט געוויס זיין אַ זעגלבוים אויף אַ ים־שיף (׳קלאָץ־געשיכטע׳), און דער הענג לאָמפּ זאָגט מוסר אַ קליינעם טיש־לעמפּל... אומעטום, אפילו אין דער טויטער נאַטור, זעט פּרץ אונזער מענטשלעך לעבן, אומעטום זעט ער די זעלביקע קרעפטן, וואָס פירן קריג אין דער היינטיקער געזעלשאַפט" (וויזיע און געדאַנק, ז׳ 80).

אויך שטיינבאַרג באַווייזט זיין אמתע גאונות אין דעם נעמען טויטע שטיקלעך מאַטעריע, אַ האַלב־אויסגעברענט שוועבעלע, אַ שטיק אייזן, אַ צעזעגטן קלאָץ, און זיי אָרומוועבן מיט מאָטיוון פון מענטשלעך לעבן, אין זיי אַריינגעבן טיף סאָציאַל־סאַטירישן און אויך אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישן אינהאַלט. ער פאַרמאָגט די אייגנשאַפט צו באַהעפטן דרויסנדיקע אָביעקטן, זאַכן, מיט אינערלעך מענטשלעך לעבן. אַ שטערנדל ווערט געיאָגט פון אַ ווינטעלע.

„לויפט אַ ווינטעלע,
יאָגט זיך נאָך אַ שטערנדל אַ פינטעלע.
מאַנט.
קומט אַ טומנעקייט און נאָגט,
און דאָס פּינטעלע סע קלאָגט".

ניט נאָר מיר זיינען אומעטיק אין פאַרטאָג. דאָס שטערנדל אַליין איז אויך אומעטיק, ער פאַרמאָגט די דאָזיקע קוואַליטעט. אָדער אַזאַ ליריש־בילדלעכער פאַרגלייך:

„אַ ציגיינערטע, אַ צירקוס־מיידל ....
אין אַ וויסן קליידל
מיט אַ זילבער־טעלער אויפן קאָפּ
און דער שוואַרץ־געדיכטער צאָפּ
ווילד צעפלאָסן און צעלאָזן
אַט אַזוי־אַ קומט אַרויס די נאַכט אויף שטילע גראָזן
און אַט בלייבט זי שטיין אין לייבקאַליר אין ראָזן".

דער געמעל פון דער לבנה־נאַכט אין אַזעלכע אָריגינעלע פאַרגלייכן

מאַכט די נאַטור אונז נאָענט און אינטים. שטיינבאַרגס משלים גייען אָבער ווייטער. אויף אַן עפעקטפולן אופן פאַרקערפערט ער געפילן און פאַרלאַנגען אין דינאַמישן גאַנג פון געשעענישן, פון באַציאונגען צווישן צוויי צדדים.

„טאַשיק —
אַנגעצונדן זיך אַ שוועבעלע, צעפלאַקערט,
און מיט גליק.
מיט אַ ברען אַ קוש געטאָן דאָס ליכט.
זעט: צוויי העלע פלאַמען,
גיסן אין איין רגע זיך צוזאַמען!
נאָר דאָס אמת גרויסע גליק,
וואָס איז דאָס?
— אַ בליק.
אויסגעלאָשן און פאַרצערט, פאַרקוילט.
— נו, דו היצקאָפּ, וואָס געפועלט
מיט דיין ברען און מיט דיין פלאַם?
(זאָגט אויף דר׳ערד צו אים דאָס מיסט).
נאָר צעפלאַקערט זיך אומזיסט!
זאָגט דאָס שוועבעלע:
און צו אייך ניט גלייך.
אין אַ רגע האָבן געגעבן
און גענומען פייער״.

דאָ אַנטפּלעקט זיך אויך זיין סאָציאַלער רעאַליזם, וואָס וועקט פונקט ווי ביי קרילאָוון דעם פּראָטעסט קעגן אומרעכט, און דער ברענענדיקער דאָרשט נאָך גערעכטיקייט. אַזאַ משל און נימשל!

„ברודער (זאָגט דאָס שפּיגעלע צום דייפל)
זאָג, וואָס איז דיר?
עסט דיך ניט דער צווייפל?
כ׳וואָלט געוואָלט אַ בעלן וויסן
וואָס סע מאַכט דיך אַזוי מאָגער,
און פון טאָג צו טאָג אַלץ נאָכגעלאָזטער
שיטער?
— ביטער!
זאָגט דאָס דייפל מיט אַ קרעכץ,

קאַלטס און וואַרמס, און מען פּייניקט און מען פּלאָגט.
מיינסט אַ רשע?
וואָס־זשע שטראָפט מען?
זאָג אַליין,
— איך די וועלט איך זיך
און מאַך די ריין״.

קונסט ווי אַ מיטל פון אויפקלער ווערט דערפירט צום תכלית, פליסט און באַוועגט זיך מיט דעם ריטם פון אוניווערס, מיטן אָפּהילך פון לעבן. ווי פאַרן פילאָסאָף איז יעדער אַטאָם אַן אויסגאַנגס־פונקט פאַרן גאַנצן אוניווערס, אַזוי איז פאַר דעם משלים־דיכטער דער שטומער אָביעקט פון דער נאַטור, באַרג, טייך, קוואַל, פלאַנץ די שטים פון דעם מענטש. ער לאָזט זיי זיך אויס־ריידן ביז יעדער מחיצה צווישן וועלט און מענטש פאַלט־איין. עס ווערט אַזוי, ווי ניט דער מענטש דענקט, נאָר באַרג און טאָל, פייער און וואַסער, ים און פלאַם דענקען פאַר אונז..

אַ הונט, וואָס שווימט צום ערשטן מאָל אין ים, קלאָגט זיך אויף זיין ביטערער געזאַלצנקייט: וואָס טויג דער ים?

„און דער ים?
וואָס מער עמוק (טיף),
מער פאַרגינט ער זיך צו זיין אַ תם,
שיפן אויפן האָרץ און פערל אויפן גרונט,
פרעגט ער ניט, וואָס טויג אַ הונט?״

דער מוסר־השכל ליגט דאָ פון אויבנאויף. די גאָלדענע טבע פון ים, וואָס וויניקער זיך קלאָגן אויף דער נאַטירלעכקייט, נאָר גאַנצקייט און באַשיידנקייט. דאָס איז אַ געזעץ פון דער נאַטור אַליין.

די נאַטירלעכע עקספּאַנסיווע טענדענץ פונעם דיכטער צו לערנען פון זאַכן און געשעענישן פירט אים צו ווערן אַלץ מער סאָציאַל־תכליתדיק, צו געבן דעם אמתן מאי־קא־משמע לן פון געשעענישן. עס איז רייזענס מאי־קא משמע לן אויף אַ העכערער סאָציאַלער מדרגה. רייזען האָט אין זיין באַרימט ליד איבערגעטראָגן דעם גמראַדיקן מאי־קא־משמע־לן אויף זיין אייגענעם לעבן, געשטעלט פאַרשיידענע פראַגעס וועגן דער מענטשלעכער עקזיסטענץ און איבערגעלאָזן פאַרן לייענער צו רעאַגירן אויף דער אויסוועגלאָזיקייט פון אָרעמען ישיבה־בחורס לעבן, וואָס גייט אויס ווי אַ ליכט.

פון גאָר אַן אַנדער מין איז שטיינבאַרגס מאַי־קאַ־משמע־לן, וועגן וועלכן עס גיבן אַ פאָרשטעלונג די משלים.

„דריי —
זיצט ביי זיך אין צימערל ר׳ ליזערל דער קליינער,
רעדט מיט זיך אליין ער,
פרעגט ער ביי זיין אומעט:
וואָס איז איינער?
הערט ער ווי אַ פליג אין אויער זשומעט:
איינער איז דאָך קיינער!
זאָגט די שאַרפע ספקות־ווייִ
וואָס צעשיידט אים:
איינער איז גאָר צוויי.
פרעגט ער וואָס־זשע פיל איך עמיצן
אַ ניט געזעענעם דערביי.
קלינגט דער זייגער דריי״.

אַזוי סובטיליזירט דער דיכטער די צייט, ביז ער דערהויבט זי צום סאָ־ציאַלן הומאַניזם.

יעדער משל איז שטענדיק אַקטועל, דריקט־אויס די שטימונגען און אידייען פון דער צייט. אויך די משלים פון זיינע פאָרגייער, ווי עטינגער און טשעמערינסקי. האָבן אין זיך דעם עלעמענט פון צייטיקער איראָניע און סאַטירע איבער סאָציאַלע געשעענישן. דער מדרש פון שטיינבאַרגס משל, זיין מוסר־השכל, איז אָבער באַלעבט מיטן גייסט פון אַ שטורעמדיקער רע־וואָלוציאָנערער עפּאָכע, און דערפאַר געלינגט אים אויף אַ דיאַלעקטישן אופן אַרויסצוברענגען סיי די סתירות און סיי דעם פאַרבינדונגס־קנופּ פון די גע־שעענישן, די צייטיקע געדאַנקען, וואָס זיינען אַזוי פאַלקסטימלעך און אין דער־זעלבער צייט אַזוי מאָדערן, באַלויכטן וועלט און מענטש־פּראָבלעמען און לאָזן זיך גאָרניט דרשנען, נאָר טרעפן גלייך אין ציל.

מוסטערן פון דיאַלעקטישן שאַרפזין. דער שוין פּאָפּולער־דעקלאַמירטער משל פון אייזן וואָס שלאָגט אייזן, און דאָס געשלאָגענע אייזן קלאָגט זיך פאַרן קאָמער: „פאַרוואָס, פאַרוועז? ביידע גאָטס קינדער, ברידער״. — „סאַראַ ברידער, לאַכט דער האַמער, איך בין פויסט און דו ליגסט אויפן קלאָץ״... און אָט איז אַ וואַריאַציע פון פּרצעס „פרומע קאַץ״, די שאַרפע סאַטירע אויף

די צבועקעס, „דאָס זעלצערל און פעפערל״ — „זאָל מען וויסן, שקר שמדט זיך —

און ער נעמט זיך אָן פאַר זיין באַשעפער —
אמת גיט אליין זיין גאָט צו שמעקן פעפער״.

און דער באַרימטער שלום־עליכמשער משל מיטן „חלף און די זעג״. דער פרומער חלף, וואָס איז פול מיט ביטול צו דער זעג, דעם גראָבן יונג, וואָס איז „גאָלע פגימות״, איז צופרידן מיט זיך, וואָס דער „פרומער רב אלקנה״ מאַכט אויף אים אַ ברכה „מיט גרויס כוונה״. די זעג פאַרענטפערט זיך:

„וויס מיין אָרט און בין ביי זיך ניט חס ושלום שטאָלץ,
וואָס קען איך דען מער ווי זעגן האָלץ?
נאָך עד־היום איז אַ זעג, אַ באַלמעלאָכע,
נאָר אַ פלעק אין דער משפחה,
און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה —
אי ער קוילעט, אי מען מאַכט אַ ברכה״.

אַזאַ סתירותדיקער קנופּ. דער האַראַפּאַשנער מענטש, וואָס ליידט פון ווייניק סאָציאַלן באַוואוסטזיין, און קאָן ניט דורכגעדרונגען ווערן מיט דעם וויסן פון זיין אייגענער מאַכט, ווייל ער איז דערשלאָגן.

„שטייט ניט אויף דער אייזל,
ווייל מע שלאָגט עס,
און מען שלאָגט עס ווייל עס שטייט ניט אויף״.

און דער געזעלשאַפט־פילאָסאָפישער אויסקלאַנג וועגן די כחות, וואָס ווערן צעמאַלן און צעשניטן, ווייל זיי ליגן אין מיטן, די פראַגע, — „אַ קלאָץ־קאַשע״, וואו דער קלאָץ וויינט:

„הערט איר, יוצא זיין פאַר צוויי איז טאַקע שווער.
רייסט מיך דער אַהין, שלעפּט מיך דער אַהער.
וויי מיר! מען צעררייסט דאָך מיר אויף שטיקלעך!
רעדט די זעג זיך גליקלעך
און מיט שטאָלץ, סע קרעכצט, סע שניידט:
מילא, רייסן זיי זי יענע לייט,
דער אַהין און דער צו זיך.
אָבער איך?
איך, וואָס טו איך דאָ אינמיטן
זיי דאַרט רייסן זיך, ווער איך צעשניטן״.

דער מדרש פון משל

אַ משל, וואָס גיט אָן אויסטייטשונגען דעם באַקעטן קעגנאַנדער פון צוויי טעמפּעראַמענטן, וואָס קאָנען ניט קאָ־עקזיסטירן, ניט ווייל זיי דענקען אַנדערש, נאָר ווייל זיי זיינען עמאָציאָנעל פאַרשיידן. „מרימס ברונעם און דער עמוד אש", באַזירט אויף דער חומש־לעגענדע וועגן ברונעם, וואָס האָט זיך געקייקלט ווען צוויי בערג זיינען זיך צונויפגעקומען.

„ברודער, זאָגט דער קוואַל צום פייער,
וואָר דאָס צי אַ חלום?
זע נאָר, בערג געשלאָסן שלום!
אפשר צייט שוין,
פייער זאָל מיט וואַסער גיסן זיך צוזאַמען?
קום, אַ, ברודער, שפּרינג מיט דיינע פלאַמען
אין די אָרעמס מיינע קילע!
זאָל גאָט היטן, חס־חלילה!
— נו, פאַרוואָס־זשע?
— פייער זאָל מיט וואַסער זיך גאָר שפּילן?
— מערק!
די בערג!
— סאָרא גלייכן? —
בערג פאַרשיידן טראַכטן.
מיר פאַרשיידן פילן!"

עס איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס שטיינבאַרגס ערשטער משל האָט געהאַט צו טאָן מיט פּרימאַרגן. „צוויי רויזן". אָן אמתע און אַ קינסטלעכע, אַ האַלב־פאַרוועלקטע. זי זאָגט:

„גאָרטן, הייסע שטראַלן, פרישער טוי,
עס בענקט זיך איר אַזוי
וואָס אַ בלום זיך גלוסט!
פון די נאַרישקייטן קיינמאָל ניט געוואוסט
און איך לעב און דאַנקען גאָט".

ענטפערט די אמתע רויז:

אברהם ביק

„איידער אײביק טרוקן,
שטאַרבן און כאַטש איינמאָל מיט
אַ טראָפּן טוי זיך קוויקן".

פּרימאַרגן טוי — דער משל, וואָס דערקוויקט די ברייטע, גראָמע און טרויעריקע וועלט, וואָס „לאָזט זיך דערקענען — נאָר פון אינדערפרי", פון פרישן פרימאָרגן.

אין רשות פון רעגן

וועגן דער סאָוועטיש־יידישער ליריק

פאַר דעם ליריקער שלום שטערן!

„ס׳זאָל זיין דיין ווילן, אַז דאָס דאָזיקע יאָר זאָל זיין אַ יאָר פון טוי און פון ברכה, און עס זאָלן ניט דערגרייכן צו דיר די תפלות פון די וועג־לייט, וואָס בעטן עס זאָל ניט גיין קיין רעגן, בשעת די גאַנצע וועלט נויטיקט זיך אין רעגן״.
(יום־כיפור תפילה פון כהן גדול)

..פרעגט אַ דיכטער:

— וואָס הערסטו?

— איך הער אַ ליד וועגן דיר.

— קום נעענטער, וואָס הערסטו איצט?

— אַ ליד וועגן מיר.

— קום נאָך נעענטער, וואָס הערסטו איצט?

— אַ ליד וועגן אונז!

אין דער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע האָט עס פּאַסירט.

פאַראַן אַ באַנאַלע הנחה, אַז די עיקרדיקע פונקציע פון ליד, פון ליריק, איז דער „איך זינג ווי דער פויגל זינגט״, דערפאַר שרייבט מען, איז די סאָציאַל־געזעטיקטע ליריק פון די סאָוועטיש־יידישע דיכטער ניט געווען קיין ריינע ליריק, ווייל זי האָט דאָך געשטערט די אידייאישע כוונה, די סאָציאַלע טענדענץ, — אויב מען זאָל אַזוי זאָגן, וועט עס זיין בלויז באַ־

נאַליטעט געכפּלט אויף באַנאַליטעט, וואָס בלייבט אַלץ באַנאַל. די סאָוועטיש־יידישע דיכטער זיינען בפירוש געווען און זיינען ליריקער. ס'איז דערפאַר וויכטיק זיך צו דערגראָבן ניט נאָר צו דער שליחות פון וואָרט, צו זייער סאָציאַלן אינהאַלט, נאָר אויך צו זייער „איך"־ליד, וואָס איז ביי זיי אָנגעקוואָלן מיט סאָציאַלן מיין. ס'איז וויכטיק צו דערזען ווי די אָביעקטיוועווירקלעכקייט האָט זיך אַריינגעגאָסן און האָט האַרמאָנירט מיטן סוביעקטיוו־אינערלעכן לעבן פון דער דיכטערישער פערזענלעכקייט, ווי אַזוי דאָס געזעלשאַפטלעכע איז געוואָרן דאָס אינטימע, ווי עס זעט זיך אין מעטאַפאָר, אין קלאַנג, ריטם.

פאַראַן אַן אייגנאַרטיקער געפלעכט פון דער קינסטלערישער פאָרם און אידייאיש־פילאָסאָפישער כוונה אין פּאָעטישן שאַפן פון די סאָוועטיש־יידישע ליריקער. ווי אַ באַווייז, אַז ניט דער שטאָף, די טעמע, איז די מאָס פאַר אַ ליריש ליד, נאָר דער וועלט־באַנעם, די אָנשויאונג, וואָס דער דער פּאָעט דריקט אויס אינעם ליד, וועלן מיר ברענגען צוויי לידער. איינע און די זעלבע טעמע און זען ווי אַנדערש זי איז געפורעמט געוואָרן ביי צוויי דיכטער.

ביים דיכטער א. סוצקעווער, אַ ליד וועגן הירשן וואָס קומען „שטילן דעם גומען אין ים סוף":

„געענדיקט — אַנטלויפן זיי — רויזיקע פלעקן
באַלעבן דעם זאַמד. נאָר עס בלייבן פול יאָמער
די זון־פאַרגאַנג הירשן אין וואַסער און לעקן
די שטילקייט פון יענע, וואָס זיינען ניטאָ מער".

לאָמיר נעמען די זעלבע טעמע ביים ראשון פון די ראשונים אין דער סאָוועטיש־יידישע ליריק, אשר שוואַרצמאַן. נאָך איידער ער האָט זיין קאַלט דעמער־ליד אָנגעהויבן וואַרעמען ביי די פייערן פון רעוואָלט פון אויפשטאַנד. פון זיין אַכט־שורהדיק ליד פונעם ציקל „שבת":

„סאיז אַ הירש שוין געקומען צו טרינקען פון טייך,
ס'איז דאָס וואַסער אַ לויטער־קרישטאָלענע דעק.
פון אַ צווייענדיק־ליכטיקער זעלע טרויס איך,
פון אַ לאַנד דאָרט אויף יענעם באַגילדעטן ברעג..." .

דאָס האָט שוואַרצמאַן געזונגען ווען ער האָט נאָך זיין מיליטער־דינסט, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיך צוריקגעקערט קיין קיעוו און אָנגעהויבן שפּירן און וואַרטן אויף אַ ניי באַגילדעט ליכטיקער צייט.

ס'איז קלאָר, אַז דער אונטערשייד צווישן די צוויי הירש־לידער ליגט

אין דעם, וואָס שוואַרצמאַן האָט דאָ אַריינגעפּלאָכטן אַ „צווייאיק־ליכטיקן טרוים", און סוצקעווער האָט געגעבן אַ לירישע אַבסטראַקציע פון אַ „שטיל־קייט, וואָס איז ניטאָ מער..." דער אונטערשייד צווישן די צוויי לידער איז דער חילוק צווישן ריין־עסטעטישן און ליריש־אינהאַלטלעכן ליד. ס'קאָן זיין אַז סוצקעווער פערזן זיינען רייכער אין זין פון אימאַגיניסטישער פאַנטאַס־טישקייט. עס בלייבט אָבער בלויז אַ סימבאָלישע אַבסטראַקציע.

פון אשר שוואַרצמאַן צו די אַנדערע ראשונים, צו זיינע יורשים און חברים, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף די שפּורן פון זייך „האָרץ בלוט" אין בירגער־קריג: איציק פעפער, איזי כאַריק, דוד האָפשטיין, שמואל ראָסין.

איציק פעפער, דער דיכטער פון „פראָסטן וואונדער" האָט באַוויזן, אַז ער קען קערעווען די סאַמע אינטימסטע לירישע טעמע און זי זאָל באַקומען אַ געזעלשאַפטלעך־אידייאישע ציל־געווענדטקייט. פאַראַן ביי פעפערן אַ ליד, וואָס מען קען רופן אַ פּראָגראַמאַטיש ליד:

„ווי קען איך פאָדערן אַ סך,
ווען יעדער איינער האָט אַביסל
כ'האָב פיינט אַ שטיבל מיט אַ דאַך
כ'האָב פיינט אַ מענטשן מיט אַ שליסל".

דער פאַרקערפּערטער געדאַנק גופא איז ביים דיכטער קיינמאָל ניט געווען קיין אַבסטראַקטער, נאָר ווי עס שרייבט דער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער י. דאָברושין, „אַן אייגענע איבערלעבטע און טיף נויטיקע 'איך'־פאָדערונג, דער אויסגעדריקטער געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַנג דאַרף זיך אויס־וואַרעמען אין די פאַרבאַרגענסטע געפילן־ווינקלען פון דעם דיכטער, נאָר אַזוי ווערט אויסגעמיטן אַבסטראַקט־רעדנערישע רעטאָריק, וואָס לויערט אויף יעדער סאָציאַל־פּאָליטיש ליד".

פון זיינע ערשטע טריט אָן האָט פעפער באַוויזן, אַז דער סאָציאַלער מיין קוועלט פון זיין אייגענעם לירישן געמיט.

„געגאַנגען טעג און נעכט געגאַנגען,
אַ נאַכט אין דאָרף, אַ נאַכט אין סטעפּ
מיט שווערע פּאַסן בליי באַהאַנגען
מיט פרישן רויך אויף הויכע קעפּ.
נאָר וועג ווערט פריש און שטויביק בלויער
צעזייט אין וועג, אין פעלד, אין שטרוי".

פעפערן איז פון אָנהויב אָן פרעמד געווען די אַבסטראַקטע טרוים־ליריק,

וואָס באַזינגט די יומטובדיקע אינדיווידואַלקייט, פאַרשטעלט די וואָכעדיקע וועגן פון דער וועלט.

ווי אַ ביישפּיל פון פּעפּערס ליריש־סאָציאַלן סינטעז, די דאָזיקע שורות, זייער מוזיקאַלישער ריטם, דער זינגענדיקער געלאָף און די נאַטור־בילד:

„ס׳וועט דער טראָפּן ניט פאַרלוירן,
ווען עס ווערט אַ קוואַל געבוירן
און ער ווייסט אליין מסתם
אַז זיין ענדע, אַז זיין פאַלן
אין די ווירבלנדיקע קוואַלן
איז דער אָנהויב פון אַ ים״.

אין די לידער פון דוד האָפּשטיין שפּיגלען זיך אָפּ פעלדער און סטעפּעס, טייכן און הימלען, וועגן און ביי־וועגן פון זיין לאַנד. מיט פּושקינישער לוי־טערקייט זינגט ער וועגן די „טרויעריקע רוסישע פעלדער״, „אַ גאַנצן טאָג דעם ווינט אַנטקעגן״. ער שניידט ניט אויס קיין עלעמענט פון זיין לירישן „איך״ אָבער ער שפּינט אויס זיין פילאָסאָפישן פאַרטראַכט וועגן סאָציאַל־מענטשלעכן, וועגן נאַטור־כח, וואָס דינט דער געזעלשאַפט.

אין זיין עסיי „ליריק און סאָציאַליזם״ שרייבט דער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער מ. ווינער: „דער טויט וועט שטענדיק בלייבן טראַגיש, אָבער דער אופן ווי אַזוי עס שפּיגלט זיך אָפּ דער טויט אפן געמיט, אף דער פאַרשטעלונג, אפן לעבן פון די לעבעדיקע, ענדערט זיך אין פאַרשיידענע עפּאָכעס. עס זיינען געוועזן צייטן ווען דער טויט האָט דאָמינירט אינם גאַנצן גייסטיקן לעבן, האָט עס פאַרשקלאַפט און אָנגעלאָדן מיט וויסטער מרה שחורה. ביי די סאָוועטיש־יידישע דיכטער ווערט ניט דאָס לעבן אַריינגעגלידערט אין טויט, נאָר פאַרקערט, דער טויט ווערט, ביי זיין גאַנצער טראַגיק, איינגעגלידערט אין לעבן.

אין זיין אין רויטן שטורם״ האָט ל. קוויטקאָ געזונגען:

„אָט די פאַרבן
אָט דאָס לעבן
אָט דאָס וועבן
מוזן שטאַרבן אין די טעג,
נאָר מיר בלייבן,
מיר די וועלן,

וועלכע טרייבן
וועלט צו העלע מארגנס שוועלן,
נאָר מיר בלייבן אין די פאַרבן דאָ!"

און דער זעלבער ווידערקלאַנגביים דיכטער מ. קולבאַק:

„וואָס מיר שטאַרבן
ווער מיר שטאַרבן?
ס'איז אַ שפּריצעניש פון פאַרבן,
ס'איז אַ בייט;
ס'איז אַ נעמען, ס'איז אַ געבן
אין דער צייט".

אַזוי באַקומט די פּראָבלעם פון טויט, וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויס אָרט אין דער דיכטונג, אַ נייע געפילפולע אויספאַרמירונג ביי די סאָוועטיש־יידישע ליריקער. אין איזי כאַריקס ליד גייט אויף אַזאַ מונטערער געזאַנג צום לעבן. דער מענטש פילט זיך שטענדיק יונג אין פּראָצעס פון בויען און ער האָט קיין מורא ניט פאַרן טויט.

„איך האָב פלוצים היינט דעם טויט דערפילט
און אָפּגעשפּרונגען צען טריט אויף הינטער —
איך קאָן דאָך נישט בלייבן שטיל,
ווי אַ דערפּעלע פאַרשאָטענעם מיט ווינטער...
איך האָב קיינמאָל נישט געפרייט זיך און געקוויקט
מיט לעצטער רו פון צוגעמאַכטע אויגן.
איך קאָן דאָך נישט בלייבן שטיל,
ווי ס'ציט זיך הונגעריק אַן עופעלע צום זויגן.

זינט איך האָב אַביסל זיך דערקענט,
רוישט אין מיר ווי פרילינג אויף די הרעבליעס,
און ס'דאַכט זיך מיר — איך טראָג אין מיינע הענט,
דעם אָנהויב און די ענדע פון מיין לעבן".

דעם פאַרגעפּיל פון געפאַר, וואָס האָט געדראָט דעם לאַנד האָט אהרן ווערגעליס אויסגעזונגען אין די טרעפלעכע שורות, וואָס ער האָט געשריבן אויפן שלאַכט פראָנט און זיי קלינגען ווי אַ דיאַלעקטישער חשבון הגדול פון קרבן גרייטקייט צו פאַלן, און וויסן, אַז די פאַרבליבענע טעג וועלן אים לויבן אויף די פאַרבליבענע, נאָך אים, זאַטע און בליענדיקע פעלדער.

„מאָרגן וועט דאָס לעבן מיך דערמאָנען
אויב אפילו פאַלן וועל איך טויט.
אף די פעלדער ליכטיקע בידזשאַנער
וועלן פעלדער לויבן מיך מיט ברויט"

די שפּירונג פון דער קראַפט וואָס לעבן האָט איבערן טויט איז אויך דאָ אין דעם פערז פון מאָטל גרוביאַן. דאָס לעבן איז אייביק און דער מענטש איז אין דויער.

„און קיין סוף דיין ליד זי דאַרף ניט
איי, אַ לעבן איז דורכגעלאָפן?

און סע ענדיקט זיך דאָס ליד,
ווייס דאָס איז נאָך אויך קיין סוף ניט
צווישן אַלע אָנהויבן און סופן —
דו ביסט שטענדיק אין דערמיט".

די האַרמאָניע צווישן דיכטער און געזעלשאַפט איז פאַראַן אין די דעקלעראַטיווע שורות פון דער דיכטערין רחל בוימוואַל:
בלויז אין גרויס געזאַנג געשעט דער וואונדער:
ס'קלינגט יעדנס קול מיט אַלע און באַזונדער".

דער לירישער פלאַם פון די סאָוועטיש־יידישע דיכטער איז אָנגעבונדן אין אַ סאָציאַלן קנויט, וואָס ביי זיך שיין זעט מען ווי זייער יחידישער געפיל זייער האַרץ־פאַרמעג, איז ניט איזאָלירט, נאָר פאַראייניקט אין אַן אָרגאַנישער ליבשאַפט מיטן גאַנצן נאַציאָנאַלן, אינטערנאַציאָנאַלן אין דער פּרעכטיקער פּאָעמע „זאָיאַ" וועגן דער העראָישער געשטאַלט פון לאַנד, בעתן צווייטן וועלט־קריג, די פּאַרטיזאַנערין, וואָס האָט זיך אַליין אָנגעצונדן כדי דאָס לעבן פון איר מוטערלאַנד זאָל ווערן ליכטיקער און גרינגער, האָט די סאָוועטישע ליריקערין (פון יידישן אָפּשטאַם) מאַרגאַריטאַ אַליגער די שורות, וואָס דייטן אָן, אַז דער קאַמף קעגן מאָרד און רציחה און דער אייגענער קרבן האָבן נאָר דעמאָלט אַ ווערט, ווען דער פונק פונעם יחיד ווערט אַריינגעוואָרפן אין כלל־פלאַם, ווערט פאַראייניקט מיט אַ סך פונקען.

אויב איך וועל ניט ברענען און דו וועסט ניט ברענען
און מיר וועלן ניט ברענען, — ווי אַזוי וועט דער חושך ניט ווערן!"

די העברעאישע פּאָעזיע אין מיטלאַלטער איז בעיקר געווען אַ גע־זעלשאַפטלעכע לויט איר פאָרם און אינהאַלט. זי האָט זיך דערפאַר באַנוצט מיט גאַנצע און האַלבע פסוקים פון תנ"ך און האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף דעם יחידיש־לירישן מאָמענט. ערשט די פּאָעזיע פון דער „גאָלדענער עפּאָכע", פון בן־גבירול, הלוי און אבן־עזרא, האָבן געפונען דעם געבענטשטן אופן פון סינטעזירן דאָס פּערזענלעכע מיטן געזעלשאַפטלעכן. עס איז ניט קיין צופאַל וואָס זייער פּאָעזיע איז שטאַרק באַאײַנפלוסט געוואָרן פון דער אַראַבישער ליריק. חוץ סאָציאַלע און אָרטלעכע השפעות איז אויך געווען אַן אינעווייניקסטע קרובהשאַפט צווישן די אַראַבישע און די שפּאַניש־העברעאישע דיכטער. אין זייערע עליתנשמהדיקסטע מאָמענטן האָבן די ספרדישע דיכטער אַרויסגעכשופט פון זייערע טיפענישן די לירישע עקס־פּרעסיע, וואָס זיי האָבן באַהאַפטן מיט נאַציאָנאַלן געפיל, מיט דער זאָרג פאַרן פאָלק, פאַרן כלל.

אין אַ קריטישן אַנאַליז וועגן אַן אַראַבישן דיכטער האָט משה אבן־עזרא געבראַכט די שורות ווי אַ בײַשפּיל פאַרדעם דערמאָנטן געדאַנק:

„מיין געווין ביי דעם טייך האָט געמאַכט זיינע וואַסערן טריף,

מען טאָר ניט טרינקען דאָס וואַסער, ס'איז דאָך אינגאַנצן בלוט".

(איבערזעצט פון ק. מ.)

ער ווייזט אָן, אַז די פּאָעטישע קראַפט פון די שורות באַשטייט אין דעם וואָס דער פּאָעט מיידט דאָ אויס דעם געוויינלעכן אויסדרוק, אַז ער האָט געוויינט ביים טייך מיט „בלוטיקע טרערן", אָבער דערמיט וואָס ער איז מרמז, אַז די וואַסערן זיינען טריף געוואָרן, און מען טאָר זיי ניט טרינקען, שטויסט זיך דער לייענער אָן וועגן די בלוטיקע טרערן.

דער פערז ענטהאַלט אָבער אויך אַן אינהאַלטלעכן אמת. וואָס קומט אַרויס פון דעם געדיכטן טרויער, אויב ער מאַכט די וואַסערן פונעם טייך, וואָס געהער דעם כלל, טריפה?

עס איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן די דיכטער פון שפּאַניע מיט דער סאָוועטישער דיכטונג. ביידע האָבן דאָס פּערזענלעך־לירישע באַהאַפטן מיטן קאָלעקטיוון מאָטיוו. ערגעצוואו איז דאָ אויך פאַראַן אַ דינע פאַרבינדונג מיטן „ליד עבודה" פון שליח ציבור, וואָס איז געווען אַדורכגעציטערט מיט „אימתא דציבורא", מיט יראת הכבוד פאַר די געזעלשאַפטלעכע נויטן, ווי דער כהן ווערט געשילדערט אין דער העברעאישער ליטורגישער ליטעראַטור.

אין איר אַריינפיר צום לירישן פערזן־ראָמאַן „שטערן בייטאָג", ווייזט

אַן די לעניגראַדער רוסישע דיכטערין אַלגאַ בערגהאָלץ אויף דעם באַהעפט פונעם יחידישן, סוביעקטיוון מיטן אָביעקטיוון, די פּערזענלעכע דערפאַרונג פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן. זי דערציילט וועגן איר שטאָט וואָס איז געווען באַלאַגערט טעג און נעכט פון נאַצישן שונא און פאַרבינדט איר איבערלעבונג מיט די שורות פון דער תהלים־ליריק וועגן די אַלטע העברעער, וואָס האָבן אַמאָל אויפגעהאָנגען זייערע לירעס אויף די ווערבעס פון די בבל־טייכן.

„אין די אַלטע לאַמענטאַציע־פערזן אויף דער צעשטערונג פון ירושלים, די שטאָט פון גליק און ליידן פאַרן דיכטער, באַהעפט ער זיך מיטן פאָלק. ‚אויב איך פאַרגעס דיך, ירושלים, זאָל מיין רעכטע האַנט צוגעטריקנט ווערן, זאָל מיין צונג באַהאַפטן ווערן צום דאַך פון מיין מויל, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן‘ פאַראַליז פון גוף און נשמה, פון וואָרט און טאַט, דאָל איז די קללה, וואָס דער דיכטער רופט אויף זיך. דאָס איז אַן אינספּירירנדיקן אמת וועגן זיין שייכות צום פאָלק“. די ווערטער רופן זיך איבער מיט געגנוג פערזן פון די סאָוועטיש־יידישע דיכטער.

פאַראַן אין דער סאָציאַלער ליריק דער דירעקטער המשך פון יענעם פייערלעך־מאַיעסטעטישן נוסח אין כהן גדולס עבודה־תפלה, וואָס, ניט קוקנדיג אויף זיין פאַרגלויבטקייט אין דער אייגענער אויסדערוויילטקייט, איז ער געווען דורכגענומען מיט דער מחשבה, אַז קאָלעקטיווע באַדערפעניש וועגט איבער דעם אינדיווידועלן פאַרלאַנג, איז גובר ריין־יחידישע באַדערפעניש. די תפילה פון די וועג־לייט טאָר ניט האָבן קיין פאַרצוג איבער די פאַרלאַנגען און נויטן פונעם פאָלק. דאָס טויאיק־ברכהדיק וואָרט מוז זיך איבערגעבן דעם רשות פון כלל, דעם רשות פון רעגן, צו דערפרישן די פאַרשמאַכטע ערד און באַפרידיקט די ערדישע נויטן פון פאָלק.

נאָכן גאָלדענעם הירש

פאַר זייער קינסטלערישער עלית נשמה!

„די חברים האָרכן אויף דיין קול,
לאָז מיך אים הערן.
געגליכן צו אַ הירש
אָדער צו אַ הינד אַ יונגן"

„נאָכן גאָלדענעם הירש יאָג איך זיך"
(ראַבינדראַט טאַגאָר).

אז די סאָוועטיש־יידישע דיכטער, אַז זייער קינסטלערישע וועלט איז איז געווען מאָנאָאידייאיש, אַז דער סאָציאַלער אָפּטימיזם איז געווען זייער יסוד — איז גוט באקאנט. פּונקט אַזוי איז זיכער, אַז די סאָוועטיש־יידישע וואָרט־קינסטלער האָבן ניט נאָר געלעבט מיטן גלויבן אין אַ ליכטיקער זון, וואָס האָט געדארפט באַלויכטן די סאָוועטישע ערד און באַשיינען אירע לעבעדיקע באַשעפענישן, נאָר אַז זיי האָבן אויך געוואוסט פון אינעווייניקסטן נשמה־געראַנגל און האָבן אָפט געלעבט מיט אַ טיפער אנונג פון צער און גזר. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וועלן ניט צוגעבן זייערע מספּידים, בפרט די וואָס האָבן בעת די דיכטער האָבן געלעבט זיי ניט דערשאַצט.

אַ פאַרטיפונג אינעם שאַפן פון די טראַגיש־פאַרשניטענע קינסטלער בימי גזירות סטאַלין הרשע וועט מוזן אַנטפּלעקן זייער ברכהדיקע פעאיקייט איינצוהאַלטן פערזענלעכן צער און דערביי ניט לאָזן פאַרשווענקען דאָס ריין־פּאָעטיש גאָלד, וואָס איז אפשר דער גרעסטער סימן פון קינסטלערישער קראַפט און אויסדויער.

מען קאָן זיך דינגען וועגן דעם ווען עס קומט די קרוין פון דער

סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע, אָבער אַלע וועלן צוגעבן, אַז אַזאַ ברויזנדיק און שאַלנדיק אויסזינגען זיין לאַנד און גלויבן, ווי ס׳איז פּעפערס פּאָעזיע, איז ניטצו געפינען ביי קיין אַנדערן פּאָעט.

פּעפער האָט טיף געשפּירט זיין לאַנדשאַפט, דעם שטורם און ברויז פון זיין דור און האָט אין אים אויסגעלעבט זיין גאַנצן פּאָעטישן מהות. שורות, וואָס זיינען אפשר דעם דיכטערס קרעדאָ:

כ׳בין אַ שיפל אין אַ שטורעם —
זאָלן מיך די כוואַליעס טראָגן,
נאָר אַז כ׳וועל צעבראָכן ווערן
וואָס וועל איך מיין ליבסטער זאָגן?
ביזט אַ שיפל ווען די זאָגן —
האַלט זיך נעענטער ביי די ברעגן,
סאַראַ רוח האָט געטראָגן
אַזאַ שטורם דיך אַנטקעגן?
וועל איך ענטפערן, אַז רוען
זאָל דער גינגאָלד אויף די שטערן,
כ׳בין אַ שיפל אין אַ שטורם
און איך וויל דעם ים געהערן״.

אָבער די דאָזיקע שטורמישע לאַנדשאַפט, די רעוואָלוציאָנערע סטיכייע, וועלכער ער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנצן נפש, האָט אויך פאַרמאָגט פאַר אים געגנוג קלאָווישן פאַר די שטאַרקסטע און צאַרטסטע אַקאָרדן.

אָט איז אַ ליד וואָס פּעפער האָט געזונגען בשעת דער גאָרטן פון זיין וואָרט איז געווען אין סאַמע רעכטן בליען.

און ס׳איז גוט און ס׳איז שלעכט, און ס׳איז גרינג און ס׳איז שווער,
און מיין גלויבן, וואָס כ׳האָב איז דאָס שטאַרקסטע געווער,
נאָר ווער איך אַ זון אויף אַ ווייל, קומט די נאַכט,
און ווער איך אַ שטערן פאַר קיינעם געדאַכט
נעמט שאַריען אויף טאָג און עס קלאָרט און עס בלויט,
און איך הענג אין דער מיט צווישן לעבן און טויט,
ווי אַ בליץ אויף אַ וואָלקן, ווי אַ שטראַל אויף אַ פלויט,
און דער צער איז מיין זאַלץ, און דער גלויבן — מיין ברויט״.

גלויבן אין וואָס? גלויבן אַז אפילו אין וואולקאַנישן באָדן איז דאָ אַן אידיליע־פּייזאַזש, וואָס קוקט אַרויס ווי אַ בשורה־פּאָן, וואָס פלאַטערט אין שטורם,

ווייל עס איז גאַרניטאָ קיין אָרט און צייט, וואָס זאָל אויך ניט האָבן די עלעמענטן פון מנוחה. אויך אין אַ צעשטורעמטן אָפּגרונט קאָן אַ געניטער ים־טויכער אַנטדעקן אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ פון רו.

„און דער צער איז מיין זאַלץ, און דער גלויבן — מיין ברויט" — דאָס גילט אויך פאַר זיינע פּאָר אים און נאָך אים אין גזר־פאַרשניטענע חברים, וואָס האָבן געאַנט די שווערד, וואָס דרייט זיך ביי די טויערן פון זייער גן־עדן, און דאָך געגלויבט אין דער אייביקייט פון לעבן, וואָס איז איבער דעם פאַרגענגלעכן, העכער פון דער רשעותדיקער צייט. אַזאַ איז געווען דער פייערלעכער גלויבן פון מינסקער איזי כאַריק, וואָס האָט אויסגעזונגען בעת ער האָט געשטעלט זיינע גלויביקע טריט אין דער דיכטונג:

„און כ'וועל געוויס נאָך לעבן זייער לאַנג .
און אפשר לענגער נאָך אפילו פון מיין דיידו,
און וועט אַ קויל מיך טרעפן ושטילערהייט
וועט מיך די קויל געוויס נישט קענען נעמען".

אין דער ספערע פון גייסט באַגעגענען זיך אָפט ווידעראַנאַנדיקע געשטאַלטן, קינסטלער פון קעגנגעזעצטע אידייען. לויט זיין דיכטעריש־אידייאישן מהות איז ה. לייוויק געווען וויים פון דער סאָוועטישער דיכטונג. עס איז אָבער אינטערעסאַנט ווי אין זיינס אַ ליד אינעם ציקל „היים סאָוועטישע" האָט דער דיכטער, וואָס האָט אויסגעדריקט אין זיין פייערלעכער דיכטונג די אנונגען פון גליק און אומגליק, פון נצחון און דורכפאַל, זיך באַגעגענט מיט די סאָוועטיש־יידישע דיכטער, וואָס האָבן זיך אויך געראַנגלט מיט די ווידער־שפּרוכן פונעם נייעם סדר. איך האָב אין זינען די לייוויקישע פערזן:

„ליד מיין הירש מיט פלאַנטערדיקע הערנער
צו לאַנג דיך דעם ווילדן וואַלד פאַרטרויט, —
איז אַ וואונדער דען, וואָס איבער אַלע דערנער
הענגען רויטע אויסגעשרייען פון דיין הויט".

פאַראַן אַ הויפּט־אימאַזש אין דעם ברייט־שטראָמיקן, צעכוואַליעטן שאַפן פונעם פלאַמיקן אַפּאַלאַ פון דער יידיש־סאָוועטישער פּאָעזיע, וועמענס שיינע געשטאַלט איז ווערט געווען זיין טיפן תוכן — פרץ מאַרקיש. עס איז אַ משל וואָס ער האָט געניצט אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן, ווען ער האָט זיך פלאַמיק באַהעפט מיט די מויערן פון קרעמעל, און זיך געקלאַמערט אין זיי ביז אַ פאַרעטערישע און אכזריותדיקע האַנט האָט אים פון זיי אָוועקגעריסן.

עס איז אַ משל פונעם הירש, וואָס האָט זיך מיט זיינע שיינע הערנער פאַרטשעפּעט אין די צווייגן.

„וואָס גייט עס מיר אָן דען
ווער ס'האָט דיך פאַרפּלאָנטערט
און וועמען פאַרפּלאָנטערט דו האָסט אין פאַרבייגיין ?
אַ הירש אַ פאַרשייטער
מיט הערנער ווי צווייגן,
זיך פּלאָנטערט די וועלט דאָ
אין נעצן צעשטעלטע". (1919)

און מיט צען יאָר שפּעטער קערט ער זיך אום צו זיין געליבטן הירש.

„אַ ווינטמיל בענקט נאָך ווינטן ביי די נעכט,
און ס'שטאַרבט דער דאָרשט ביי פולע ברונעמס, —
פאַרגין מיר, וועלט,די שמחה פון אַ הירש, וואָס
פאַלט אין אָפּגרונט טאַנצנדיק אויף בערג,
וואָס פאַלט אין תהום, נישט ווּיסנדיק וואוהין..." (1929).

אַזוי האָט דער פּאָעט אויפגעפּאַסט דעם רויטן שטורם־ווינט און גע־זוכט דעם באַשייד פון זיין פּלאָנטערן זיך אין דער נעץ און פאַראויסגעזאָגט, נאָך איידער דער תהום האָט זיך פאַר אים געעפנט, די שמחה פון „טאַנצנדיקן הירש", וואָס איז געשטיגן אויף די בערג און האָט דערלאַנגט. אַזוי האָט ער זיך צעזונגען אין איינער פון זיינע לעצטע לידער:

אַריבעשטייגנדיק דעם באַרג פון פּיין,
וועלן מיר ווי הירשן דאָרשטיקע זיך לאָזן אין באַגינען,
און קומענדיקע זין און טעכטער וועלן זינ
דאָס ליד פון סאָלאָווי, די חכמה פון די בינען".

דער מענטש איז ווי אַ הירש, וואָס צאַפּלט זיך אין בעץ, און ווען ער שטאַרבט אַ דאָרשטיקער פאַרגייט ער מיט זיין פּיין און מיט זיין פרייד, און דאָס אייביקע לעבן פליסט ווייטער.

אין זיינע לעצטע לידער, וואָס זיינען באַהויכט מיט אַ רעמבראַנדטישן פאַרטיפטן רעאַליזם, אַז זיי דערמאָנען סעזאַנס זאָג: „אַ מינוט פון לעבן וואָס גייט אָפּ אין זיין גאַנצער רעאַלקייט", זיינע לידער וואָס האָבן אים פאַר־פאַנצערט און דערהייבן איבער דער פּערזענלעכער טראַגיק.

„אָפּגעבליט האָט גיך דער זומער
און דער האַרבסט איז פרי געקומען

ערגעץ שוין דער ווינטער שפּאַנט,
גיס־זשע אָן מיט פּולשר האַנט
פאַר די נאָענטע, פאַר די ווייטע, —
די וואָס וועלן אונז פאַרבייטן״.

אָט־דער ברענענדיקער באַוואוסטזיין האָט דעם דיכטער פּרץ מאַרקיש אַנגעפילט מיט גלויבן און אים אַזוי אַכזריותדיק־ניכטער באַהערשט דעמאָלט, בשעת פון זיינע שיינע אויגן האָט שוין אַרויסגעקוקט דער טרויער פון בלעטערפאַל. מאַרקיש האָט זיך באַהאַפטן מיטן אייביקן גאַנג פון דער וועלט. דאָס האָט געמאַכט, אַז זיין ליד זאָל פלאַטערן ווי דאָס כשוף־ליכט פון אַ הירש איבער אַן אָפּגרונט.

מאַרקיש, דער שוימיקער דיכטער פון יידיש־ליד האָט אפשר יאָ און אפשר ניט געוואוסט וועגן זיינעם אַ יינגערן יידישן ווייס־רוסישן ברודער, וואָס געזונגען האָט ער דווקא אין דער שוועסטער־שפּראַך (העברעאיש) און ער האָט געטיילט דעם זעלבן גורל פון די יידישע שרייבער.

חיים לענסקי איז געווען אַ העברעאישער דיכטער, וואָס האָט אונטער די קאַלטע ליכטיקע סיבירער שטערן געזייט „רענדלעך, ווי גאָלד־טריט פון אַ הירש״ — לידער און באַלאַדעס. ביי די ברעגעס פון „פּעטערס און באַקונינס שטאָט״, ביי דער העלער ניעוואַ האָט זיך צו דעם העברעאישן פּאָעט באַוויזן מוזע פון הלוי און ביאַליק און אים נאָכדעם באַגלייט ביז די אייזיקע טאיגעס פון דער לענאַ און יאַניסיי.

„אינעם צפון פון דער וועלט זיינען דאָ די נעכט פון וועלדער
אָנגעשטעלטע מיט סאָסנע־צווייגן און קאַמעטן־ליכטער...
פאַרטרייבנדיק דיינע פייגל פון קוסט און בוים, האָט ער (דער צפון)
. דאָך ניט פאַרטריבן דיינע נאכטיגאַלן פונעם האַרץ״

(פריי איבערזעצט: א. ב.).

דער יונגער העברעאישער דיכטער איז אין 1924 אַריבער די פּויליש־סאָוועטישע גרענעץ. ער איז געווען אַן אַרבעטער אין אַ מעטאַלורגישער פאַבריק אין לענינגראַד. אין דעם קאַשמאַר פון די ערשטע קיראָוו־משפּטים האָט מען אים פאַרשיקט אין „סיבירער האַרץ, אינעם לויטער פון אירע שנייען״. ער האָט זיין גורל אָנגענומען סטאָאיש. ער איז בכלל ניט געווען קיין מענטש פון ביטערקייט. ווען מען לייענט די העל־קלאָרע לידער פון דעם פאַריאָגטן אַרעסטאַנט שפּירט מען ניט קיין שום יגון־ואנחה־טאָן, נאָר

עס הערן זיך אין זיין ליד העלע פויגל־קלאַנגען. דאָ איז אויך ניטאָ קיין שנאה צום סאָוועטישן סיסטעם. ער איז אפילו צייטנווייז פאַרכשופט פון דעם גיגאַנטישן פאַרמעסט, דעם אינדוסטריעלן בוי, פאַר זיין קראַפט און ריטם. דער גרעסטער וואונדער איז אָבער דער, וואָס די בייזע ווינטן פון צפון האָבן ניט באוויזן אויסצולעשן זיין פּאַעטישן גאָלד־גלי און וואָס די ענגע תפיסה ווענט האָבן געהאַט געגנוג רוים פאַרן ליד אין זיין דיכטעריש האַרץ.

אין דער מיט פון די גרעסטע ליידן האָט ער געמאַכט אַ „ברכת־הנהנין" (הנאהדיקע ברכה) אויף דעם העברעאישן ליד. עס האָט אים „פאַרכשופט די ווערמוט פּלאַנץ" און ער האָט אויסגעזויגן איר ביטערקייט און האָט געזונגען; דער גורל האָט אים געפּלעט און ער האָט געטרילט; דער צפונדיקער ווינט האָט געפייפט — און ער האָט געשריבן ליריק.

חיים לענסקי האָט געלאָזן אַ ליד, וואָס האָט ווי באַשוואוירן מען זאָל אים ניט פאַרגעסן, ווי דער שיר־השירים־דיכטער האָט געשוואָרן ביי „די הירשן און אינדן פון פעלד":

„אַ וועלדל אין אונטן, און איך און מיין טרויער אַצינד,
אַ מעשהלע וועגן אַ הירש גיט מיר איבער דער ווינט:
אַראָפּ איז ער איינמאָל באַגינען צום טייך אין־אַליין,
צו שטילן זיין דאָרשט, און צו זען ווי זיין האָרן איז שיין.
האָט אים אויפן ברעג דאָרט אַ מיידל — אַ ווערבע דערזען
(דער אָנהייב פון ליבע, דער אָנהייב פון סוף ווי געשען).
אַליין אַ יתומה — איר קרוב דער האַרבסט נאָר מיט איר
האָט ער זי באַפּוצט און באַהאָנגען מיט גאָלדענעם ציר.
אַרויפגעלייגט האָט די אויף האָרן פון הירש דעם נדן
פאַרפלויגן דער חתן, ניטאָ שוין קיין שפור און קיין שפּאַן.
געבייגן אַריבער דעם טייך שטייט זי נאַקעט און הויל,
די קאָרע צעשפּאָלטן, די צווייגן פאַרברענטע ווי קויל.
און קוקט צו דער נידער פון באַרג, צו דעם אויסבייג פון שטעג,
עס מיניען די רענדלעך — די גאָלד־טריט פון הירש אויפן וועג".

(יידיש: מ. יאפע)

אין אַ צווייט ליד דערציילט דער דיכטער ווי אַזוי ער האָט אין שניי־לאַנד באַגעגנט דעם הירש. אַ כשוף־ליכט האָט אויפגעריסן זיינע אויגן און ער האָט דערזען ווי צווישן „בוים און בוים, בלאַנק ווי אַ נאַקעטער בליץ, אַ הינד, אין געצוויג פון הערנער האָלט זיך אָן דער לייכטער דעמער; עס

קומט אָן די נאַכט. דער שלאַנקער הירש גייט אַרויף אויפן באַרג, דער מולד־האָרן איז זיין מויל — אַ שופר"... דער פּאָעט זאָגט: כ'האָב געזען מיין שטערן־ליכט, מיין מזל בלאַנקט מיר אַנטקעגן אויפן האָרן פון הירש".

„דומה דודי לצבי" — „מיין געליבטער איז געגליכן צו אַ הירש און צו אַ אינדין". דער דיכטער איז פאַרשניטן געוואָרן און זיין בענקשאַפט איז דערגאַנגען פון יענער זייט טייך פון צפון קיין דרום, פון סיביר קיין תל־אביב.

„פון יענער זייט טייך לעטע" — אַזוי הייסט זיין העברעאיש לידער־בוך.

דער אַלטער כאַראָן אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע האָט באַקומען אַ באַפעל פון די געטער דורכצופירן אין טייך סאַטקעס די נשמות פון טויטע צום עולם התחתון, אָדער אינעם קעניגרייך פון גיהנום און שאַטנס. דאָרטן געפינט זיך דער טייך לעטע, דער טייך פון פאַרגעסן, וואָס יעדער איינער וואָס זופט פון אים פאַרגעסט זיינע יסורים אויף דער ערד.

די גריכישע מיטאָלאָגיע האָט רחמנות אויף די טויטע. דער אמת איז אַז מיר זופן תמיד די טראָפּנס פון שיכחה כדי צו פאַרטרייבן פון אונזערע הערצער דעם זכר פון די מתים. מען קען אָבער דעם צער ניט אויסוועפּן דורך פאַרגעסן, נאָר דווקא דורך געדענקען. דער דיכטער האָט עס געוואוסט. אַ רמז אויף דעם די מאָטאָ אויף זיין בוך:

מלכה העברתי צבאותיך כמצביא
מעבר לניבה, דון ונימן נהר מולדת.
כן תעבירי שמי מעבר לנהר לתי
כשמות הקדמונים הימן והלוי".

(„מלכה, כ'האָב איבערגעפירט דיינע לעגיאָנען ווי אַ שלאַכטמאַן פון יענער זייט נעווא, דאָן און היימלאַנד טייך ניעמאַן; אַזוי זאָלסטו איבערפירן מיין נאָמען פון יענער זייט טייך לעטא, ווי די נעמען פון די קדמונים: הימן און הלוי").

די שכינה וואָס שוועבט אויף די פליגלען פון פּאָעזיע לאָזט פאַלן דעם טוי פון איר חסד אויף מאַרקישן, קוויטקאָ, פעפערן, כאַריקן און לענסקין. זי לאָזט שטראַלן זייערע נעמען ווי דער בלאַנק פון הימל און זיי שיינען מיט די נעמען פון הימן, הלוי און ביאַליק — „פון יענער זייט טייך פון פאַרגעסן".

פרוכט אין צייט

פון צייט און טייך

מארק טוועין און דער בירגער קריג



„איך האָב געקענט טייכן, אַלטע און אוראַלטע טייכן. אַלט ווי די וועלט און עלטער נאָך פון דעם פולס אין דעם מענטשלעכן אָדער, און מיין האַרץ איז געוואָקסן אין דער טיף פון די טייכן. איך האָב געהערט דאָס געזאַנג פונעם מיסיסיפּי ווען אייב לינקאָלן האָט זיך געשיפט אויף אים קיין ניו־אָרלינס. איך האָב געקענט טייכן... מיין האַרץ איז געוואָקסן טיף ווי די טייכן״.

(לענגסטאָן היוז)

ווינט און וואַסער זיינען געווען הויפּט־קוואַלן פון טעכנישער ענערגיע פאַרן פּרימיטיוון מענטשן. טייכן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט־ציוויליזאַציע. די ברעגן פון די וואַסער־סטענגעס, וואָס האָבן אַדורכגעשניטן קאָנטינענטן, זיינען געוואָרן די וויגן פון קולטור און האָבן געהאַט אַ טיפע השפעה אויף מענטש און לאַנד, אַ מאַטעריעלן און גייסטיקן איינפלוס.

מיט שטאָלץ און ליבשאַפט האָבן די דייטשע געטע און היינע באַזונגען זייער „פאָטער רהיין״; מיט טרויעריקער עמאָציע האָבן די רוסן געדיכטעט וועגן זייער וואָלגאַ; די פּוילישע פּאָעטן האָבן מיט מיטאָלאָגישע לעגענדעס באַקראַנצט די ווייסל — נימפן און וואַסער מענטשן און די וואַנדאַ־לעגענדע ביי מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין — און די זעלבע ווייסל, וואָס שניידט דורך ישובים, וואו יידן האָבן פון קדמונים זיך צעגויפגעלעבט מיטן פּוילישן אַרום האָט גערעדט יידיש צו שלום אַשן.

אַ טיפער באַזינגער פון טייך, פון זיין קאָלאָריט און ריטם, איז אָן ספק געווען וואָלט וויטמאַן, וואָס האָט געזען אַמעריקע קאָסמיש. דער פּאָעט פון

„לאנגן אינזל״, וואָס האָט פאַרטרונקען זיין „איך״ אין דער אַסטראָנאָמישער רחבות, האָט אין דעם ברייטן טייך געזען דאָס ברייטסטע פון אַלץ — די צייט.

אין זיין באַרימטער פּאָעמע „מיט דער ברוקלינער פּערי״ באַווייזט ער דעם טאַלאַנט „צו פאַרברייטערן דאָס ברייטע און פאַרלענגערן דאָס לאַנגע״. וויטמאַן טראַכט וועגן מענטשן פון דער צוקונפט, וואָס וועלן אַמאָל, אַ סך יאָרן שפּעטער נאָך זיין טויט פאָרן איבערן טייך. צו די דאָזיקע ווייטע אייניקלעך זיינע, ווענדט זיך דער פּאָעט מיט די ווערטער:

„ניט צייט, ניט פּלאַץ איז וויכטיק — ווייטקייט איז קיין אָפּשטעל ניט
איך בין מיט אייך, מענער און פרויען פון שפּעטערדיקן דור.
פּונקט ווי איר פילט, ווען איר קוקט אויפן טייך און הימל,
פּונקט ווי איר זענט דערפרישט פון דעם פריידיקן טייך
און דעם ליכטיקן שטראָם, בין איך געווען דערפרישט.
פליס־זשע טייך ! פליס צו מיטן צופלוס,
און שטראָם אָפּ מיטן שטראָם !״

די ברייטקייט און ניט דערזעטיגטקייט, די אומבאַגרענעצטע האָריזאָנטן, די לאַנג־אָטעמדיקייט פון דער צייט, האָט אים, דעם „דיכטער פון די מיליאָנען״, געפירט צו זיין מאָנומענטאַל ליד „אַ גרוס דער וועלט״, וואו ער טראָגט זיך מיט ווינטן און כוואַליעס איבער אַלע קאָנטינענטן.

אַ, וואַסערן, מיט אייך האָב איך באַרירט אַלע ברעגן
אומעטום איבערן ערד־קײלעך, וואו נאָר ס׳לויפט פאַרביי אַ טייך,
אַ וואַסער־שטראָם, בין איך דאָרט פאַרבייגעלאָפן״.

(יידיש : ל. מ.)

טייכן זיינען אַלט ווי די וועלט און זיי באַנייען זיך דורכן אייביקן פלוס און ריטמישן גאַנג. דער קינסטלער, וואָס פילט דעם ריטם פון דער צייט, זאַפּט אין די צייט ווי דער קערפּער דעם כוואַליענדיקן אָפּגוס פון ים. יעדער גרויסע פּאָעמע, באַלאַדע, ראָמאַן און נאָוועלע איז דערפאַר אַ צייט ווערק, ווייל עס דרינגט אַרויס פון די כחות, וואָס שפּינען און וועבן די צייט, אָדער וועבן זיך אויס פון דער צייט, פונעם לעבן, וואָס ענדערט זיך.

„אַלץ פליסט״ האָט דער פאַרצייטיקער גריכישער טונקעלער (העראַקליט) געזאָגט און דערביי געגעבן די פאָרמול : „מען קען ניט אַריינגיין צוויי מאָל אין זעלבן טייך — מען קען אפילו איינמאָל אויך ניט — ווייל ביז דער גאַנצער קערפּער וועט זיך אַראָפּלאָזן אין וואַסער וועט שוין דאָס וואַסער ניט זיין דאָס פריערדיקע״. דערין באַשטייט אין גרונט דער כח פונעם

רעאַליסט, וואָס זעט די ווירקלעכקייט אין אירע ענדערונגען און גיט אַן עמאָציאָנעלע אינטאָנאַציע די ענדערונגען וואָס די צייט ברענגט. ערשט ווען דאָס ריין־סוביעקטיווע פונעם שרייבערס אויג און האַרץ ווערט אַריינגעאַרבעט אין דעם אייביק זיך־בייטנדיקן שטראָם פון דער צייט, ווען זיין „איך" ווערט באַהאָפטן מיט דער צייט — ווערט געשאַפן קונסט.

„קענסטו דאָס לאַנד פון די ברייטע טייכן און דעם ברייטסטן פון אַלע — די צייט" — די דאָזיקע געטע'אישע שורות האָט דער אַמעריקאַנער נאָוועליסט טאָמאַס וואָלף גענומען ווי אַ מאָטאָ און מאָטיוו פאַר זיין גרויסן ראָמאַן „פון צייט און טייך". דאָ ליגט אויך דער שליסל צו דער ליטעראַרישער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער „צווייטער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע", דעם קריג צווישן די שטאַטן, וואָס האָט ווי אַ טייך איבערגעשניטן צוויי צייט־תקופות, פאַרזיגלט איין עפּאָכע און אָנגעהויבן אַ נייע אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג איז געווען ווי אַ טייך, וואָס האָט צעשניטן די אַמעריקאַנער געשיכטע. פאַר דעם בירגער־קריג איז געווען אַן אַנדער געשיכטע און נאָכדעם — אַן אַנדערע, און דאָס האָט געמוזט ווירקן אויף דער ליטעראַטור.

דער בירגער־קריג האָט פאַרענדערט דעם קולטור־פּנים פונעם אַמעריקאַנער פאָלק און האָט געעפנט פאַר דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור נייע סאָציאַלע האָריזאָנטן. דער גרויסער אויפשוואונג פון פּאַטריאָטישן קאַמף פאַר אַ פאַראייניקטער נאַציע, די דראַמאַטישע עפּאָפּייע פון שקלאַפן־אויפשטאַנדן און שפּעטער די עמאַנציפּאַציע פון קנעכטשאַפט, האָט געמוזט אינספּירירן די שרייבער און דיכטער. דער גרויסער וואָלט וויטמאַן האָט אין זיינער אַ רעדע, פערצן יאָר נאָך לינקאָלנס דערמאָרדונג, זיך דערלויבט צו ספּעקולירן, אַז „אַ גרויסע ליטעראַטור וועט ערשט אַרויסקומען פון דער דאָזיקער פּיר־יאָריקער ערע. די סצענעס פון פאַטערלענדישער ליידנשאַפט, ערשט־קלאַסיקע בילדער וועגן נסיונות פון לעבן און טויט — אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר דער צוקונפטיקער אַמעריקע — וועט זיין אַ סך גרעסער, אויב נאָר געשטאַלטיקט דורך טאַלאַנטירטע הענט — גרעסער פון האָמערס באַלאַגערונג פון טרויאַ, פון די פראַנצויזישע מלחמות און וועט אַריבערשטייגן שעקספּירן" (וועגן טויט פון אייבערהעם לינקאָלן, רעדע געהאַלטן דעם 14טן אַפּריל 76.)

די דאָזיקע רייד זיינען געווען פּאַסיק פאַר דעם קאָסמישן דיכטער, וואָס האָט

זיך אַלס פיר־און־פערציק יאָריקער מאַן אַנגעשלאָסן אין די צפון־כחות און האָט אויף אַ קרבנותפולן אופן געטאָן שווערע סאַניטאַרישע אַרבעט אין די רייען פון דער צעבלוטיקטער אַרמיי; דעם באַזינגער און נביא פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, וואָס לינקאָלנס דערמאָרדונג האָט איבערגעלאָזן אַזאַ טיפן ריס אין זיין האַרצן, אַז ער האָט געגעבן קינסטלערישן תיקון דעם בירגער־קריג דורך זיינע עלעגיעס אויפן טויט פון גרעסטן אַמעריקאַנער פּרעזידענט, וואָס איז פאַרבליבן דאָס סאַמע רירנדיקסטע און פּאַעטישסטע, וואָס איז געשריבן געוואָרן. וויטמאַנען האָבן נאָכגעפאָלגט אַ גאַנצע ריי אַמעריקאַנער דיכטער, אָבער קיין גרויסע ווערק אין פּראָזע, עפּיק און ליריק, וואָס זאָלן געשטאַלטיקן דעם בירגער־קריג, זיינען אין די ערשטע יאָרן נאָכן קריג ניט געקומען.

דער בירגער־קריג האָט געשטויסן דאָס לאַנד אויפן וועג פון דע־מאָקראַטיע און פּראָגרעס. די פּלאַנטאַטאָרישע אַריסטאָקראַטיע פון דרום, וואָס האָט צוריקגעהאַלטן דעם דעמאָקראַטישן און אינדוסטריעלן פאָרשריט, איז פאַרניכטעט געוואָרן אַלס פּאָליטישע מאַכט. קאַפּיטאַליזם האָט באַקומען פולע פרייהייט פאַר וויטערער אַנטוויקלונג. אָבער דער גרויסער שוואונג פון דעם נייעם אינדוסטריעלן גיגאַנט האָט אויך געבראַכט מיט זיך קאָרופּציע, געלט־גייציקייט, עקספּלואַטאַציע, וואָס האָבן געהאַמעוועט דעם וועג פאַר עכטער דעמאָקראַטיע. די רעאַליסטן אין דער ליטעראַטור האָבן דערשפּירט די געפאַר פון דעם קאַפּיטאַליסטישן שטן וואָס האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ סוף צו לינקאָלנס פרייהייטס־געבאָטן.

וואָלט וויטמאַן האָט געזען אַמעריקע קאָסמיש. אינעם קאָסמאָס איז ניטאָ קיין אינטימקייט. מען דאַרף דערפאַר ניט זוכן אין וואָלטס שאַפן קיין געאָגראַפישע און עטנאָגראַפישע אויסגעהאַלטנקייט. די צווייטע גרעסטע און רעפּרעזאַנטיווסטע פיגור אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור סעמועל קלעמענס, מאַרק טווען, איז שוין אין זיין מיסיסיפּי־טעמאַטיק געגאַנגען פונעם היימישן טייך־שטעטל, פונעם ענגן לעבן אין אַ אומגעזעטיקטער סביבה צו די אומ־באַגרענעצטע האָריזאָנטן, צו דערברייטקייט, צו דער צייט.

דער מיסיסיפּי. אַ קוואַל ערגעץ אין אַ צפון־מערב ווינקל האָט אים געבוירן און אַרויסגעשטויסן אַף דער ערד צו דער זון. האָט ער זיך אָנ־געהויבן טראָגן דורך וואַלד און פליין צום דרום; האָבן ריטשקעלעך, און זומפּיקע שטראָמען פאַרמערט זיינע וואַסערן ביז ער איז געוואָרן אַ טייך ווי אַלע טייכן, האָט זיך געשפּיגלט אין די הימלישע טיפן און זיך געכמורעט

מיט די וואָלקנס; געשלונגען בייניאַכטיקע שטערן און געטראָגן אויף זיין צעכוואַליעטן רוקן פליטן און שיפן. ער האָט אויסגעפילט זיין שליחות, די מיסיע פון אַ טייך: אייביק יאָגן זיינע שטראָמען.

דער יונגער סעמועל קלעמענס איז געוואַקסן און זיך אַליין דערצויגן ביים טייך אין קליינעם ברעג־שטעטל האַניבאַל, מיזורי. טאָג נאָך טאָג האָט דאָס קליינע שטעטל אויפגעוואַכט צום לעבן ביים פייף פון אַ שיף און קולות, ווייטע, עכאָדיקע, דורכגעזאַפּטע פון וואַסער און ווינט, האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט און גערופן צו אַנדערע שטעט, דערמאָנט, אַז ערגעץ ווייט רירן זיך כוואַליעס און רופן אַרויס נייע שטראָמען פון צאַפּלדיק לעבן. דער טייך האָט דערוועקט ביים יינגל דעם דראַנג זיך אַרויסצורייסן פון זיין ענגער, קליינשטעטלדיקער אַטמאָספער, פון דעם פאַרגליווערטן, דאָגמאַטיש־שטרענגן און כמורנעם לעבנס־שטייגער.

„האַקלבערי פין" איז דאָס צענטראַלסטע ווערק פונעם רעאַליסט־הומאָריסט און דאָס איז די געשיכטע ווי אַזוי דער אַרומיקער טייך האָט אויסגעשמידט דעם איידעלן מעטאַל אין אַ קינדערשער נשמה. ס'איז די געשיכטע פון אַ צען־עלף יאָריק יינגל, וואָס איז באַוואוסטזיניק געוואָרן און זיך אַנגעהויבן רייסן פונעם קאָנפאָרמיסטישן קאָמפּלעקס פון די פאַרשיידענע קאָנווענציאָנעלע ליגנס און פון כלומרש „הייליקער אומבאַרירלעכקייט" און האָט זיך אַליין דערגראָבן צום הומאַניסטישן אמת.

דאָס יינגע הערצל פון האַק פין קלאַפּט מיטן פולס פון טייך. אויף דער שויס פון מיסיסיפּי אַנטפּלעקט ער אַלץ נייע סאָציאַלע אמתן. ער באַפריינדעט זיך מיטן פשוטן און גוטהאַרציקן נעגער־שקלאַף דזשים, מיטן אַוואַנטוריסטישן קאַפּיטאַן און מיט די כיטרע און רירעוודיקע סוחרים, וואָס דערוועקן אין אים דעם נאַטירלעכן שכל־הישר און דאָס מאַכט אים צו פאַרלירן די מורא פאַר ברעכן די צוימען פון די אַרויפגעצוואונגענע געבאָטן.

האַק פין און אויך טאָם סאָיער איז די געשיכטע פון קינדער־רעוואָלט און פון קינדער־דערקענטניש וואָס צווינגט דורך הומאָר צו דערקענען די שוואַכקייט און דעמאַסקירן די באַגרענעצטקייט פון די עלטערע און אויך אין דער זעלבער צייט אַרויסרופן אין קינד אַ נייע דערקענטעניש פאַרן עכטן און גערעכטן.

האַק בלייבט לאָיאַל צום נעגער, דעם אַנטלאָפענעם שקלאַף דזשים מיט וועמען ער שיפט זיך אַוועק אין דער האַנט־געבויטער הילצערנער פליטע. ער טוט עס מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער פאַרראַט טאַקע דעם סאָציאַלן אַרום.

האקס באשלוס ניט ארויסצוגעבן דזשימען צו זיין אייגנטימער באשטעטיקט דעם זיג פון ליבע איבער דער „איינגעשטעלטער מאראל״ , דעם ׳מ׳מעג און מען טאר ניט׳ פון דער געזעלשאפט. דער ייִנגל טראכט און טראכט, צי זאל ער ארויסגעבן דעם אנטלאפענעם שקלאף צו זיין האר. ער רעפלעקטירט: „דעמאלט האב איך געטראכט און געזאגט צו זיך, ווארט צו, ווארט אויס. לאמיר זאגן, אז ווען איך טו מיין פליכט און גיב ארויס דזשימען, וואלט איך דעמאלט געפילט בעסער ווי איצט? ניין! איך וואלט זיכער געפילט שלעכט... אויב אזוי, וואס פאר א זין האט עס צו טאן דאס וואס מען מעג און האבן צרות און ניט טאן דאס וואס מען טאר ניט, ווען דער שכר איז דער זעלבער?״ דער קינדער־געפיל פון גערעכטיקייט האט די אויבערהאנט איבער דער לאגיק.

האקלבערי פינס גאנצע רייזע איבערן מיסיסיפי, זיין אנטלויפן פון דער היים, איז סימבאליש פאר די קאנטראסטן, פאר דער נאטור, וואס זוכט נייע וועגן, ווי דער טייך, וואס זוכט נייע דורכגענג, דורכריסן און דורכגוסן פאר זיינע אימפעטיקע וואסערן און אויך פאר דער איינגעשטעלטער ציוויליזאציע — די שטעטלעך ביי די ברעגעס. עס איז ניט קיין צופאל וואס דער הארטער פאקט פון שקלאפעריי און דער טרוים פונעם אפענעם, ברייטן וועג ווערן דער ווענד פונקט אינעם ייִנגלס באשלוס „צו זעגלען צו דער טעריטאריע וואס ליגט פאראויס״.

אין מארק טוועינס הומאר איז געקומען אוממיטלבאר צום אויסדרוק די שטרעבונגען פונעם נייעם אויפקומענדיקן שיכט זיך צו באפרייען פון דער דעמאלטיקער ארדנונג. זיין וויציק ווארט איז דער ערשטער רעפלעקס פון פראטעסט ביים פאלק, די פאלקסטימלעכע פארם אויף אויסצודריקן די ניט צופרידנקייט, די ניט איינשטימיקייט מיט די שקלאפערישע געזעלשאפלעכע פארהעלטענישן, דער אופן פון קריטיקירן אינסטיטוציעס, השגות.

ניט בלויז „האקלבערי פין״ און „טאם סאיער״ אויך „קאנעטיקוט יענקי״ האבן ביי אים א דירעקטע שייכות צו זיינע דערוואקסענע געשטאלטן. דער יענקי, וואס קומט אין הויף פונעם קעניג ארטור פאלט ביי זיך ניט אראפ. פאראן א סך זאכן, וואס דער יענקי ווייס און דער קיסר ווייסט ניט. טוועין לאכט ווייל ער ווייסט אז די קלאסן און שטאנדן ענדערן זיך, ווייל „אלץ פליסט״, ווי אן א טייך.

איין עפיזאד אין „האקלבערי־פין״ פארענדיקט זיך מיט איראניע און ווארפט א ליכט אויף דער דעמאלטיקער מענטאליטעט פון די דערוואקסענע.

ס׳יינגל קומט אַהיים און דערציילט דער שטיפמאַמען, אַז אויפן טייך איז געשען אַן אומגליק. דריי זיינען אריינגעפאַלן און נאָר צוויי האָבן זיך גע־ראַטעוועט. דער דריטער, אַ נעגער, איז דערטרונקען געוואָרן. „מיין גאָט — האָט די פרוי לייכטער אָפּגעזיפצט — איך האָב געמיינט אַ מענטש״..

די ראָל וואָס טוועינס קינדער געשטאַלטן שפּילן אין זיין שאַפן איז די טיפּיזאַציע פונעם שטייגער אין דער געזעלשאַפט. ער הייבט אויף אפילו כלומרשט טריוויאַלע מאָמענטן צו אַלגעמיינע אויספירן. אין טוועינס הומאָר איז פאַראַן אַ פריילעכקייט, וואָס שטאַמט פונעם ווילן צו צוימען און גובר זיין דעם פּחד. קינדער, ווען ס׳איז זיי אומהיימלעך, ווען זיי האָבן מורא אַריינ־גיין ביינאַכט אין אַ טונקעלן צימער, זינגען זיי זי אונטער פריילעכע לידער. פאַראַן אַ הומאָר, וואָס האָט אין זיך פון דעם מין האָפערדיקן אונטערזינגען. ביים שרייבער פון מיסיסיפּי איז די שילדערונג פון האַק פין אויפן טייך אָנ־געזאַפּט מיט יענער מונטערקייט פון געמיט, וואָס העלפט אים באַזיגן די נאַטור — דעם טייך — און פירט אים אַרויף אויף די וועגן פון האָפערדיקייט.

„די צווייטע מינוט האָב איך זיך געלאָזט אַראָפּ דעם שטראָם אין שאָטן פון ברעג און דעמאָלט דורכגעמאַכט דריטהאַלבן מייל צום סאַמע מיטן טייך. דאַן האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אויפן דעק פון דער באַרזשע און גערוט. דער הימל איז געווען אַזוי טיף ביים שיין פון דער לבנה. איך האָב געהערט ווי מענטשן רעדן אויפן ברעג. עמיצער האָט דערציילט אַ וויץ און דער צווייטער האָט געלאַכט און איך האָב מיטגעלאַכט. נאָכדעם האָב איך שוין גאָרניט געהערט, אַלץ האָט שוין אויסגעזען אַזוי ווייט״. דער טייך האָט דערמאָנט אין דער ווייטקייט פון דער צייט.

דער וואָלף אין צפון־ליכט

מאַכט און רעכט אינעם שאַפן פון דזשעק לאָנדאָן

„פון אים אַליין גייט אַרויס זיין רעכט און זיין מאַכט. פלינקער פון די לעמפּערטן און שאַרפער פון אָוונט־וועלף... פאַרוואָס שוויגסטו ווען דער רשע שלינגט איין דעם וואָס איז גערעכטער פון אים?... און האָסט געמאַכט מענטשן ווי פיש אין ים״...... (חבקוק א, ג, ד).

הונדערט יאָר נאָך דער דעקלעראַציע פון אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט איז קאַליפאָרניע נאָך געווען אַ לאַנד פון לעגענדע. ניט די באַנאַלע לעגענדע וועגן „סעלף מעיד מען״, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין לעבן אויף אַ פאַרם, אָדער פאַרקויפט צייטונגען אין זיין יוגנט, זיך אַרויפגעאַרבעט און איז צום סוף געוואָרן אַ באַנקיר אָדער אַ שטאָל־מאַגנאַט מיט אַ ווינטער פּאַלאַץ אין פלאָרידאַ און אַ זומער היים אין צפון, עס איז די לעגענדע פון אַוואַנטיורע און אַנטוישונג, פון אונטערנעמונג און דורכפאַל.

דער פּראָנצויז פּאַטער איז געווען דער רייכסטער מאַן אינעם שטאַט. גאָלד איז אַנטדעקט געוואָרן אויף זיין באָדן. די בשורה פון גאָלד האָט זיך פאַרשפּרייט, אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד, ווי פלאַמען אַ וואַלד. אַ גרויסער אימיגראַנטישער שטראָם האָט פאַרפלייצט קאַליפאָרניע, צעשטערט זיין ווירטשאַפט און אויפגעבויט אַ שטאָט אויף זיין ערד. דער סוף? — ער איז געוואָרן אַ קבצן, האָט פאַרבראַכט גאַנצע טעג און נעכט אין די קולאַרן פון וואַשינגטאָנער „הויז״, נעמאַנט ביליאָנען פאַר זיין אייגנטום און האָט זיך געמאַכט צו שפּאָט.

ראַזאַנאַוו פון בערן־לאַנד האָט זיך פאַרליבט אין אַ שפּאַנישער פּרינ־צעסין און געחלומט וועגן גרינדן אין קאַליפאָרניע אַ רוסישע מלוכה, אַ מין פאַרזעצונג פון אַלאַסקאַ. ער האָט זיך געזעגנט מיט דער פּרינצעסין, צוגע־זאָגט צוריקקומען. דער אייז־דעק אין סיביר האָט אים איינגעשלונגען.

אָבער ווי עס זינגט זיך אין יענעם פאָלקס־ליד: „ניט פון פּרינצן און בת־מלכהס וועל איך זינגען דיר אַ ליד", — ניט די לעגענדע וועגן אויסדער־ווילטע, נאָר די לעגענדע פון אַמעריקאַנער שוואונג, פון ניט־דערזעטיקטן רייסן זיך צו די נייע האָריזאָנטן, די לעגענדע וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אויף די נייך־און־פּערציק ביכער פון ד זשעק לאָנדאָן, וואָס ליגן אויף די פאַרשטויבטע פּאָליצעס אין ביבליאָטעקן און מען לייענט אים איצט אַזוי ווייניק, אפשר דערפאַר וואָס ער איז שוין מער ווי ליטעראַטור. ער איז אַ לעגענדע.

אין אָקלאַנד ביי סאַן פראַנציסקאָ, אין יאָר 1876, איז ער געבוירן געוואָרן. אַן „אומגעזעצלעך" קינד פון אַ וואַנדערנדיקן אַסטראָלאָג און אַן אַרבעטער־מאַמע. אין זיינע פריע יינגל יאָרן איז ער דורכגעגאַנגען די אַלע שבעה מדורי גיהנם פון אָרעמקייט. האָט פאַרקויפט צייטונגען, געאַרבעט אין אַ וועשעריי, אין אַ קאָנסערוון־פאַבריק, איז געווען אַ קעסל־הייצער, אַ שיף אַרבעטער, אַ מאַטראָס, אַ וואַגאַבונד, אַ שכור. דאָרט אין די האָפן־שענקלעך, וואו מענטשן גייען אַרום מיט פאַרפלאָמטע נעז, פאַרכמאַרעטע אויגן און אָפענע הערצער, האָט ער דערזען דאָס לעבן אין דער דרייסטער אָפנקייט. ער האָט געזען מענטשן וואָס פירן אַ פרייע עקזיסטענץ, וואַגאַבונדן, וואָס לעבן פון די הפקרדיקע קוואַליקע כחות, און ער האָט באַשלאָסן צו ווערן איינער פון זיי, און אַז ער איז אַוועק אין דער גרויסער וועלט, אויף ימען און מדבריות, ביז די קאַלטע סטעפּעס פון אַלאַסקאַ, האָבן זיך זיינע אינסטינקטן צעבערענט ווי וועלפישע אויגן אין אַ שוואַרצער נאַכט.

נאָך אין זיין פריער יוגנט האָט דזשעק אָנגעהויבן שלינגען ביכער. ער האָט געלייענט די דיכטער פון זיין צייט: לאָנגפעללאָו, עמילי דיקינסאָן, אָבער זיי זיינען אים ניט געווען צום האַרצן, צירלעך־מאַנירלעך, צו שלווהדיק, זייער שרייבן האָט פאַר אים, דעם יונג מיט די העל־ברענענדיקע אויגן, קיילעכדיקן פּנים און פון בראָנז־געגאָסענע שולטערס, געהאַט דעם טעם פון פּיאַנאָ־קלאַנגען אין די רייכע זאַלן פון ניו־ענגלאַנד, וואו מ'האָט סערווירט גאָלדענע טיי אויף זילבער־טאַצן, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַ ריח פון טיכעלעך, באַשפּריצטע מיט איידעלן פאַרפום. דזשעקן האָט געצויגן צום האָפן, וואו

זעגל־שיפן, שלעפּ־שיפן שפּייען שוואַרצן רויך, צו קראַען, וואָס טונקלען זיך איבערן ים, צו געזאַלצענע ריחות און ראָזע וואָלקנס ביים עק פון אַ גרוי־פאַרפרוירענעם האָריזאָנט.

כדי צו ווערן אַ שרייבער, האָט ער געוואוסט, מוז מען וואַנדערן, אַריינעמען דעם ים, דעם סטעפּ און דעם וואַלד אין זיך. צום חלום פון אַמעריקע האָט אים געצויגן, צום כאַראַקטער פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט אין יאַך פון אַרבעט און פאַרכאַפּונג כדי איינצונעמען, האָבן, באַזיצן.

קודם־כל האָט אים געלאָקט דער רויער אינסטינקט פון דערהאַלטונג. „פאַר אָדמען" איז דער נאָמען פון זיין ערשטער דערציילונג. דער הויפּט־מאָטיוו איז דאָ דער ביטערער געראַנגל פונעם מענטשן קעגן די ווילדע סטיכיעס פון דער נאַטור. אָבער דאָס אויך איז פאַר אים ניט געווען גענוג. דער מענטש, אפילו דער קדמון, איז צו ווייך. אמתע מאַכט איז ביי די חיות, די געטרייסטע אויסדריקער פון די שאַרפסטע אינסטינקטן. ער האָט געשאַפן זיין באַרימט ווערק „דער קול פון דער ווילדערניש", אָדער „די שטים פון בלוט", וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט ביי דער מזרח־וואַנט פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. דאָס בוך מיטן הינטערגרונט פון דער שנייאיק־פראָסטיקער אַלאַסקאַ און וואו דער הויפּט־העלד איז דער הונט באַק, דער פרא־כלב און אַ הונט מיט אַ האַרץ. (אין אַן אַלטן מדרש ליגט די געטרייקייט פון הונט אין זיין נאָמען: כלב — כולו לב). דער הונט וואָס איז פאַרמענטשלעכט און דער הונט וואָס ווערט צוריק וואָלף.

ס'איז אַ מעשה וועגן מענטשן וואָס האָבן זיך געלאָזן זוכן דעם געלן מעטאַל אין קאַלטן נאָרד אונטערן ליכט פון די צפון־שטערן באַק, וואָס מען האָט אים פאַרשלעפּט פון זיין באַלעבאָס היים אין דרום, „האָט באַוויזן אַז קעגן אַ מאַן מיט אַ שטעקן איז ער מאַכטלאָז און דער שטעקן האָט פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט", די וועלט פון „אומדערבאַרעמדיקן קאַמף פאַרן לעבן".

„איבער די קעפּ האָט געפלאַמט דאָס צפון־ליכט; די שטערן האָבן גע־טאַנצט זייער פראָסטיקן טאַנץ; די ערד איז געווען שטום און פאַרפרוירן און דער לאַנג אויסגעצויגענער געוואָי פון די שלעפּ־הינט האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי דאָס לעבן גופא קלאָגט". אָט די צפון־לאַנדשאַפט, וואָס האָט געפירט דעם הונט צוריק אין שויס פון ווילד־וואַלד, האָט באַהערשט דעם שרייבער מיט מעכטיקן געפיל פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ. דער דרום־כלב, וואָס ווערט צוריק אַ וואָלף אין וואַלדיקן אָוונט, האָט אונטער דער שווערער לאַסט פון שלעפּן דעם צום אייז־צוגעקאָוועטן שליטן, אונטער קנוט און בייטש,

זיך אויסגעלערנט, אַז קיין מיטל־וועג איז נישטאָ. אָדער הערש, אָדער ווער באַהערשט; ווייזן רחמנות איז אַ שוואַכקייט. טויט אָדער ווער געטויט, עס אָדער ווער געגעסן, דאָס איז דער געזעץ, וואָס האָט גערעדט צו אים פון דער טיפעניש פון דער צייט".

ווי זיין העלד־הונט האָט לאָנדאָן ליב פאַרצוקער און האָט פיינט פאַר־צוקטע, האָט ליב וועלף און הינט און האָט פיינט שעפעלעך און לעמעלעך, אומשולדיקע באַשעפענישן וואָס זייער איינציקער אידעאַל איז איינגעשלונגען ווערן פון שטאַרקן. עס דאַכט זיך אַז וויכטיקער ווי די וויזיע, אַז דער וואָלף וועט וואוינען מיט דער לאַם, איז ביים קינסטלער דער דעוויז פון „אַל דאַטפת אַטפוך" — „ווייל דו האָסט דערטרונקען האָט מען דיך דערטרונקען (די פּרעכטיקע סצענע פון די ברוטאַלע הינט־פייניקער וואָס פאַלן אונטערן אייז אין „שטים פון בלוט"), ווייל ווי קאָן גאָר דער וואָלף לעבן בשלום מיטן שעפּס —ס'זיינען דאָך צוויי באַזונדערע עלעמענטן — פון באַזיגער און באַ־זיגטן, פאַרצוקער און פאַרצוקטן.

הערשט דאָ בלויז דער „כל דאלים גבר"? יאָ! אָבער עס איז אויך די „גרויסע ברוטאַליטעט וואָס דערנעענטערט אונז צום וועלט־זיין" ווי ה. ד. נאַמבערג האָט געזאָגט. דזשעק לאָנדאָן האָט זיך דערנעענטערט צום „וועלט־זיין". ער האָט געגלויבט אין אַ נייער איינשטעלונג פון גערעכטיקייט, אין קאַמף פאַר אַ נייעם גערעכטן וועלט־סדר, אין סאָציאַליזם. ער האָט באַרעכטיקט דעם „כל דאלים גבר" און האָט אין אים אַריינגעגעבן ניט דעם דאַרוויניש־ן מאָטיוו פון „דער צופאַסיקער בלייבט", נאָר דעם טיפערן מיין: ווייל דער יושר איז אויף דער זייט פונעם באַ'עוולה'טן, אונטערדריקטן, דערפאַר קעמפט ער, מוז ער קעמפן מיט די לעצטע כחות, און ווייל „עס איז ניטאָ קיין יושר און רחמנות, און ביזטו אומגעפאַלן ועסטו ניט אויפשטיין, דאַרפטו זען זאָלסט ניט פאַלן" און דערפאַר — „איז ער געוועזן באַזיגט אָבער ניט געבראָכן".

פון דער וועלט פון אכזריות און פאַרניכטונג איז לאָנדאָן געגאַנגען צו דער וועלט וואו קינסטלער ראַנגלען זיך פאַרן שטיקל ברויט, וואו בלאַסע דיכטער, וואָס זיצן אויף שטויסן פאַפּיר, קעמפן פאַר אַן אָנהאַלט צווישן שטאַרקע, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די שליסלען צו די קונסט־טעמפלען („מאַרטין עדן") אָבער די פרייהייט פונעם גראַנגל מיטן גורל פאַר אַ פּאָזיציע אין דער וועלט פון וואָרט איז אַ דערגרייכונג. ס'איז די עקשנות צום לעבן, וואָס איז איינס מיטן דראַנג צום הומאַניזם. עס איז אינטערעסאַנט צו לעבן אויף

דער וועלט, צו זיין אַ קליין שפּענדעלע אינעם גיגאַנטישן שפּיל פון די לעבנס־כוואַליעס. לאַנדאַן איז געווען אָפּטימיסטיש ניט דערפאַר ווייל ער האָט ניט געזען די שווערע שטיינער אויפן וועג פונעם לעבן, נאָר ווייל ער האָט דעם באַגער צו קעמפן מיט די שטערונגען, ווייל ער האָט ליב דעם פאַרמעסט, וואָס הייבט אים אויף איבער די צרות און פירט אים אין דער וועלט פון זיינע טרוימען, וואו עס גליט די בשורה פון יושר.

די וואָס האָבן באַנומען דעם מאָטיוון האָבן ליב געהאַט דעם שרייבער. נ. קרופּסקאַיאַ דערציילט אַז צוויי טעג פאַר זיין טויט האָט זי געלייענט פאַר לענינען די דערציילונג „די ליבע צום לעבן”. דורך אַ שנייאיקן מדבר, אין וועלכן קיין מענטשלעכער פוס האָט ניט געטראָטן, שלאָגן זיך דורך צו אַ האַפן פון אַ גרויסן טייך אַ קראַנקער מענטש, וואָס שטאַרבט פאַר הונגער, זיינע כחות ווערן אַלץ שוואַכער. ער קאָן שוין ניט גיין נאָר קריכן, און לעבן אים קריכט אַ וואָלף, אויך אַ שטאַרבנדיקער פון הונגער. עס גייט צווישן זיי אַ קאַמף. דער מענטש זיגט. אַ האַלב־טויטער, האַלב פון זינען דערשלאָגט ער זיך צום ציל. „לענינען” — פאַרענדיקט זיין אלמנה — „איז די דער־ציילונג זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט געבעטן לייענען ווייטער לאַנדאָנס דערציילונגען און ווען ער איז געשטאָרבן איז דאָס בוך געבליבן ליגן אין זיין צימער אויפן טיש”.

אונטערן פאַרביסענעם גראַנגל פונעם מענטשן, וואָס איז ענלעך אויף אַ חיה, האָט געגליט דער חלום פון מענטשנס זיג אין זיין פאַרמעסט מיט דער חיה און מיט אַ ברוטאַלער אָרדנונג. פאַראַן אין לאַנדאָנס שאַפן דער טיפער פּאַטאָס און די עקזאַלטאַציע פון הומאַניזם: אַן עדות אויף דעם זיין רעוואָ־לוציאָנערער ראָמאַן וועגן פאַרביסענעם סטרייק פון אַרבעטער־קלאַס אין שיקאַגאָ „דער אייזערנער קנאַפּל”, וואָס איז אַן אָנקלאַגע אויף דער אָרדנונג, וואָס לאָזט ניט דעם האָרעפּאַשנעם מענטשן זיך דערהייבן צו אַ מדרגה פון מער מענטשלעכקייט. פאַראַן דאָ אַזויפיל צאָרן און ווייניק שנאה.

אַ טעות האָבן די בירגערלעכע קריטיקער וואָס האָבן לאַנדאָנען צוגע־שריבן דעם כאַראַקטער פון הינטישקייט און וועלפישער שנאה: זיי האָבן זיך ניט פאַרטראַכט, אַז עס איז פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן האַס און צאָרן. שנאה איז אַן אויסדרוק פון אַן אָרגאַנישן סם אינעם מענטשן. אפשר דערפאַר איז דאָ אַזאַ זאַך ווי פאַרבאָרגענע שנאה, וואָס פאַרקליידט זיך אפילו אין „פריינטשאַפט”, עפּעס אַנדערש איז דער צאָרן, וואָס איז די מאָס פון אַ ספּאָנטאַנעם רעאַגירן און שטאַמט ניט פונעם גיפט,

וואָס ריזלט אינעווייניק, נאָר פון פּראָטעסט און רעבעליע, און איז ווי אַ שטורם, וועלכער רייניקט און לייטערט די אַטמאָספּערע און קערט צוריק דעם מענטשן צו זיין נאָרמאַלן מצב־רוח און אפילו צו דער ליבע.

אין לאַנדאַנס שרייבן איז פאַראַן אַ גאַנצקייט און דערפון איר שיינקייט. שיינקייט איז אָפט אידענטיש מיט גאַנצקייט. די סצענע פון רחמנות אין „דער שטים פון בלוט״, וואָס טהאָרנטאָן באַווייזט דעם הונט, וועלכער איז שוין געלעגן האַלב־דערשלאָגן און ער האָט אים געראַטעוועט — דער עפּיזאָד, קאָן זיך דאַכטן, איז דער מאָטיוו פון קריסטלעכער רחמנות און ליבע צו גאָטס באַשעפעניש, אָבער אין דער אמת'ן איז דאָ ניטאָ יענע קריסטלעכע באַרמהאַרציקייט, וואָס איז אין תוך דואַליסטיש, ווי יעדער מאָראַליש געפיל, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם מקריב זיין זיך. דאָ איז אחריות פאַר דער יצירה, פאַר דער סימעטריע פון באַשאַף, קינסטלערישע אחריות פאַר דעם גרויסן קונסט ווערק, וואָס הייסט אַ נאַטור־באַשעפעניש.

ביי לאַנדאַנען איז דאָ דער „כלבים צועקים״ אַ בילעריי פון הינט, אָבער די כלבים זאָגן ביי אים שירה פון הכנעה צו דער גוטסקייט. די דאָזיקע גוטסקייט קוועלט דירעקט פון זיין טעמאַטישן רוי־שטאָף, וואָס לאָזט ניט פאַרלירן קיין איין טראָפּן פון זיין ספּור־המעשהדיקייט, פון דער דערציילעריש־קייט וועלכע פאַרמאָגט ניט די פּסיכאָלאָגישע מאַניפּולאַציעס, אָדער די דינע נשמה־אָפּעראַציעס, וואָס ווילן אייך „איבערצייגן״ אַז „אַ הונט האָט אויך אַ נשמה״, ווי צום ביישפּיל אין ש. עגנונס משוגענעם „גאַס הונט״ (כלב חוצות), וואָס ווייסט בלויז פון ביס און ריס און וואַרפט אָן אַ שרעק אויף דער גאַנצער שטאָט און אירע „הונדערט טויערן״ (מאה שערים). עגנונס הונט טראָגט דעם סם אונטערן פעל און אויף דער צונג; לאַנדאַנס — זאָגט שירה, ווי דער פּרימאַרגן הונט באַגינען אין מדרש „קומט לאָמיר קניען און זיך בוקן פאַר דער שיינקייט פון באַשאַף״.

מען האָט געוואָלט ציען אַ פּאַראַלעל צווישן עדגאַר פּאָו און דזשעק לאַנדאָן. ווי דער שרעק־דיכטער פון דער „ראָב״ איז דאָך אויך דער „ים־וואָלף״ פון קאַליפאָרניע געוועזן אונטערדריקט פון זיין קינדהייט אָן. ס'איז אָבער פאַראַן אַ גרונטיקער אונטערשייד צווישן די צוויי. אין דער צייט וואָס פּאָו איז געזונקען אינעם כשוף־קרייז פון זיינע גרויל־געשטאַלטן האָט לאַנדאָן צעבראָכן דעם ענגן קרייז פון זיין עלנט און האָט, ווי זיינע העלדן, די שלאַנקע און עלאַסטישע הינט און די פלינקע וועלף זיך געריסן צו די ברייטע

האריזאַנטן מיט א יובל־געשריי. די פרשה פון זייערביידנס לעבן איז דער שליסל צו דער פאַרשיידנאַרטיקייט פוןביידע וואָרט־קינסטלער. פּאָ, וואָס איז געוואַקסן ביי וואַגאַבונדישע עלטערן, צווייט־קלאַסיקע קליינבירגער־לעכע אַקטיאָרן, האָט אין זיין קינדהייט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם ווילדן מיש־מאַש פון קוליסן־שטריק און די איבער־רעאַליטעט פון געפּאַרבטע סצענעס און שוימיקע דעקאַראַציעס; לאַנדאָן, וואָס איז געוואַקסן אין דער סביבה פון עלעמענטישע אויסברוכן פון מענטשלעכע אינסטינקטן, האָט ווי אַ יונג וועלפּעלע געקריצט מיט די שאַרפע ציין קעגן שיקזאַל.

לאַנדאָנס שאַפן איז די גרויסע רעבעליע קעגן אַמעריקע און איז גלייכצייטיק אויך איר בשורה. עס איז דער רעוואָלט קעגן אַ לאַנד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון פאַנטאַסטישן שוואונג און געוואַגטקייט און איז נאָכדעם פאַרזעסן געוואָרן אין פאַרגליווערטער בירגערלעכקייט. ס׳איז די בשורה וועגן די „פאַרמאַזאָליעטע הענט, וואָס וועלן זיך אויפהייבן אויפן סאָציאַלן לייטער" — „און די לעצטע וועלן זיין די ערשטע" — ווען דער אַמעריקאַנער חלום פון די „בראַווע און די פרייע" וועט זיך דערנענטערן צו זיין באַשייד.

שווער זיך פאַרצושטעלן די אַמעריקאַנער ליטעראַטור אָן לאַנדאָנען. מען זאָגט: ער איז שוין פאַרעלטערט. מען לייענט אים מער ניט! אָבער ער לעבט אין זיין שאַפן און ער לעבט אין דער לעגענדע. ער איז געשטאָרבן יונג און איז געבליבן יונג, ווי יונג ס׳איז זיין לאַנד, דאָס לאַנד — ווי עס זאָגט זיין יידישער איבערזעצער משה אַלגין — „דאָס לאַנד פון אומבאַ־גרענעצטע מעגלעכקייטן" און דאָס פאָלק — „דאָס גרויסע אַמעריקאַניש פאָלק מיט אירע מענטשן מיט גאָלדענע הענט און אַכטונג פאַר אַרבעט, די אַמעריקע פון די גרויסע ביז אַהער דורכגעלעבטע פרייהייטס־קאַמפן און נאָך גרעסערער פרייער צוקונפט".

די הויפּט־גאַס און דער שפּיגל

וועגן דער פּראָזע פון סינקלער לואיס

„קריטיק איז ניט די ליידנשאַפט פון קאָפּ, זי איז דער קאָפּ פון דער ליידנ־שאַפט, זי איז ניט קיין אַנאַטאָמישער מעסער, זי איז אַ געווער" .. ..
(מאַרקס, „די הייליקע פאַמיליע")

„מיר איז ליב און טייער דער דראַנג און פּאַרמעסט צו געבן די אַמעריקע פון די גרויסע בערג און ענדלאָזע פּרעיריס, אומגעהייערע שטעט, בילאַנען דאָלאַרן און טאָנען גלויבן — אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל באמת ווערט זיין אירע אומגעהייערע רחבותן". די ווערטער האָט סינקלער לואיס געזאָגט אין זיין רעדע ביים אָננעמען דעם נאָבל־פּרייז אין יאָר 1930.

אַז דער דראַנג צו געבן די רחבותן פון אַמעריקע האָט ביים שרייבער פון דער אַמעריקאַנער „הויפּט־גאַס" געשטאַמט פון זיין ליידנשאַפטלעכער קריטישער סאַטירע, איז קלאָר פון זיין טעמאַטיק, וואָס איז איין גרויסע סאָציאַלע קריטיק אויף דעם קליינבירגערלעכן שטייגער; „מעין סטריט" (די הויפּט־גאַס) — דער רעוואָלט פון דער אינטעליגענטער אַמעריקאַנער פּרוי קעגן אַן אַטמאָספערע פון בירגערלעכן פּראָווינציאַליזם; „עראוסמיט" — די מרידה פון דעם אַקאַדעמיקער קעגן אַ פאַרגליווערטער וויסנשאַפט. „בעביט" — אַ קריטיש־קינסטלערישע אָפּשאַצונג וועגן קריזיס אינעם לעבן פון דעם אַרויפגעאַרבעטן בירגער; „עלמער גענטרי" — די קריטישע סאַטירע און די דעמאַסקירונג פון דער היפּאָקריטישער עוואַנגעלישער קירך; „ען וויקערס" — אַ שאַרפע אָנקלאַגע אויף דעם סדר אין די אַמעריקאַנער תפיסהעס. „קעיס טימבערלעין" — די קריטישע אויפדעקונג פון דער אַמערי־

קאַנער יוריספּרודענץ און „קינגסבלאַד ראָיאַל" — וועגן דער „פאַרשאָלטענער נעגער־פּראַגע".

אויף אַט־די אַלע פּראָבלעמען, געגומען פון דער אַמעריקאַנער הויפּט־גאַס, הויפּט־וועג, דעם שליאַך און דעם שאָסע, האָט לואיס אַנגעשטעלט זיין סאַטירישן שפיגל און אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבעדיקע לעבן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין זיין שאַפן זיינען ניט געשילדערט די כחות און די אָנ־שויאונג, וואָס זיינען באַרופן אָפּראַמען פון דער גאַס און פון לאַנד די דאָזיקע אַנטפּלעקטע בירגערלעכע באַנאַליטעט און באַגרענעצטקייט.

אין זיין ערשטן גרויסן ראָמאַן „מעין סטריט" האָט זיך לואיס אַנטפּלעקט אין דער גאַנצער מאָס פון זיין קינסטלערישן פאַרמעסט. קאַראָל מילפאָרד, אַ גראַדואַנטקע פון אַ מינעסאָטער אוניווערסיטעט, האָט חתונה מיט וויל קעניקאָט, דער דאָקטאָר פון דער פאַרוואָרפענער פּראָווינציעלער שטעטל גאָפער פּרעירי. וויל איז אַ גוטער און אַ „געגעמער מענטש און קאַראָל חלומט וועגן גרויסע מעשים. זי טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער אויסצובעסערן די היימען, פאַרשפּרייטן קולטור צווישן די בירגער. באַלד שלאָגט זי זיך אָן אָן די ווענט פון טעמפּער קליינבירגערלעכקייט מיט מענטשן, וועלכע ווילן און שטרעבן צו גאָרניט חוץ זייער אייגענער באַנאַלער דערקענטעניש.

קאַראָל קעמפט, פּרוּווט אַריינטראָגן אַ נייעם פרישן שטראָם פון גע־זעלשאַפטלעכער אַקטיוויקייט אין אַרומיקן פּראָווינציעלן לעבן, נאָר גיך איבער־צייגט זיך קאַראָל, אַז אירע רייד פאַלן אויף טויבע אויערן און זי פילט, אַז זי הייבט אָן זינקען אין קליינשטעטלדיקן זומפּ פון טעגלעכע זאָרגן און טעגלעכער רכילות. אַ פאַרביטערטע אַנטלויפט די בונטאַרקע קיין וואַשינגטאָן, וואו זי האָפט צו געפינען אַ תיקון פאַר אירע סאָציאַלע שטרעבונגען. באַלד געפינט זי אויס, אַז אויך דאָ וועט זי קיין וואונדער ניט וויזן' אַ חוץ דער פּלאַכער באַנאַלקייט ווערט זי נאָך אויפגעגעסן פון איינזאַמקייט' דער סוף: זי קערט זיך צוריק אַהיים, צום מאַן און משפּחה.

די קריטיק האָט געצויגן פּאַראַלעלן צווישן „מעין סטריט און „מאַדאַם באָוואַרי" און דער „האַמסונישער „וויקטאָריא" און אינגאַ. אָבער ס'איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די העלדינס, צווישן די פון די מינעסאָטער פּלעינען פון נאָרוועגישע ים־ברעגן און נאָרמאַנדיער סטעפּעס. ס'איז דער אונטערשייד פון געמיט און געזעלשאַפטלעכער סטאַבילקייט. אין פראַנקרייך און נאָרוועגיע איז די געזעלשאַפט דאָך געווען סטאַביל און די גרענעצן — געגנוי באַשטימט און פאַרגליווערט. דעם באַל וואָס עמאַ באָוואַרי האָט געזען

אין יוגנט ווי אַ חלום, האָט שוין אויף אייביק צוגעשמידט אירע חושים און זי געמאַכט בלינד פאַר דערווירקלעכקייט. דאָ — אין מינעסאָטאַ — רייסט זיך נאָך אַלץ צום נייעם, צום חידוש.

ס'איז אפשר יאָ דאָ אַ געוויסע קרובהשאַפט פון קאַראָלס נשמה־צושטאַנד מיט די בענקענדיקע שטימונגען פון פלאָבערס און האַמסונס העלדינס, אָבער די דאָזיקע שטימונגספולע נעפּלהאַפטיקייט צערינט באַלד אין און ארום קאַראָלן. דער עצם פאַקט, וואָס זי ענדיקט ניט מיט זעלבסטמאָרד, ווי ביי די אייראָפּייאישע וואָרט־מייסטער, איז דערפאַר ווייל זי, קאַראל, האָט גענוג פאַרשטאַנד אָפּצושאַצן די ווירקלעכקייט פון וועלכער זי ווערט איינגעבראָכן און זי איז איר גובר מיט דער ליידנשאַפט פון קריטיק.

גלייך ביים אָנהויב שילדערט לואיס די באַגעגעניש פון דער העלדין מיט דער פּראָווינציעלער ספערע פון דער „הויפּט־גאַס" אין אַזאַ געמעל: „אונטערן טונקעלן צודעק פון שטויב איז די גאַס געלעגן שטיל. ס'האָט זיך בלויז געהערט דער גערויש פון די גומי־רעדער פון אַן אווטאָמאָביל אויפן ברוק, דאָס רוקן זיך פון אַ שטול אויף אַ גאַניק און דער פּאַטש פון אַ האַנט, וואָס האָט אָנגעגריפן אַ פלוי. אַ שווערע היציקע דיסוקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן און איז באַלד אָפּגעשטאָרבן. דער ריטם פון פליגן אויף די פענצטער, אַלץ טענער און קלאַנגען, וואָס זיינען געווען דיסטיליזירטע שטילקייט. עס איז געווען אַ גאַס וואו די וועלט ענדיקט זיך, פון יענער זייט גרענעץ פון יעדער מין האָפנונג. ווען זי זאָל דאָ אפילו בלייבן זיצן אייביק וועט דאָ ניט דורכגיין קיין איינער, וואָס וועט איר פאַראינטערעסירן".

שוין אין אַט־דעם בילד שטעלט לואיס פאַר די גאַנצע פּרוסטרירטע סביבה אין וועלכע די שטרעבונגען פון דער אינטעליגענטער פרויען־פיגור וואָס זוכט צו נעמען איר גורל אין די אייגענע הענט, — טרעפט זיך אָן מיט פיליסטערישע באַדינגונגען וואָס פאַרשטעלן פאַר איר דעם וועג.

אין „מעין סטריט" האָט דער דערציילער געגעבן אַן אָביעקטיוו קינסט־לעריש בילד פון דעם מצב אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם יאָרהונדערט און די שטימונגען פון דער מער באַוואוסטזיניקער אינטיליגענץ, וואָס האָט געגלויבט אין קולטור און ליטערונג דורך מעסיקער ליבעראַליזאַציע — בויען אַ ביבליאָטעק, שאַפן אַ בעסערע דערציאונג, אַ שענערן טעאַטער, ברעכן דעם איינגעשטעלטן שאַבלאָן און דעם פאַרגליווערטן נוסח פון לעבן, — דאָס איז געווען דער שטרעבן פון קאַרל, „דער רעבע־לירנדיקער מיידל אין דער אימפּעריע וואָס רופט זיך מיטל־מערב".

ברעכן דאָס דאַזיקע לעבן האָט זי ניט געקענט. זי האָט אָבער געוואוסט: „וואָס עס זאָל פון איר ניט ווערן וועט זי קיינמאָל ניט בלייבן סטאַטיש". דער קינסטלער פאַרענדיקט דאָס בוך מיט די ווערטער וואָס קארל זאָגט נאָך איר צוריקקער פון דער גרויס־שטאָט. „איך וויל ניט צוגעבן, אַז די הויפּט־גאַס איז ווי זי וואָלט געדאַרפט זיין. איך וועל ניט איינשטימען אַז וואַשן וועש איז גענוג און צופרידנשטעליק פאַר אַ פרוי. איך האָב אפשר ניט געקעמפט ריכטיק, אָבער איך בין געבליבן ביים גלויבן".

דער קריטיקער פון דער אַמעריקאַנער הויפּט־גאַס האָט אָפּגעוואָרפן דעם אומגלויבן אין מענטשן. ער האָט געזען די טעמפּקייט פון דער קליין־בירגערלעכער זעלבסט־צופרידנקייט, ער איז אָבער געווען זיכער, אַז דאָס נעגאַטיווע שטאַמט ניט פון דער נאַטור נאָר פון היסטאָרישע סיבות, וואָס קענען און וועלן מיט דער צייט אָפּגעשאַפט ווערן. שוין מיט דעם עצם אָוועק־שטעלן דעם פּראָבלעם איז געגעבן דער אָנדייט, אַז אַזוי ווי עס איז טאָר ניט זיין און אַז דאָס לעבן וועט געענדערט ווערן.

ביים סוף פון ראָמאַן ווייזט קאַראָל אָן אויף איר טעכטערל, וואָס ליגט אין וויגעלע און זאָגט:

„דו זעסט דעם דאָזיקן אָביעקט אויפן קישעלע? ווייסטו וואָס דאָס איז? ס'איז אַ באָמבע וואָס וועט אויפרייסן די פאַרגליווערטקייט. ווען איר, די קאָנסערוואַטיווע וואָלטן געהאַט שכל, וואָלט איר ניט אַרעסטירט קיין ראַדיקאַלן, נאָר די דאָזיקע קינדערלעך, וואָס שלאָפן אין די וויגעלעך. גיב נאָר אַ טראַכט, וואָס דאָס עופעלע וועט זען און דורכמאַכן איידער עס וועט שטאַרבן אין יאָר 2000! זי וועט זען איין אינדוסטריעלן פאַרבאַנד אויף דער גאַנצער וועלט, זי וועט זען אַ לופט־שיף, וואָס וועט דער־גרייכן דעם מאַרס" (זז. 457).

די סאַטירע וועגן דעם אָרויפגעאַרבעטן אַמעריקאַנער פּראָווינציאַל האָט לואיס געגעבן אין זיין ראָמאַן „בעביט", וואָס איז שוין געוואָרן אַ סינאָנים פונעם וואולגאַרן טיפּ. „אַ רייכער ריעל־עסטעיטניק, וואָס זיין געזעלשאַפט־לעכער מעמד צווינגט אים זיך צוצופּאַסן צו די מאַטעריעלע רגילותן פונעם מיטלקלאַס" — אַזוי ווערט דעפינירט דאָס וואָרט „בעביט" אין ווערטער־בוך.

בעביט איז אַ מיטליעריקער בירגער פונעם אינדוסטריעל־וואַקסנדיקן שטעטל זעניט. ער לעבט זיך באַקוועם, איז אַ מיטגליד פון די סאָציאַלע קלובן, אַדרעסירט פאַרזאַמלונגען, טוט אַמאָל אַ טובה, אויב ס'רירט ניט אָן

זיינע „ביזנעס"־אינטערעסן; און כאָטש „געשעפטלעך" איז ער פאַרבונדן מיט די „פּאָליטישנס", די באַלעבאַטים פון זיין מוניציפּאַליטעט, גלויבט ער אַז ער גייט אין „גאָלדענעם מיטוועג". אמאָל דערוועקט זיך אין אים אַ נייער געפיל און ער הייבט אָן בענקען נאָך גרעסערע מעשים. זיין רעוואָלט האָט ניט קיין באַשטימטן ציל, אים איז נאָך אַליין ניט קלאָר וואָס ער וויל און דאָך איז עס געגוג ער זאָל זיך צונויפשטויסן מיט זיין משפּחה און מיט זיין סביבה.

„בעביט" איז די שילדערונג פון דער קליינבירגערלעכער טריוויאַל־קייט, פונעם מאַנגל אין פרייד און פרייהייט אין דער עקזיסטענץ פון אַ געזעלשאַפט וואָס איז באַזירט אויף זאַטער צופרידנקייט מיט געלט.

„דער אַרויפגעאַרבעטער „בעביט" ווערט באַוויזן אין זיין גאַנצער קלאָגעדיקער נעבעכדיקייט פון אַ מענטשן וואָס איז רייך און דערפּאָלגרייך און אין דער זעלבער צייט אַזוי בלוט־אָרעם. בעביט איז טראַגיש מיט דעם וואָס, ווען ער וויל מאַכן דעם מינדסטן אָפּנויג פון שטעטלשן קאָנפאָרמיזם און „מאָראַל", קריגט ער אַ פּסק. ווען אים ווערט מאָנאָטאָן אין דער זאַטער היים, ווען ער זעט ווי די קינדער האַלטן זיך אין איין אַרומקריגן, ווער עס ווער באַקומען דעם נייסטן אויטאָמאָביל, וויל ער זיך כאָטש אַביסל באַפרייען פון דעם היים־יאָך. ער פירט אַ שטילן „ראָמאַנס" מיט זיין פּריוואַט סעקרעטערין, אַ שיינע אלמנה. זיין „ביזנעס"־קרייז ווייסט וועגן דעם און מאַכט אַ שווייג. אָבער ווען בעביט באַווייזט, אַז ער פאַרמאָגט גענוג קוראַזש צו ווערן אַביסל מער זעלבסטשטענדיק אין סאָציאַלע פראַגן; ווען ער וואָגט צו שטיצן אַ סטרייק און וויל זיך ניט אָנשליסן אין „דער ליג פון גוטע בירגער" (אַ מין קו־קלוקס־קלען) הייבט ער אָן צו שפּירן דעם דרוק פון זיין סביבה. זיינע פריינט מיידן אים אויס. ער הייבט אַ פאַרלירן „ביזנעס" און ער מוז זיך אונטערגעבן. ער ווערט אַ מיטגליד פון דער „ליג" און שווערט אויפהאַלטן דעם פּרינציפּ פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלעמען חוץ פאַרן אַרבעטער קלאַס און דעם „אומאַמעריקאַנער"...

וואָס ווייטער ענדערט זיך ביים שרייבער דער טיף און דער פּערסאָנאַזש פון דער קליינשטעטלדיקער אַמעריקאַנער „הויפּט־גאַס", ווייל עס ענדערט זיך דער אינהאַלט פון סאָציאַלן לעבן, אָבער דער מאָטיוו בלייבט דער זעלבער, די בונטאַרישקייט פונעם יחיד קעגן דער סביבה, וואָס לואיס באַגלייט אים מיט אַזויפיל איראָניע און שניידיקער סאַטירע.

„עראָוסמיט" (1925) איז אַ יונגער מענטש פון מיטעלן מערב „וואָס יאָגט זיך נאָך געלט און פאַרמעגן". ער בענקט נאָך לאַבראַטאָריעס און אַ ציטער

נעמט אים אַרום ווען ער אַנטדעקט, ווען עס געלינגט אים אין זיינעם אַן עקספּערימענט. „ער גראָבט זיך צו די זאַכן, וואָס זיינען אונטער דער פלאַך און העכער פון פאַרבייגייענדיקן מאָמענט". די לעבעדיקייט און די קאַמפּס־לוסטיקייט פון „עראוסמיט" איז די אַנטי־טעזע צו דער פוילקייט פון געדאַנק און דער זאַטער צופרינקייט פון בעביטן, וואָס „זייענדיק אַ מיטגליד פון פּראָווינציעלן „הויז פון קאָמערץ" („טשעימבער אָוו קאָמערס") האָבן די פּאָליטיקאַנטן פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי פּאַר אים באַשלאָסן אין די אַנגערויכערטע קולאַרן פון הויז אין וואַשינגטאָן, וועגן טאַריף און וועגן דייטשלאַנד און די נאַציאָנאַלע טרעסטן פון רעקלאַמע האָבן באַשטימט די גרענעצן פון זיין טראַכטן און דענקען".

אין „עראוסמיט" קעמפן די הויפּט־טיפּן סאַדלוס און גאָטליב פאַר זייערע פּרינציפּן. זיי ווייסן אַז כדי עפּעס צו דערגרייכן אין דער וויסנשאַפט מוז מען שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער קאָמערציאַלער געזעלשאַפט, וואָס עקס־פּלואַטירט די מעדיצין פאַר אירע ענגע אינטערעסן און האַמעוועט דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער וויסנשאַפט. דער הויפּט־ציל פונעם ראָמאַן איז דאָ אויך די סאַטירע אויף דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, וואָס אירע דאָקטוירים זיינען קרבנות פון פעטישיזם, פון דער טרייקייט צו דער אומבאַ־רירבאַרער הייליקייט פון „פּריוואַטער אונטערנעמונג".

אין „עלמער גענטרי" (1927) איז די טעמע די צביעות פון דער אַמערי־קאַנער אינסטיטוציאָנעלער רעליגיע, די צופרידענע הירזאַט צווישן בירגער־טום און די פּראָטעסטאַנטישע סעקטעס, וואָס פירט צו דעגענעראַציע.

דער „סעילסמען" פון קענזעס, וואָס ווערט אַן עוואַנגעליסטישער פּרעדיקער, איז מלא גוף און תאווה און האָט ליב געלט סכנת נפשות! איראָניש און סאַטיריש שאַרט לואיס פאַנאַנדער די פּאַרהאַנגען פון דעם אידעאַליסטישן היכל און ווייזט, אַז אין דער וועלט פון מכלומרשטער קריסטלעכקייט, דאָרט ליגט דער גאַנצער גיריקער גוף פונעם מענטשן. די פיגורן פון עלמער גענטרי און דער הייליקער שעראָן פאַולקנער.

ווען גענטרי באַגעגנט זיך צום ערשטן מאָל מיט דער עוואַנגעליסטישער יונגפרוי שעראָן שטעלט ער איר צו דינסט זיין „ביזנעס"־טאַלאַנט. „איך האָב אַ פאָרשלאָג, האָט ער איר געזאָגט, איך וועל אַדרעסירן די געשעפטס־לייט און זיי דערציילן, ווי איך האָב געראַטעוועט די נשמה פון אַ „ביזנעסמאַן".

איך וועל רעדן אַרום אַ האַלבע שעה וועגן די גוטע און האַרטע, פּראַקטישע דאָלאַר־און־סענט ווערטן פון קריסטוסן...״

ער האָט דערשפּירט, אַז שעראַן וועט אים ניט וועלן פאַרבייטן אויפן אָרט פון איר געליבטן עיססטאַן „סיידן ער וועט צומישן אַביסל נשמה פּאָעזיע. האָט ער גערעדט וועגן ליבע, וואָס איז דער מאָרגנשטערן, דער נאַכטשטערן, די שטראַליקייט איבערן לײדיקן קבר, די אינספּירירנדיקע קוואַליטעט פון די פּרעזידענטן פון בענק און די פּאַטריאָטן״.

אויך שעראַן, די צענטראַלע העלדין פונעם בוך, וואָס איז אַ געמיש פון אַ „פּריסטערין״ און אַ „ווענוס שיינקייט״ איז אַ סאַטירע איבער דער „הייליקייט״, וואָס איז אַ שלייער אויף סעקס און עראָטיק, אָבער בסך־הכל איז זי גאָר אַ כיטרע אויסנוצערין, ווייסט ווי צו האַלטן די מאַסן אין דער פינצטערניש. ווען גענטרי פאַרברענגט אין איר שלאָס ערגעץ אין ווירדזשיניאַ, אין איר „קדשי קדשים״, פאַר דעקאָרירטע אַלטאַרן, זאָגט שעראַן צו אים: „אָ, ווי איך האַס די קליינע פאַרברעכער און פאַרברעכנס, די רויכערער, די וואָס שווערן פאַלש, די סקאַנדאַליסטן און שיכורים. איך האָב ליב גרויסע זינד — מערדעריי, לוסט, גראָבע אַמביציעס״. עלמער טראַכט דערביי, אַז די דאָזיקע „דערפּאַלגרייכע שיינהייט. עס וועט לאַנג ניט נעמען און זי וועט פאַרדינען פופציק טויזנט דאָלאַר אַ יאָר״...

ביים סוף פונעם ראָמאַן פאַלט גענטרי אַריין אין דער נעץ פון זיין סעקרעטערשע, מיט וועלכער ער האָט געפירט אַ זינדיקע ליבע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי, העטיע דאולער, האָט בלויז געהאַנדלט מיט זיך כדי עס זאָל איר זיין גרינגער צו דעמאַסקירן דעם קריסטלעכן פּרעדיקער, וואָס האָט זיך פאַרלייגט „אַפּצושאַפן שכרות און זינד״, אָבער צוליב זיין פאַרבינדונג מיט די „פּאָליטישענס״ און כיטרע אַדוואָקאַטן, מיטגלידער פון זיין קירך, איז דעם „מאָראַל״־פּרעדיקער געלונגען זיך אַרויסדרייען פון שטראָף און ער האָט נאָך געצוואונגען זיין פאַררעטערישער „געליבטער״ פאַרלאָזן די שטאָט.

איז דען פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן דעם „אונטערשטן מענטשן״ — העטיע — און דער „הייליקער״ יחוס־טאָכטער שעראַן? ביידע זיינען די פּראָדוקטן פון אַ באַשטימטער אָרדנונג. בלייבט „עלמער גענטרי״ די סאַטירע אויף דער עוואַנגעלישער פּרעדיקעריי, וואו עס ווערט באַוויזן אַז די אימאַגינירטע קריסטלעכע איבערוועלטלעכקייט פירט צו גאַרניט. לואיס שאַרט פאַנאַנדער די ראָזע פאַרהאַנגען פון דעם טעמפּל, וואָס פּרעדיגט אידעאַלע קאָמפּענסאַציעס פון אַ מכלומרשטער געלייטערטקייט און ווייזט אַז אויך

אין דעם אידעאַליזירטן עולם העליון ליגט דער גיריקער מענטש מיט זיינע תאוות און אינטערעסן, ווי אין אונטערשטן עולם התחתון פון ביזנעס.

אין די דרייסיקער יאָרן, יאָרן פון ראַדיקאַלן איבערברוך אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, שרייבט לואיס אַן זיין „עָן וויקערס" (1934), וואו די העלדין וויל זיך דערהויבן איבערן באַנאַלן שטח פון דער „הויפט־גאַס" דורך אַקטיוון הומאַניסטישן טאַט. עָן זוכט אויף איר אופן די סאָציאַלע גערעכטיקייט.

ביסלעכוויז ניכטערט זיך עָן וויקערס, דער סימבאָל פון אַנאַרכיע קעגן קאָנווענציאָנעלער בירגערלעכער מאָראַל — פון אירע אילוזיעס און זי דערנעענטערט זיך צו די סאָציאַליסטישע לערער פון אַרבעטער־קלאַס. זי אַקטיוויזירט זיך אין די אָרגאַניזאַציעס וואָס ווילן רעפאָרמירן די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס פון „אויסבעסערונג" (די טורמעס) דורך אַריינברענגען אהין אביסל מער הומאַנע לופט. לואיס איז דאָ אין די בעסטע טראַדיציעס פון דער עלטערער רעאַליסטישער ליטעראַטור פון דיקענס און וויקטאָר הוגאָ וואָס ווייזן, אַז די שולד פון פאַרברעכער וואַרצלט אין אַ פאַרברעכערישער געזעלשאַפט.

לויט זיין קינסטלערישן מהות איז סינקלער לואיס אַנדערש פון זיינע פאָרגייער און בני־דור. ער פאַרמאָגט ניט די וואָרט־געשליפנקייט פון אַ פלאָבערן, ניט דעם אויסגעשריי פון דעם טראַגיקער־נאַטוראַליסט דרייזער און ניט די פאַרטיפטע געלייטערטקייט פון נעטעניעל האָטהאָרן, זיין אָריגינאַל־קייט באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער אַמעריקאַנער פראָזע די שניידיקע סאַטירע און האָט געהאַט די פעאיקייט צו סינטעזירן די כאַראַקטערן פון זיינע טיפּן מיט דער באַוועגונג פון געשעעניש.

לואיס האָט האָט אויפגעלעבט די אַטמאָספערע פון דער אַמעריקאַנער „הויפט־גאַס" דורך דער ברייטער סינטעז. זיין העלד איז ניט דער באַזונדערער אינדיוויד וואָס זיצט אין דער סטודיאָ און דער קינסטלער הייסט אים מאַכן אַן אָנשטעל, פּאָזירן פאַר אים, כדי ער זאָל אים קענען בעסער מאָלן. לואיס' טיפּאַזש געפינט מען פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט צווישן מענטשן, אויף דער גאַס, אויפן ברייטן שאַסע.

אין יעדן עכטן קינסטלערישן ווערק דערשיינט דער רעאַליזם פון דער ציט, וואָס איז אָפט קעגן די אָנשויאונגען פון מחבר. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט באַלזאַק אידייאיש סימפּאַטיזירט מיט דער מאָנאַרכיע און אַריסטאָקראַטיע

און האָט דאָך אין זיין „מענטשלעכער קאָמעדיע" ביטער געשפּאָט פון אַדל.

אַ קינסטלער דריקט אויס דעם אמת מיט זיינע חושים, מיט זיין עמאָציע און ניט דווקא מיט זיין פאַרשטאַנד מיט וועלכן ער וויל באַנעמען די וועלט. „אינעם קאַמף קעגן די סאָציאַלע באַדינגונגען איז די קריטיק ניט קיין ליידנ־שאַפט פון קאָפּ, זי איז דער קאָפּ פון דער ליידנשאַפט". אין אַנדערע ווערטער: פאַרן קינסטלער איז ניט דווקא נויטיק ער זאָל אַליין פאַרשטיין די געזעצן פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אויב ער שילדערט די וועלט רעאַל און אמתדיק, האָט ער דערגרייכט דעם ציל.

דער פאָטער פונעם פסיכאָלאָגישן ראָמאַן סטענדהאַל האָט געשריבן: „אַ דערציילונג, מיין פריינט, איז אַ גייענדיקער שפּיגל אויף אַ שאָסעע. אַמאָל שפּיגלט ער אָפּ דעם הימל־בלוי, אַמאָל — אַ זומפּ ביים וועג. קאָן מען דען באַשולדיקן דעם טרעגער פון שפּיגל אין מאַנגל אין מאָראַל? דער שפּיגל שפּיגלט אָפּ אַ בלאָטע און איר באַשולדיקט אים! באַשולדיקט דעם שליאַך, אָדער דעם וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן זומפּ, דעם וואָס לאָזט דאָס וואַסער זאָל בלייבן שטיין און שאַפן די בלאָטע".

לואיס האָט בלויז געטאָן זיין חוב: ער האָט געשילדערט דעם שאָסעע, די הויפּט־גאַס אויפןברייטן אַמעריקאַנער וועג.

דער פייער־געשריי פון דער שטאָט

טעאָדאָר דרייזער און די סאָציאַלע טראַגעדיע



„ער האָט געמאָלן דעם בוים פון דער זייט פון זיינע וואָרצלען, די מערדערי־שע שלאַכט פון די רויבערישע גע־וויקסן"

(וויקטאָר הוגאָ)

אין דעם שטאָט אינדיאַנאַ, צווישן שיטערע וועלדלעך און פלאַכע טאָלן, אַרום הונדערט מיט פופציק מייל פון שיקאַגאָ — טערעהוט. אַ שטעטל ביים שטילן וואַבאַש־טייך. אַ באַן־צענער, וואו עס פאַרדייען זיך און וויקלען זיך אויף אַ ריי אייזנבאַן־ליניעס, וואָס ברענגען מיט זיך דעם דופטיקן אַראָמאַט פון פרעירי־לאַנד, די ריחות פון די פיטסבורגער קוימענס און דעם געשריי פון שטאָל און אייזן. אַ שטיל שטעטל ווי ענלעכע שטעטלעך אין די פרעיריס אָדער די ראַקיס, און דאָרט זענען געבוירן געוואָרן — כמעט אין איין צייט, בלויז אָפּגערוקט אויפן צייט־שטח פון אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר — צוויי רעפּרעזאַנטיווע פיגורן פון אַמעריקאַנער ליטעראַ־טור און געדאַנק, וואָס האָבן דערזען די גרויסע אַמעריקאַנער טראַגעדיע. ניט די טראַגעדיע פון יחיד, ווי אַזוי דענקער און שרייבער פאַר זיי האָבן וועגן איר געטראַכט און געפילט, נאָר די אמתע טראַגעדיע, וואָס הענגט אָפּ פון דער סאָציאַלער סטרוקטור.

ביידע, סיי דער גרויסער לאָקאָמאָטיוו־הייצער יודזשין וויקטאָר דעבס, און דער אייזנבאַן־אַרבעטער טעאָדאָר דרייזער זיינען אַוועק פון זייער שטיל

שטעטל און האָבן אריינגעדרונגען אין „אַספּאַלטישן מדבר” פון דער גרויס־שטאָט, אַריין אין איר ווילדער ראַטאַציע, אָנגעטאָפּט איר מעלאַנכאָליע און דערזען אין איר רויכיקן און בלוטיקן אָפּשיין דעם חושך פון אירע פאַר־קנעכטעטע מעטשן, פאַרנומען דעם אַנגסטיקן געוויין פון אירע אַרבעטער.

יאָרן שפּעטער האָבןביידע פאַרלאָזן די אייזערנע באַן־ליניעס און פאַרבליבן אין ווירוואַר פון דער גרויס־שטאָט מיט איר גאַנצן גלאַנץ און עלנט. האָט דעבס, דער לאָקאָמאָטיוו־הייצער, געטראָגן זיין וואָרט צו די מאַסן פון שוויס און בלוט ווי אַ פאַקלשיין און זיי געוועקט צום גרויסן טאָט און דער רעלסן־לייגער דרייזער האָט מיט דער פעדער ביים שרייב־טיש, גע־שריבן די פייערדיקע עפּאָפּייע פון דער אַמעריקאַנער גרויסשטאָט.

דער אימפּעט פון דעם שלאַנקן און איידעלן שטאָלצן ריז פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז געווען דער אימפּעט פונעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס אַקערט די מייליקע שטחים אַז שפּרייט פייער־פונקען אויף זיין וועג און דער קינסטלערישער שרויף פון דעם גופישן ריז, דעם רעלסן־לייגער, האָט זיך שווער און פּאַמעלעך אַריינגעשרויפט אין דער סאָציאַלערווירקלעכקייט און האָט אַרויסגעעקבערט פאַר דער אָפנקייט די אכזריותן, די בלינדקייטן, די סתירות און די טרויעריקע וואונדן, וואָס טריפן אָפּ און פאַרפליסן צום גרענעצלאָזן אומעט.

דאָס וואָס עס האָט ביידן — דעם מענטש פון טאָט און דעם מענטש פון פען — פאַראייניקט איז געווען דער אויסגעשריי, דאָס וואָרט וואָס האָט געברענט ווי אין פיבער־חלום, ווי אַ וואַלד־שריפה, ווי די וועלט פון דעם קלאַסישן גריך העראַקליט, וואָס האָט געהאַלטן אַז אין גרונט פון אַלץ ליגט פייער.

די ליטעראַרישע אַמעריקע פון די ניינציקער יאָרן פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט און פון אָנהויב צוואַנציקסטן איז נאָך געווען פאַרשטעלט מיט גרענעצן און מויערן. ווי איז געווען דעם וואָס האָט געוואַגט איבערטרעטן די גרענעצן אָדער אַריבערקלעטערן דעם מויער. מען האָט געקענט שרייבן וועגן מענטשן וואָס וואַגן אַריבער די גרענעץ און דעם מויער, נאָר מיט איין באַדינג, זיי אָנרופן ביים נאָמען: הפקר־מענטשן. די שרייבער פון דער נייער וועלט האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי דער „איידלקייט־טראַדיציע” (דזשענטל טראַדישאָן”) און ניט פּוגע בכבוד געווען די הערשנדיקע שיכטן פון באַרג־אַרויפיקן אינדוסטריאַליזם. זיי האָבן געגלויבט, אָדער געוואָלט גלויבן אין

דער אָרדנונג ווי די בעסטע, איינגעוואָרצלטע אָרדנונג, און אפילו די וואָס האָבן געוואָגט אָנרירן די אָרדנונג (ווי דרייזערס אַרויספירער פרענק נאָריס) האָבן נאָר אָנגערירט אירע צווייגן־שפּיצן ניט די וואָרצלען.

דער יונגער זשורנאַליסט פון דער אינדיאַנער אָרעמקייט האָט אונטער־געגראָבן די סאַמע וואָרצלען, אָנגעהויבן „מאָלן דעם בוים פון זיינע וואָרצלען" און אַרויסאָנטפּלעקט די ביטערע געוויקסן, די פרוכט פון דער עלנט. אַרונטער־רייסנדיק דעם שלייער פון דער קאָנווענציאָנעלער מאָראַל האָט ער זיך קאָנ־צענטרירט אויף דעם עצם פון דער נאַטור. זיין קינסטלערישע אַמביציע איז פון אָנהויב אָן געווען צו געבן די לעבעדיקע געשיכטע פון זיין לאַנד. דאָס וואָס באַלזאַק פאַר אים האָט גערופן „קאָנצענטרירטע נאַטור", און ניט די צביעותדיקע זייטן פון אַ מאָראַל, וואָס פאַרשטעלט דעם נאַקעטן אמת.

ווי ביי יעדן אמתן קינסטלער איז אויך ביי דרייזערן די וועלט געווען פאַרבונדן מיט זיין קינדהייט. דער צוועלפטער פון דרייצן קינדער פון אַ דייטש־אימיגראַנטישער משפחה, האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון דחקות און קלעם. ער איז געוואַקסן אין אַ שטוב וואו מען האָט זיך טאָג־טעגלעך געראַנגלט פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט. מיט שווערן טראָט האָט ער געפּלאָסטערט זיין אייגענעם וועג. ניט גרינג איז אים אָנגעקומען דאָס אריינ־טרעטן אין דער ליטעראַטור. זיינע ערשטע דערציילונגען זיינען געשריבן אין אַ האַרטן און טריבן סטיל און אפילו אין זיינע גרעסערע און מער קינסטלע־רישע ווערק איז זיין שפּראַך האַלב־זשורנאַליסטיש, האַרב, ניכטער. די ווערטער ווערן באַנוצט מיט זייער פּשוטן לאָגישן אינהאַלט, אין זייער טאָג־טעגלעכן געברויך, אָן שום „ליטעראַרישקייט". האָט אים דערפאַר די קריטיק באַ־צייכנט ווי אַ שרייבער אָן סטיל און אייגנאַרט. זיין אומראַמאַנטישקייט האָט מען לכתחילה אויסגעטייטשט ווי אוממאָראַלישקייט, זיין זוכן רעאַליזם איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ מגושמדיקער נאַטוראַליזם.

אַ סך יאָרן איז די אָפיציעלע קריטיק געווען קעגנעריש צו אים, שוין נאָכן אָפּדרוקן זיין ערשט בוך האָבן די פאַרלעגער אים אויסבאַהאַלטן פאַרן לייענער. אים איז אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען מיט די געלט־גייציקע פאַרלאַג־מאַגנאַטן און פּיפּיקע אַדוואָקאַטן, אָבער דער ריז האָט אויסגעהאַלטן די קלעפּ און דערגרייכט קינסטלערישע הויכקייט ניט צוליב זיין סטיל נאָר צוליב זיין נייעם רעאַליסטישן אינהאַלט.

„שוועסטער קערי" — דרייזערס ערשט ווערק האָט האָט אויפגעריסן די דערמאָנטע „דזשענטל טראַדיציע" און האָט אָנגעהויבן אַ נייע ערא אין

דער ליטעראַטור. קערי מיקער, אַן אַכצן־יאָריק פּראָווינציעל מיידל פאַר־לאָזט איר שטעטל און קומט אָן אין שיקאַגאָ זוכן אַרבעט. זי שלאָגט זיך גלייך אָן אינעם אומעט פון דער גרויער אינדוסטריעלער שטאָט. זי שמאַכט אין דער פאַבריק· די גויט שטויסט זי צו „זינד". באַקאַנט זי זיך מיט אַ יונגן „סעילסמאַן" און לעבט מיט אים אַ געוויסע צייט. שפּעטער טרעפט זי דורך אַ צופאַל דעם פאַרוואַלטער פון אַ גרויסן רעסטאָראַן, האַרטסוואוד, דעם טיפּ פון אַרויפגעאַרבעטן אַמעריקאַנער, אַ „סעלף מעיד מען". ער פאַר־ליבט זיך אין איר, באַגנבעט די קאַסע און אַנטלויפט מיט קערין קיין ניו־יאָרק. דאָרט באַגעגנט ער זיין שווערן שיקזאַל. ער פאַרלירט זיין געלט און לעבט אַ צייט אויפן חשבון פון קערין, וואָס האָט באַוויזן צו ווערן אַן אַקטריסע. ביים סוף פאַרלאָזט זי אים, און האַרטסוואוד ווערט אַ פאַרוואָרלאָזטער לומפּ („טרעמפּ"), גייט אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און געפינט זיך שוין ווי אַ בעטלער אויף דער בויערי, אין דער מעקאָ פון אַמעריקאַנער איבעריקן מענטשן. ער שטאַרבט אין אַ ביליקן האָטעל און קערי ווערט אַ באַרימטע שוישפּילערין· דער געראַנגל און דאָס זינקען פון דעם „אַרויפגעאַרבעטן" אַמעריקאַנער אין אָפּגרונט פון דלות און עלנט. אַ שטיק מענטשלעכע טראַגעדיע.

שוין אין אָט־דעם ערשטלינג ראָמאַן זיינעם האָט דרייזער צוגעפירט דעם נאַקעטן רעאַליזם צום טראַגישן קולמינאַציע־פּונקט. אַזאַ איז דיווירקלעכקייט אין אַ סיסטעם פון דער אומגלייכקייט פון סאָציאַלע כחות און וואָס אַנטפּלעקט די מאַכטלאָזיקייט פון יחיד קעגן דער סיסטעם. דרייזער איז דאָ דער סאָ־ציאַלער שרייבער. זיין טיפּ און פּערסאָנאַזש איז פולשטענדיק צונויפגעבונדן מיטן קאָלעקטיוו. און אויב זיין העלד טראָגט אויס דעם שיקזאַל מיט אַ אַ געוויסער אחריות איז עס בלויז צוליב דעם ווייל ער פאַרשטייט נאָך ניט גענוג די ברוטאַלע כחות וואָס ווירקן אין דער אָרדנונג·

דרייזערס פעדער ציטערט אויף מיט אַ לירישן צער ביים באַשרייבן די עלנט־בילדער פון האַרטסוואודן, אָבער קיין טרייסט־וואָרט פאַר אים האָט ער ניט, — זיין אַנטשיידונג ליגט ניט אויפן קרייץ־וועג פונעם יחיד, נאָר אין קאָלעקטיוו.

אין זיין צווייטן ראָמאַן „דזשעני געריהאַרט" חזרט זיך כמעט איבער די טעמע פון „קערי". דזשעני איז אַן אָרעמע דינסט, אַ וועשערין אין אַ פאַרמעגלעך הויז און איז אַ קרבן פון איר סביבה. אין איר עלנט נעמט זי אָן די ליבע פון אַן עלטערן פאַרמעגלעכן מאַן לעסטער. ער שטאַרבט און לאָזט

זי מיט אַ קינד. דאָ ווערן ווידער געמאָלן עלנטע עפּיזאָדן פון אַן אורבאַניסטי־שער אַטמאָספערע אין וועלכער דער יחיד ווערט צעמאָלן פון די מעכאַניזירטע רעדער אינעם אַספאַלטישן מדבר פון דער גרויס־שטאָט.

דרייזערס „טיטאַן" איז דער אָנהויב פון אַ טרילאָגיע, וואָס האָט אים אַריינגעשטעלט אין צענטער פון דער אַמעריקאַנער פּראָזע. „דער טיטאַן" איז די געשיכטע פון דעם רויבער־באַראָן פרענק קאַפּערוואוד, זיין אויפשטייג און זיין ביטערע אַנטוישונג אין לעבן, וואָס ער האָט געגלויבט אַז ער וועט אַליין אויסשמידן. ס'איז דער ראַמאַן פון האָפנונג און ביטערער אַנטוישונג. אַ מין צירקל, אַ כשוף־ראָד פון וועלכן דער יחיד קען זיך קיינמאָל ניט אַרויס־באַקומען. קאַפּערוואוד שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לעבן פונעם נייעם, אויפ־געקומענעם קלאַס. אַ זון פון אַ באַנקיר האָט ער נאָך אין זיין קינדהייט דערקענט די וועלט פון פינאַנץ. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די געלט־מאַכי־נאַציעס, צו די פינאַנציעלע אָפּעראַציעס, און האָט באַשלאָסן איינעמען זיין אָרט אין לעבן לויט דעם דעוויז פון „מאַכט איז רעכט!"

דאָס קינד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פיש־קראָם און דערזען ווי אַ גרויסער לאָבסטער שלינגט איין אַ קלענער פישל. די מלחמה פון די צוויי ים־באַשע־פענישן אין דעם גלעזערנעם קרוג האָט דעם יינגל געפירט צו אַ וועלט־אָנשויאונג. דער לאָבסטער האָט געזיגט ווייל ער האָט שטאַרקע נעגל און דאָס פישעלע איז געווען ווייך און שלאַבעריק. דאָס יינגל האָט פון דעם עפּעס געלערנט: „איין באַשעפעניש לויערט אויפן פלייש פון אַנדערן. דאָס איז קלאָר! און ווער לעבט אויפן פלייש פון די לאָבסטערס? — מענטשן! און ווער לעבט פון מענטשן? — אויך מענטשן. דעם ענטפער האָט קאַפּערוואוד באַקומען פון לעבן. ער האָט תופס געווען דעם ריטם פון זיין צייט. די הצלחה האָט אים געשמייכלט, ווייל ער איז געווען שטאַרק און מוטיק, האָט געקוקט דעם לעבן אין פּנים. אָבער אין אָט־דער סביבה פון „כל דאלים גבר" (דער שטאַרקער זיגט) איז ער דאָך ניט געווען איינער. עס זיינען געווען גרעסערע העכט און די האַנט פון שטאַרקערע פינאַנץ־רויבער האָט זיך אַרויס־געוויזן מעכטיקער פון זיינער.. איז ער, קאַפּערוואוד, אַריינגעפאַלן אין די נעצן פון גורל און האָט דורכגעמאַכט איין טראַגעדיע נאָך דער אַנדערער אין פריוואַטן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז געקומען אַ סוף צו זיין געלט־גיריקייט, צו זיינע ליבעס. עס איז געווען די גרויסע אַנטוישונג פון אַ גיגאַנט, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט פלאַמענדיקע שווערדן, זיי גע־וואָרפן פון איין זייט אין דער צווייטער ביז די כחות האָבן אים פאַרלאָזן.

מען דערשפּירט אין דרייזערס שווערער און שרייענדיקער פּראָזע דעם אומעט, וואָס בלאָזט אויפן תהום פון זיין נשמה, מען שפּירט עס ביים לייענען די שילדערונגען פון דעם ווײ־געשריי פון די גרויסע, פייערדיקע שטעט שיקאַגאָ, דעטראָיט, אין זיין געמעל פון דער רויכיקער און פאַרכמורעטער פּיטסבורג. שוואַרצע קוימענס, אייביקער פייער און פּראָפיטן, אויסנוצעריי, וואָס שטעלן זיך קיינמאָל ניט אָפּ. דער האַמער קלאַפּט דאָ טאָג און נאַכט, די רעדער דרייען זיך און דער מענטש איז אַן טרייסט, אַן פּערספּעקטיוו. ס׳איז דער גיהנום פונעם כרך.

„עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין מיין אידילישן שטעטל לעבט נאָך דער גייסט פון אַמעריקאַנער דאָרף און זיינע טרוימען; דער פּאַטאָס פון דזשאָן בראַון, די מוטיקייט, די סבלנות און דער טרויער פון לינקאָלן, די בראַווע וויזיע פון לי און דזשעקסאָן, אָבער איך האָב אין דעם קיין חלק ניט. ווײ, ווײ איז מיר — איך האָב גוט געזען פּיטסבורג!״

„קיין שום טרויער האָט ביי מיר ניט געקענט אָנהאַלטן נאָך אַ שעה פון לייענען״ — האָט געזאָגט דער פראַנצויז מישעל דע־מאָנטען. גענוג אָבער צו לייענען איין שעה דרייזערס אַ ראָמאַן און יעדער שמייכל זאָל צערינען און יעדער פרייד זאָל זיך אָפּטאָן. אומעט — וויל טראַגעדיע. ס׳איז אָבער די טראַגעדיע פון דערקענטעניש, פון באַוואוסטזיין, און עס גייט אויף אַ ליכט פונעם טרויער, ווי אַ פייער זייל פון אַ באַנאַכטיקער שטאָל־פאַבריק.

צוויי איינפלוסן האָט דרייזער אין זיך געטראָגן. די השפעה פון דער באַלזאַקישער קלאַסיק און דעם איינפלוס פון וואָלט ווהיטמאַנס קאָסמישער סאָציאַל־קייט. אין די דאָזיקע צוויי פייערן האָט ער זיך איבערגעברענט.

פון באַלזאַקן האָט ער גע׳ירשנ׳ט די דיסאָלוזיע אין דער אילוזיע און מיט זיי האָט ער באַשאָנקען דעם פּערסאָנאַזש פון גרויס־שטאָט. זיכער דאַרף מען ניט פאַרגלייכן די מאָס פון טאַלאַנט און קולטור פונעם פּאַריזער קלאַסיקער מיט דעם אַמעריקאַנער רעאַליסט־נאַטוראַליסט, אָבער אַז ער האָט דעם דערמאָנטן באַלזאַקישן מאָטיוו, אין דעם קאָן קיין ספק ניט זיין.

„שוועסטער קערי״ וואַראַאירט אויף אַ געלונגענעם אופן דעם טיפּישן פּריען ראָמאַן פון באַלזאַקן „די שאַגרען־פעל״. באַלזאַקס העלד פּאַלט אַריין אינעם קעסל־גרוב פון פּאַריזער לעבן, פייניקט זיך פון אָרעמקייט און ניט־דערגרייכטע פאַרלאַנגען און באַשליסט אויפן לעצטן מיטל — זעלבסטמאָרד. צופעליק באַקומט ער אַ שטיקל פעל, וואָס האָט אַ וואונדערלעכע אייגנשאַפט: גאָרניט, ניט פייער, ניט אייזן קאָן פאַרניכטן די פעל און ווער עס באַזיצט עס,

יענער קאָן דערגרייכן אַלע זיינע פאַרלאַנגען. אָבער יעדעס מאָל ווען דאָס שטיקל פּעל דערפילט דעם אייגנטימערס פאַרלאַנג ווערט עס קלענער, אייב־געשרומפּענער און ווען עס וועט איינגאַנצן ניט ווערן וועט זיך אויסלאָזן דאָס לעבן פונעם פּעל־באַזיצער. דער רמז, אַז תענוג און גליק לאָזן זיך ניט נעמען אומבאַשטראָפט. אָפט ווען דער פאַרלאַנג ווערט באַפרידיקט, ווערט דאָס לעבן פאַרברענט. דער ווינטיקער פייער פאַרצערט די בלומען פון גליק.

„אָ, קערי, קערי! אָ, בלינדע שטרעבונגען פונעם מענטשלעכן האַרץ! רופט אויס די העלדין ביים סוף פון בוך, נאָכדעם ווי זי איז אַ צייט געזעסן אין איר באַקוועמען וואַלדאָרף־צימער און געלייענט באַלזאַקן און געטראַכט, אַז נאָכדעם ווי זי האָט דערגרייכט שיינקייט, רעקלאַמע, איז זי געבליבן איינזאַם... אַז אין דער דאָזיקער וועלט, אין איר איצטיקן מצב, איז ניטאָ קיין גליק".

די דיסאַלוזיע אין דער אילוזיע, דאָס אומדערגרייכבאַרע אין דער דער דערגרייכונג, דאָס איז די ירושה פון דעם באַלזאַקישן רעאַליזם, וואָס דרייזער האָט איבערגעשמאָלצן אין זיך: „ווי צו דעם מענטשן וואָס פאַר־זיכערט זיך אויף אַן אילוזיע, די איינציקע רעאַלקייט אין זיין פאַנטאַזיע, און ווי צו דעם, וואָס שטיצט זיך ניט אויף איר: אויף איין וועג וועט ער דורכלעבן אַן אַנטוישונג און אויף דער אַנדערער — ווייטיק".

פאַראַן נאָך אַ צענטראַלער מאָטיוו ביי דרייזערן — דאָס צונויפגיסן זיך אין רחמים מיטן באַוואָלהטן און באַרויבטן, און דאָס איז אַמשטאַרקסטן קאָנטיק אין זיין גרויס ווערק „די אַמעריקאַנישע טראַגעדיע", וואו זיין גרויסשטאָטישער געשריי לייזט זיך אויף אין די פּיבערדיקע טעג און וואָכע נעכט פונעם העלד קלייד גריפיט.

אַ געשיכטע פון איבער טויזנט זייטן געבויט אויף אַ צייטונגס־כראָניק, אַ מאָרד־פּאַסירונג אין שטאָט ניו־יאָרק. קלייד גריפיט, אַ זון פון אָרעמע, פרומע פּראָטעסטאַנטישע עלטערן אין קענזעס, זאַפּט איין אין זיך פון זיין פריער קינדהייט דעם קאַלוויניסטישן פאַטאַלן אומעט פון זיינע עלטערן. די תהלים־פּסוקים און די פרומע מוסר־זאָגעכצן ווירקן אָבער אויף אים: עס זאָל אים טרייבן פון דער שיקזאַל־דעטערמינירטער אַטמאָספערע. עס ציט אים צו דער גרויס־שטאָט און צו דער הנאה פון איר פּראַכט און גלאַנץ. ער אַנטלויפט קיין דענווער און אַרבעט אַ שטיק צייט אין אַ האָטעל. דאָרטן באַקאַנט ער זיך מיט דער גרויסשטאָטישער פאַרדאָרבנקייט און צביעות.

נאָכדעם קומט ער אָן אין אַ שטעטל פון ניויאָרק וואו ער הייבט אָן אַרבעטן אין דער קליידער־פאַבריק פון זיינעם אַ רייכן קרוב. ער פאַרליבט זיך אין דער אָרעמער פראָווינציעלער אַרבעטער־מיידל ראָבערטאַ, וואָס אַרבעט אינאיינעם מיט אים אין דער פאַבריק. קלייד דרינגט צו ביסלעך אַריין אין דער גביריש־יחסנישער פאַמיליע פון זיין רייכן אָנקל, ער גייט אַריין „אין די פעדערן" און שטייגט אויפן סאָציאַלן לייטער. ער וואַרפט אַן אויג אויף דער יחסנישער רייכער סאַנדראַ פינטשלי און הייבט אָן אויסמיידן ראָבערטאַן, וואָס טראָגט זיין פרוכט אין אירע אינגעווייד. איצט געפינט ער זיך צווישן צוויי פייערן; הייראַטן מיט ראָבערטאַן, ווייסט ער, וועט פאַר אים שטיין אַ צוקונפט פון אָרעמקייט, האָרעוואַניע, אָבער מיט סאַנדראַן גייט ער אריין אין די „הויכע פענצטער". ער לייענט אין דער צייטונג וועגן אַ דערטרונקענער פרוי אין טייך. אַ פינצטערע און, אין דער זעלבער צייט „זיסע", מחשבה פליט אָן אין זיין מוח, אַט ווען ראָבערטאַ וואָלט דערטרונקען געוואָרן!.. דאַן וואָלט ער געווען ביים גליק... קלייד פאָרט אַרויס מיט ראָבערטאַן אויף אַ „פיקניק". זיי דינגען אַ שיפל. זי האַלט אין איין פאָדערן פון אים, זיי זאָלן זיך באַלד „פאַרשרייבן ביים ריכטער"... ער איז אומעטיק. עס קומט פאָר צווישן זיי אַן איבעררייד. דאָס שיפל קערט זיך איבער. ער פרואווט זי אפילו ניט ראַטעווען. קיינער איז דעמאָלט ניט געווען ביים טייך. „נאָר אַ פויגל אויף אַ טויטן בוים האָט אומעטיק געשריגן".. דער סוף — די גרויסע טראַגעדיע. קלייד ווערט געכאַפּט, געבראַכט פאַרן ריכטער און אַ „דזשורי" ברענגט אַרויס דעם אורטייל: שולדיק! שטאַרבן אויפן עלעקטרישן שטול!

אַ לאַנגער ראָמאַן. איבער טויזנט געדרוקטע זייטן, אָנגעפּיקעוועט מיט געדיכטע שילדערונגען פון סביבה און טיפּאַזש און רייך מיט עמאָציאָנעל־פּסיכישער אָנלאָדונג און דער פינאַל — טראַגיזם.

טראַגעדיע, אָבער ניט די טראַגעדיע פון שיקזאַל, דער צוזאַמענשטויס מיט די בלינדע כחות פון גאָט אָדער נאַטור, ווי „עדיפּוס" אָדער „פּראָמעטעאוס". ס'איז אויך ניט די שעקספּירישע טאַגעדיע פון כאַראַקטער־שוואַכקייט (האַמלעט), ס'איז די טראַגעדיע פון דער סביבה, פון דער סאָציאַלער אומגעבונג, דער אונטערגאַנג פון מענטשן אין געראַנגל מיט דער געזעלשאַפט, די טראַגעדיע, וואָס ווייזט ווי דער מענטש ווערט געבראָכן פון דער אָרדנונג, ווי ער ווערט אַראָפּגעשניטן פון לעבנס־בוים, וועמענס וואָרצלען זיינען שוין קראַנק און פויל. וויכטיק אין בוך איז ניט די אינטריגע, אפילו ניט די אָנגעגליטע יום־הדין לופט, וואָס דרייזער מאָלט אויף הונדערטער זייטן;

אויך ניט די אוממיטלבאַרע שילדערונג פון דער מאַרד־יוסטיץ״, פון דער „געזעלשאַפטלעכער מאָראַל״, וואָס די דינער פון שטאַט, די אַדוואָקאַטן פאַרטרעטן. וויכטיק זיינען די שטייגערישע ליידן פונעם העלד אין דער תפיסה ערב זיין פאַרברענונג. דער פאַרבאַרגענער ווידוי פון קליידן וואָס גיסט זיך צונויף מיטן כלל, מיט די שולדן פון יחיד, וואָס זיינען די שולדן פון אַ דור און אַ סיסטעם.

פון די אינטערעסאַנטסטע סצענעס אין בוך איז די פּרעכטיקע סצענע ווי קלייד לעבט איבער די ווידוי פון אַ יידישן בחורל, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צו ברענען אויפן עלעקטרישן שייטער ווייל ער האָט דערמאָרדעט אַן אייגנטימער פון אַ צירונג־געשעפט בשעת אַ רויב־איבערפאַל פון אַ „גענג״ (חברה באַנדיטן). נאָך פיבערדיקע טעג פון שטומען צער און וואַכיקע נעכט פון חשבון־הנפש, ווען קלייד האָט זיך געגרייט צו זיין לעצטן טאָג, ערב דער „סעודה פון טויט״, — אין די חשבון־הנפשדיקע מחשבות וועגן דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט, — ווען ער האָט געטראַכט, אַז אַן אמתער משפט, אַ געריכט, וואָס ווייסט וואָס עס טוט זיך אין מענטשלעכע הערצער, וואָלט אים אָדער אינגאַנצן באַפרייט, אָדער וואָלט גאָר אָוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיין רייכן אָנקל, סאַנדראַס טאַטע־מאַמע, וואָס זיינע ניט ווייניקער שולדיק ווי ער, אין דעם „שולדיק־אומשולדיקן״ פאַר־ברעכן (ער האָט דאָך געהרגעט ראָבערטאַן בלויז אין דער מחשבה, אין ערגסטן פאַל האָט ער זי ניט געראַטעוועט), — אָבער אומזיסט! — ניט יעזוס פון קרייץ און ניט די אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע הייליקע וועלן אַראָפּשיקן מלאכים אים צו ראַטעווען! ליגט ער אויף זיין תפיסה־בעטל, אַ פאַרלאָשענער, אַ פאַרביטערטער, אויסגעליטענער, פאַרשניטענער ווי אַ טרוקענער צווייג אויף אַ פאַרסמטן בוים. מיטאַמאָל דערטראָגט זיך צו זיינע אויערן אַ הייסער געמורמל. ער קוקט דורך דער שפּאַרונע פון זיין צעל און זעט און הערט ווי דאָס יידישע יינגל פליסטערט אַ רעליגיעזן ווידוי, וואָס אים, קליידן, דאַכט זיך, אַז עס איז פּאַסיק פאַר אים, פאַר זיין אויס־געליטענעם געמיט. דאָס יינגל „האַלט דעם קאָפּ צווישן די הענט און חזרט איבער: „אשמנו, בגדנו, גזלנו, — „מ י ר זיינען שולדיק, מ י ר האָבן גע־פּעלשט, געגזלט, געטאָן רשעות — מ י ר, מ י ר״ — —

אָט־דער צונויפגיסן זיך מיטן כלל, דער באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ קרבן צוליב דער זינד פון כלל, קריצט זיך אַריין אין דער נשמה פונעם העלד און אין האַרצן פונעם לייענער און עס אַנטפּלעקט זיך די טיפע

טראַגיק פונעם קרבן יחיד, וואָס איז דער שעיר לעזאזאל, דאָס כפרה־הינדל צוליב דער חטאת הקהל.

עס איז מערקווירדיק, וואָס דער רעאַליסט, וואָס אין זיין פובליציסטיק האָט ער זיך ניט אויסגעצייכנט מיט צופיל פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע צום אַמעריקאַנער יידן, האָט אין זיין גרויסן ראָמאַן, אומבאַוואוסטזיניק, אָנ־געשלאָגן אין אַ סאָציאַלן עיקר פון היסטאָרישער יידישקייט, וואָס האַלט אַז „כלל ישראל״, דער צבור, די געזעלשאַפט, איז ערב פאַרן יחיד. „כולם ערבים זה בזה״ — אַלע זיינען ערוב, דער כלל איז שולדיק.

ניט קיין שיקזאַל פון צופאַל און אויך ניט קיין געראַנגל מיט געוויסן שטראָמט פון דרייזערס בלעטער. „ווען אַ מענטש נויגט אָפּ פון דער סטעזשקע פון זיין געוויינלעכן גאַנג, פון זיינע רגילותן, שפּירט ער אַ צופּ אין האַרצן, וואָס דערצערנט אים. ער הייבט אָן גלויבן, אַז זיין געוויסן באַשטראָפט אים און קערט אים אום צום גלייכן וועג. . ׳געבענטשט בין איך׳ זאָגט ער דעמאָלט איך האָב געטאָן מיין חוב! אָבער אין דער זעלבער צייט האַלט אים די געזעלשאַפט מיט אירע געוואוינהייטן אין איר צוואַנג. . .״ און ווי אַ פּועל־יוצא פון די „געוואוינהייטן״ האָט קלייד אין דער מחשבה געהרגעט ראָ־בערטאַן און ניט נאָר ער איז דער מערדער. ס׳איז די געזעלשאַפט, וואָס אירע „געוואוינהייטן״ האָבן אים אַרויפגעבראַכט צו יענער זינדיקער מחשבה, — „אשמנו״, בגדנו, מ י ר, מיר האָבן, מ י ר״ — — לעבט מען אין אַ דור וואָס ברעכט זיך אין ליידן, מוז דער יחיד דורכליידן אַלעמענס בראָך, ווייל דער מענטש איז מער ניט ווי אַ זאַנג צווישן זאַנגען, אַ בלעטל אין וואַלד, אַ טראָפּן אין אָקעאַן. גוטס און שלעכטס ווערן געוואויגן אויף די וואָגשאָלן פון כלל. ווער עס קאָן אין זיין באַוואוסטזיין דערגרייכן אַ פולן באַהעפט מיטן כלל, פאַר דעם ווערט די אייגענע פיין אַ לייטערונג און די שטראָף — אַ טיר צו דערלייזונג.

פון קיין יידיש־היסטאָרישן איינפלוס אויף דרייזערן קאָן קיין רייד ניט זיין, ס׳איז אָבער קאָנטיק די השפעה פון וואָלט וויטמאַן, וואָס האָט די שולד פון דער געזעלשאַפט צונויפגעגאָסן מיט זיין גרויסן „איך״

איך פאַראורטיילטע אין די טורמע־צעלן,
איך פאַרמשפטע מערדער, געקאָוועטע אין קייטן.
ווער בין איך עס, וואָס איך זאָל ניט געמשפט ווערן,זיצן אין תפיסה,
איך בין דער פאַרפאָלגטער, איך אַליין דער פאַרוואונדעטער״.

(איך אַליין, 1955)

דער מאָטיוו פון דרייזערס פייערדיקן שטאָטישן אויסגעשריי איז פאַר־באָרגן אין זיין מערקווירדיגן געמיש פון שטראָף און רחמים, פון יסורים און פאַרגעבונג. דרייזער איז דער בעל מחילה אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער האָט געהאַלטן אַז דער שרייבער מוז זיין נייטראַל. ער איז אָבער ניט געווען נייטראַל צו מענטשלעכע ליידן. דאָס וואָס הייבט אַרויס זיין שרייבן, ניט קוקנדיג אויף זיין וואַכעדיקן סטיל, פון אַנדערע שרייבער מיט מער סטיליסטישן טאַלאַנט, איז זיין טיפע מענטשלעכע מיטלייד צום מענטשן. אין איין דערציילונג זאָגט ער:

„זאָל קיינער ניט אונטערשאַצן די באַדערפעניש אין מיטלייד מיר לעבן אין אַ שטיינערדיקן אוניווערס, וועמען האַרטע און ברוטאַלע כחות שטורעמען שרעקלעך... די הינדוסן דינען צו אַן אָפּבילד פון ווייטיק. זיי מעגן אַזוינס. עס איז זייער ווייטיקלעכער, גלייכגילטיקער נירוואַנאַ. געבענטשט זיינען די וואָס דערבאַרעמען זיך ווייל זיי וועלן באַקומען דערבאַרעמקייט! ניין, ניין. געבענטשט זיינען די וואָס דערבאַרעמען זיך, ווייל זיי באַשאַפן דערבאַרעמקייט".

דרייזערס העלדן זיינען אומשולדיק. שוועסטער קערי איז מוחל האַרטס־וואָדן, רזשעני גערהאַרדט איז מוחל אירע פאַרפירער, דעם פאָטער, וואָס טרייבט זי אַרויס און קלייד נעמט אויף זיך די שולד פון כלל. שולדיק איז נאָר די אָרדנונג, וואָס איז אין איר פוילונגס־פראָצעס, און דערפאַר איז קיינער ניט שולדיק.

סימבאָליש איז דער אויפבליץ אין קליידס מחשבה אין דער חושך־צעל, ווען ער דערמאָנט זיך אין יענער שטילקייט ביים טייך, אין דעם „טויטן, אָש־בלייכן בוים, וואָס דער אומעטיקער פויגל האָט אויף אים געקראַקעט". דער בוים אַליין איז געווען דורכגעפוילט, און צו אָט־דעם דורכגעפוילטן שטאַם, צום פאַרברענטן וואָרצל, האָט זיך דער שרייבער פון דער טראַגעדיע גע־גרונטעוועט כדי דעם בוים צו „מאָלן פון זיינע וואָרצלען" און אַרויס־פלעקן זיינע „רויבערישע געוויקסן". איז דערפאַר דרייזער ניט נאָר דער פייערדיקער שטראָפער, נאָר אויך דער מאַן פון מחילה, איז ער דער מענטש פון פייער, צאָרן, געשריי, טרויער און ליבע, פון גיפט און רחמנות.

דרייזער, — זאָגט מאַרקוס קאַנליף אין זיין בוך,— „האָט באַלעבט זיינע נאַטוראַליסטישע מעשות מיט אַ רחמנות־געפיל, וואָס מען קאָן ניט געפינען ביי קיין שום אַנדערן שרייבער פון דעם מין". געווינלעך שרייבט מען צו דעם טיטול פון בעל־צער און בעל־מחילה דאָסטאָיעווסקין, וואָס האָט

אַריינגעקוקט אין די נשמות פון די שולדיקע און מיט זיי מיטגעליטן, אָבער דער רוסישער ריז האָט זיי געלאָזט זיך פּייניקן און לייטערן זייער געוויסן אויף די סיבירער קאַטאָרגע־פעלדער. דרייזערן איז פרעמד געווען די קריסטלעכע לייטערונג. די אַנטשיידונג פונעם איינצלנעם העלד אַנטשיידט נאָך ניט דעם שיקזאַל פון לעבן. דער יחיד צאָלט פאַר דער קאָלעקטיווער זינד, דערפאַר קאָן דרייזער ניט אַרויסראַטעווען קיין איין העלד פון דער שטאָטישער שריפה.

אין זיין אַריינפיר צו דער „אַמעריקאַנישער טראַגעדיע״ האָט דרייזערס הייסער פּאַרטיידיקער דער קריטיקער ה. ל. מענקען געשריבן: „זיין ווערק איז אַ פּירוש אויפן מענטשלעכן לעבן. אין די טעג ווען ער האָט אים גע־שריבן, האָט ער נאָך געטראַכט וועגן דעם זינלאָזן ריטם פון אוניווערס, וואָס ווערט רעגירט פון אייביקע סאָציאַל־ביאָלאָגישע און כעמישע כחות. אין זיינע עלטערע יאָרן האָט ער רעוואָלטירט קעגן זיין אייגענער פילאָסאָפיע און האָט ארומגענומען די שיינענדיקע צוזאָגן פון דער מאַרקסיסטישער קרעדאָ״. (הקדמה צו דער „אמעריקאַנישער טראַגעדיע״).

ביים סוף פון זיין לעבן האָט זיך דרייזער, ווי באַוואוסט, אַנגעשלאָסן אין אַוואַנגאַרד פון אַמעריקאַנער אַרבעטער קלאַס. ער האָט אין זיין מיטגליד־אַפּליקאַציע אויסגעדריקט זיין שטאָלץ אַנצוגעהערן צו דער מחנה וואו עס שיינען די נעמען פון זשוליאָ קירי, פּאַבלאָ פּיקאַסאָ, לואי אַראַגאָן, מאַרטין אַנדערסאָן נעקסע און שאָן אָ׳קעיסי. שוין ערב זיין זון־פאַרגאַנג האָט ער אויסגעשטרעקט זיי האַנט צו זיין גרויסן בן־עיר, דעם פייערדיקן ריטער פון אַמעריקאַנער אַרבעטער, דעם לויטערן הייצער פונעם לאָקאָמאָטיוו וואָס דאַרף פירן אַמעריקע אויף נייע וועגן פון הומאַניזם. מיט זיינע ווערק האָט דער געוועזענער אייזנבאַן־אַרבעטער צוגעטראָגן גענוג ברען־מאַטעריאַל פאַר דעבסעס לאָקאָמאָטיוו.

דער אַקער און דער מולד

מענטש, ערד און צייט אין שאפן פון דזשאן סטיינבעק



פאַר מערי און נייטן גאַרפילד!

„ער שלאָפט נאָך ערגעץ דער גאָניע־קינד אין אַ דיאַלעקט פון דער וועסט... עס געפינט זיך אפשר דער פאָלקס־גאָניע אין די וועלדער פון מעין, אָדער אין אַ פאַרוואָרפן שטיבל פון אַ קאַלי־פאָרניער מיינער. דאָס זיינען אוודאי רויע און פּראָסטע פלאַנצבייטן, אָבער נאָר פון אַזעלכער רוי־מאַטעריאַלן, היגע איינגעבוירענע, קענען אָנהויבן וואַקסן, זיך אָנגעמען און שפּראָצן און בליען מיט אַן עכטן אַמעריקאַנער אַראָמאַט און טראָגן פּרוכטן".

וואַלט וויטמאַן)

אין זיין פּאָעטישער וויזיע, וואָס האָט אַרומגענומען דעם קאָסמאָס, האָט דער דיכטער־גיגאַנט פון לאָנג־איילאַנד, פאַר וועמען „אַמעריקע אַליין איז געווען אַ פּאָעמע", נאָך מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק פאַראויסגעזאָגט, אַז עס וועלן קומען דיכטער און דערציילער פון די אַמעריקאַנער ים־ברעגן און פון די ווייטע מערבדיקע פעלדער און העלפן אויפבליען דאָס וואָרט, וואָס וועט טראָגן אמתדיקע פּרוכט. צי איז זיין וויזיע־נבואה כאָטש אויף אַ העלפט מקוים געוואָרן — איז אַ פראַגע. עס קען אָבער קיין שום ספק ניט זיין, אַז דער אַמעריקאַנער קליינשטעטלדיקער „וועסטערנער", וואָס איז אויפ־געוואַקסן אין פאַלמען־לאַנד, וואו שטערן צינדן די הימלען און לבנה שפּרייט איר גליוווער־שיין אויף ציטריס־ביימער און ווייַנשטאָקן; אַז דער וואָרט מייסטער דזשאָן סטיינבעק פון סאַלינאַס, קאַליפאָרניע, האָט אין די 20־קער יאָרן פונעם יאָרהונדערט אָנגעהויבן איבערקנעטן שטיקער ווירקלעכקייט מיט אַן „עכטן אַמעריקאַנער אַראָמאַט".

סטיינבעקס ערשטע „אוניווערסיטעט" איז געווען די ערד און זיינע לערער — פּויערים־אַרבעטער. אַליין אַן אַרבעטער אויף אַ פֿאַרם, אַ הויז־בויער, אַ טעסלער, אַ שילער אין אַ כעמישער לאַבּראַטאָריע, אַ מאָלער און אַ צייטונגס־פּאַרקויפֿער, האָט ער גלייך אַריינגעבראַכט די ערד און דעם ערד־מענטשן אין זיינע דערציילונגען און נאָוועלן. סיי זיין טעמאַטיק און פּערסאָנאַזש און סיי זיין צוגאַנג איז אַן ערדיש־באַלאַדענער. זיינע באַקאַנטע „טרעמפּס", וואָס וואַנדערן אַרום איבער די קאַליפֿאָרניער פֿליינען, מענטשן טיף־אומגליקלעכע, אַרויסגעשטויסענע פֿון לעבן, זיינען סעזאָן־אַרבעטער, וואָס נעמען אויף דאָס לעבן פֿון אַרום „אויף אַן אייגענעם שטייגער" און טראָגן זיך אַרום מיט איין הונגער — נאָך ערד.

די קאַליפֿאָרניער לאַנדשאַפֿט. — דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער מענטש, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער סביבה פֿון הויכע פּאַלמען און זיך צוגעהערט צום געזאַנג פֿון צוויטשערנדיקע פֿייגל און דער קוואַקעריי פֿון זשאַבעס אין די טייכן — איז אַ פּערסאָנאַזש, וואָס לעבט זיך אויס מיט זיינע אייגענע ניגונגען, מיט זיינע פֿריידן און ליידן און באַגריפֿן וועגן גאָט, וועלט און לעבן, און איבער אַלץ שוועבט דאָ דער דראַנג נאָך אַ שטיקל ערד, נאָך יענעם דזשעפּערסאָנישן אַגראַר־חלום וועגן פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זיינען פֿול מיט פֿאַרמערס, פֿריי פֿון אויסנוץ דורכן שטאַט, מענטשן אין פֿולער גלייכהייט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט.

מיטן אויסנאַם פֿון זיין ערשטער דערציילונג „דער גילדענער בעכער", אַ ראָמאַנטישע געשיכטע וועגן לעבן פֿון אַ ים־פּיראַט, האָט סטיינבעק געשאַפֿן רעאַליסטישע ווערק וועגן די איינוואוינער פֿון קאַליפֿאָרניער טאָל, וואָס ער האָט געשטאַלטיקט אין אַ ריי עפּיזאָדן און פּלאַסטישע געמעלן און אָפֿט אויך אין פֿאַרביקע לעגענדעס, וואָס דערמאָנען אין קלאַסישע לעגענדעס און מיטאָלאָגיעס.

אין זיינע ערשטע דערציילונגען „גן־עדן פּאַשעס" (1932) און „צו אַן אומבאַקאַנטן גאָט" (1933), וואָס האָבן ניט ווייניק בילדער און סצענעס פֿון ליבע און קנאה און עראָטישע מאָמענטן, דעצידירט אויך דער דזשעפּערסאָנישער אַגראַר־מאָטיוו, און ער איז אויך שטאַרק באַאיינפֿלוסט פֿון וואָלט וויטמאַן.

אין „גן עדן פּאַשעס" האָט אַ שפּאַנישער קאַפּראַל מיט הונדערט יאָר צוריק געפֿירט אַ גרופּע אינדיאַנער און צום ערשטן מאָל באַצייכנט די דאָרטיקע ערד ווי דעם גן עדן. ער האָט זיך באַזעצט אין טאָל און איז

געווען זיכער, אַז דאָ געפינט זיך זיין גליק. ער איז אָבער ביטער אָפּגענאַרט געוואָרן. ער איז געשטאָרבן פון אַ שרעקלעכער קראַנקהייט. אויך דאָס אידילישע לעבן פונעם פּאַרמער מאַלטבי איז דאָרט צעשטערט געוואָרן ווייל ער האָט אויסגעפונען, אַז די וועלט איז צעטיילט אויף אָרעם און רייך. ער איז געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זיין שטאָטישן גן עדן און גיין זוכן אַרבעט אין שטאָט. „צו אַן אומבאַקאַנטן גאָט" איז די מעשה וועגן געפּלאַצטע אילוזיעס און פאַרלוירענער פרייד; אַ דערציילונג וועגן דער ניט־שטאַנד־האַפטיקייט און אילוזיאָנערישקייט פון מענטשלעכן גליק, וועגן „פאַרלאָרענעם גן־עדן". דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס אין דער נאָוועלע איז שוין דער מחבר ווייניקער פאַטאַליסטיש און מער באַוואוסטזיניק וועגן די סיבות וואָס דערפירן צום סוף פון די אילוזיעס, צום דורכפאַל.

סטיינבעקס „גן־עדן" איז כמעט סימבאָליש פאַר דער אַמעריקע וועלכע דזשעפערסאָן האָט געוואָלט פורעמען און וואָלט וויטמאַן זי קינסטלעריש געשטאַלטיקן, וועגן יענער פּיאָנערישער אַמעריקע פונעם סוף אַכצנטן און אָנהויב נײַנצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָט געשפּאַרט צו דער בתולה־ערד, וועלכע האָט געלאָקט מיט גאָלד און קאָרן, מיט מילך און האָניק און אַ ניי פריי לעבן, אין יענע יאָרן ווען מען האָט געגלויבט, אַז דער מענטש איז אריין צוריק אין גאָרטן פון עדן.

עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג און דער מענטש איז פון דעם גן־עדן פאַרטריבן געוואָרן· אויב בימי דזשעפערסאָן האָט נאָך דער קאַפּיטאַליזם געקענט זיך פאַרגינען צו זיין גוטברודעריש און גרויסמוטיק, האָט ער שוין אין זיינע רייפערע יאָרן, אין די וויטמאַן טעג, באַוויזן צו ווערן ברוטאַל. דער פרייער באָדן איז פאַרנומען געוואָרן פון די „פרייע אונטער־נעמער" און דער גן עדן איז געוואָרן אַ „ריעל־עסטעיט־פירמע", וואָס האָט צעשטערט דעם זין פון אַ צוריקקער צו דער מוטער־ערד. שוין וויטמאַן האָט געזען דעם קוואַל פון בייז אין דער קאָמערציאַליזירונג, אין „דאָס אַלץ־פאַרשלינגנדיקע, מאָדערנע וואָרט 'ביזנעס' וואָס האָט איין־און־איינציקן ציל — דורך אַלע מיטלען מאַכן געלט".

אין 1932 איז שוין דאָס לאַנד אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ קריזיס, וואָס האָט צעטרייסלט ביזן גרונט די עקאָנאָמיק פון די רייכע שטאַטן· די העלדן פון סטיינבעקס ערשטע דערציילונגען זיינען קינדער פון דער צייט וואָס האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף זייער כאַראַקטער און אויף זייער ליידנשאַפט ווי אויף זייער לעבנס־אינסטינקט, וואָס גרענעצט זיך מיט

אומגאַרמאַלקייט, אויף זיין אַזוי־גערופענעם טרעמפּ־פּערסאָנאַזש. די אילוזיע פון זיין פאַרלוירענעם גן עדן האָט שוין דער שרייבער באַנומען אָבער ער האָט נאָך ווייט ניט באַגריפן די סאָציאַלע סיבות פון דער טרויעריקער און האַרבער ווירקלעכקייט.

אַ צייט האָט זיך נאָך סטיינבעק פאַרהאַלטן ביי דער טעמע פון דבקות, פון צונויפגיסן זיך מיט דער אַרומיקער לעבעדיקער און טויטער נאַטור. אין זיין נאָוועלע „טאָרטילאַ פלעט" זיינען די העלדן מענטשן פון אַוואַנטיורע און פון צערטלעכקייט. דאָס זיינען פיראַטן, וועלכע זיינען צופרידן מיט דעם וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געשלאָגן קיין חיות — זייערע יינגערע ברידער — און ווי דער אַמאָליקער הייליקער פראַנציסק געפינען זיי זייער תיקון אין דער אומגעוויינלעכער ליבע צו פעלד און שטוב־חיה.

דער צוריק געקומענער סאָלדאַט פון פראַנט אין שטעטל, דעני, האָט געירשנט פון זיין זיידן אַ הויז. ער איז אַ ברייטהאַרציקער בחור און נעמט אַריין אין דעם „פּאַלאַץ" שכנים אָן דירה־געלט, וואַנדערנדיקע פאַרם־אַרבעטער. איין שכן איז כעסוס מאַריאַ, דער „פיראַט", וואָס ברענגט מיט זיך פינף הינט. ער אַליין קלייבט האָלץ אין די וועלדער, פאַרקויפט און פאַרגראָבט דאָס געלט אין הויף. ווען זאַמלט אָן אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, באַשליסט ער צו קויפן אַ הייליק ליכט און אָנצינדן לכבוד דער „הייליקער מוטער", וואָס האָט אים „געראַטעוועט" פון אַ זיכערן טויט, ווען אַ משוגענער הונט האָט אים צעביסן. דער פיראַט גייט אין קירך באַגלייט פון זיינע כלבים, און זיי רייסן זיך אַריין אין דער קירך בעת דער גלח האַלט אין מיטן דער דרשה, צעשטערן די הייליקע האַרמאָניע. דער פיראַט פירט אַרויס די חיות און באַפעלט זיי צו וואַרטן ביז נאָך דער דרשה. ווען ער קערט זיך אום, און די מתפללים לאַכן טרייסט אים דער גלח מיט די ווערטער: עס איז ניט קיין זינד אַרומגערינגלט צו ווערן מיט דער ליבע פון הינט. האָט דאָך אויך פראַנציסק אַזוי ליב געהאַט חיות!

דער אַנעקדאָט ענדיקט זיך מיט דעם אויסטערלישן בילד: דער פיראַט פירט אַוועק זיינע הינט אין וואַלד. דאָרט זיצן זיי רואיק און געדולדיק און הערן פון פיראַטס מויל געשיכטעס וועגן דעם „הייליקן פראַנציסק" און דיביימער האָבן געפליסטערט און דער גאַנצער וואַלד אַרום איז געשטאַנען פאַרכשופט. עס האָט זיך געהערט אַ גערויש צווישן די ביימער. דער פיראַט מיט די הינט זיינען געבליבן זיצן פאַרשטאַרט, און דער טונקעלער וואַלד איז פול געוואָרן מיט זון און דאָס האַרץ פון פיראַט — מיט גליק.

דאָס דאָזיקע בוך האָט סטיינבעק געשריבן בעת זיינע וואַנדערונגען, ווען ער האָט אַ גאַנצן ווינטער געאַרבעט אַלס וועכטער אין אַ פאַרוואָרפענער ווילע אין די בערג פון סיעראַ נעוואַדאַ, אָפּגעשליסן און אָפּגעשניטן פון דער אַרומיקער וועלט און נאָר מיט באַרג, פלאַנץ און שטוב־חיה. אין אָט־דער איינזאַמקייט האָט ער, ווי ער אַליין דערציילט, געשפּירט, „אַז עס איז ניט גוט פאַרן מענטשן צו לעבן איינער אַליין". ער האָט נאָכדעם געשאַפן זיין נאָוועלע־פּיעסע „פון מייז און מענטשן" — אַ העכערער מדרגה אין זיין קינסטלערישן שאַפן.

„פון מייז און מענטשן" איז די געשיכטע פון אַ פריינטשאַפט צווישן צוויי קאַליפאָרניער פאַרם־אַרבעטער, היימלאָזע וואַנדערער, דזשאָרדזש און לעני. זיי האָבן ניט קיין משפחה, קיין היים, ניט קיין חברים נאָר זייער חברשאַפט, וואָס פאַרבינדט זיי, וואַרעמט זיי און טרייסט זיי אין דער אומהיימלעכער וועלט.

דזשאָרדזש איז אַ נאַטירלעכער מענטש, כאָטש אַביסל אַן אינזיך־פאַרשלאָסענער מענטש. ער איז כמורנע און איז מיד פון זיין וואַנדער־און־וואָגל און חלומט וועגן אַ שטיקל ערד, זיין אייגנס, וואָס זאָל אים געבן מענטשלעכע ווערדע. דער דאָזיקער כמורנער מענטש איז אויך ליכטיק און וואַרעם צו זיין פריינט לעני, וואָס איז אַ שוואַכזיניקער ריז מיט אַ קינדיש־נאַאיווער נשמה. לעניס קרעפּערלעכע גבורה און באַגרענעצטער שכל העלפן אים אין זיין אַרבעט אָבער פירט אים אויך אַריין אין סכנה און טראַגיזם. אָט־דער גבורהדיקער פעלד־אַרבעטער האָט אַ מאָדנע הנאה פון גלעטן צאַרטע זאַכן, מייז און מענטשן. איז אים אַמאָל איינגעפאַלן אַ גלעט צו טאָן, אָן שום בייזער כוונה, אַ יונג מיידל אויף אַ פאַרם און מען האָט אים, גלייך משלח געווען פון דער פאַרם.

דזשאָרדזש און לעני וואַנדערן איבער די גאָלדיקע קאַליפאָרניער פעלדער און האָפן אַז זיי וועלן באַלד אָפּשפּאָרן אַביסל געלט, קויפן אַ פּאָר אַקער ערד און ווערן פאַרמער. לעני וועט האָבן אַ באַזונדער אָרט וואו ער וועט קענען כאָוועז האָזן און זיי גלעטן וויפיל זיין האַרץ גלוסט, וואָרים ס'איז דען דאָ אַ מער צאַרטע באַשעפעניש ווי אַ העזל, וואָס שפּרינגט אַרום צווישןביימער און קנאָקט ניסעלעך ?...

אויף איין פאַרם האָבן דזשאָרדזש און לעני אָנגעטראָפן אַ פרוי, וואָס איז געווען פול מיט ליידנשאַפט און גיריקייט. דזשאָרדזש האָט געוואָרנט זיין חבר ער זאָל ניט שטיין אין אירע פיר איילן. אָבער די טראַגעדיע איז

געקומען. דער דערוואַקסענער בחור, וואָס איז באמת געווען אַ קינד מיט הענט פון אַ מאַלפּע, האָט אַ גלעט געטאָן די האָר פון דער גיריקער פרוי, אַז זי האָט געגומען גוואַלדעווען. דזשאַרדזש, וואָס האָט מורא געהאַט מען זאָל זיי ווידער ניט פאַרטרייבן פון דער פאַרם, האָט אַ וואונק געגעבן לעניין ער זאָל זי איינשטילן· מיט איין לייכטן קלאַפּ האָט לעני איבערגעבראָכן דעם באַקן פון דער נאַרישער פרוי און זי איז געבליבן אָן אָטעם. פול מיט פחד און אַנגסט זיינען ביידע אַנטרונען אין וואַלד, געזוכט שוץ פאַר מענטשלעכער נקמה. אַ בלוט-דאָרשטיקער המון האָט זיך געלאָזן אויף זייערע שפּורן. דזשאַרדזש האָט דערשפּירט אַז זיי וועלן באַלד אַריינפאַלן אין די הענט פון די לינטשערס. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן זיין „וויכאָוואַניק״ מעשות, שפּינען פאַר אים זייער ביידנס צוקונפט-חלום, ווען זיי וועלן באַזיצן אייגענע צענדליקער אַקער — „מיר ביידע. איך וועל אַכטונג געבן אויף דיר און דו אויף מיר״ — דער טרוים פון די וואָס פאַרמאָגן גאָרניט אַ חוץ זייערע הענט צו פאַרדינגען און אַ שוויסיק-שטויביק העמד אויפן לייב. פאַרוויגנדיק דעם קינדערשן ריז, האָט אים דזשאַרדזש דערשאָסן, כדי אים צו ראַטעווען פון דער דראָענדיקער לינטשעריי· אַ טויט אויס רחמנות, ווייל „דער טויטער לעני וועט זיין גליקלעכער פונעם לעבעדיקן״...

דער זין פון דער נאָוועלע איז ניט דער מאָרד. די טראַגעדיע איז אַ סאָציאַלע און ווי אַזאַ אַ טיפּישע, פאַראַלגעמיינערטע. נאָך לעניס טויט איז דער גורל פון דזשאַרדזשן געווען וואָגל און וואַנדער, אָבער אַ נייער האָפענדיקער טאָן קלינגט ביים סוף פון דער דערציילונג. דזשאַרדזש באַקאַנט זיך מיט אַ פאַרם-אַרבעטער סלים קענדי. זיי שמועסן און סלים קענדי זאָגט אים: „יעדער מענטש וויל אַ שטיק לאַנד. ניט קיין סך בלויז עפּעס, וואָס איז אייגנס, וואָס קיינער זאָל ניט צונעמען פון אים. איך האָב גאָרניט געהאַט· איך האָב געפּלאָנצט און געזייט פאַר יעדן גאָט-פאַרדאַמטן אין דעם שטאָט און אַז איך האָב אַראָפּגענומען די גערעטעניש איז זי געווען — יענעמס״.

ביי מייקל אַנדזשעלאָ זיינען פאַראַן אַ ריי ניט פאַרענדיקטע סקולפּטורן, וואָס מען רופט „די געפּענטעטע שקלאַפן״. די דאָזיקע ניט-פאַרטיקע זאַכן זיינען נאָך ניט אויסגעפורעמט פון די מאַרמאָר-גליבעס און זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן זיך ערשט אַרויסגעראַנגלט פון סטיכייאישע כחות. „די דאָזיקע קערפּערס זיינען סימבאָלן פונעם אַרבעטענדיקן מענטשן, דעם באַשאַפער פון אַלדאָס גוטס, וואָס די מענטשהייט האָט אויפגעטאָן אין דער ערשטער סטאַדיע פון איר געראַנגל פאַר באַפרייאונג פון דריקנדיקן יאָך, ווען

זי הייבט אָן אויפוואַכן פון טעמפּער אומבאַוואוסטקייט" (מ׳ ווינער, סאָוו. ליט. כאַרקאָוו 1940)

סטיינבעקס „פון מייז און מענטשן" און זיין ראָמאַן וועגן אַ סטרייק אין קאַליפאָרניע „אין צווייפל פון גערעאַנגל" (1937), דערמאָנען טאַקע יענע סקולפּטורן. אין גרונט פון די נאָוועלן, אין דער מאָדנעקייט פון לעניס מאָרד און אינעם דורכגעפאַלענעם סטרייק איז דאָ אַ פּאַטעטישע טראַגיק פון פאַר־טונקלטן באַוואוסטזיין און אויך דער אָנזאָג פון ווייטערע באַוואוסטזיניקע און דערוואַכטע קאַמפן. אין „צווייפל פון געראַנגל" זאָגט אַ העלד: „דער מענטש איז ניט אליין, איז אַן אויסדרוק פון דער גרופּע, ווי אַ צעל וואָס האָט אַ ספּעציעלע פונקציע, ווי אַ צעל פון אויג, וואָס שעפּט כח פון גאַנצן אָרגאַניזם".

די צוויי ראָמאַנען זיינען געווען אַ צוגרייטונג צו סטיינבעקס מאָ־נומענטאַלן ווערק „די ווייַנטרויבן פון צאָרן", וואָס האָט אים, דעם נאָבעל־פּרעמירטן שרייבער געגעבן אַ צענטראַל אָרט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור.

אין מאָמענטן פון גרויס טאַלאַנט־צעוואַקסנקייט קען זיך אַ שרייבער דערהייבן צו דער מדרגה און שאַפן אַ ווערק וואָס דערהאַלט, לויט זיין כאַראַקטער, אַלע באַזונדערע ברוכן פון זיין טאַלאַנט. פּונקט ווי דער מאלער נעמט צונויף אַלע עסקיז־אַנוואורפן, עטיודן צו זיין גרויס בילד, און דאַרט ווערן האַרמאָניש צונויפגעגאָסן געשטאַלט און אידייע, ריטם, קלאַנג און פּסיכאָלאָגיע און עס שאַפט זיך אַ ווערק וואָס גיט דעם מענטשן און דאָס מענטשלעכע, די פולע ליידן און האָפנונגען פון פאָלק און געזעלשאַפט, — אַזאַ ווערק איז אויך „ווייַנטרויבן פון צאָרן", וואָס איז געווען סאָציאַלער דינאַמיט, אויפרייס־שטאָף, וואָס האָט אויפגעריסן דעם געוויסן פון לייענער איבער דער לענג און דער ברייט פון די שטאַטן, פון מעין ביז פלאָרידאַ און פון קאַליפאָרניע ביז ניויאָרק.

דער עקאָנאָמישער קריזיס סוף פון די צוואַנציקער יאָרן האָט אינגאַנצן אונטערגעגראָבן די פאַרמערשע ווירטשאַפט און די טריקעניש און די זאַמד־שטורמס האָבן פאַרענדיקט דעם חורבן. דער מיטעלער און קליינער אַמעריקאַנער פאַרמער איז געוואָרן אויס באַלעבאָס פון זיין ערד. דער אייגנטימער איז שוין געווען די באַנק, וואָס האָט גענומען אָראָפּטרייבן פון דער ערד די פאַרחובטע אַרענדאַטאָרס, אָדער „שעיר קראָפּערס" און שאַפן אַ ווירט־שאַפט געבויט אויפן טראַקטאָר.

פאַריאָגטע פון דער ברוין־רויטער ערד זיינען טויזנטער פאַרמער פון אָקלאַהאָמאַ, טעקסעס און אַרקאַנסאַ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָרעמע און

היימלאָזע וואָגלער. זיי האָבן זיך געצויגן אין קאַראַוואַנען צו דער „גאָלדענער קאַליפאָרניע", צום גן עדן התחתון, וואו אויף די דאָרטיקע פרוכט־פּלאַנטאַציעס איז געווען אַ נאָכפרעג נאָך אַרבעטער־הענט. אויף דער „געבענטשטער" טעריטאָריע פון דעם גרויסן מערב־שטאַט האָבן זיך שוין דאַן געפונען הונדערטער און טויזנטער וואַנדערער, בעיקר אויסלענדער — מעקסיקאַנער, כינעזער, פיליפּינער — וואָס האָבן זיך געקנוילט אונטערן יאָך און צוואַנג פון אַ גרויזאַמער עקספּלואַטאַציע, אין אַ גיהנומדיקער אַטמאָספערע, וואו עס האָט געהערשט ברוטאַלער ראַסן־שאָוויניזם געדעקט מיטן שטעקן, פּאָליס־קנוט און רעוואָלווער. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט דערמעגלעכט די באַ־לעבאַטים פון די ריזיקע פרוכט־טראַסטן פאַרבייטן די „אויסלענדער" מיט אייגענע אַמעריקאַנער. די „פרעמדע" זיינען איצט געוואָרן די איינגע־וואַנדערטע פאַרמער פון טעקסעס, אַרקאַנסאָ און די אָקלאַהאָמער פאַרמער־משפחה, די דזשאָודס — די הויפּט־העלדן פונעם ראָמאַן — וואָס האָבן באַלד נאָך זייער פאַנטאַסטישער רייזע זיך געפונען אין מיטן דער עלנטער סביבה אוןווירקלעכקייט פונעם אויסגערונענעם גן עדן, פונוואַנען דער מענטש און די מענטשלעכקייט זיינען פאַרטריבן געוואָרן, און וואו דער גרויסער טרוים פון דער דזשעפערסאָנישער, לינקאָלנשער און עמערסאָנישער דעמאָקראַטיע איז צעשמעטערט געוואָרן אויף שערבלעך, ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער פּעלזיקער וואַנט פון קאַפּיטאַליסטישער מאָנאָפּאָל־אכזריות.

„לאָמיר זינגען פון מיין פריינט, דאָס געזאַנג פון מיין פריינט אויף זיין ווייגאָרטן. אַ ווייגאָרטן האָט מיין פריינט געהאַט, אויף אַ בערגל אַ פעטן, און ער האָט אים צעגראָבן און אים אויסגעשטיינערט און ער האָט אים באַפלאַנצט מיט טייערן ווייגשטאָק, און ער האָט געהאָפט ער זאָל ברענגען ווייגטרויבן און האָט געבראַכט זויערע פרוכט... און ער האָט געהאָפט אויף יושר — ערשט ס'איז רשעות; אויף גערעכטיקייט — ערשט ס'איז אַ געשריי און יאָמערייי".

דער דאָזיקער משל פון דעם נביא ישעיהו איז טרעפלעך צוגעפּאַסט צום פּראָלאָג, צו דער פאַרגעשיכטע פון דער גרויסער טעמע, וואָס סטיינבעק מאָלט מיט אַזאַ מוראדיקן טראַגיזם. „יאָמערייי" — דאָ ווערן איבער־געחזרט די „דריי גרויסע געשרייען פון דער געשיכטע": די ערד ווערט קאָנצענטרירט אין די הענט פון יחידים, די צאָל פאַראָרעמטע אַרבעטער וואַקסט און די רייכע נעמען צו די פרייהייט, דאָס רעכט אויף לעבן פונעם אָרעמען...

„וויינטרויבן פון צאָרן" טראָגט אין זיך די דריי געשרייען פון דער געשיכטע. עס רייסט אַרונטער דעם שקר־שלייער פון אַ דעמאָקראַטישער אידיליע און פירט דעם לייענער צו דער רעאַליטעט פון די שטאַטן אין די קריזיס־יאָרן' אין קאַשמאַר־בילדער ווייזט ער אַז ווי אָראַנזשן ווערן באַ־גאָסן מיט נאַפט, זאַפטיקע ציטרוס־פרוכטן ווערן אויסגעפיקט דורך די פייגל, עפל און באַרן פאַרשפרייטן אַ ריח פון צעפוילונג: „דער ריח פון פויל און צעפאַל ציט זיך איבערן גאַנצן שטאַט און אין דעם זיסלעכן ריח — דער אומגליק פון דער ערד... די מענטשן וואָס האָבן געשאַפן די פרוכט קענען ניט שאַפן אַן אָרדנונג, אין וועלכער זיי אַליין זאָלן געניסן פון אָט־דער פרוכט.. איר האָט פאַר זיך אַ שולד, וואָס איז פון יענער זייט יעדער שטראָף, אַן אַנגסט, וואָס טרערן זיינען ניט בכח אויסצודריקן, אַ שטרויכל, וואָס צעשטערט יעדע דערגרייכונג" ממש לויטן ביבלישן אימאַזש „ענבימו ענבי רוש אשכלות מרירות למו — זייערע וויינטרויבן זיינען ביטער, זייערע הענגלעך פולע מיט ביטערניש פאַר זיי".

זיינען געזעסן איינגעוואָרצלטע משפחות אין אָקלאַהאָמאַ און האָבן זיך דערנערט פון זייער פראַצע. צווישן זיי די פאַמיליע פון די פאַרמער דזשאָוד. אַ געזונטע, קרעפטיקע אַמעריקאַנער פאַמיליע. דריי דורות ענג פאַרבונדן מיט משפחהדיקע פעדים און טראַדיציע און מיט אַן איינגעשטעלטן נוסח פון פריינטשאַפט. זיינען געקומען שווערע אייזערנע טראַקטאָרס, געשיקטע פון געהיימע אומזעבאַרע כחות און אָנגעהויבן פאַראַקערן זייער ערד. די ברייטביינערדיקע פויערים האָבן פון אָנהויב געקריצט מיט די ציין, זיי זיינען אָבער געווען שוואַך און הילפלאָז זיך צו פאַרמעסטן מיט די שטומע אייזערנע מאָנסטערס און זייער שוואַרצער פויסט. „דער זיידע האָט דער־אָבערט די ערד און האָט אויסגעראָטן די אינדיאַנער. דער „פאַ" איז שוין דאָ געבוירן געוואָרן. ער האָט אויסגעיעט די ווילד־גראָזן, צעשטויסן די קעפ פון די שלענג, אַז עס זיינען געקומען מאָגערע יאָרן האָט ער געבאָרגט געלט. ער איז שוין ניט געווען דער אייגנטימער פונעם לאַנד אָבער איז געבליבן", — אַזוי טענהט, רעדט זיך אַראָפ פון האַרץ אַ פאַרמער פאַר דעם טראַקטאָר־טרייבער, וואָס אָט־אָט און ער דערנעערט זיך שוין צו די פענצטער פון דער הילצערנער קאַבינע. באַלד און ער לייגט איין די ווענט. עס קומט אַן ענטפער: „איך ווייס, איך ווייס! איז עס דען מיין שולד? ס'איז די שולד פון דער באַנק. דאָס איז ניט קיין מענטש, און זי פאַרמאָגט די לאַנד־שטחים".

— „מענטש איינער! ס'איז דאָך אונזער ערד! דאָ זיינען מיר געבוירן

געוואָרן, דאָ געליטן, געשטאָרבן. ס'איז אונזערס און די באַנק האָט אַ שטיק פּאַפּיר מיט ציפערן... — די באַנק איז ניט קיין מענטש! —אָבער זי איז דאָך געשאַפן פון מענטשן? — מאַכסט אַ טעות — אַ באַנק איז גאָר עפּעס אַנדערש. ס'טרעפט און די מענטשן וואָס אַרבעטן אין דער באַנק האָבן פיינט וואָס די באַנק טוט... — די באַנק איז אַ מאָנסטער, זאָג איך דיר. זי איז געשאַפן פון מענטשן און קענען זי ניט קאָנטראָלירן..."

אַזוי דערקלערן די שליחים פון טראַסט דעם פּאַרמער זייער „מיסיע". זיי זיינען אין שליחות פון אַ „זאַך", פון דעהומאַניזאַציע, ווייל „אַט דער טראַקטאָר, וואָס מיר וואָלטן אים ליב געהאַט, ווי מיר האָבן ליב די ערד, אַט־דער טראַקטאָר טוט אָפּ צוויי זאַכן: ער רייסט אויף די ערד און וואַרצלט אונז אויס פון דער ערד".

„מאַשינען הינקען אויפן שאָסע 66. ווי פאַרוואונדעטע חיות שאָקלען זיי זיך, זיי אָטעמען שווער... עס געשעען דאָך אומגעוויינלעכע זאַכן, ביטערע ברוטאַלע און אויך פּרעכטיקע, דערהויבענע, און דער גלויבן הייבט דאָן ווידער אָן פלאַמען אין האַרץ..." אין דער שווער־געפּאַקטער אַלטער לאַסט־אויטאָ זיצט די גאַנצע משפחה. זיידע־באַבע, דער פאַרברוינטער פאָטער און די פאַרהאָרעוועטע עקרת־הבית, די מוטער, דער יונגער טאָמאַס און דער געוועזענער פּרעדיקער קעיסי. טאָמאַס איז נאָר וואָס אַהיימגעקומען פון תפיסה, וואו מען האָט אים פאַרשפאַרט פאַר דערמאָרדן אַ מענטשן אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג. טאָמאַס האָט ווידער געוואָלט „טרעטן אויף דער ערד, אויף די בייטן און פילן די וואָרעמקייט און די קראַפט פון דער ערד", אָבער — „אַ שלעכט יאָר איז געקומען. די תבואה איז ניט אויפגעגאַנגען, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורם־ווינט און דערשלאָגן די קאַרגע גערעטעניש, אויסגעליידיקט די מאָגערע זאַנגען". דער פאַרמער האָט שוין ניט געקענט צאָלן די חובות און איז אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון דער ערד.

אויפן ברייטן לייוונט פון סטיינבעקס ראָמאַן פלעכטן זיך צונויף לירישע און עפּישע שילדערונגען און עס זעט זיך בולט אָן די וואָגלדיקע משפחה וואָס וואַנדערט צום „צוגעזאָגטן לאַנד" — קאַליפאָרניע.

גלייך ביים אָנהויב דערהערן זיך די עפּיש־טראַגישע טענער און עס וויקלען זיך פאַנאַנדער די שילדערונגען. טאָם טרעט אויף דער סטעזשקע, צווישן שטאָל און שייער. ער זעט: דאָרט וואו זיין וויגעלע איז געשטאַנען און וואו זיין מאַמע האָט געשטרקיט זיינע זאָקן און פאַרלאַטעט זיינע העמדער, דרייען זיך אַרום ווילדע קעץ און עס פאַרציט זיך שפּינוועבס.

דער שטורם־ווינט, וואָס באַגעגנט טאָמען גלייך נאָך זיין אַרויפ־טרעטן אויפן פּאַרוויסטן באָדן, איז סימבאָליש פאַר דעם משפּחה גורל. די אידייע ווערט דאָ אינטעגרירט אינעם בילד. עטלעכע און צוואַנציק מאָל ווערט דערמאָנט דער ווינט אינעם ערשטן קאַפּיטל און דאָס גאַנצע בילד איז ווי אַ דורכגעטראַכטע אָוווערטורע צו אַן אָפּערע.

„די שוואַכע בלעטער פון די צוקער־רערן האָבן זיך געראַנגלט מיט ווינט און די שטאָמען זיינען געוואָרן שוואַך, די וואָרצלען — לויז און די פלאַנצן האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד... עס איז געקומען אינדערפרי, אַ פרימאָרגן אָן שיין, כאָטש אַ רויטע זון איז אַרויס אויפן גרויען הימל און אַ טונקל־רויטער קרייז האָט פאַרשפּרייט אַ בלאַס ליכט אין בין השמשות, אין די שפּעטע שעהן פון טאָג האָט זיך די פינצטערניש אַ יאָג געטאָן און דער ווינט האָט געיאָמערט אויף די אויסגעשפּרייטע בלעטער און שטאָמען".

דער שטורם־ווינט איז דאָ דער סימבאָל פון דעם כח וואָס וואָרצלט אויס אַ משפּחה פון אָקלאַהאָמער סטעפּ, דער שטורם פון אַ דעמאָנישער רויב־פאַרמאַציע.

ווען די וואַנדערנדיקע משפּחה האָט קוים מיט צרות דערגרייכט דאָס „צוגעזאָגטע לאַנד" האָבן זיי גלייך באַגעגנט די ווירקלעכקייט פון הונגער, זיי האָבן זיך געפונען אין אַן אַטמאָספערע פון פאָליצייאישן טעראָר און ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט די אמתע סאָציאַלע טראַגעדיע.

קאַליפאָרניע אין די קריזיס־יאָרן פון 1929 — 1930 ; אַ לאַנד פון שפע און דלות ; ווינקל פון סצענע און בינע־קונסט, וואָס דאַרף טראָגן שיינקייט און ליבע אויף דער וועלט, איז געוואָרן אַן אָרט פון זינלאָזער צעשטערונג פון שיינער פרוכט, אַ נעסט פון זעאָלאָגישן האַס צו די וואָס האָבן גאָרניט, פון באַליידיקונג און רעכטלאָזיקייט.

אין עמאָציאָנעל־אָנגעלאָדענע פערזן האָט אַ דיכטער געזונגען וועגן יענעם פּעריאָד אין קאַליפאָרניע :

„מאַראַנצן רייסן אויף זיך די גאָלדענע הויט,
בלומען שרייען אין גאַכטיקן גליווער,
און פינצטערניש גראָבט און פינצטערניש בויט
פּאַלאַצן און טורעמס צום גאָט אַבי־וועך..."

דער האַליוואודער גאָט האָט אַלץ פאַרשמאַכט און פאַרשלייערט מיט פּאַר־ביקער דעקאָראַציע, מען זאָל ניט זען די דעהומאַניזאַציע אונטער די פּאַלמען־ביימער.

„אַן אמתער גאָרטן, און פּרוכטבוים און גאַרב,
געבויגענע רוקנס אין פּייער פון פּראַצע —
דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ הינטערגרונט־פּאַרב —
פּאַר דאָגלאַס פעירבענקס אַ דעקאָראַציע.
פּאַלאַצן הוליען, דער וואָלסטאָג שטייגט,
און אונטן ברעכן געלאַדענע צווייגן,
אויף בערג ליגט שניי, און מדבר שווייגט,
און קאַקטוס שטעכט דאָס האַרץ פון שווייגן..."

דאָס „האַרץ פון שווייגן" איז אויפגערודערט געוואָרן. — „אין די הערצער פון די מענטשן גיסן זיך אַריין און צייטיקן די פּרוכט פון צאָרן די שווערע פּרוכט, און ס'וועט לאַנג ניט דויערן זיי זאָלן רייף ווערן", — אַט־די ווערטער פון אַמעריקאַנישן „הימן פון דער רעפּובליק" אין דער צייט פון בירגער קריג דערקלערן אונז דעם ווייטערדיקן גאַנג און די אידייע פון ראָמאַן.

אין טיגל פון ליידן שמעלצט זיך איבער דער כאַראַקטער, די פּסיכיק, דער גאַנצער וועלט־באַנעם פון דער אויסגעוואָרצלטער משפחה. דער עלטערער זון גייט אַוועק, דער איידעם פאַרשווינדט און לאָזט איבער זיין שוואַנגערע פרוי. עס בלייבן איבער די מוטער, דער געוועזענער גייסטלעכער קעיסי און עס בלייבט טאָם, וואָס ווערט אַ קעמפער פאַר די אינטערעסן פון פאָלק. דער ווילן פון מוטער און פון זון ווערט אויסגעשמידט ביז זיי ביידע ווערן פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן פון שטאַרק־ליידנדיקן, אויסגעמאַטערטן אָבער נישט־איינגעבראָכענעם פאָלק.

טאָם איז צום אָנהויב אַן שטאַרק אונטערן איינפלוס פון דעם געוועזענעם פּרעדיקער קעיסי, וועלכער טראָגט אין זיך דעם אומזעבאָרן גייסט פון דעם „חכם פון קאָנקאָרד", דעם אַמעריקאַנער דיכטער־דענקער ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, און דערגייט ביז צו דער עטיש־עסטעטישער פילאָסאָפיע פון וואָלט וויטמאַן, ביז צו אַן אייגנאַרטיקער סאָציאַלער אידעאָלאָגיע.

ווי עמערסאָן איז אויך דער פילאָסאָפירנדיקער קעיסי פריער געווען אַ גייסטלעכער און האָט נאָכדעם ניט איינגעשטימט מיט דעם פאַרגליווערטן נוסח פון פּראָטעסטאַנטישער דאָגמע און איז אַוועק פּריידיקן די האַרמאָניע פון מענטשן מיט דער נאַטור („קאָנקאָרד" — האַרמאָניע) ווייל „כדי דער מענטש זאָל זיך אַליין דערקענען איז גענוג ער זאָל זיך לערנען פון דער

קלענסטער באַשעפעניש״, און עמערסאָן האָט דערביי געגעבן דעם באַקאַנטן עפּיגראַמאַטישן משל פון „באַרג און האָז״:

דער באַרג טראָגט אויף זיין רוקן גאַנצע וועלדער; אַ האָז קאָן קיין שפּענדל ניט איבערטראָגן. ער קען אָבער צעקנאַקן אַ ניסל און דער באַרג וועט ניט צעשפּאַלטן קיין איין ניסעלע. ביידע, דער וואַלד און דער האָז, האָבן זייערע לעגיטימע פונקציעס אינעם באַשאַף. פון דעם דאַרף מען זיך לערנען ניט צו דולדן אַזאַ אָרדנונג, וואו איין מענטש איז פאַרשקלאַפט צום צווייטן, וויל עמיצער האַלט אַז דער צווייטער איז נוצלאָז און זיין פונקציע איז ווערטלאָז. „עס זיינען געוועזן די בערג און איך אַליין בין געוועזן״ — זאָגט קעיסי צו טאַמען בעת זייער ערשטער באַגעגעניש — און מיר זיינען שוין מער ניט צעשיידט געוואָרן. מיר זיינען געוואָרן איינס און דאָס איז די הייליקייט, אויך די מענטשלעכע משפּחה איז הייליק ווען זי איז איניק. אפשר האָבן אַלע מענטשן איין גרויסע נשמה און יעדע איינצלנע נשמה איז אַ טייל פון איר״. דעם עמערסאָנישן באַנעם, דעם טראַנסצענדעטאַלן אידעאַליזם, פאַראייניקט קעיסי ביסלעכוויז מיט דעם וואָלט וויטמאַנישן קאָלעקטיוון „איך״, מיט די „דעמאָקראַטישע האָריזאָנטן״.

איך האָב געזאָגט,
אַז די נשמה איז ניט וויכטיקער פונעם קערפּער,
און איך האָב געזאָגט,
אַז דער קערפּער איז ניט וויכטיקער פון דער נשמה.
דעם איך זינג איך, אַ פּשוטן איינצלנעם מענטשן,
דאָך זאָג איך אַרויס דאָס וואָרט בצבור, — מאַסן!״

קעסי האָט שוין געפּריידיקט אַ קריסטנטום, וואָס איז אויסגעטאָן פון מיטאָלאָגיע און אַבסטראַקציע. ער איז איבערצייגט געוואָרן, אַז דאָס שלעכטס וואָס מוז באַקעמפט ווערן איז ניט יענע טרויעריקע אַבסטראַקציע, וואָס מען רופט טייוול — נאָר דאָס שלעכטס, וואָס שטעלט איין מענטשן קעגן צווייטן. אונטער קעיסי׳ס איינפלוס קריסטאַליזירט זיך אויס טאַמס געדאַנק און איין משך פון זיין אַקציע ווערט ער ציל־באַוואוסטער. קעיסי קומט אום ווייל ער פאַרשטעלט זיך פאַר טאַמען, וואָס האָט צעהרגעט אַ שקלאַפן־טרייבער, בעת ער, טאָם, האָט זיך אויסבאַהאַלטן. טאָם האָט אָנגעוואוירן זיין לערער, ער האָט אָבער איבערגענומען זיין לערע צו קעמפן פון היינט אָן נישט פאַר זיין אייגענעם גליק נאָר פאַרן גליק פון פאָלק.

טאָמס געדאַנקען, וואָס זיינען נאָך אַ צייט פול מיט יוירנדיקע היוועז,

ווערן אָבער פול מיט שפּילנדיקן ווײַן אונטערן אײַנפלוס פון זײַן מוטער וואָס בלײַבט די געזונטע יורשטע פון אַ קרעפטיקער ראַסע, וואָס האָט זיך אַמאָל באַזעצט אין לאַנד פון „די בראַווע און פרײַע”. טאָם בלײַבט איר אײנציקער אָנשפּאַר און ער געפינט אויך אַ שוץ־וואַנט אין זײַן מאַמעס פעלזיקן גלויבן.

„זיי ווילן אונז אײַנברעכן,” — זאָגט ער — „זיי באַדאַרפן מיר זאָלן פאַר זיי קריכן אויף אַלע פיר, קושן דעם שטויב פון זייערע פיס... זיי ווילן אונז מאַכן פאַרגעסן, אַז מיר זײַנען מענטשלעכע וועזנס”. און אין דער סאַמע מיטן פון דער גרויסער טראַגעדיע, ווען די מוטער דאַרף זיך שיידן מיט איר זון, מוטיקט זי אים, שטאַרקט אים מיט די ווערטער: „וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר צו פאַלן אין גײַסט. די פאַמיליע קומט אום? ניין! אַזוי וואַראַאירט סטײַנבעק די גאַרקישע טעמע פון „דער מוטער”.

דער גורל פון דער משפּחה, ווײַסט די מוטער, איז איצט דער גורל פונעם גאַנצן אַרבעטענדיקן פאָלק, פון די טויזנטער פאַרטריבענע ערד־אַרבעטער און זי דריקט אויס אין מעשים דאָס וואָס זי לערנט איר זון, זי טיילט איר לעצטן ביסן מיט די הונגעריקע קינדער אינעם לאַגער פון די אַרבעטסלאָזע פאַרמער און פּראַקטיצירט אויף איר אופן דעם דעוויז: „פון יעדן אײנעם לויט זײַנע מעגלעכקייטן, יעדן אײנעם — לויט זײַנע באַדערפענישן”. סטײַנבעק חזרט דאָ אויך איבער די מאָפּאַסאַנישע סיטואַציע: די מוטער באַפעלט דער שנור, ראָוז שאַראָן, אָנצוזויגן פון איר ברוסט אַ הונגעריקן פאַרמער. אָט־די סצענע באַקומט ביים שרײַבער אַ גײַעם זין, אַ נײַע אידײיִשע אָנווענדונג, וואָס ווערט באַאַרבעט ביבליש. — „דער דאָזיקער וואוקס דײַנער איז געגליכן צו אַ טײטלבוים און די בריסט דײַנע צו הענגלעך פון ווײַנטרויבן” (שיר השירים).

„נאָר אויף וויפיל עס איז לײַכט פון ווירקלעכע פרוכטן אַרויספירן אַן אַבסטראַקטע פאָרשטעלונג פון פרוכט, אויף אַזויפיל איז שווער פון דער אַבסטראַקטער פאָרשטעלונג: פרוכט, אַרויספירן ווירקלעכע פרוכט”
קאַרל מאַרקס „די הייליקע פאַמיליע”, קאַפּיטל 5).

אָנווענדנדיק דעם געדאַנק אויף דער דערשײַנונג פון קונסט באַדײַט עס, אַז דאָס אָנפערזאָניקע, פאַראַלגעמײנערטע בילד, וואָס פאַרמאָגט ניט די רײַכקייט פון סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע שטריכן פון די אינדיווידועלע פאַקטן, איז ווײניקער בילדעריש און במילא ווײניקער אײַנדרוקספול און ווירקזאַם ווי דאָס בילד פון לעבעדיקן פאַקט גופא. פון דעם איז געדרונגען

אַז דער באַדינג פֿאַרן עפּישן און לירישן העלד אין אַ נאָוועלע אָדער פּאָעמע דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן קאָנקרעט, רעאַליסטיש. אין סטיינבעקס ווערק איז ניטאָ דער דעפּיטיסטישער נאַטוראַליזם און אויך ניט קיין אוטאָפּישער סימבאַליזם, וואָס באַפאַרבט די סיטואַציע מיט העלע פאַרבן. אָט ווי ער פאַרענדיקט דעם ראָמאַן מיט די ווערטער פון זון און מוטער ביי זייער צעשיידונג:

„איך וועל זיין אומעטום, וואו דו וועסט זיך אומקוקן, וואו עס וועט פאָרקומען אַ קאַמף פון הונגעריקע מענטשן פאַר ברויט, דאָרט וועל איך זיין; וואו אַ פּאָליציי־מאַן וועט שלאָגן אַ יונג — וועל איך זיין, און ווען אונזערע מענטשן וועלן עסן די פרוכט וואָס זיי האָדעווען און וואוינען אין די הייזער, וואָס זיי בויען — דאָרט וועל איך זיין!“...

און דעמאָלט טריפן אויף זיין קאָפּ די ברכהדיקע געזעגענונגס־ווערטער פון דער מוטער:

„יאָ, טאָם! אונזערע מענטשן וועלן בלייבן ווען אָט־די אַלע וועלן אָפּגיין. מיר זיינען דאָס פאָלק וואָס לעבט אייביק. רייכע מענטשן קומען אויף און גייען אָפּ, אָבער מיר — — מיר גייען אָפּ און קומען אָן. אַ נייע צייט קומט אָן!“

אונטערן קלאַנג פון די ווערטער לאָזט זיך טאָם אין וויטן וועג אריין, באַוואָכט און באַלויכטן פונעם נייעם פרישן מולד, וואָס באַלויכט אַ פרישן אַקער ערד.

דער טונקעלער שטראָם

ארט און צייט אין שאפן פון וויליאם פאולקנער



געצוימט מיר האָבן זי די קליפּה
און פעלקער־ליבשאַפט הויזט איז לאַנד
און דאָרט וואו ס׳פליסט די מיסיסיפּי
איז לינטשן מענטשן ניט קיין שאַנד״
(מ. בראָדערזאָן)

„איך האָב אַנטפּלעקט אַז דאָס ווינקל
פון מיין געבוירן־אָרט, וואָס איז אַזוי
גרויס ווי אַ טאַשן־טיכעלע, פאַרדינט
מיין אויפמערקזאַמקייט, און אַז מיר
וועט ניט קלעקן קיין לעבן אויף אויס־
שעפּן די טעמע. איך האָב געפונען
אַן אוצר פון פּערסאָנאַזש ניט נאָר אין
שטח נאָר אויך אין צייט
(פון אַן אינטערוויו, 1959)

אין דעם ברייטן טייך פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז דער נאָבעל־פּרעמירטער וויליאַם פאולקנער פון מיסיסיפּי געווען אַ מין אייגענער און באַזונדערער שטראָם, אַ שרייבער פון אייגנאַרטיקן סטיל און מעטאָד אויפצובעמען און פורעמען די לעבנס־שפּירונגען פון זיינע העלדן.

ווען מיר לייענען און פאַרזינקען אין זיינע צוויי־צענדליק ווערק, קומט אַרויף אויפן געדאַנק דער תנכישער אויסדרוק „יוון מצולה״ — אַ זומפּיקע טיפעניש. ס׳איז אין דער פאָרשטעלונג אַ מין באַגריף וועגן אַ טיפעניש וואָס האָט אין זיך אַן אָפּגרונטיקע פינצטערקייט און קיין שטראַל דרינגט ניט דורך דעם חושך, וואָס איז ממש מיט אַ מעסער צושניידן. די דאָזיקע תהומיקע פינצטערניש איז אַ פאָראויס־באַשטימטע. ס׳איז ניט צו בייטן איר פאַרצייכנטן גורל.

פאולקנער איז אַ רעגיאָנאַלער שרייבער. ער איז דער שרייבער פונעם „געשלאָסענעם קרייז״, וואָס איז זיין געבורטס־שטעטל אָקספאָרד, מיסיסיפּי,

די פיקטיווע דזשעפערסאָן קאונטי מיט אירע אַלטע, יחוסדיקע משפחות· דער היטנערגרונט פאַר זייער פערסאָנאַזש איז פול מיט משפחה־קאָנפליקטן און דער טיפּאַזש אַליין איז אָנגעפּיקעוועט מיט כל־ערליי פּעאָדאַלע, דע־גענערירטע יחסנים פון דער „סאַאוט״; גייציקע לאַנד־באַזיצערס, כיטרע פּאַרמערס, דער „ווייסער אָפּפאַל״ און די נעגער. זיין צוגאַנג איז אַן אַמבי־וואַלאַנטער — קאָנטראַסטפולע געפילן פון ליבע און שנאה, וואָס דערגייט צום עקסטרעם, ראַנגלען זיך תמיד אויף זיינע געדיכטע בלעטער.

פאָולקנערס ראָמאַנען און דערציילונגען קרייזן אייגנטלעך אַרום איין טעמע: די טראַגעדיע פון דרום, פון אַ שיכט, וואָס וויל מיט גוואַלד אויפהאַלטן באַוואוסטזיין קעגן נעגער־פאָלק און שטעקט דערמיט אַן דעם „ווייסן אָפּפאַל״, וואָס וויל שטייגן אויפן סאָציאַלן לייטער און מיט דעם גאַנצן גראָטעסק און טראַגי־קאָמיזם, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם „אויפשטייג״. עס איז די סימבאָליק פון אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט וואָס לעבט נאָך אין גלגול, אין הינטער־באַוואוסטזיין פון דעם פלאַנטאַטאָריש־אַריסטאָקראַטישן שיכט. אין זיין עצם שילדערן אַנטפּלעקט שוין דער שרייבער דעם מוסר־השכל און די קריטיק וועגן סאָציאַלן אָפּגאַנג פון אַ שיכט, וואָס וויל מיט גוואַלד אויפהאַלטן אַ ירושה, וואָס האָט שוין ניט קיין אחיזה (אָנהאַלט) אין דער ווירקלעכקייט.

דער קליי, דער צעמענט, וואָס האַלט צונויף די געזעלשאַפט, בלייבט דער נעגער, וואָס ניט נאָר טוט ער די אַרבעט, נאָר ער טראָגט אויך דעם אויס־דויער און איז אַ מאָראַל פאַרן ווייסן.

אין זיין גרעסערן ראָמאַן „ אַ ליכט אין אויגוסט״ ברענגט ער אַרויס אויף אַן אַכזריותדיקן אופן דעם שולד־באַוואוסטזיין פון דעם ווייסן דרומדיקן מענטשן ווען ער זאָגט: „יעדער ווייס קינד וואָס ווערט דאָ געבוירן, לעבט אונטערן שאָטן און איז פאַרמשפּט פון אַ שוואַרץ קינד, וואָס ווערט דאָ — אינעם שטאָט פון נעגער־לינטשעריי— געבוירן״· אין דער נאָוועלע „אבשלום״ איז טאָמאַס סאַטפּען אַ קינד פון אַן אָרעמער משפחה, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן פון אַ פּלאַנטאַטאָרישן אַריסטאָקראַט און שטרעבט זיין גאַנץ לעבן זיך צוואיגענען פאַרמעגן. ער וויל בויען אַ גרויס הויז, אויפשטעלן אַ משפחה. ער באַגליקט, ווערט רייך. ער הייראַט און האָט קינדער. אָבער געפינט אויס, אַז אין די אָדערן פון זיין פרוי רינט נעגער־בלוט. ער גט זי אָפּ, ווייל זי וועט אים זיין אַ שטער אין זיין סאָציאַלן אויפשטייג. נאָכדעם הייראַט ער אַן אַנדערער און זי האָט אים אַ זון און אַ טאָכטער. דער שיקזאַל פירט צונויף זיין טאָכטער מיט דעם זון פון דער ערשטער הייראַט. דער זון פון דער צווייטער

היראָט הרגעט דעם זון פון דער ערשטער און אַנטלויפט. דאָס הויז גייט אַוועק מיטן פייער און די גאַנצע פאַמיליע ווערט רואינירט. ווי אין דער תנכישער דערציילונג פון דוד המלך און זיין זון אבשלום קומט די צרה פון דער „אייגענער הויז”.

אין דער נאָוועלע „אַ גייער אויף אַ שטויביקן שליאַך” איז דער העלד לוקאַס, אַ נעגער, וואָס ווערט באַשולדיקט אין „שווערן פאַלש”. מען וויל אים ניט גלויבן אַז ער איז אומשולדיק אין מאָרד פון ווייסן. עס געלינגט אים זיך צו ראַטעווען פון לינטש־מאָרד דורך אַ ווייסן יינגל. פון דעם גאַנצן פּלאָנטער און דער טונקעלער אינטריגע וויקלט זיך אַרויס דער געדאַנק, אַז דער ראַסן־פּראָבלעם, דער היסטאָרישער קאָנפליקט און בלוטיקער גע־ראַנגל פון ווייס און שוואַרץ וועט געלייזט ווערן בלויז אויף דער אייגענער ערד, אין דער „סאַאוט”, אָן דער אַריינמישונג פון צפון.

„דער באַוואוסטזיין, אַז דער נעגער איז אַ פרייער מענטש און דאַרף לעבן אין אַ פריי לאַנד, איז וויכטיקער ווי אונזער קאַמף קעגן דער ״נאָרט״, מיט וועלכער מיר האָבן מיט יאָרן צוריק געפירט אַ בלוטיקן קריג און האָבן פאַרלוירן די מלחמה. לאָמיר זיך אָנהאַלטן אין דער פּריווילעגיע אַליין צו באַפרייען דעם נעגער, אָט־די פּריווילעגיע איז שטאַרקער פון אַלע לעגיסלאַ־טיווע געזעצן.

אין פאָלקנערס געדיכטער שילדערונג, אינעם לאַבירינט פון זיינע העלדן און זיין פּערסאָנאַזש, איז ניטאָ קיין קלאָרע טענדענץ אָדער מאָטיוון. די אומשולדיקייט פונעם נעגער און די שולד פונעם ווייסן ראַסיסט ווערן צו־נויפגעמישט און מען ווייסט ניט וואָס איז דאָ שטאַרקער? דער קאָליר, אָדער די שטים פון בלוט? אַלץ איז אַזוי געדיכט, אַז עס ווערט כמעט פאַרבלאָנדזשעט. ס׳איז אַ פּראָזע וואָס האָט די אייביקע מראה פון אַ טייך; אָט איז עס טיף־בלוי און אָט — כמורנע, טונקל ווי אין שטורעם, און אָט — גאָר ווייס ווי געדיכטער שוים. אס טרעפט אַמאָל אַז עס איז ראָז ווי אַ טייך אונטער אַ שקיעה און עס בלייבט פאַרבלאָנדזשעט ווי אַ טייך...

יעדער ראָמאַן פאַסירט אין צייט, ווי אַ פּלאַסטיש בילד אין שטח. אינעם קלאַסישן ראָמאַן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט מען געקענט אָנ־מערקן דעם גרענעץ פון צייט. דעם סיפּור־המעשה פון דיקענסעס, טאָלסטאָיס אָדער פלאָבערס אַ ווערק קאָן מען איינטיילן לויטן מהלך פון צייט, פון וואָכן, חדשים, יאָרן. ביי די מאָדערנע ראָמאַניסטן ווי פּרוסט, דזשאָיס און פאָלקנער איז די צייט אָן „אינעווייניקסטע” זאַך, אַן ענין פון „הינטער־

באוואוסטזיין" און די העלדן לעבן דורך די צייט. צייט איז שוין מער ניט קיין קאָנווע פון ראָמאַן נאָר זי פאַרמאָגט איר אייגענעם קיום. איין רגע האָט דאָ פאַרן העלד מער ווערט און קאָן דויערן לענגער ווי טעג און וואָכן. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי מיר שטייען פאַר אַ סימפאָניע פון קלאַנגען. די מאָס פון צייט פאַרשווינדט ווי אין חלום וואו אַ רגע קאָן ווערן עטלעכע שעה אָדער אפילו אַ טאָג, אַ מעת־לעת. אין ריין־פאָרמעלן זין איז פאָולקנער אַ נאָכפאָלגער פון דער גוט־באַקאַנטער דזשאָיסישער מעטאָדע אין דער ליטעראַטור. זיינע נאָוועלן באַוועגן זיך מער אין דער סעקונדע פונעם העלדס מחשבה, אין זיין איבערלעבן די צייט ווי אין שטח. ער כאַפּט אויף אַ מינוט, אַמאָל אַ רגע, און ער גראָבט זיך מיקראָסקאָפּיש צום פּאַטאָלאָגישן אָפּגרונט פון זיינע מענטשן אין מיסיסיפּי.

פאָולקנערס שילדערן זיין אייגענעם ווינקל — מיסיסיפּי — מערקט זיך אין זיין פאָרם ניט נאָר אין אינהאַלט. דער זאַץ איז אַ לאַנגער, אַ שווערער. ער ציט זיך אויף גאַנצע זייטן און חזרט זיך איבער מיט אַ רעגלמעסיקער מאָנאָטאָנקייט.

אין אַן עסיי וועגן פאָולקנערן זאָגט דער פראַנצויזישער שרייבער סאַרטר, אַז פאָולקנערס העלדן האַנדלען ווי די זאַכן וואָס זיי טוען זיינען שוין אָפּגעטאָן געוואָרן פריער. ווי אַביישפּיל ברענגט סאַרטר דעם לעצטן טאָג פון קווענטינען, אין פאָולקנערס בוך „קלאַנג און צאָרן", וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד און עס זעט אויס ווי ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. גאָרניט פּאַסירט. ס'האָט שוין פּאַסירט.

אין זיין ראָמאַן „אַ ליכט אין אויגוסט" איז די צייט באַרויבט פון זין. יעדער טאָג איז ווי נעכטן און דער מאָרגן איז ווי פאַר נעכטן. לענאַ גרובאַ און קריסמעס, די הויפּט־העלדן פון דער נאָוועלע — זיינען גלייכגילטיק צו דער צייט. זיי וואַנדערן און אַנטלויפן פון זייער גורל און עס דאַכט זיך זיי אויס „אַז ווען די זון איז דערגאַנגען צום סוף פון האָריזאָנט האָט זי זיך איבערגעקערט אין הימל און שטייט אויפן זעלבן אָרט".

צו פאָולקנערס ערשטע סימבאָלישע דערציילונגען געהערט די נאָוועלע „אָלד מען". דער מיסיסיפּי, דער אַלטער טייך, וואָס איז גרויס אין צאָרן און מוראדיק אין דער שטילקייט. ס'איז אַ שילדערונג פונעם טייך, ווען ער איז אַרויס פון זיינע ברעגן, האָט צעבראָכן זיינע איינגעשטעלטע צאַמען. אַ חברה פאַרמשפּטע אַרעסטאַנטן, צוגעקייטלטע איינער צום צווייטן, אַ „טשעין־גענג", שולדיקע מענטשן און אויך מענטשן שוואַכזיניקע, אַלע זיינען פאַר־

כאַפּט אין געווירבל פון לעבן. זיי ווייסן ניט ווי אַזוי דער שטראָם האָט זיי אַהער פאַרשלעפּט. דער טייך צעגיסט זיך אין דער ברייט און די מענטשן, וואָס גיבן באַפעלן, ווי די מענטשן וואָס נעמען באַפעלן זײַנען צעטומלט. דער צעשטורעמטער טייך זעט דעמאָלט אויס ווי אַ ברויזנדיקער תהום, אויפן שיפל געפינען זיך אַ פרוי מיט איר נײַ־געבוירן קינד. דער פאַרשיקטער אַרעסטאַנט דאַרף אַכטונג געבן, אַפּהיטן דאָס נײַ־געבוירן עופעלע און זײַן מוטער. ער דאַרף ראַטעווען פונעם תוהו ובוהו מוטער און קינד. ער טוט עס ניט אויס ליבע אָדער פליכט. די אָפּגעפרעמדקייט פון לעבן צווינגט אים דווקא צו זוכן אַנטרינונג פאַר די צוויי צאַרטע באַשעפענישן. דער אַרעסטאַנט שפּירט זיך אויפן ברייטן צעשטורעמטן טייך, ווי ער ווערט געוואָרפן פון איין תפיסה־צעל צו דער אַנדערער. אויך דער ברויזנדיקע כאַאָס איז פאַר אים אַ תפיסה.

„ער האָט געוואוסט, אַז מיט טעג שפּעטער וועט שוין דער טייך אויסזען אַנדערש. דער אַלטער מאַן וועט קומען צו זיך און וועט זיך ווידער געפינען אין זײַנע ברעגן. ער וועט זיך ציען צום ים און וואַרפן אַ שיין אויף די ברוין־שאָקאָלאַדנע ברעגן". ס'איז דאָך פאַראַן ערגעץ־וואו אַ רו פונקט צו וועלכן מען טראָגט זיך און כאַטש ער, דער אַרעסטאַנט, ווייסט, אַז אויך דאָרטן איז ניט די דערלייזונג, טרייסט ער זיך מיט דעם פלוס פונעם טייך צום ברייטן אָקעאַן וואוהין אַלע שטורמישע טײַכן פאַרגייען.

אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז פאָלקנער געווען אַן אייגנאַרטיקער טונקעלער שטראָם, וואָס איז ניט געגאַנגען מיטן דרך המלך, נאָר האָט זיך אויסגעטראָטן אַן אייגענעם וועג און שטעג. דער שרײַבער פון אַ ווינקל אין מיסיסיפּי האָט זיך געגרונטעוועט צום פּאַטאָלאָגישן תהום, וואָס דער בירגער־קריג האָט געעפנט אין היגטער־באַוואוסטזײַן פון די דאָרטיקע אײַנוואוינער. די קריטיק האָט באַצייכנט פאָלקנערן ווי דעם דיכטער פון גרויל. מאַנכע האָבן אים צוגעשריבן דעם קולט פון דעקאַדענץ. אַנדער מאַלראָו האָט געזאָגט, אַז פאָלקנער האָט צונויפגעוועבט דעם עפּאָס פון גריכישער טראַגעדיע מיט אַמעריקאַנער דעטעקטיוו־געשיכטע.. איין זאַך איז זיכער: פאָלקנער האָט געטראָגן אין זיך, לויטן אויסדרוק פון קאַרל מאַרקס „דער שטויב פון נשמות". אין זײַן דערציילונג „אַ רויז פאַר עמילי" וויל די העלדין, אַן אַלטע מויד פון אָקספאָרד, מיסיסיפּי, זיך ניט זעגענען מיטן אַמאָל. זי וויל ניט באַגראָבן איר טויטן פאָטער און ער בלײַבט ליגן

ביז ער צעפאַלט זיך אויף שטויב. שווער זיך צושיידן מיט דער ירושה־לאַסט פון אַן אָפּגייענדיקן אַדעלן שיכט.

כאָטש פאָולקנער האָט געגנוג דעקאַדענטע טיפּן און זיינע ווערק זיינען פאַרהאָנגען מיט אַ געדיכטער טונקלקייט, פלעמלט דאָרט אויך אַ גלויבן אין דער דערהויבנקייט פון מענטשלעכן מין. אין זיין רעדע בעת׳ן אָננעמען די נאָבעל־פּרעמיע האָט דער שרייבער געזאָגט: „איך אַנטזאָג זיך אָנצונעמען דעם סוף פון דער מענטשהייט. איך גלויב אַז מענטש וועט אויסהאַלטן און זיגן. דער מענטש איז אומצושטערבאַר, ניט דערפאַר ווייל ער האָט אַ נשמה, נאָר ווייל צווישן אַלע באַשעפענישן איז ער באַשאַנקען מיט אויסדויער און איז פעאיק אויף קרבן און אויסדויער״. אפשר האָט פאָולקנער מיט זיינע ווערטער אָנגעדייט אַז זיין וויזיע פון טייך איז מער ווי א מאַנאָטאָנער שטראָם, אַז ער גלויבט אויך אין דעם פּראָמעטעאישן פאַרמעסט אַריינצוקריגן אין רשות פון מענטשן דאָס פייער, די ענערגיע פון טייכן; אַז מען וועט דאָך צוימען דעם מענטשן, ווי מען צוימט די נאַטור־קראַפט, דעם טייך, ער זאָל ניט צעטרענצלט ווערן אויף שפּריצעכץ און פליסעכץ, נאָר ער זאָל פאַרגיסן און פאַרטרינקען שוועלן און ברעגן פון שטעט און לענדער מיט דערלייזטער ענערגיע און דערמיט אויך באַלויכטן, העלער מאַכן די טונקעלע לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער נשמה.

צווישן גורל און ווילן

פון מעלווילס „מאבי דיק" ביז העמינגוועיס „דער אלטער און דער ים"

פאַר דעם חבר שמואל פראַנצבלוי!



„קענסטו אַרויסציִען דעם לויתן מיט אַ ווענטקע, צי וועט ריידן צו דיר ווייך? וועט ער שליסן אַ בונד מיט דיר קענסטו זיך שפּילן מיט אים ווי מיט אַ פויגל און אים צובינדן צו דיינע יונגען? ער צעקאָכט ווי אַ טאָפּ די טיפענישן, מאַכט דעם ים זידן. ער לאָזט הינטער זיך אַ ליכטיקן שטעג, ניטאָ אויף דער ערד זיין גלייכן, געמאַכט צו זיין אָן מורא (איוב מא)

פראָמעטעאוס, דער מיטאָלאָגישער טיטאַן, האָט געגנבעט ביי די געטער פייער פאַר די אָרעמע מענטשן און צעאוס, דער גאָט פון די געטער, האָט אים דערפאַר צוגעשמידט צו אַ פעלז אויף די בערג און אַן אָדלער האָט געפּיקט זיין לעבער ביז הערקולעס האָט אים באַפרייט. ער איז נאָכדעם פאַרשוואונדן אין די טיפע בערג־היילן אָבער זיין פייער איז פאַרבליבן אויף אייביק ביי די מענטשן־קינדער אויף דער ערד.

דאָס בילד פון דעם שטאָלצן קעמפער אין עסכילעס טראַגעדיע האָט צעצונדן די פאַנטאַזיע פון די גרויסע מייסטער פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור קונסט, און פילאָסאָפיע.

„פּראָמעטעאוס" איז דער אויסגעצייכנסטער הייליקער און מאַרטירער אינעם פילאָסאָפישן קאַלענדאַר" — האָט מאַרקס געשריבן אין זיינס אַ יוגנט־ווערק, און דריי גיגאַנטן אין דער ליטעראַטור — שעלי, בייראָן און געטע — האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים געשטאַלטיקט דעם טראַגישן טיטאַן.

אין שעליס ווערק איז דער מיטאָלאָגישער ריז צוגעשמידט און אין מיטן פון זיינע גרויסע ליידן איז ער פול מיט ליבע און פאַרשטענדלעכער מחילה· און אַז די פוריען לאָכן אים אין פנים אַריין, באַדויערט ער זיי מיט אַשמייכל: „איר מוזט שטאַרק ליידן, ווייל אַנדערש וואָלט איר אַזוי שלעכט ניט געווען". ביי בייראָנען איז דער געשמידטער ריז באַלאָדן מיט גרויסע ליידן און פול מיט שטאָלצן האַס. געטע האָט אים אינגאַנצן באַפרייט פון זיין פעלזיקער צוגעשמידטקייט און האָט אים געמאַכט פאַר אַ שטאָלץ־שאַפנדיקן גייסט·

אַ סך יאָרן האָט דער פּראָמעטעאישער מאָטיוו באַהערשט די ליטעראַטור. די מאָדערנע וואָרט קינסטלער האָבן וואַראַירט אויף די ווערק פון די דריי דערמאָנטע קלאַסיקער· דער זעלבער מאָטיוו האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור מיט הונדערט יאָר און מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק. אין הערמאַן מעלווילס קלאַסיק „מאָבי דיק" און אוירנעסט העמינגוועיס „דער אַלטער מאַן און דער ים".

מעלווילס ווערק האָט געלאָקט און לאָקט עד־היום די קריטיק ווי אַ כשוף־אָפּגרונט. אַ מאַטראָס, ישמעאל, שטייגט אַרויף אויף דער „פּיקוואָט" שיף און פאַרבינדט זיין גורל מיטן שיפס־קאַפּיטאַן דעם טויעריקן אחאב, וואָס גייט אַרויף אויף דער שיף אַ דורכגעגליטער מיט שנאה און אַ דורכ־געגומענער מיט איין באַגער: נקמה! אויף איינער פון זיינע ווייטע ים־רייזעס האָט דער וואַלפיש „מאָבי דיק" אָפּגעביסן אַ טייל פון זיין פוס. זינט דאַן האָט אחאב איין ציל: געפינען דעם לויתן און אים דערשטעכן. ווי אַ זכר צו זיין פּערזענלעכער טראַגעדיע האָט זיך דער קאַפּיטאַן געמאַכט אַ קוליע פון וואַלפיש־ביין.

שווימט די שיף אויף די ימען און אחאב מיט זיינע מאַטראָסן זוכן דעם לויתן, ווען מען דערטאַפּט אים הייבט זיך אָן די פאַנטאַסטישע ים־שלאַכט, אַ געיעג און אַ געראַנגל מיטן פיש־טיטאַן. עס געלינגט דעם לויתן צו צעשטערן די שיף און דערטרינקען איר גאַנצע מאַנשאַפט. נאָר דער דער־ציילער ישמעאל האָט זיך געראַטעוועט. „נאָר איך אַליין בין אַנטרונען דיר אָנצוזאָגן" (איוב א).

אין דער ים־נאָוועלע ווערן אַרויסגעבראַכט כאַראַקטערן, פיגורן, אָפּט געצייכנט מיט אַ מייסטער־האַנט און אַלץ ווערט געצייכנט און באַוויזן אין

שייכות מיט אחאבן. אַלץ וואָס קומט פאַר אַרום אים איז וויכטיק פאַרן לופט פון דעם ווערק.

בערג פירושים, גאַנצע טראַקטאַטן, זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן וועגן בוך „מאבי דיק", אַרום דער עפּאָפּיע וועגן געיעג נאָך דעם „שונא", דעם לויותן: אַ מזל פון אַ בוך! ער האָט סטימולירט ליטעראַטור־קריטיקער און פילאָסאָפן, פסיכאָלאָגן און טעאָלאָגן, און די קאָמענטאַרן זיינען פאַרשיידענע: סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פסיכאָאַנאַליטישע, רעליגיעזע און עקזיסטענציאַליסטישע. וואָס מען האָט אַלץ ניט גערעדט, געשריבן, אריינגעטייטשט און אָנגעדרשנט? אחאב איז דער יחיד און מאָבי דיק — די געזעלשאַפט; אחאב דער מענטש און דער וואַלפיש — דער קאָסמאָס; אחאב דאָס גוטע, דער לויתן — דאָס שלעכטס. מאָבי דיק איז אַ פילאָסאָפיע וועגן מענטשן אין זיין שייכות צום ים; עס איז דער געפיל פונעם גרענעצלאָזן וואָס רופט דעם מענטשן צום ים, דער ווילן צו דערשפירן די אייביקייט אינעם קורצן שפאַן פון ערדישן לעבן. דאָס „אַנבדעגיקע איז גאָט" (ריינהאָלד ניבור). ווייטער: דער ים איז דער געהיימניספולער פאַטום, וואָס לייגט דעם שטעמפּל פון טויט אויפן מענטשן, דער „אינסטינקט פון טויט" (פרויד!) און אַזוי הייבט ישמעאל אָן דערציילן אין ערשטן קאַפּיטל פו דער געשיכטע „מאָבי דיק": יעדעס מאָל ווען איך געפין זיך שטיין פאַר אַ קאַטאַפאַלק, אָדער ווען איך שלעפּ זיך נאָך אַ פאַרבייגייענדיקער לויה באַשליס איך אַז עס איז געקומען מיין צייט אַראָפּצוגידערן אין ים, וואָס איז במקום אַ רעוואָלווער און אַ קויל".

אַן אַנדער פירוש: די פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע שילדערונג אין בוך, ווי מען ציט אַרויס פון די וואַלפיש דעם אויל, שפּיגלט גאָר אָפּ די פּרימיטיווע אינדוסטריע, וואָס עקספּלואַטירט די נאַטור לטובת דעם מענטשן, און אַט באַווייזט זיך אַ היסטאָרישער קאָמענטאַר: מאָבי דיק איז די גרויסע עפּאָ פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע. די שיף „פּיקוואָט" איז דער סימבאָל פון אַמעריקאַנער געיעג איינצונעמען אַ קאָנטינענט און איינזאַמלען פאַרשיידענע ראַסן אונטער איין פאָן פון די „שטרייפן און פאַסן", כדי צו באַזיגן דאָס הייסע בלוט פון די אינדיאַנער; די ים־נסיעה פון אחאבן איז די פאַטאַלע רייזע פון דער ווייסער ראַסע וואָס וויל טויטן איר אינסטינקט, וואָס נעמט נקמה אין איר (ה. ד. לאָורענס). אין דעם זין איז מאָבי דיק אַן אַמעריקאַנער טראַגעדיע, ניט די טראַגעדיע, וואָס הענגט אָפּ פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַקטאָרן, נאָר אַזאַ וואָס איז טיף פאַרבאָרגן אין דער פּסיכיק פונעם לעבן.

ווען מען נעמט צונויף אַלע אַריינטײַטשונגען, וואָס קרייצן זיך איינער מיטן אַנדערן, בלייבט דער איינדרוק, אַז יעדער איינער געפינט אין דעם עקזאַלטירטן און טראַגישן ווערק דאָס וואָס ער זוכט.

מאָבי דיק איז דער קאַמף פון ווילן קעגן שיקזאַל. דער דאָזיקער מאָטיוו וואַרצלט אין גאַנצן וועזן פון דעם הויפּט־העלד. עס איז דער טראַגיזם פון פּאַרמעסט. נישט די טאַט גופא, נאָר די בראַווקייט, דער מוט, די גרייטקייט פאַר דער טאַט׳ דאָס פּראָבלעם פון שיקזאַל ווערט דאָ אַוועקגעשטעלט אַזוי טראַגיש, ווי אין דער קלאַסישער גריכישער דראַמע. גלייך פון אָנהויב אָן איז קלאָר, אַז אַחאַב וועט ניט באַזיגן דעם וואַלפיש. ווער איז ער, ער זאָל פּאַרמעסטן מיט דעם גבורהדיקן ים־ריז און אים אָנטאָן אַ צוים? און וואָס קאָן נאָך שאַרפער און פיינלעכער אויסדריקן דעם טראַגיזם, דעם פאַטאַלן עלנט פונעם מענטשן קעגן דעם צעשטערערישן עלעמענטישן כח? דאָס אַלץ קומט צום אויסדרוק אין דער שילדערונג, וואָס שפיגלט אָפּ די טיפע און האַרבע שיקזאַלהאַפטיקייט, דעם אַנטיקישן פאַטאַליזם (פון סאָפאָקלעס).

אָבער דאָס איז בלויז איין זייט פונעם ווערק, אין טיפערן זינען איז אחאב דווקא א בעל בחירה אין זיין עצם פּאַרמעסטן זיך, וואָס האָט אין זיך די שטאָלצע בונטאַרישקייט פון ביבלישן איוב און גריכישן פּראָמעטעאוס. איוביש איז דאָס ווערק מיט זיין העלדישן קאַמף קעגן אַן איבערוועגנדיקער מאַכט און זיין הרעאַיזם וואַקסט אַרויס פון דעם אָפּגרונטיק־טיפן אמת, אַז דער פּאַרמעסט פון ווילן קעגן גורל איז טרויער און חכמה צוזאַמען.

„פּאַראַן אַ חכמה, וואָס איז טרויער און אַ טרויער, וואָס איז אומזין. און ס׳איז דאָ אַן אָדלער, וואָס נעסטיקט אין דער שטאָלצער מענטשלעכער נשמה. ער זיגט אין די טיפסטע היילן און אין די שפּאַלטן פון פעלזן. ער קאָן אויך אויפשטייגן און פאַרשווינדן אין די ברייטקייטן, וואָס זיינען פאַרפלייצט מיט זון״. די דאָזיקע ווערטער ליגט מעלוויל אַריין אין מויל פון זיין ישמעאל און זיי דערמאָנען אין די שטאָלצע יסורים פון בייראָנס פּראָמעטעאוס, וואָס נידערט אין די תהומות און שטייגט — אין זיין ווילן — צו די זוניקע הייכן.

געוויסע ערטער אין „מאָבי דיק״, באַזונדערס די וואָס בליצן מיט געשריי דערמאָנען אין געשריי פון קעניג ליר. דער שטורם אין האַרצן פון ים דערמאָנט אָן די סצענעס פון שעקספּירס שטורם און סטעפּ, וואו די אומ־געוואַלגערטעביימער ליגן ווי דער גורל פונעם קעניג. ס׳איז אויך דער איובשער „און ער האָט זיך באַוויזן אין געוויטער און שטורם״.

דער פּראָמעטעאישער מעטאָל בלאַנקט אַרויס פונעם טראַגישן אַקאָרד־בילד פון דער זינקענדיקער שיף מיט דער מאַנשאַפט און די זעגלען און דער פאָן: „דעמאָלט האָט זיך געהויבן אַ רויטע האַנט און ס׳האָט זיך געוויגט אַן אויפגעהויבענער האַמער, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו באַגלען די פאָן צו דעם זינקענדיקן שטאַנג. דער פלי־פיש, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געצויגן פון די הויכע רוימען, צווישן די שטערן נאָכן זעגל־שפּיץ, געפּיקט די פאָן און דעם מאַסט, — האָט זיך פאַרטשעפּעט צווישן זעגל און האַמער. אינעם זינקען האָט מען געשפּירט דעם צער אין דער לופט. אין דער אַנגסט פון טויט איז דער האַמער געבליבן פאַרגליווערט און דער פויגל איז געזונקען מיט אַ צאָרן־געשריי. קליינע פייגעלעך האָבן נאָך געשוועבט איבערן אָפּענעם תהום; אַ ווייסער שוים האָט געזאָטן איבער די באַרגיקע כוואַליעס און דער ריזיקער ים־אויסשפּרייט האָט זיך געוויגט, ווי ער האָט זיך געווינגט מיט פינף טויזנט יאָר צוריק״.

פון דער פּרעכטיקער ים־לאַנדשאַפט שווימט אַרויף בייראָנס שטאָלצער פּראָמעטעאוס סימבאָל. פּנים אל פּנים מיט דער סטיכיע, מיט דער קראַפט פון ווילדן עלעמענט ווערט דער שטאָלצער צער געשליידערט אין ים. דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון „מאָבי דיק״, פון אחאבס פאַרמעסט קעגן זיין גורל.

„אַ ווערק וואָס דאַרף פאַרגליכן ווערן מיט דער פּאָעזיע פון האָמערן״, „דאָס איז העמינגוועיס קרוין־ווערק, וואָס איז די אויפלייזונג אין זיין שאַפן״ — אַזוי האָט די קריטיק באַצייכנט די נאָבעל־פּרעמירטע נאָוועלע־פּאָעמע „דער אַלטער מאַן און דער ים״, די דערציילונג וועגן אַלטן פישער, דעם ריזיקן פיש און דעם קאַריבעאישן ים, ביי די קובאַנער ברעגעס.

סאַנטאַיאַגאָ, דער אַלטער פישער, אַן אַפריקאַנער פון אָפּשטאַם, האָט אַנגעוואָרן זיין ווערדע צווישן די פישער־לייט. שוין אַ לענגערע צייט אַז ער האָט ניט באַוויזן צו כאַפּן קיין איין לייטישן פיש. ער האָט באַשלאָסן פּרוּווּן זיין מזל נאָכאַמאָל. לאָזט ער זיך אַרויס אין זיין שיפל אויף די גרענעצלאָזע רחבותן פון קאַריבעאישן ים און עס געלינגט אים צו פאַנגען אַ ריזן פיש, וואָס פאַרפירט מיט דעם פישער אַן עקשנותדיקן קאַמף, וואָס דויערט אַ פּאָר טעג. נאָכדעם ווי דער פישער האָט דערהרגעט דעם פיש האָט ער געמוזט אָנהויבן אַ נייע שלאַכט מיט די „שאַרקס״ (פלי־פיש), וואָס האָבן געראַבעוועט זיין פאַנג. דער אַלטער האָט געקעמפט מיט אַן איבערנאַטירלעכער

אַנשטרענגונג און האָט באַוויזן זיך אומקערן צום פישער־שטעטל מיט די רעשטן פונעם פיש סקעלעט. דאָס פלייש האָבן די עקדישן צעגריזשעט.

בראַווקייט, אַנטשלאָסנקייט, העלדישקייט, וואָס איז איינגעוויקלט אין טראַגישער גלאָריע· די עצם שילדערונג באַשטעטיקט : „אַ מענטש קאָן אומ־געבראַכט ווערן, צעשטערט ווערן, נאָר באַזיגן קען מען אים ניט".

אָפּ׳פטרן דאָס ווערק מיט דעם אויבנאויפיקן סימבאָל, וואָלט אָבער געמיינט זיך באַנוגענען מיטן שאַבלאָנעם אידייאישן אַנאַליז און ניט מיט דעם פאָרמעל־אינהאַלטלעכן באַשייד. נאָכפאָלגן דעם שרייבערס אידייע אין דער אַנטוויקלונג און קאָנסעקווענטער דורכפירונג, קען מען נאָר ווען מען גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז אין אַ קינסטלעריש ווערק איז די קינסט־לערישע קאָנסטרוקציע און דער אידייאישער תוך איינס, און אַז די פאָרם און די אידייע ווערן געבוירן בנשימה אחת, אין איין אָטעם. „דער אַלטער מאַן און דער ים" איז ניט קיין אַבסטראַקציע· העמינגוועי האָט אַליין גע־זאָגט וועגן סימבאָלישן באַדייט פון זיין בוך : „קיין גוט בוך איז נאָך ניט געשאַפן געוואָרן אויב דער שרייבער האָט געהאַט פאַר זיך פון פריער־צו־געטראַכטע סימבאָלן... איך האָב זיך באַמיט צו שאַפן אַ ריכטיקן אַלטן מענטשן, אַ ריכטיקן יינגל, אַ ריכטיקן ים און אַ ריכטיקן פיש, און אויב זיי זיינען גוט געמאַכט מיינען זיי שוין במילא אַ סך זאַכן".

העמינגוועיס נאָוועלע איז אַ קונסט־ווערק וואו די רונדקייט פון אַ וועלט־אַנשויאונג ווערט באַוויזן דורך איר פאָרם־גאַנצקייט. זיין אידייע — די אומבאַזיגבאַרקייט פון מענטשלעכן קאַמף און די פאָרם — אַ פאַסיקער סטיל, אָנגעלאָדן מיט זינפולע בילדער און עמאָציעס. פון דער ערשטער שורה אָן ביזן סוף איז צו זען, אַז דער „אַלטער מאַן און דער ים" איז פאַרן מחבר ניט געווען קיין צופעליקע טעמע. די פאָעמע אין פראָזע, וואָס איז אַ סימפאָניע פון מענטש, פיש און ים, איז אַ פאַסיקע פאָרם פאַר אַ מאָטיוו וואָס שנירלט זיך אין זיינע פריערדיקע ווערק.

דער גרונט־באַנעם פון בוך איז בשום אופן ניט קיין פעסימיזם. ס׳איז טראַגעדיע אין פראַמעטעאישן זין. אַנדערש פון פעסימיזם, וואָס לייקנט אין דער מעגלעכקייט פון מענטשלעכן וואוקס און אויפשטייג, און אויך להיפוך דעם „ראַזעווען אָפּטימיזם", — דעם קליינבירגערלעכן אָדער אפילו „רע־וואָלוציאָנערן" וואָס זעט בלויז צופעליקע ׳טעות׳ן׳, ׳שטרויכלונגען׳ — זעט דער טראַגיקער אין דעם דורכפאַל אַ נויטיקן רינג אין דער ירידה און עליה פונעם מענטשן.

דער העגעליאַנישער באַגריף פון טראַגעדיע איז פון אַ היסטאָריש־נויטווענדיקער קאָליזע צווישן נייע און אַלטע אידייען אין וועלכע דער טרעגער פון דעם נייעם קומט פיזיש אום, אָבער זיינע נייע אידייען האַלטן אָפּ אַ היסטאָרישן נצחון איבער די אַלטע. „בילדנדיק דעם וועזנטלעכן און עכטן גרונט" — זאָגט העגעל — „פון ווירקלעכן זיין, באַרעכטיקט זיך דער דאָזיקער קאַמף און ווערט געזעצלעך נאָר דאַן, ווען עס ווערט פאַר־ניכטעט דער ווידערשפרוך. הייסט עס, וואָס געזעצלעכער עס זיינען דער ציל און דער טראַגישער כאַראַקטער, אַלץ נויטווענדיקער איז די פאַנאַנדער־בינדונג פונעם קאַמף. אין אים ווערט פאַרניכטעט נאָר דאָס וואָס איז ריין־פּריוואַט". אין גרונט גענומען איז העגעלס קאָנצעפּציע וועגן טראַגעדיע אַ היסטאָרישע; עס איז אין איר ניטאָ קיין אָרט פאַרן צופעליקן און ריין־אינדיווידועלן, פּריוואַטן.

דאָ אַנטפּלעקט זיך דער פּראָמעטעאישער זין פון טראַגיזם, וואָס זיין שטרויכל און דורכפאַל איז בעצם אַ נויטווענדיקע סתירה, אַ ווידערשפּרוך אין דער דיאַלעקטישער איינהייט פון מענטש און נאַטור. אין יעדער טאַט, וואָס דער מענטש פירט אויס, ווערט ער צוגעבונדן צום קאָסמאָס און ער מוז זיך אין דער זעלבער צייט שטעלן קעגן אַ קאָסמישער קראַפט. אין יעדן „צעשטערן" איז דאָ אַ „ווערן". דאָס אויסהאַקן אַ שטיין פון באַרג פאַר אַ געביידע איז די נאַטירלעכע צעשטערונג פונעם באַרג, אָבער נאָכן צעשטערן קומט דער אויפבוי אין דער נאַטור, ווי אין דער געשיכטע. „מענטש קען אומגעבראַכט ווערן, נאָר באַזיגן קען מען אים ניט".

„די דיאַלעקטיק שאַפט קיינמאָל ניט אָפּ די דורכגעגאַנגענע עטאַפּן נאָר הייבט זי אויף אין אַ העכערן סינטעז", — זאָגט העגעל. אויך דאָ, אין דער ים־פיש־דערציילונג האָט דער שרייבער איבערגעחזרט דעם מאָטיוו פון זיינע פריערדיקע ווערק.

אין זיין „געזעגענונג מיט וואָפן" טראָגט זיך אַרום דער צענטראַלער העלד פון דער דערציילונג העמינגוויי, דער אַמבולאַנס־טרייבער, מיט מעלאַנ־כאָלישע שטימונגען אין אַ מעלאַנכאָלישער, גרויער מלחמה־לאַנדשאַפט. ער פאַרליבט זיך אין דער ענגלישער מעד־שוועסטער קעטרין, זיי דעזערטירן פון פראָנט און אַנטלויפן אין דער איטאַליענישער שווייץ, וואו קעטרין שטאַרבט אין קימפעט. שוין אין אָט־דער נאָוועלע גליט דער ווייטיק פון אַ מענטשן, וואָס זוכט אַ באַשייד פאַר דעם גרויל און דעם אומזין פון לעבן. ער וויל

מאַכן זיין „פּריוואַטן שלום" און זיין פריינט דער כירוג רינאַלדי, אַ מענטש פון פאַרשטאַנד, לערנט אים אַז אַ זין אין לעבן געפינט מען אין וויסן. ער וויל אויפלייזן העבריס טרויער מיט דער ביבליש־מיטאָלאָגישער דערציילונג פון ערשטן מענטשן וואָס האָט געזוכט דעם „בוים פון וויסן".

„איך בין די שלאַנג פון עץ הדעת" — זאָגט רינאַלדי העברין. — „עס איז דער עפּל, ניט די שלאַנג — ווידערשפּעניקט העברי. — „ניין, דער שלאַנג!" — ענטפערט רינאַלדי. אָט־דער קורצער ריאַלאָג פירט צו דער פאַראַלגעמיינערונג פונעם פּראָבלעם פון „טוב ורע. דער פאַרשטאַנד טראָגט דעם „פאַלן" פון מענטשן. דאָס איז אַן אַנדער נוסח פאַר „דער חכמה פון ליידן", וואָס איז אין פּראָפּאָרץ צו דער מאָס וויסן. „וואָס מער וויסן, — מער ווייטיק".

העברי איז אַ דורכפאַל. ער באַגעגנט דעם טויט הערואיש. גורל קומט צו אים ווי ער איז געקומען צו די מוראַשקעס, וואָס ער האָט אַמאָל אַריינגעוואָרפן אין קאַמין פון זיין קאַבינע אין אַ וואַלד פון מישיגען.. „די מוראַשקעס זייבען געקראָכן וואו דער פייער איז געווען און זיך נאָכדעם צוריקגעקערט און ווידער געפּויזעט צום פייער וואָס האָט זיי ענדלעך פאַרברענט".

באַגעגענען דעם שיקזאַל מיטן פולן באַוואוסטזיין אַז אין גרונט פון אַלץ איז פייער, מיינט דערגרייכן אַ מאַראַלן זיג. די סימבאָלישע נאַטורשילדערונג פירט דאָ צו דער דערקענטעניש פון העראַקליטישן זאָג, אַז די וועלט איז אַן אייביק־לעבעדיק פייער, וואָס ווערט געצמעסיק אויפגעפלאַקערט און געצמעסיק פאַרלאָשן. דער קאַמף מיט דער נאַטור איז דאָס אומקאָמפּראָמיסלעכע, דורך איר לאָזן מענטש און נאַטור פליסן זייער פייער.

אָט־דעם געדאַנק וועגן הערואיזם זעצט העמינגוועי פאָר אין זיין ראָמאַן „פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט" וועגן שפּאַנישן בירגער־קריג. אויך דזשאָרדאַן, דער אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטישער טיפּ קעמפט אויף דער גערעכטער זייט און זיין איינזאַמער, אַלייניקער טויט איז אין איינקלאַנג מיט דעם פערז פון ענגלישן מעטאַפיזישן דיכטער דזשאַן דאַן:

„קיין מענטש איז ניט קיין אינדזל. יעדער מענטש איז אַ שטיק פון קאָנטינענט; אַ טייל פון אַלגעמיינעם. אויב אַ זעמדל ווערט אָוועקגעוואַשן פון אַ ים־כוואַליע ווערט אייראָפּאַ קלענער; דער טויט פון אַ מענטשן פאַרקלענערט מיך, ווייל איך בין אַ טייל פון דער מענטשהייט, דערפאַר פרעג קיינמאָל ניט: פאַר וועמען קלינגט דער גלאָק? ער קלינגט פאַר דיר!"

דער מאָטיוו פון ליבע און טויט, פון דזשאָרדאַנס ליבע צו מאַריען,

ערב זיין פאַלן אין דער לאָיאַליסטישער שלאַכט, אַ ליבע, וואָס מאַכט „פון בײדע הערצער אײנס, אַזוי אַז מען ווייסט ניט ווען ס'האַרץ־קלאַפּ מען הערט". אַט־דער מאָטיוו באַקומט אַ נײעם אינהאַלט. ראָבערט דזשאָרדאַן, דער אַמעריקאַנער אינזשינער, וואָס איז געפאַלן בעת זיין אונטערמינעווען אַ בריק צו פאַרהאַלטן די פאַשיסטישע „פראַנקאָ־רעבעלן", איז אומגעקומען. ער האָט אָבער געקעמפט פאַר דער „דערציאונג פון מענטשן", אין אַ שלאַכט קעגן דער פלאָג וואָס ברענגט בלויז טויט.

דער שפּאַנישער פויער אַנדריוס פרעגט דזשאָרדאַנען:

— איר האָט אויך לאַטיפונדיסטן, גוט־באַזיצער?

— יאָ, גענוג!

— האָט איר, הייסט עס, אייערע אייגענע פּראָבלעמען?

—אוודאי גענוג פּראָבלעמען!

— אָבער איר וועט זיך אַן עצה געבן מיט זיי?

—יאָ, און עס וועלן זיך שאַפן נייע פּראָבלעמען.

— וועט איר, הייסט עס, אויך מוזן קעמפן ביי זיך אין לאַנד?

— יאָ, מיר וועלן דאַרפן קעמפן!

— זיינען באַ אייך אין לאַנד אויך פאַראַן פאַשיסטן?

— עס זיינען דאָ אַ סך, וואָס ווייסן ניט אַז זיי זיינען פאַשיסטן, נאָר זיי וועלן אויסגעפינען ווען די צייט וועט קומען.

— און איר קענט זיי ניט צעשטערן איידער זיי רעוואָלטירן?

— ניין, מיר קענען זיי ניט צעשטערן, אָבער מיר קענען דערציען דאָס פאָלק, זיי זאָלן דערקענען דעם שונא באַצייטנס און אים באַקעמפן!"

ראָבערט דזשאָרדאַן איז פאַרבליבן אויפן שפּאַנישן שלאַכטפעלד. ער האָט זיין קערפער און אָטעם אויסגעמישט מיט דער ערד פון אַסטאָריאַ און אַנדולוזיע, און יאָרן נאָך דעם זיג פון פראַנקאָ־פאַשיזם, אין 1938, האָט העמינגוועי אַנגעשריבן אַ ווידמונג צו די „אַמעריקאַנער טויטע אין שפּאַניע", וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט גלויבן אין דער צוקונפט. — „ווייל די ערד בלייבט אייביק און וועט איבערלעבן אַלע טיראַנישע אָרדנונגען".

אין זיין פּראָזאַאיש־לירישער פּאָעמע־נאָוועלע פונעם קעמפערישן פאַר־מעסט, וואָס זיין סימבאָל איז דער „גלאָק" איז ניטאָ יענער כמורנער און שיקזאַלהאַפטיקער קלאַנג פון דעם פאַטאַליסטישן טראַגיקער דזשאָן דאָן, וואָס קלינגט מיטן קלויסטער־גלאָק צו לויה'ס; אין העמינגעיס אַדעקוואַטן דיאַלאָג און פלאַמיקן וואָרט הערט מען דעם רוישיקן קלאַנג פון דעם „פריי־

הייטס גלאָק", דעם מעטאַלישן קלאַנג פון „לינקאָלן באַטאַליאָן", וואָס האָט אַריינגעגאָסן זיין אידייאישן בראָנז אין אַ „פּאַרלאָרענער" ניט־פּאַרלאָרענער שלאַכט פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע אויף דער גאָרער ערד.

העמינגוועיס העלדן פון יאַגד און אָקסן־קאַמף, פיליפּ מאָרגאַן פון זיין נאָוועלע „צו האָבן און ניט צו האָבן", זיינען קיינמאָל „ניט אַליין", זיי רופן זיך איבער מיט דעם אַלטן סאַנטאַיאַגאַ, וואָס זאָגט „אַ מענטש איז קיינמאָל ניט אַליין אויפן ים".

אויף די ערשטע בלעטער פון דעם „אַלטן", אין זיין געשפּרעך מיטן יינגל, הערן מיר שוין וועגן דער מלחמה מיטן גרויסן פיש. אין זיין באַגעגעניש מיט די ים־מעוועס טראַכט דער אַלטער וועגן דער ברוטאַלקייט פון די אונטער־הימלדיקע און אונטער־ימיקע באַשעפענישן. דאָס דינט ווי אַ צוגרייטונג צום טיטאַנישן געראַנגל מיטן וואַלפיש. דער אַלטער אַליין איז ניט סתם אַ פישער. ער טיילט זיך אויס פון זיינע חברים אין פאַך. „זיינע הענט האָבן געהאַט טיפע שניטן פון שלעפּן די פיש מיט די האַרטע שטריק. אַלץ איז געווען אַלט. נאָר די אויגן, וואָס זיינען געווען פון זעלבן קאָליר ווי דער ים — פול מיט פרייד און אומבאַזיגט".

די אַנאַלאָגיע צווישן „מאָבי דיק" און „אַלטן" איז בולט אין דער עצם טעמע פון פאַרמעסט אויפן ים קעגן דעם „קעניג פון די תהומען". ס'איז אָבער דאָ אַ גרונטיקער אונטערשייד צווישן אחאבן פון נאַנטאַקעט און דעם אַלטן ביי האַוואַנאַ. מעלוויל פאַרגלייכט, אין זיין פּראָלאָג, אחאבן, דעם גרויסן רודף, צום נביא יונה, דעם גרויסן אַנטלויפער. אחאבס לאַנגער געיעג נאָכן וואַלפיש אי, אין תוך אַ מין אַנטלויפן פון דער אַנגסטיקער וויזיע צום קוואַל פון זיין שנאה און מורא — מאָבי דיק; פאַר העמינגוועיס ווערק איז אָבער כאַראַקטעריסטיש דער שעלישער פּראָמעטעאוס, וואָס איז געווען פול מיט פאַרשטיין און פאַרגעבן. די באַגעגעניש מיטן ים איז דאָ ניט די מעלווילישע באַגעגעניש מיט אַ טויט־אינסטרומענט, נאָר איז ווי אַ באַגעגעניש מיט אַ געליבטער.

„ער האָט שטענדיק געטראַכט פון ים בלשון „זי", ווי עס רופן אים אויף שפּאַניש יענע, וואָס האָבן אים ליב. טיילמאָל רעדט מען אויף אים שלעכטס, אָבער אויף דעם שטייגער גלייך דער ים וואָלט געווען אַ פרוי — ווייבלעך. עפּעס אַזוינס וואָס האָט געקענט טאָן אָדער נישט טאָן גרויסע

טובות, און אויב זי האָט יאָ אָפּגעטאָן ווילדע שטוקעס, איז עס געווען דערפֿאַר, ווייל זי האָט זיך ניט געקענט העלפֿן!״

„דער פֿיש איז אויך מיין פֿריינט״, האָט ער געזאָגט הויך, נאָר דער־הרגנען מוז איך אים. איך בין צופֿרידן, וואָס מיר מוזן זיך ניט פּאַרמעסטן צו דערהרגענען די שטערן״. דאָ איז פֿאַראַן דער ווידערקלאַנג פֿון שעליס „פּראָמעטעאוס אומבאַזיגט״. — „די שטערן גייען פֿאַרביי מיינע אויגן ווי אַ סטאַדע שאָף, דער תהום שרייט פֿון דער טיפֿעניש: הימל, האָסטו סודות? — מענטש אַנטפּלעק זיי, איך האָב גאָרניט!״

„דער אַלטער מאַן און דער ים״, וואָס זיין אידייע איז אינעם זאָג: „מענטש קען צעשטערט ווערן נאָר ניט באַזיגט ווערן״. וואָלט אָבער ניט געווען קיין טראַגעדיע ווען די נאָוועלע בלייבט אין די ראַמען און רוימען פֿון ים, ווינט, כוואַליע און פֿלי־פֿיש. ס׳איז אויך אַ היסטאָרישע טראַגעדיע און אַן „אָפּטימיסטישע טראַגעדיע״. דעם קובאַנער פֿישערס קאַמף, ווי זיין זיג איבער דעם ריזיקן פֿיש און נאָכדעם זיין פֿאַרלירן אים צו די „שאַרקס״, דאַרף אָװעקגעשטעלט ווערן אין סאָציאַלן קאָנטעקסט. העמינגוועי האָט דאָ ניט נאָר אַן אויג פֿאַר די ווינטן פֿון ים, נאָר אויך פֿאַר די „שטורעם־ווינטן פֿון דער געשיכטע״.

דער אַלטער האָט געקעמפֿט מיט די „שאַרקס״ אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, אין פֿאַרנאַכט, ביז טיף אין דער נאַכט און איז אַנטוואָפֿנט געוואָרן. ער געהערט דאָך ניט צו די אונטערטעניקע, וואָס בויגן דעם קאָפּ פֿאַר די מעכטיקע... אַ רמז, אַז די „שאַרקס״ מוזן באַקעמפֿט ווערן כאָטש זיי וועלן זיגן...

דער סימבאָל קלינגט אויף אין דער שילדערונג פֿון דער ערשטער באַ־געגעניש פֿון זקן מיט די „שאַרקס״ און נאָך זיין צוריקקער צו דער ערד, געענוי ווי פּראָמעטעאוס, ווען ער קערט זיך אום מיטן הימלישן פֿייער צו דער ערד און באַגעגנט די פֿוריעס. ס׳איז ווי די „שאַרקס״ וואָלטן געווען שליחים פֿון די צאָרנדיקע געטער, וואָס ווילן ניט איבערגעבן דעם פֿייער אין רשות פֿון מענטשן.

אַז העמינגוועי האָט זיך באַנוצט מיט אַ היסטאָרישן עפּיזאָד צו דער־נעענטערן אַ דערציילונג צו דער צייט, איז צו זען פֿון דער ראָלע, וואָס אַ היסטאָרישער עפּיזאָד, אַ העלדן־טראַגעדיע, שפּילט ביי אים. אין 1939 האָט ער אָנגעשריבן די דערציילונג „קיינער שטאַרבט קיינמאָל ניט״ אויף אַן אַקטועלער טעמע אין קובאַ. די געשיכטע פֿון צוויי לאַטיין־אַמעריקאַנער יוגענטלעכע, אַ בחור און אַ מיידל, וואָס קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט בעת אַן

אויפשטאַנד אין קובאַ. מען האָט זיי געכאַפּט· דעם בחור האָט מען געטויט און די מיידל גייט דורך אַ ריי־אינקוויזיציע פאַרשונגען און פּייניקונגען, און זי פאַרמאָגט „אַ מאָדנע זיכערקייט. ס'איז די זעלבע זיכערקייט, וואָס אַן אַנדער מיידל אין איר עלטער האָט געהאַט מיט מער ווי פינף הונדערט יאָר צוריק אויפן מאַרק־פּלאַץ פון אַ שטאָט, וואָס הייסט רוען" („דזשאַן ד'אַרק").

דער פּרט אין העמינגוועיס שאַפן ווייזט, אַז דער שרייבער האָט אויפ־געכאַפּט אַן הערא‌אישן עפּיזאָד אין מיטן ברען פון אַן אויפשטאַנד. דאָרט שפּיגלט זיך דער אַקט ניט אַפּ אין סוביעקטיוון רוים נאָר אין אַ קאָנקרעטן רעאַל־היסטאָרישן צייט אָפּשניט, וואָס אונטערשטרייכט בולט, אַז אין דעם אינגעווייד פון דער טונקעלער ווירקלעכקייט ווערט שוין באַשאַפן און געפורעמט אַ צוקונפטיקער זיג. אויך „דער אַלטער מאַן און דער ים" פאַר אייניקט דיאַלעקטיש אַ שטיק היסטאָרישע טראַגעדיע אויף דעם לאַנד־שאַפטלעכן הינטערגרונט פון קובאַ. דער טיף פונעם אַלטן קובאַנער פישער און דער ריזן־פיש אין קאַריבעער ים, וואָס פאַרקערפּערט דעם נאַקעטן כח דער סטיכיע, שטעלט ער אַנטקעגן ריזן־כחות פון פאָלק, וואָס אַמאָל דרימלען זיי געדולדיק, זענען אויס קריכנדיק, פויל און אַמאָל ווערן זיי אַ באַוועגלעכע קראַפט, דערוואַכן אין שטורם און טראָגן זיך אויף די כוואַליעס און די ווינטן פון דער געשיכטע צום נצחון.

„אויפן ים איז מען קיינמאָל ניט איינזאַם... איך בין אַוועק צו ווייט, אָבער איך וועל באַלד קאָנען זען דעם אָפּגלאַנץ פון האַוואַנאַ, אויב איך בין צו ווייט אַוועק פון מזרח, וועל איך זען די ליכטער פון איינעם פון די נייע זאַמד ברעגעס... איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ גיבור אַ פיש. ער וואָלט מיך געקאָנט אומברענגען מיט איין אויפשפּרינג אָדער מיט איין ווילדן יאָג... ער ווייזט ניט אַרויס קיין שום מורא אין זיין געראַנגל".

עס איז דער אַלטער סימבאָלישער אופן. מען מאָלט אַ שטיק ווירקלעכ־קייט און עס ווערט אַ משל צו משפּטן לויט אים די צייט. אָט־די דאָזיקע פראַמעטעאישע סימבאָליק פאַרבינדט זיך מיט דער גוזמא־לעגענדע פון רבה־בר־חנא. ער האָט אַמאָל געליטן שיף־ברוך און איז מיט זיין מאַנשאַפט צוגעשוואומען צו אַן אינזל אין מיטן ים, באַוואַקסן מיט גראָז און ביימער. זיי האָבן צעלייגט אַ פייער אָפּצוקאָכן אַ מאָלצייט. פּלוצלונג האָט זיך דער אינזל אַ טרייסל געטאָן, זיך איבערגעקערט. ס'איז ניט געווען קיין אינזל, נאָר אַ לעבעדיקער ריזן־פיש, וואָס איז אָפּגעלעגן אומבאַוועגלעך הונדערטער יאָרן ביז עס איז באַדעקט געוואָרן מיט ערד. דאָס פייער האָט דעם פיש

אויפגעוועקט... ביז וואַנען קען מען טאַקע פּרעסן מאַלצייטן אויף זיין אומ־באַוועגלעכן קערפּער? — „יאָ, דאָס האָט ער זיך נאָר אַ דריי געטאָן, האָט ער געזאָגט, ער וועט באַלד אײַנבײַסן"...

ווען דער אַלטער ווערט באַהערשט פון דעם אומעט אויפן ים טרייסט ער זיך ניט נאָר מיטן ים נאָר אויך מיטן אָנשפּאַר אויף זיינע פישער חברים און זיין יינגל, וואָס ער האָט געלאָזן אין דער שטאָט. „איך וואוין אין אַ גוטער שטאָט, האָט ער געטראַכט". אַ סאָציאַלער אָנשפּאַר אויף אַ הערלישן אינזל, וואָס לייכט צווישן ביידע אַמעריקעס. וועט דער אינזל ווערן אַ קאָנ־טינענטאַלער פאַקט? און אַז דער אַלטער איז אין דער „גוטער שטאָט" זאָגט ער צום יינגל: „איך בין ניט מזלדיק", און דאָס יינגל ענטפערט אים: „אין דער ערד מיטן מזל, איך וועל ברענגען דעם מזל מיט מיר"...

העמינגוועיס ערשט בוך „אויך די זון גייט אויף" איז געשריבן געוואָרן אין פרילינג פון זיין שאַפן, ס'איז אָבער ניט קיין בוך פון פרילינג־שאַפן נאָר פון האַרבסט. ער נעמט אָן די רייד פונעם אַלטן קהלת־עפּיקור־בוך. זיינע בלעטער, פולע מיט ויין־געטראַנק און מענטש־אָקס־געראַנגל זיינען דאָך דורכגענומען פון ביטערקייט און מעלאַנכאָליע. עס קלאַפּט דאָ אַ מין טובערקולאָזער ריטם און די טעג וויקלען זיך ווי אונטער אַ ברענענדיקער שקיעה.. „וואָס פאַר אַ נוץ האָט דער מענטש פון זיין גאַנצער מי וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון? און די זון גייט אויף און די זון פאַרגייט. רונד אַרום, רונד גייט דער ווינט, און קערט זיך אום צו זיינע געדרייען" אַזוי ווי דער אַלטער קהלת פאַרגיסט העמינגוועי די בלעטער מיט גענוס. „פריי זיך בחור אין דיין יוגנט און לאָז וואוילגיין דיין האַרץ — מיט שאַרפע געטראַנקען און אָקסן־געפעכט, יאַגד. — —

דער נייער דור, אין סימבאָל פון „אַלטנס" יינגל, נעמט איבער די דערפאַרונג פון אַלטן דור און וויל אים אַרויסראַטעווען פון זיין דורכפאַל. דער שרייבער פאַראייגנט זיין אייגענע ירושה אויף אַ דיאַלעקטישן אופן. „אַ דור קומט און אַ דור פאַרגייט און די ערד בלייבט אייביק" און אַזוי אויך דעם מענטשנס פאַרמעסט, וואָס גייט איבער צום נייעם דור. דער געדאַנק לעבט אין אַלטן בעת ער לייגט זיך שלאָפן אָן אויסגעשעפּטער אין שטיבל. „דער יינגל לעבן אים איז געזעסן און אַכטונג געגעבן אויף אים. דער אַלטער

האָט געחלומט פון די לייבן״.. אין דעם גבורה־חלום דער „ליכטיקער שטעג״ איבערן אָפּגרונט פון שיקזאַל, וואָס מאַכט צו זיין „אָן מורא״. ס׳איז די טראַגעדיע, וואָס פאַרניכטעט דאָס „פּריוואַטע״ און הייבט אויף דאָס היסטאָרי־שע. פּראָמעטעאוס ווערט צוגעשמידט צום פעלז און לעבעדיק אויפגעגעסן און זיין פייער איז געבליבן. דער ווילנס־קאַמף איז גובר דעם גורל, דעם פּאַטוס, אַ מפּלה ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ זיג.

דער אַלטער מאַן פון די בערג

וועגן דער דיכטונג פון ראבערט פראסט

„פּאָעזיע הייבט זיך אָן מיט הנאה און ענדיקט זיך מיט חכמה"

ניו העמשיר, וואו דער פּאָעט האָט געלעבט פון זיין פריער קינדהייט אָן, איז פון די נאַטור־שענסטע שטאַטן אין דער נייער וועלט. ווי איינע פון די „דרייצן שוועסטער לענגאויס דעם ים" וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, איז ניו־העמשיר מער באַרימט מיט אירע כשופדיקע טייכן, גרינע וועלדער, היילן, פעלזן און דער עיקר מיט אירע „ווייסע בערג", וואָס לאָקן טוריסטן און בעלנים אויף נאַטור־חידושים.

בערג — שטיקער קונסט סקולפּטורן, וואָס די נאַטור האָט אויסגעשניצט. דער „קאַנאָן", דער העכסטער באַרג, „דער אַלטער מאַן פון די בערג" רופט מען אים. מען זעט אים נאָר פון דער לינקער זייט, פון פּראָפיל, צופוסנס באַרג שטראָמט אַ טייכל „די פּראָפיל־אָזיערע". אַמאָל — דערציילט אַ לעגענדע — האָבן די אינדיאַנער געדינט צום באַרג, ווי צו אַ גאָט. אין יענע יאָרן, איידער די ווייסע האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, האָט דאָס פּנים פונעם באַרג געשמייכלט און באַלויכטן די סביבה, און נאָכדעם ווי די ווייסע האָבן אויסגעראָטן די „רויטע" איז דאָס פּנים פונעם באַרג פאַרענדערט געוואָרן, געוואָרן האַרב און טריב, טרויעריק.

דאַניעל וועבסטער האָט געזאָגט וועגן דעם באַרג: „יעדער פּאַכמאַן און באַלמעלאָכע הענגט אויף זיין טיר אַ שילד. דער זייגערמאַכער — אַ זייגער; דער צאָן־דאָקטאָר — אַ צאָן; אַ שערער — אַ שערל. די נאַטור אַליין, די קינסטלערין פון קינסטלער, האָט אָוועקגעשטעלט אויפן שפּיץ באַרג איר שילד — דאָס פּנים פון אַ מענטשן!

ניט ווייט פון דעם כשוף־באַרג, צווישן די בערג, טייכן און אָזיערעס פון ניו העמשיר, איז געוואָקסן און האָט געשאַפן זיינע פּשוטע נאַטור און מענטש לידער, דער דיכטער פון נאַטור און מענטש, ראָבערט לי פראָסט.

וועגן וואָלט וויטמאַן ווערט דערציילט, אַז ווען אים האָט זיך געגלוסט שרייבן, פלעגט ער אַוועק צום ים, זיך אויסציען אויף די אָנגעגליטע זאַמדן אונטער אַ ברענענדיקער זון און אַ פריטשמעליעטער פון דער זון־היץ האָט ער געקענט מיט דער גאַנצער קראַפט זינגען זיינע וואונדערלעכע געדיכטן. אויך פראָסט איז קודם־כל דער דיכטער פון לאַנדשאַפט. זיין גרונט־סטיכיע איז פאַרביקע ניי־ענגלענדער נאַטור. פון זיין פּאָעזיע קוקט אַרויס דאָס פּנים פון אַ ווייס צפון־לאַנד, וואָס איז ווי אויפגעשטראַלטער פראָסט און שלאָגט אָפּ מיט שנייאיקער קלאָרקייט.

אַנדערש ווי די עלטערע אַמעריקאַנער פּאָעזיע מיט איר טונקעלער פאַנטאַסטישקייט (עדגאַר אַללען פּאָ, מעלוויל) און נאַציאָנאַלער הימנע־פייערלעכקייט (וויטיער, ברייענט) איז פראָסטס ליד אַ געזאַנג פון פּשטות און געלייטערטער חכמה.

פּלוטאַרך זאָל האָבן געזאָגט, אַז „מאַלעריי איז שטילע פּאָעזיע, און פּאָעזיע — ריידנדיקע מאַלעריי". דער אמת איז, אַז עכטע דיכטונג איז אַ פאַראייניקונג פון מוזיק און מאַלעריי. ריטם, קלאַנג איז די מוזיק, די פאַרבן — די מאַלעריי. אַזוי ווי יעדער דיכטער האָט זיין אייגענעם קלאַנג און ריטם, אַזוי איז יעדער עכטער פּאָעט פאַרבונדן מיט אַ געוויסער פאַרב־שאַטירונג. דערמאָנט מען עדגאַר פּאָ — דערזעט מען שוואַרץ, די פאַרבן פון זיין „ראָוב"; דער נאָמען פושקין רופט אַרויס דעם לויטערן קאָליר פון אַ זילבערנער בעריאָזע אין אַ ווינטער־טאָג; רילקע — קאַטעדראַלע בלויקייט; רייזען — גרוי און מאַיאַקאָווסקי — רויט. פראָסט׳ס פּאָעזיע בלענדט מיט די פאַרבן פון דער ערד אין אַלע סעזאָנען. ס׳איז אַ פאַרבן־בילד פון ווערטער און אַן אייגנאַרטיקע שפּירונג פון נאַטור אין געמיט פון מענטשן.

פראָסטס לידער זיינען ניט אַזוי ברייט און שטורמדיק ווי וויטמאַנס. ער איז קאָנקרעט, האָט ליב דאָס פּשוטע, טאָג־טעגלעכע. עס איז די שווערע

שטילקייט פון ניי־ענגעלנדער לופט פּאַר אַ האַרבסטיקן רעגן, אַ ווינטערדיקן שניי אָדער אַ הייסן פרימאָרגן.

„איך גיי אַרויס רייניקן דעם קוואַל אויף דער לאָנקע.
איך וועל נאָר אויסשאַרן די בלעטער און זיך צוקוקן
ווי דאָס וואַסער לײַטערט זיך, — קום דו אויך!
איך גיי אַרײַננעמען דאָס קליינע קעלבל, וואָס שטייט לעבן דער קו,
ס׳איז אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט, ווען עס באַלעקט זיך מיט דער צונג, —
קום דו אויך!"

דאָס ליד איז פון זיין בוך „צפון פון באָסטאָן", וועגן דער ניו־העמשיר לאַנדשאַפט און דער דיכטער רעדט צום לייענער אַזוי געמיטלעך, נאָענט, נישט פון קיין טריבונע, נאָר ווי אַ מיטשמועסער, ווי אַ גוטער שכן. ער מאָלט אַ פּלאַסטיש בילד, וואָס דריקט אויס נישט נאָר געפיל און שטימונג נאָר שטיקער לעבן באַווירצט מיט קלוגן הומאָר און איינפאַל. איינע פון זיינע באַרימטע לידער „דאָס פאַרריכטן אַ פּלויט". ס׳איז אַ שטייגעריש בילד, וואָס אַנטפּלעקט די איינגעוואָרצלטע טראַדיציע פון ניי־ענגלענדער פאַרמער.

„פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ניט ליב קיין פּלויט,
למשל, מיינע עפּל־ביימער און מיין שכנס לינדן־ביימער.
צי וואָס די פּלויטן? מיינע ביימער וועלן קיינמאָל ניט אַריבער
אויף יענער זייט און איינשלינגען דעם שכנס לינדן־בלעטער...
— זאָג איך דעם שכן, און ער ענטפערט:
גוטע פּלויטן זיינען אַ סגולה פאַר גוטע שכנים!
עס דיינען דאָך פאַראַן זאַכן וואָס דאַרפן ניט קיין צוימען, זאָג איך
און זע אים: — באַוואָפנטער מענטש פון דער שטיין־עפּאָכע —
טראָגט דער שכן שטיינער און אויף זיינע ליפּן דאָס
וואָרט פון זיין פאָטער: גוטע פּלויטן, אַ סגולה פאַר גוטע שכנים!"

דער מאָטיוו איז דאָ דער ווידערשפּרוך. פון איין זייט: זאַכן, וואָס האָבן פיינט אַ פּלויט, פון דער אַנדער זייט „גוטע פּלויטן מאַכן גוטע שכנים. מען האָט אַריינגעטייטשט אינעם ליד דעם מאָטיוו פון רעוואָלט קעגן טראַדיציע, פון דער בונטאַרישקייט, וואָס ברעכט צוימען, גרענעצן, קאָנפאָרמיסטישן שאַבלאָן. דער מענטש קען ניט לעבן אין אַנאַרכיע און דאָך פרייט ער זיך ווען ס׳פאַלן ווענט, צוימען, פּלויטן. דאָס ליד באַרירט אויך אוממיטלבאַר אַ פּראָבלעם פון אונזער צייט: די קללה פון גרענעצן וואָס טיילט פאַנאַנדער לענדער, פעלקער־שכנים, דאָ שוועבט, דער עיקר, די פּסיכאָלאָגיע

פונעם פויער און זיין טראַדיציאָנעל אייגנטימעריש געפיל, און דער פּאָעט ברענגט ער אַרויס מיט אַ מילדן איראָניש-פילאָסאָפישן שמייכל.

אין פּראָסטס געשליפן און לאַקאָניש ליד איז פאַראַן טיפע פילאָסאָפישע אַריינטראַכטונג, וואָס דייט אָן אַפאָריסטיש אויף אַן אָפּגערונדעטער וועלט-אנשויאונג וועגן מענטש און אוניווערס. ווי וואָלט וויטמאַן איז ער סאָציאַל אין אויסדרוק, פאַרוועבט מיטן כלל און כאָטש זיינע האָריזאָנטן זיינע שמעלער פון וויטמאַנס און ס׳פעלט אים די שטורמישע לײדנשאַפט פון זיין לאַנג-אײלאָנדער פאָרגייער, איז אָבער דאָס וויטמאַנישע אַ גרונט-שטריך פון זיין פּאָעטישן שאַפן. אויב וויטמאַנס געזאַנג קאָן פאַרגליכן ווערן צו אַ זודיקער לאַווע, וואָס כאַפּט אַרום די ברעגן פונעם אוניווערס, איז פּראָסטס ליד רואיק און איינגעהאַלטן, ווי קאַלטער און שטייפער מעטאַל, נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען זיין שטאַנדהאַפטיקע פאָרם. אַזאַ עפּיגראַם:

„אַלע מענטשן אַרבעטן בצבור, סיי ווען זיי אַרבעטן צוזאַמען,
סיי ווען זיי אַרבעטן יעדער איינער פאַר זיך״

אָדער איינס פון זיינע פּאָפּולערע לידער, וואָס ווערן אַ סימבאָל פון אונזער גורלדיקער עפּאָכע און אויך אַ סימבאָל פון אַ דיכטער, וואָס האָט געוואָלט דורך קולטור-געמיינזאַמקייט אָנוואָרעמען דעם קלימאַט פון דער קאַלטער מלחמה.

„טייל זאָגן: דער סוף פון דער וועלט איז פייער!
אַנדערע זאָגן — אייז!
לויט דער טבע און לײדנשאַפט בין איך גענייגט צום פייער
און האָב געהאַט גענוג דערפאַרונג מיט שנאה, כדי צו וויסן,
אַז אייז פאַרמאָגט גענוג קראַפט אויף אָפּצווישן
אַלץ וואָס איז דאָ אויף דער דאָזיקער ערד!״

פּראָסטס אינטערעסאַנטע אימאַזשן זיינען קלאָר און בילדעריש. „דער גאַנצער ווינטער קוקט אַרויס דורכן ווינטער-אייז״, „דער פלוימען-זאַפט איז שוואַרץ, ווי די ביימער וואָלטן זיך געשפייזט מיט סמאָלע-האָלץ״, דאָס פּנים פון דער קו איז געפלעקט מיט עפּל-ווייך״... זיינע פאַרגלייכן זיינען ניט קיין שרייענדיקע, נאָר גאַנץ געוויינלעכע. ער האָט לידער-דערציילונגען, וואָס רופן זיך איבער מיט פאָלקס-מעשה. אַ מעשה וועגן אַן אַלטן וואַנדערנדיקן אַרבעטער, וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט צוליב עלטער. קיינער דאַרף מער ניט זיינע אַלטע הענט, און ער קומט צו זיין געוועזענעם אַרבעטספּלאַץ און

שטאַרבט. אַ מעשה מיט אַ שכן־פאַרמער פון קאַנאַדע, וואָס האָט געבראַכט דעם דיכטער אַ מתנה, אַ הילצערן הענטל פאַר אַ האַק, פריש פון בוים. ס׳וועט דויערן לענגער פון אַ הענטל געמאַכט אין פאַבריק.

פראָסט האָט ליב געהאַט זיין היים, זיין ערד און דאָס פשוטע ערד־און אַרבעטס־פאָלק. עפעס אַ „ליכטיקע רו" איז אויסגעגאָסן אויף זיינע לידער. ס׳איז אפשר פאסיק צו פאַרענדיקן מיט זיין מעשה־ליד. דער פאָעט פאָרט אויף אַ קליינעם שליטן צו וועלכן אַ לאָשיקל איז צוגעשפּאַנט. ער שטעלט זיך אָפּ קוקן אויף אַ פאַרשנייט וועלדל. פאַראַן דאָ די שפּירונג פון וואַכקייט אין אַנבליק מיט דער נאַטור־פּראַכט. דער ווילן איינצושלאָפן און די שטרעבונג גובר צו זיין, באַזיגן די מידקייט.

„שיין איז דאָס וועלדל אין זיין טיפער פינצטערקייט,
און איך האָב נאָך אַזויפיל מיילן אָנצוזאָגן,
און אַזויפיל מיילן דורכמאַכן פאַרן שלאָף, אַזויפיל מיילן פאַרן שלאָף!"...

ביז קרוב צו תשעים האָט דער דיכטער געפילט אַז ער האָט נאָך וואָס אָנצוזאָגן, שאַפן. זיין יונגער געמיט און פרישער טאָן האָט אָנגעהאַלטן ביז ער האָט איינגעדרימלט אויף אייביק אין די קאַלטע אָרעמס פון טויט ביים רויך פון אַ ראָזן נעפּל אויף דער פּראָסטיקער ערד פון ניי־ענגלאַנד.

דער קרעמער און די הילצערנע רויז

בערנארד מאלאמוד — זיינע יידישע טיפן

„פֿאַרלאָזן די הייליקע קראָם, ...
געשטאָרבן דער הייליקער קרעמער,
עס שימלט דער הייליקער שוואָם
עס זשאַווערט דער הייליקער עמער.
די הייליקע הערינג, טאַראַנען,
אין ניוועץ דער הייליקער נאַפּט
רינט אויס פֿון די הייליקע קראַנען.
און דאָס הייליקע צינגל ....
פֿון דער הייליקער וואָג — ....
אוי, וויי, אוי וויי, אוי וויי.״ (ה. לייוויק)

דער יידישער עמיגראַנטישער דור אין אַמעריקע, עמך פֿון „שער און איזן״, וואָס איז אַוועק אין „שאַפּ״, וואו „עס רוישן אַזוי ווילד די מאַשינען״, דער דור האָט אָפּגעלייקנט די אַנטיסעמיטישע לעגענדע אין דער ליטעראַטור (פֿון דיקענס „אָליווער טוויסט״ ביז טאָמאַס וואָולפס אַמעריקאַנער ראָמאַן), אַז יידן האָבן נאָר אַ געפֿיל פֿאַר אייגנטום און ניט פֿאַר ווערטן. דאָס איז געווען אַ דור פֿון ווערטן, ניט פֿון „מיליאָנען״.

ביסלעכוויַיז פֿאַרשווינדט אָט־דער דור פֿון שאַפּ און פֿאַבריק, ווי עס זינגט בענקענדיג דאָס פֿאָלקס־ליד — „און די אַלטע זיינען אויסגעשטאָרבן און די יונגע — אַלט״. צי פֿאַרמאָגט נאָך דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, דער יידישער מיטל־קלאַס מיט אַן אַרבעטער טראַדיציע, פֿאַרמאָגט ער נאָך סאָציאַל־עטישע ווערטן? — בערנאַרד מאַלאַמוד, אין זיינע נאָוועלן און דערציילונגען, ענטפֿערט מיט אַן אַפֿירמאַטיוון: יאָ!״

קונה שם געווען אין דער אַמעריקאַנער פּראָזע האָט זיך ב. מאַלאַמוד מיט זיין ראָמאַן „דהי אַסיסטענט״ (דער געהילף), וועגן דעם יידישן קרעמער פֿון ברוקלין מאָריס באָבער, זיין טאָכטער און זיין געהילף, דעם

איטאַליענישן פּרענק אַלפּין. דער סיפּור המעשה איז אייגטלעך דער טראַגיזם פונעם פאַרהאַרעוועטן און אָרעמען קליין־קרעמער און זיין משפּחה אונטער דער לאַסט פון לאחדים'דיקן שפּיז־געוועלב.

מאָריס באָבער און זיין ווייב אידאַ האָרעווען זעכצן שעה אין מעת־לעת אין זייער ברוקלינער „גראָסערי". די האַנט פון שווערן גורל האָט זיך גע־לייגט אויף זיי. טאַטע־מאַמע קאָנען ניט פאַרגעסן אַ זון, וואָס איז יונג אַוועק פון דער וועלט, און ליידן אויך מיט זייער טאָכטער העלן, וואָס פאַרנאַכלעסיקט איר קאַלעדזש־שטודיום, וויל זי מוז צוהעלפן אין דער „גראָסערי". —„אָט! אַמעריקע!" — זאָגט דער קרעמער — „האָב געהאַפּט אויף אַ סך און גאָרניט באַקומען!" ער זוכט אַ קונה אויף דער באַנקראָטירטער קראָם און קיינער קומט ניט. ניטאָ קיין בעלנים אויף אַזאַ געשעפט, שמאַכט ער אין דער דומפּיקער לאָך — די „גראָסערי". דערצו אַ נייער אומגליק. אין איין כמורנעם נאָכמיטאָג באַפאַלן אַ חברה באַנדיטן די קראָם און צעמזיקן דעם קרעמער. אין אַ פּאָר טעג אַרום באַוויזט זיך אין געשעפט אַ בחור מיט אַ צעבראָכענער נאָז, געקומען פון ערגעץ, פון קיינעמס לאַנד. ער באָט זיך אָן פאַר אַ געהילף אין געשעפט.

די צענטראַלע אַקציע אין בוך וויקלט זיך אַרום דעם מאָדנעם פאַרשוין פרענק אַלפּין, וואָס לייגט צו אַ האַנט, רוימט אויס די פאַדלאָגע, וואַשט אָפּ די פענצטער און איז גרייט אַרבעטן אָן געלט. דער „גראָסערימאַן" וויל אים ניט, דאַרף אים ניט. מיט אַ וואָך שפּעטער כאַפּט זיך באָבער, אַז שוין דעם דריטן טאָג ווי ס'פעלן אים אויס אַ פּאָר פלעשער מילך און עטלעכע זעמל. ער דערטאַפּט דעם „געהילף" שלאָפן לעבן די שטיגן פון זיין קעלער. פּרענק איז זיך מודה, אַז ער האָט געגנבעט די מילך און די זעמל, ווייל ער איז עלנט און הונגעריק. באָבער האָט רחמנות אויפן פרעמדן בחור, גרייט פאַר אים אַ מאַלצייט. פרענק טרעט שוין ניט אָפּ. ווען דער קרעמער ווערט קראַנק טוט פרענק אָן דעם ווייסן פאַרטוך און באַדינט די קונים, וואָס האָבן זיך פון ערגעץ געיאַוועט, אַלץ מער און מער.

פרענק איז ניט גלייכגילטיק צו דער איידעלער און געבילדעטער העלען. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער פאַרפירט פרענק אַ שמועס און איז זיך מודה פאַרן קרעמער, אַז ער איז געווען מיט יענע באַנדיטן, וועלכע האָבן געמאַכט דעם איבערפאַל... ער זאָגט אַז ער איז גרייט אַרויסהעלפן דעם קרעמער ווייל ער וויל דורכדעם געזונט מאַכן זיין נשמה, תשובה טאָן אויפן פאַר־ברעכן. „איין זינד פירט צו דער אַנדערער און דער סוף איז, אַז מען זינקט!

איך וויל די לבנה און באַקום נאָר אַ שטיקל קעז״. פּרענק ווערט ניט אַזוי גיך אַ בעל־תשובה. ער ווערט געשטרויכלט. ער „נעמט״ פון דער קאַסע, און פאַרלאָזט אַלץ ניט די קראַם. זיין פאַרבאָרגענע ליבע צו העלענען האַלט אים צוגעשמידט צו דער שוועל פון דער משפחה. ער באַווייזט אויך גוטע מעשים. ער ראַטעוועט העלענען פון אַן אַטאַקע אין פּאַרק און פאַרמיידט אַ שריפה. ווען מאָריס פאַלט ווידער אַריין אין אַ קרענק, פון וועלכער ער שטייט שוין ניט אויף, פאַרבלייבט ער שוין דאָ אויף תמיד. דער סוף? — „אין אַן אַפּריל־טאָג איז פּרענק אוועק אין שפּיטאָל און דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע. עטלעכע טעג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ ווייטיק צווישן די היפטן און נאָך פּסח איז ער געוואָרן אַ ייד״...

דער הויפּט־מאָטיוו פון ראָמאַן איז די טראַנספאָרמאַציע אָדער רע־גענעראַציע פון פּרענק אַלפּין, וואָס קאָן זיך ניט מוחל זיין דעם אַנטייל אין רוצחישן איבערפאַל אויפן אָרעמען יידישן קרעמער. עס ווירקן אויף אים דער געדולדיקער קרעמער מיט זיין לויטערער מענטשלעכקייט און די מענטשלעכע ווערדע פון העלענען, איר איידעלער שטאָלץ. זי, העלן וויל ניט הייראַטן אַן אַדוואָקאַט, ווייל ער „יאָגט זיך נאָך געלט און ווייסט ניט פון קיין העכערע ווערטן״.

פּרענק פרעגט מאָריס באַבערן אין וואָס באַשטייט זיין, מאָריסעס, יידישקייט? ער וואונדערט זיך ווען ער זעט, אַז דער קרעמער, איז ניט אָפּ־געהיט אין כשרות. מאָריס ענטפערט: „אַ ייד איז דער וואָס האָט אַ גוט האַרץ. די וועלט ליידט און איר ווייטיק איז מיינער!״ ביי מאָריס לויה הספדט דער ראַביי אויפן „הייליקן קרעמער״: „ער, דער בר־מנן, איז געווען אַ ייד, כאָטש ער איז ניט געגאַנגען אין שול. ער האָט געאַרבעט שווער און ביטער פון זעקס פרי ביז שפּעט ביינאַכט. ער איז אַמאָל געלאָפן צוויי ווינקל־גאַסן כדי אָפּצוגעבן פינף סענט צו אַן אָרעמער איטאַליענישער פרוי... פאַר זיך האָט ער גאָרניט געוואָלט...״

לויט זיין פאָרם און סטיל איז ב. מאַלאַמוד אונטערן איינפלוס פון פון העמינגעיס דיאַלאָג־מאַניר. זיין ענגליש האָט אויך דעם ריטם פון יידיש.

— „איכ׳ל אָפּשאַרן דעם שניי, — האָט ער געזאָגט צום ווייב.

— גיי בעסער שלאָפן.

— ס׳פּאַסט ניט פאַר די קונים.

— קונים שמונים, ווער דאַרף זיי?

— מענטשן קענען דאָך ניט טרעטן אין טיפן שניי!

— מאָרגן וועט דער שניי ניט זיין.

— מאָרגן איז זונטיק. די גוים גייען אין קירך. ס'איז ניט שיין!

— גערענק, מאָריס, וועסט קריגן אַ לונגען־אָנצינדונג, מער פעלט דיר ניט!״

די אידייע פון מאַלאַמודס געשטאַלטן־כאַראַקטעריסטיק אין „געהילף״ בלייבט הכנעה, געדולדיקן ליידן. אין דער ערשטער באַגעגעניש פונעם לייענער מיט פרענקן, וואָס קומט פאַר אין אַ „קענדי סטאָר״, זיצט דער יונג איבער אַ בילדער בוך אין וועלכן דער „הייליקער פראַנציסק״ דרשנט פאַר די פייגל. ביים שלוס פונעם ראָמאַן לייענט פרענק די מעשה, ווי דער מיטאַלטערלעכער הייליקער קומט אַרויס פון די וועלדער, אַן איינגעהילטער אין אַ ברוינעם מאַנטל און אַ טשאַטע פייגל קרייזט אַרום זיין קאָפּ. אין פרענקס מוח פליט אַן אַן „אַנגענעמער געדאַנק״. ער שניצט אויס אַ רויז פון האָלץ און ברענגט עס העלענען. „קליינע שוועסטער. דאָס איז דיין קלענער שוועסטערל — די רויז״. אין דעם מאָטיוו פון ליידן איז פאַראַן עפּעס פון הילצערנעם קרייץ — פראַנציסקאַנער יידישקייט. אַ הייליקער קרעמער און אַ הילצערנע רויז...

אַז בערנאַרד מאַלאַמוד האָט אַ סענסיטיוון חוש פאַר די ווערטן אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן האָט ער באַוויזן אין זיין בוך דערציילונגען „דאָס פאַרכשופט פעסל״. דערציילונגען רעאַליסטישע און סימבאָלישע. דער גאַנצער טיפּאַזש איז פון דער געוויינלעכער יידישער גאַס. אַ שוסטער, אַ שניידער, אַ בעקער, אַ ישיבה־סטודענט, אַ שדכן. ער פאַראייניקט סאָציאַלע סביבה מיט אינדיווידועלע ניט אויסגעלעבטע שטרעבונגען און עס באַקומט זיך אַ לירישער רעאַליזם.

„די ערשטע זיבן יאָר״ — אַ דערציילונג אויף אַ „באַנאַלער״ טעמע. דער תנכישער מאָטיוו פון דער יעקב־און־רחל ליבע. סאָבעל, אַן עלטערער שוסטער־געהילף, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם נאַציסטישן גיהנום, האָט געאַרבעט ביים איינגעבירגערטן שוסטער פילד, וואָס זאָרגט זיך וועגן אַ געראָטענעם שידוך פאַר זיין טאָכטער מרים. ער וויל זי פאַרשדכענען צום אַדוואָקאַטן־סטודענט. סאָבעל איז אָבער אין דער שטיל פאַרליבט אין מרימען, וואָס איז זיבן יאָר יינגער פון אים. ווען פילד איז שוין זיכער מיט זיין געאַרבעט ביים יידישן שוסטער פילד. דער באַלעבאָס האָט געהאַלטן אין זוכן אין אַן איינזאַמען בחורשן צימער. מרימען געפעלט ניט דער אַדוואָקאַט מאַקס, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין „זאַכן״... זי קערט זיך אום אַהיים

נאָכן ערשטן „אויסגיין" מיטן אַדוואָקאַט און זעצט זיך איבער אַ בוך. דאַן כאַפּט זיך פּילד, אַז זיין געהילף, סאַבעל, האָט אים פאַרלאָזן. ענדלעך געפינט ער אים. עס קומט פאָר אַן איבעררייד צווישן פּילדן און דעם פּרוסטרירטן געהילף. מען שליסט דערנאָך אַן אָפּמאַך. זאָל ער, סאַבעל, צוואַרטן עטלעכע יאָר ביז מרים וועט אַלט ווערן איין-און צוואַנציק...

„און אויף מאָרגן, ווען דער שוסטער-באַלעבאָס איז געקומען צו דער אַרבעט האָט ער געזען זיין געהילף זיצן איבערן האַרטן לעדער. ער האָט געקלאַפּט אויפן האַרטן לעדער און אויסגעהאַמערט זיין גאַנצע ליבע". די אילוזיע וועט אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן. — „און יעקב האָט געאַרבעט פאַר רחלען זיבן יאָר און זיי האָבן אויסגעזען אין זיינע אויגן ניט מער ווי געציילטע טעג, ווייל ער האָט ז י ליב געהאַט".

אַ דערציילונג וועגן אַ באַלעבאָס פון אַ הויז, וואָס באַפעלט דעם סטרוזש ער זאָל אַרויסוואַרפן זיין אַלטן שכן. דער דערציילער ווייזט אַז ער קען זיך אַריינהיימישן אין די נשמה-טירן פון זיינע מענטשן. דער אַלטער שכן ווערט אַרויסגעזעצט אינאיינעם מיטן מעבל. ער האָט זיך פאַרעקשנט און איז געבליבן זיצן אין קאַלטן דרויסן. די שכנים דערבאַרעמען זיך און פירן אים צוריק אַרויף אין דער דירה. די סצענע פון „עוויקשאַן" (אַרויסוואַרפן פון דירה) חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל. דער באַלעבאָס געפינט זיך יעדעס מאָל ביי דער טיר פונעם זקן און עפנט ניט. ווען ער ברעכט זיך ענדלעך יאָ אַריין טרעפט דעם שכן זיצן אַן איינגעהילטן אין טלית אויף דער ערד. דער באַלעבאָס לאָזט זיך אויך אַרונטער אויפן דיל. איצט שווייגןביידע אָפּ שבעה אויף זייער באַגראָבן לעבן...

מאַלאַמוד מיידט אויס איבעריקן פּסיכאָלאָגיזם, נשמה-גריבלעניש. ער מאָלט אויפטרייסנדיקע בילדער און פאַלט ניט אַריין אין נאַטוראַליזם. אָפּט איז זיין דערציילונג דורכגעזאַפּט מיט איראָניע.

אין דער „הלוואה" קומט אַ יוגנט-חבר צו אַ בעקער און בעט ביי זיין פריינט, ווען ער האָט שוין יאָרן ניט אָנגעזען, ער זאָל אים געבן אַ הלוואה פון צוויי הונדערט דאָלאַר. דאָס געלט מוז ער האָבן פאַר אַ מצבה אויפן קבר פון זיין ווייב. „ער איז איר שולדיק אַ חוב. זיי האָבן דאָך אַזוי־פיל געליטן אין זייער צוזאַמענלעבן". מען צערעדט זיך. דער בעקער דערציילט זיין חבר ווי ער האָט געליטן און ווי ער האָט באַגליקט. מען האָט שווער געאַרבעט און קיין אָפּנעמער זיינען ניט געווען. איינמאָל ביים פאַרקנעטן אַ דייזשע ברויט האָט ער זיך צעוויינט אויף זיין ביטערער דאָליע. זיינע טרערן

האָבן געראָנען אין טייג. עס איז געראָטן... „קונים האָבן זיך געמערט״. דער בעקער איז שוין געווען גרייט צו געבן דעם חבר דאָס געלט האָט זיך אַריינגעמישט די בעקערקע און ניט געלאָזן. זי האָט געטענהט: האָב דאָך אַזויפיל גוזהאָרעוועט אויפן פאַרמעגן. דער מאַן האָט אַ האַרץ־פעלער, און ווי לאַנג? מען האָט גערעדט און גערעדט און אַז דער חבר איז אַוועק מיט ליידיקן, האָט זיך די בעקערקע געכאַפּט, אַז ס׳ברויט אין אויוון איז דערווייל פאַרקוילט געוואָרן...

גוט פאַרדייטע ביאַליקישע השפעה. ס׳דערמאָנט אין ביאַליקס „ווייסט פון וואַנען כ׳האָב גערישנט מיין ליד? — די מאַמע אַ בעקערין, אַ וויסטע אלמנה, האָט פאַרקנאָטן דאָס ברויט. איר זודיקע טרער איז אַריינגערונען אין טייג. האָב איך איינגעשלונגען איר זיפץ, איז ער אַריין אין מיינע ביינער״.

אין דער „פרינצעסין ביים טייך״ געפינט זיך אַ יונגער אַמעריקאַנער טוריסט לעווין, אַ טיפּישער זעלבסט־האַסער, אויף אַ רייזע אין אייראָפּע. ער באַזוכט די בלויע אַזיערעס פון דער איטאַליענישער שווייץ און דאָ טרעפט ער זיך מיט אַן „איטאַליענישער פרינצעסין״ און פאַרליבט זיך אין איר ביים ערשטן בליק. זי, די „טאָכטער פון איטאַליענישן אַדעל״ האַלט זיך אין איין פרעגן צי ער איז ניט צומאָל אַ ייד. ער לייקנט. מיט דריי טעג שפּעטער, ווען זיי טרעפן זיך ביים טייך, דערזעט ער אויף איר לייב אַן אויס־געקריצטן נומער פון אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער אַמעריקאַנער ייד, וואָס האָט פאַרלייקנט זיין אָפּשטאַם, האָט פאַרשפּעטיקט. די שיינהייט האָט מורא, אַז ער, דער „ריינער אַמעריקאַנער״ וועט זי אויסבראַקירן. זי וויל אים עפּעס דערקלערן. ער וויל אויפקלערן און דער לעצטער אַקאָרד — „אין לבנה שיין וואָס האָט באַלויכטן דעם טייך האָט לעווין אַרומגענומען אַ קאַלטן מאַמראָר־זייל״...

דער יידיש אַמעריקאַנער דערציילער ווייסט דעם קינסטלערישן סוד פון פאַרבינדן טראַגיק מיט גראָטעסק, הומאָר מיט איראָניע, די צוויי עיקר־זייטן פון דער ווירקלעכקייט. דער יידישער זעלבסט־האַסער האָט אַרומ־גענומען אַ שיינע סטאַטוע, אַ קאַלטע לבנה־באַלויכטענע „איקאָנע״, ניט קיין לעבעדיקע שיינקייט. אַ סימבאָלישער פירוש אויף יענע, וואָס פאַרלייקענען ווערטן און פאַרלירן דעם מענטשן.

פון ברוקלין קיין רוים פירט דער שרייבער דעם אַמעריקאַנער קונסט־קריטיקער פידלמאַן, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ שטודיע וועגן באַרימטן דזשיאָטאָ

און ברענגט דעם מאַנוסקריפּט קיין רוים. ביים אַרונטערגיין פון דער באַן טרעפט ער אָן דעם אָפּגריסענעם און אָפּגעשליסענעם שנאָרער זוסקינד, אַ יורד פון ישראל. דער שנאָרער קלעפּט זיך צום שרייבער און וויל פון אים זיין גאַבאַרדינער אַנצוג. שוער פּאַר פידלמאַנען זיך אַרויסצודרייען פון זוסקינדן, וואָס האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט ווי אַ נודנע פליג. פידלמאַן וויל אים געבן אַ פּאָר דאָלאַר, נעמט אים אין רעסטאָראַן און יענער, רק ער מאָנט דעם אַנצוג. פידעלמאַן וויל פּטור ווערן פון דער אַנשיקעניש ציט ער זיך אַרויס פון איין האָטעל אין דעם אַנדערן. מיט וואָכן שפּעטער כאַפּט ער זיך, אַז זיין מאַנוסקריפּט איז פאַרשוואונדן געוואָרן. ער איז באַלד חושד דעם שנאָרער און לאָזט זיך אויף די גאַסן פון רוים אים זוכן. ער זוכט און זוכט אים אויפן פּלאַץ ביים וואַטיקאַן, אין די אָרעמסטע קוואַרטאַלן, אין דער יידישע געטאָ, אָבער זוסקינד איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין! נאָך לאַנגע זוכענישן טרעפט ער אָן דעם שנאָרער אויף אַ הייליקן פּלאַץ און ער לייקנט שטיין און ביין, אַז ער האָט גענומען דעם כתב יד. זוסקינד פאַרשווינדט ווידער, אָבער פידעלמאַן גייט אויף זיינע שפּורן. ער דערגייט ענדלעך צו דעם שנאָרערס וואוינונג אין דער געטאָ, טרעפט אים ניט און דער היים. „פון דאָזיקן באַזוך איז שוין פידלמאַן ניט געקומען צו זיך". יענע נאַכט, נאָך זיין באַזוך אין דער רוימישער געטאָ, חלומט זיך אים: ער ליגט אין דער אַלטער יידישער סינאַגאָגע און זעט אויף דער סטעליע אַ בילד, אַ געמעל: בלויע הימלען. אַ ריטער שטייט לעבן אַ מאָגער פערד. לעבן אים אַ בעטלער. דער ריטער נעמט אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס זיין גאָלדענעם מאַנטל און שענקט אים אַוועק דעם בעטלער...

פידלמאַן לייענט די אויפשריפט: „דזשאָטאָ, — דער הייליקער פראַנציסק גיט אוועק זיין מאַנטל דעם אָרעמען וואָגלער". ער האָט זיך אויפגעוועקט, גענומען זיין טייערן גאַרבאַדינער אַנצוג און איז אַוועק אין דער פינצטערער דירה פון קבצן. דאָס מאָל האָט ער געטראָפן דעם שנאָרער שטיין ביים אייוועלע און שטופּט אהין אַריין פּאַפּירן, הייך־מאַטעריאַל — „איך הייץ דעם אויוון מיט דיין מאַנוסקריפּט" — שמייכלט זוסקינד...

— שנאָרער, גזלן, איכ'ל דיך צערייסן ווי אַ הערינג!" — שרייט פידלמאַן, — און זוסקינד זאָגט געלאַסן: — „ס'איז אין כתב־יד געווען נאָר ווערטער, דער גייסט האָט געפעלט"... — „נאַ, נעם דעם אַנצוג" — האָט פידלמאַן אויסגערופן, אָבער זוסקינד איז אַרויסגעלאָפן פון צימער. ער

איז אים נאָכגעלאָפן און האָט אים ניט געקאָנט דעריאָגן. פידלמאַן האָט פאַרשפּעטיקט, אָבער איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט אַ נייעם באַוואוסט־זיין וועגן קינסטלערישער שיינקייט און מענטשלעכע ווערטן.

„אויף זיין פּנים האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט דער צער און ער האָט דעם סימן ניט אָפּגעווישט. ער איז געוואָרן — ע ר!"

ווינטן פון מערב

דער זין פון דער פאָרם

מחשבות און אידייען־פארבינדונגען וועגן גוסטאוו פלאבער

„ווי שיין און ווי זיס ביסטו ליבע אין תענוג; די לאָקן פון דיין קאָפּ ווי פּורפּול, אַ מלך אין די פלעכטן פאַר־קניפּט און פאַרבונדן" **(שיר השירים)**

„ווייל שיינקייט פון נשמה איז דאָס שענסטע דאָך,
....
און שענער פון דער שיינקייט איז די ליבע נאָך" **(א. ליעסין)**

„**פלאָבער** — דער גייסטלעכער פון שיינקייט, דער עלין פון ניינצנטן יאָרהונדערט. ער, דער וואָרט־צויבערער, אָביעקטיוו ווי די זון, וואָס באַשיינט דעם קויט פון די גאַסן און די טייערע שפּיצן מיט איין העלן ליכט; פלאָבער, פאַר וועלכן דער אמת איז געלעגן אין דער שיינקייט און די שיינקייט אין אמת" (מאַקסים גאָרקי, „דאָס וואונדערשיינע פראַנקרייך")

אַז פון גאָרקיס זייט זיינען די שבחי־פלאָבער ניט געווען סתם קיין צופעליקער זאָג, נאָר אַ רעזולטאַט פון זיין אידייאיש־קינסטלערישער באַ־ציאונג צום גרויסן מייסטער פון רעאַליזם, איז צו זען פון זיין קינסטלעריש־ביאָגראַפישן בריוו צו שרייבער־אָנפאַנגער און לייענער, וואו ער רעדט וועגן „אמת'ן טיפן דערציערישן איינפלוס", וואָס פלאָבער האָט געהאַט אויף אים. „איך געדענק", — שרייבט גאָרקי, — „דאָס 'פראָסטע האַרץ פון פלאָבערן. איך בין געווען ווי פאַרבלענדט און פאַרשטומט פון דער דער־ציילונג. ס'איז געווען שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די פשוטע, באַקאַנטע פאַר מיר ווערטער, וואָס זיינען אויסגעלייגט געוואָרן אין אַ דערציילונג וועגן אַן „אומאינטערעסאַנטן" לעבן פון אַ קעכין, האָבן מיך אַזוי אויפגערודערט?"

אויבנאויפיק איז אוודאי שווער צו באנעמען פארוואס דער אקטיווער ראמאנטיקער פון דער וואלגא, וואס האט געפירט דעם מענטשן פון „אפגרונט״ צו דער זוניקער סאציאל־עטישער העלקייט פון יענער זייט די פינצטערע היילן און טונעלן, — וויאזוי אין זיין נשמה האט געקענט געפינען אן עמאָ־ציאנעל־עסטעטישער אפקלאנג דער פרטימדיקער רעאליזם און נאטוראליזם פון דעם אסקעטישן עפילעפטיקער פון נארמאנדיע; פון יענעם פארנ־נאסיאנער ביי דער סען, וואס האט געהאלטן, אז דער קינסטלער דארף שטיין „אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס״, ווייל „די קונסט איז גרויס גענוג צו פארנעמען דעם גאנצן מענטשן״. וואס פאר א שייכות האט דער באַ־גרינדער פון סאציאליסטישן רעאליזם מיט דעם „קונסט לשם קונסט״־אפאסטאל — פלאבער?

היסטאריש ליטערארישע סכעמאטיקער וואלטן געקענט ענטפערן: פלאָ־בער איז דער געטרייער שילדערער פון דער בורזשואזער עפאכע, וואס אויף איר פנים איז שוין געלעגן דער צייכן פון דעגענעראציע און אומקום; ער האט געגעבן דעם נאריש־אומגליקלעכן גורל פון א טיפ אין א פיליסטערישער סביבה, געכפלט אויף דער לאגע פון דער פרוי, ביי וועלכער עס האט ניט געקלעקט קיין פארשטאנד און הארץ אויף צו באטרעטן דעם אויסוועג פון דער דאזיקע לאגע. עס איז דאך א פאקט, אז פלאבער איז געבליבן אין די גרענעצן פון דעטערמיניזם און אומהיימלעכן פאטאליזם און דערמיט אליין דארף ער דאך זיין פרעמד א ליטעראטור, וואס אטעמט מיט רעוואלט און ציל־באוואוסטקייט.

דעם ענטפער דארף מען זוכן אין דער קרעדא, אינעם גלויבן אין דער שליחות פון ווארט, ביים ווארט־מייסטער אליין. „דאס טיפסטע ביי דעם קינסטלער פלאבער״ — זאגט היינריך מאן — „איז געווען דער געפיל פון זיין איינזאמקייט, וואס האט אים געפירט צו זוכן די ווירקלעכקייט און אויך צום אלגעמיינעם, אומפערזענלעכן, דאס איז זיין קונסט פון אבסאלוטן אמת״.

פון זיין אסקעטישער מאראל האט זיך ביי פלאבערן אויסגעארבעט א פארטראכט, א געדאנקלעכער וועלט־באנעם. דעם געדאנק האט ער אי־בערגעלעבט ווי די ווירקלעכקייט. מיט דער קראפט פון עסטעטישער וויזיע האט ער זיך אריינגעלעבט אין גורל פון זיין פערסאנאזש און די ווירקלעכקייט האט ער דערהויבן צום געדאנק. דערגרייכן די מאראל — האט ער גע־האלטן — קאן מען דורך דער קונסט, דורך פארשטענדעניש פאר דער דעטאל, דורך דענקען אין די ראמען פון דער פארם.

„איך בין אַ מיסטיקער, איך, דער מייסטער פון פאָרם" — זאָגט ער וועגן זיך. די דאָזיקע דערקענטעניש האָט ניט קיין שום געמיינשאַפט מיטן אַבסטראַקטן מיסטיציזם, נאָר מיט געדאַנק, מיט אידייע, וואָס ווערט גע־שטאַלטיקט.

אין אַן עסיי וועגן דעם „רעאַליסטישן ראָמאַן" האָט אַ סאָוועטישער קריטיקער ק. לאָקס געוואָלט באַווייזן, אַז דווקא אין „מאַדאַם באָוואַרי", וואָס איז ביים שרייבער געווען פאַרבונדן מיט די פיינלעכסטע זוכענישן פון פאָרם, האָט פלאָבער באַוויזן צו שאַפן אַ ווערק, וואו די אַבסאָלוטע פּינקטלעכקייט פון די דעטאַלן פירט שוין צו פילאָסאָפישע שלוסן. „איבער־זעצט אויף דער שפּראַך פון לאָגיק קאָן דער ראָמאַן אויסהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט ספּינאָזאָס עטיק".

„אַ פאַרגלייך מיט ספּינאָזאָס עטיק" — דערמיט עפנט זיך אַ צוגאַנג צו דער פאַרשטענדעניש פון פלאָבערס עסטעטישן געדאַנק, צו זיין דעטערמיניזם, וואָס איז אַ שפּינאָזאַאיסטישער און דערפאַר אויך אַן עטישער.

„עס איז פאַראַן נאָר איין־און־איינציקע רעאַליטעט, וואָס פון איין זייט איז ז׳ אויסגעשפּרייטקייט, פון דער אַנדערער — דענקען, באַוואוסטזיין. ס׳איז די גאַנצקייט פון אַלע אידייען, וואָס זיינען צווישן זיך פאַרבונדן אין דער זעלבער אָרדנונג, אין וועלכער עס זיינען פאַרבונדן די אויסגעשפּרייטע קערפּער. קאָן דען דאָס אָפּבילד אין שפּיגל ווירקן אויף דער זאַך, וואָס עס שפּיגלט אָפּ? אַזוי קען אויך דאָס דענקען ניט אַריינווירקן אויף דער מאַ־טעריעלער וועלט. די נאַטור־געזעצן, לויט וועלכע עס טוט זיך אַלץ און לויט וועלכע אַלץ גייט אַריבער פון איין סאָרט פאָרם אין דער אַנדערער, זיינען אומעטום און שטענדיק די זעלביקע" (אַריינפיר אין דער „עטיק").

אין אַנדערע ווערטער: דענקען און די זאַך, אידייע און געשטאַלט איז דאָס אייגענע. אידייע איז אָבער ניט סתם פרייע מחשבה וואָס ווייסט ניט פון קיין צוים, נאָר עס איז אַן אויסגערעכנט דענקען, מאַטעמאַטיש מיט אַ צירקל און מיט אַ ליניע. יעדעס וואָרט צוגעמאָסטן און אָפּגעמאָסטן, כמעט קיינמאָל ניט צוגעטראַכט. דאָ ליגט דער גרונט־אונטערשייד צווישן סתם טראַכטן און דענקען. טראַכטן קאָן מען וועגן אַלצדינג. ס׳איז די פאַרשטעלונג, אויסגעטייטשט אין ווערטער. אַ מענטש קאָן זיך פאַרשטעלן אַ פערד מיט פליגל, כאָטש אין דערווירקלעכקייט איז אַזאַ זאַך ניט בנמצא; דענקען איז אַ העכערע מדרגה. ס׳איז דאָס געלייטערטע, דורכגעזיפּטע טראַכטן. ס׳איז די באַמיאונג זיך דערגרונטעווען צום לעצטן גרונט, צום מהות פון דער זאַך,

און ווען דורכגעטראַכט איז די פאָרשטעלונג פון אַ פערד מיט פליגל אַן אוממעגלעכקייט, ווייל ס'איז ניט אין איינקלאַנג מיט דערווירקלעכקייט. און דערפאַר איז נאָר דאָס ווירקלעך, וואָס איז אמת, און נאָר דאָס איז אידייע, וואָס איז ווירקלעך. און דאָס איז דער עצם פון דער קונסט. איר עכטקייט און גרויסקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט גרענעצן, ווי דאָס דענקען, וואָס איז אין די ראַמען פון געשטאַלט. בלויז אַזאַ דענקען, וואָס ווייסט פון גרענעצן, וואָס מאָלט ניט קיין פאַנטאַזיעס, אָט ווי אַ לייב, און אָט ווי אַ שלאַנג, אָדער אַמאָל ווי אַ וואָלקן און אַמאָל ווי אַ וואַלד. קונסט שטעלט זיך אָפּ וואו עס הערט אויף דאָס געשטאַלט.

שפינאָזאַ האָט דורכגעפירט אין זיין סיסטעם דעם שטרענגסטן מאָניזם. די מאַטעריע און דער גייסט זיינען ניט קיין צוויי זעלבסטשטענדיקע זאַכן, וואָס זיינען פאַרשיידן אין זייער מהות. די מאַטעריע (אויסשפרייטונג) און דער גייסט (געדאַנק) זיינען, אין זיין וועלט־בילד, צוויי זייטן פון איין מטבע. דענקען, לערנט ער, איז נאַטור, וואו עס איז ניט פאַראַן קיין צעשפּאַלטונג און צעטיילונג. ס'איז איין אָרדנונג. דאָס וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דער אָרדנונג פון זאַכן — און די אידייען — איז עטיש; דאָס וואָס ברענגט כאַאָס אין לעבן, צעשטערט דעם גלייכגעוויכט, איז אומעטיש.

„פון דעם דרינגט במילא ארויס די שיטה פון צוימען די ליידנשאַפטן, דער מהות פון אַלצדינג איז — א י ז. ווען מען דערהייבט זיך צו אַזאַ מדרגה פון פאַרשטיין דעמאָלט ווערט מען במילא מאָראַליש, ווייל מען האָט דערגרייכט די „שכלדיקע ליבע" צו זיך, און צו דעם, וואָס איז פונקט אַזוי ווי „איך" אַליין, צו דעם „אַנדערן", וואָס מיר טראַכטן בלויז אַז ס'איז אָפּגעטיילט פון אונז, אָבער וואָס איז אין דער אמתן די איין־און־איינציקע ווירקלעכקייט: אידייע — זאַך" (א. קאָראַלניק, געשטאַלטן און געדאַנקען)·

דאָס טיפערע צוקוקן זיך צו זאַכן אין דער וועלט פירט צו דער אויס־לייטערונג פון מענטשלעכן איך און מאַכט אים שטרענג עטיש. אין טיפערן קינסטלערישן זין, איז דאָס גוטע און שלעכטע ניט קיין זאַך פון גוטסקייט אָדער פאַרדאַרבונג, נאָר פון עסטעטישן טעם, פון וויסן און דערקענטעניש. ערשט אַזוי ווערט פאַרשטאַנען די קונסט פון פלאָבערן. דאָס ראָמאַנטישע לעבן איז ביי אים מגושמדיק, חושמדיק, און דווקא דאָס נאַטוראַליסטישע האָט, אין לעצטן סך הכל אַ גייסטיקן זין.

„מאַדאַם באָוואַרי — דאָס בין איך" האָט פלאָבער געזאָגט אין זיינע

בריוו. דער ראָמאַן וועגן דער טראַגעדיע פון עמאַ באָוואַרי, וואָס דערפירט איר פאַנטאַסטיש לעבן צום גרענעצלאָזן אומעט, איז אַ מייסטער און מוסטער־ווערק פון דערווירקלעכקייט און איז אַן אידייע, וואָס קוועלט פון עצם באַ־נעמען דאָס לעבן, ווי עס א י ז. דאָס געשטאַלט פון עמאַן וואָרצלט אינעם שרייבערס טראַגישע איבערלעבונגען, ווען ער האָט אַליין באַקעמפט זיינע שוועמוטיקע געפילן און איז דערגאַנגען צו אַ דערקענטעניש, אַז עס זיינען דאָ גרענעצן און אַן „אָרדנונג", און באַנומען, אַז די ראָמאַנטיק איז פאַרמשפט אומצוקומען אויף די גראָטעסקע און קרומע וועגן פון לעבן.

דער שרייבער אַליין זאָגט ניט קיין ביטער וואָרט וועגן זיין העלדין, נאָר פון זיינע שורות לויכט דורך די געדאַנקלעכע איראָניע, דער דינער ביטול, וואָס גיט זיך איבער דעם לייענער.

„ברייטער ווי דער ים האָט פאַריז געגלאַנצט פאַר עמעס אויגן אין אַ ראָזער אַטמאָספער. דאָס לעבן האָט זיך דאָך געטיילט אין חלקים („אָן אָרדנונג") קלאַסיפיצירט אין באַזונדערע בילדער, וועלכע האָבן אינגאַנצן פאַרשטעלט פאַר איר די גאַנצע וועלט... פול מיט אידעאַלער אַמביציע און פאַנטאַסטישער משוגעת. דאָס איז אַ לעבן, העכער פון אַלע לעבנס, אַ לעבן, וואָס הענגט צווישן הימל און ערד — עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. די איבעריקע וועלט האָט זיך ערגעץ פאַרלוירן, זי האָט נישט קיין באַ־שטימטן אָרט ,פּונקט ווי ס'וואָלט אינגאַנצן נישט עקזיסטירט. וואָס נע־ענטער ס'האָט זיך עפּעס געפונען לעבן איר, אַלץ ווייטער האָט זי עס אַוועק־געשטויסן, אַלץ וואָס האָט זי אוממיטלבאַר אַרומגערינגלט — דאָס לאַנג־ווייליקע דאָרף, די קליינע באַגרענעצטע בירגער, דאָס גרויע לעבן — דאָס אַלץ האָט אין אירע אויגן אויסגעוויזן ווי עפּעס אַן אויסנאַם אויף דער וועלט, ווי אַ צופעליקייט אין וועלכער זי איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן, בעת ווייטער האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אַן אָנסופיקע וועלט פון גליק און תאווה. אין אירע אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען האָט זי אויסגעמישט דעם ליידנשאַפטלעכן לוקסוס מיט דער מנוחה פון האַרץ, דעם עלעגאַנץ פון רגילות — מיט דער צאַרטקייט פון געפילן".

און גאָר גראָטעסק קוקן שוין אויס די באַפליגלטע ווערטער פון דער איינזאַמער העלדין, וואָס וויגט זיך אין דער פּוסטער סענטימענטאַלקייט, אין פלאָבערס רייד, וואָס טראָגן אַזאַ פאַרזיכטיקן פּאָעטישן כאַראַקטער.

„די השתפכות הנפש דריקט זיך טיילמאָל אויס אין פּוסטע מעטאַפאָרן, היות קיינער קען קיינמאָל נישט די גענויע מאָס פון זיינע באַדערפעניש,

פון זײַנע לײַדן, װײַל דאָס מענטשלעכע װאָרט איז װי אַ צעפּלאַצטער קעסל, אויף װעלכן מיר קלאַפּן אויס מעלאָדיעס, כדי בערן זאָלן טאַנצן, דעמאָלט װען מיר װאָלטן געװאָלט רירן די שטערן״.

פלאָבערס תּלמיד, עמיל זאָלאַ, װאָס האָט פאַרשטאַנען דעם סוד פון זײַן מײַסטערס פאָרם, האָט געשריבן װעגן „באָװאַרי״: „דער קלענסטער פּרט האָט דאָ גװאַלדיקן אינטערעס, װײַל דאָס װאַרפט אַ ליכט אויף דער דראַמע פון אַלטעגלעכן לעבן״. פלאָבערס אידייע דריקט זיך אויס אין דעם, װאָס ער האָט פאַרשטאַנען אַז װיסן די גבולים איז װיכטיקער װי טרערן, אַז די פאָרם איז דער שמעלצטיגל און דער פּראָװאָציון פון געדאַנק, ניט נאָר פון פאַנטאַזיע.

„מײַן אָרעמע מאַדאַם באָװאַרי לײַדט און װײנט אין דער זעלבער צײַט אין צװאַנציק דערפער״ — האָט פלאָבער געשריבן דעם 12 טן אויגוסט, 1853. אַזױ האָט ער טיפּיזירט דינאַרמאַנדער פּויערשע טאָכטער און איר רעװאָלט קעגן נודנעם לאַנגװײַל און די טריװיאַלקייטן פון איר פאַרהייראַט לעבן. זי איז אין תּוך ניט געװען גענוג ראַציאָנאַל־פאַרשטענדיק און האָט דאָך פאַרמאָגט גענוג װילן צו לעבן אין אירע חלומות. ניט קענענדיק אָנמערקן די גרענעצן צװישן טרוים און װירקלעכקייט, איז זי געפאַלן אַ קרבן פון איר אייגענער דרייסטקייט און יענעמס עגאָאיזם.

מיט עמאַ באָװאַרי האָט פלאָבער סימבאָליזירט די גײַסטיקע חולאתן און די אַגאָניעס פון געװיסע נשמות. „באָװאַריזם״ — זאָגט אַ פראַנצױזישער קריטיקער — „איז אַ טערמין פאַר דער אַנטװיקלונג פון אַ מין היפּער־סענסיבילקייט, װאָס פירט צו לײַדן. אונדזער פאַנטאַזיע, פאַרשאַרפט פון ראָמאַנטיק, הייבט אָן צוצופאַרבן די רעאַליטעט, ביז עס קומט די אַנטױשונג. אָנשטאָט אַקצעפּטירן זיך אַלײן און אַנדערע װי מיר און זיי זײַנען, װערן מיר די שפּיל־אָביעקטן פון אַ אומברחמנותדיקער זעלבסט־נאַרערײַ; מיר װערן שרעקלעך ערנסט אין אונדזער ניט־ערנסטקייט. די רעאַליטעט איז זיך נוקם מיט שטרענגן משפּט״. (הענרי פּיער, דערפאַרונגען אין ליטעראַטור, 1962).

פלאָבער האָט זיך אַלײן פאַרשלאָסן אין דער שטרענגסטער פאָרם פון דער שײנקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז אַזױ װי אַ גאָלדשמידט שמידט זײַן צירונג אין אַ פּערפעקטער כּלי, אין אַן אַדעקװאַטן פורעם, אַזױ דאַרף זיך דער מענטש אײַנשמידן אין זײַנע גבולים, בינדן זײַן פאַנטאַזיע, זײַן שטורמישן פאַרלאַנג, זײַן ליבע און תּענוג צו דער צורה, „װי די לאָקן פאַרפלאָכטן אין אַ צורה״.

קינסטלערישע מענטאַליטעט און אידייע רופן זיך איבער מיט אידייען און סטיל פון פריערדיקע דורות. אינעם רעאַליזם פון דעם אַנאַטאָם פון וואָרט, אין ריטמישן געלאַף פון זיין שורה, באַגעגנט זיך פלאָבער, וואָס איז כולו אָריגינאַל, מיט צוויי פּאַרחלומטע יידן, וואָס האָבן געלערנט און אַנטוויקלט די מוסר־לערע וועגן דער עטישער וואַכזאַמקייט פון מענטשן ער זאָל וויסן זיינע גרענעצן. איינער איז דער גאון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, וואָס האָט בשעתו, ביי די ברעגעס פון ניעמאַן אין קאָוונע, געוואָלט דערהייבן דעם בן אדם דורך עטישן אַסקעטיזם, אים לייטערן דורך פרישות און נזירות. דער צווייטער איז דער עקזאַלטירטער מקובל און גאון פון מחשבה — דער מהר״ל פון פראָג.

„לאַנג, לאַנג האָב איך נאָך געשפּירט אויף מיין צונג דעם טעם פון איר סם״ — האָט דער אַסקעט פון באַרמאַנדיע געשריבן „אין יענע נעכט צווישן מיר און מיין שאַפונג״. מיר לייענען יענע סצענע וואו ער מאָלט דעם פאַטאַלן סוף פון זיין העלדין, יענעם בין השמשות, ווען דער מחבר מיט זיין העלדין האָבן דערגרייכט די שטייגערונג פון ליידן, ווען די ליידנשאַפט האָט זיך אויפגעלייזט אין דער האַרבער רעאַלקייט.

„דער באָדן אונטער אירע פיס האָט זיך געוואַקלט, ווי אַ ים, און די לאַנגע בייטן האָבן געמאַכט אויף איר דעם איינדרוק פון אומגעהייערע שוואַרצע כוואַליעס, וועלכע האָבן געברויזט... זי האָט געפילט, אַז איר נשמה פאַרלאָזט זי ביי די דאָזיקע דעראינערונגען וועגן די סיבות פון איר שרעקלעכן מצב, פונקט ווי סכנהדיק פאַרוואונדעטע ביי דער גסיסה, וואָס פילן, אַז דאָס לעבן פליט זיי אַוועק דורך דער וואונד... די נאַכט איז צוגעפאַלן, קראָען זיינען אַנגעפלויגן״.

אָט די שוואַרצע קראָען האָבן צוגעלייגט די אידייאישע טיפקייט צו דער גרויסער לייד־קייט פון דער „קליינשטעטלדיקער טראַגעדיע״.

פלאָבערס ריטם, וואָס איז איינס מיטן וואָרט שאַפט האַרמאָניע צווישן זיין בילד און געדאַנק. עס שווימט אַרויף די אידייען־אַסאָציאַציע מיט דעם פרומען ליטווישן מוסרניק אין זיין „אגרת המוסר״, דער מאַניפעסט פון די ליטווישע „מוסרניקעס״.

„דער מענטש איז אין זיין דמיון פריי,
און אַ געבונדענער דורך זיין געדאַנק,
זיין דמיון קרייזט אַרום זיין האַרץ,
ווי אַ רויב־פויגל אַרום זיין פאַנג,

אין זינד ליגט די באַשטראָפונג,
און זאָל אַ מענטש ניט זאָגן:
פאַרוואָס זאָל איך אַ פרעמדע שטראָף
בחנם דאַרפן טראָגן?
אַ, קיינער קומט דיר ניט צו הילף
דיך אויסצולייזן פון יסורים,
זאָל ווערן דיין געדאַנק דיין רודערער,
און ער וועט פירן דיך אין שטורעם".

(חיים גראַדע, "מוסרניקעס")

אַזוי באַגעגנט זיך סאַלאַנטערס יאָמער נאָך שלימות, זיין קלאָג נאָך באַהעפטונג מיט יסורים פון מענטש, מיט דער געלייטערטער פּראָזע פון נזיר ביי דער סען... די אַסאָציאַציע מיט סאַלאַנטערן איז נאָר אין איין שפּליטער פון ביידנס "חתוך־המחשבה" (געדאַנקען־ריטם). די ענלעכקייט צום געשטאַלטיקטן געדאַנק פון מהר"ל פון פּראָג איז אַן ענלעכקייט פון קאָליר און בילדערישן קלאַנג.

"מציאות" און "העדר" — ווירקלעכקייט און ניט דערגרייכבאַרקייט, דאָס זיינען באַליבטע טערמינען וואָס דער מהר"ל נוצט אין זיינע ספרים. אין אַ פּירוש אויף אַ תלמודישן טעקסט וועגן אַ "סוטה", אַן אָפּקערערישע פרוי, איר זינד און שטראָף, שרייבט דער מהר"ל:

"די סוטה האָט אַריינגעטאָן אירע אויגן אין אַ זאַך, וואָס איז ניט איר מציאות, (רעאַליטעט) ,וואָס זי האָט ג ע וו אָ ל ט האָט זי ניט דערגרייכט, און וואָס זי האָט יאָ ג ע ה אַ ט ווערט ביי איר אָוועקגענומען... זינד איז דאָס ניט דערגרייכבאַרע אין דער רעאַליטעט, אויב אַ מענטש שטרעבט צום אומדערגרייכבאַרן ווערט ער איינל מיט דעם העדר און באַקומט אים".

און עס בעט זיך ממש אַ פאַרגלייך צווישן דער גסיסה־סצענע אין ראָמאַן פון נאָרמאַנדיער עסטעט און אַ בילדערישן געדאַנק פון גאון פון פּראָג. די ענלעכקייט, דער צד השוה איז אפילו בולט אין דער פּלאַסטישער זייט פונעם בילד: ביי פלאָבערן:

"ער האָט געזאַלבט צום ערשטן די אויגן, וועלכע האָבן אַזויפיל באַגערט די עולם־הזהדיקע פּראַכט; די הענט, וועלכע האָבן געהאַט תענוג פון די תאווהדיקע צורירונגען, און שפּעטער די פיס, וועלכע זיינען אַזוי שנעל געלאָפן כדי צו באַפרידיקן די תאווה און וועלכע וועלן שוין איצט מער ניט גיין".

דער מהר"ל זאָגט וועגן עונש, דער שטראָף פון אַ „סוטה":

„דער עונש איז תמיד אין דער זעלבער מאָס, שטענדיק אין פּראָפּאָרץ צו דער זינד. זי האָט זיך אויסגעצירט פאַר עבירות, ווערן פריער געשלאָגן אירע הענט, נאָכדעם די פיס, דער בויך, דער גאַנצער גוף".

„תהום רופט זיך איבער מיט תהום". אויך — „תאום" (אין העברעאיש באַדייט „תאום" אַ צווילינג). אין דער אָפּגרונטיקייט פון געדאַנק און בילד, פון אידייע און געשטאַלט, ווערן אפילו פאַרצווילינגט סטיל־פאָרמען.

„פלאָבער פאַר ווּעמען דער אמת איז געלעגן אין שיינקייט און די שיינקייט אין אמת". ער האָט געשטרעבט און געחלומט וועגן אַ ווערק וואָס זאָל איבערגעבן דאָס לעבן פון גרויסן זינדיקן און זיין לייטערונג. ער האָט געוואָלט ציען די ליניע איןביידע ריכטונגען, צום ערשטן צו דער שווערער זינד און נאָכדעם צו דער האַרבער לייטערונג. די זינד איז דער כאַאָס, דאָס צעשטערן די האַרמאָניע פון בעל חי; די הייליקייט — די עניוות און ליבע, די הכנעה פאַרן לײדנדיקן, גאַרניט האָבנדיקן. און דעמאָלט, אין דער „שקיעה פון זיין לעבן" האָט ער אָנגעשריבן „די לעגענדע וועגן הייליקן יוליאַן", — „דעם מכניס־אורח; אָט אַזוי אומגעפער שילדערט מען זי אויף אַ פענצטער פון קאַטעדראַל אין מיין היימשטאָט".

אין דער דערציילונג זיינען דער ריטם, דער קלאַנג און דאָס בילד אַזוי פאַראייניקט, ווי צונויפגעגאָסן אין איין מעטאַלענעם פורעם. די אידייע איז דאָ אויסגעדריקט מיט דער סוקולפּטאָרישער קלאָרקייט פון אַ קאַטעדראַל.

יוליאַן, אַ זון פון רייכע, פרום־קאַטױלישע עלטערן האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דער קונסט פון יאָגד. אין די וועלדער און אויף די פעלדער, — אומעטום האָט ער געשליידערט זיין גיפטיקע פייל. „ער האָט דערקענט אַ הירש לויט זיין מיסט, אַ פוקס לויט זיינע שפּורן, דעם וואָלף — לויט זיין נאָרע". די אַלע חיות האָט ער געהאַקט און געבראָקט מיט זיין שווערד. סאַרנעס, קורפאַטקעס, טכוירן, פוקסן, אַלץ האָט געגעסן זיין שווערד. „זיי האָבן זיך געדרייט אַרום אים, האָבן געציטערט און זייער בליק איז געווען פול מיט צאַרטקייט און תחנונים". ער איז געגאַנגען און האָט געזייט רציחה, גסיסה און מיתה. ער האָט זיין נאַטור־עלעמענט פאַרטרויט דעם ווילד־וואַלד, וואָס אויף זיינע ביימער האָט ער אויסגעהאַנגען די וואונד־געשרייען פון דער חיהס געשונדענער הויט.

איינמאָל האָט ער באַמערקט אַ הירש, אַ הירשן און זייער קינד. דער

הירש האָט געהאַט הערנער מיט זעכצן אָפּצווייגונגען, די הירשעכע איז געווען געל ווי טרוקענע בלעטער, און דאָס קליינע הירשעלע האָט אין גאַנג געזויגן דער מאַמען. ער האָט זיי אַלע דריי אַוועקגעלייגט. אין גסיסה־כאַרכל פון הירש האָט ער אַרויסגעהערט ווערטער: „פאַרשאָלטענער, ס׳וועט קומען אַ טאָג, אכזריותדיק האַרץ, ווען וועסט הרגענען דיין טאַטע־מאַמע״. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט, נאָר ס׳האָט זיך אים געדאַכט „ווי ס׳וואָלט זיך אויף דיביימער פון הימל געגאָסן אַ רעגן מיט שטערן״.

טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן זיינען געגאַנגען. „און אַז עס זיינען ניט געווען קיין חיות האָט זיך אים פאַרוואָלט הרגענען מענטשן״. אין איין טאָג זיינען יוליאַנס עלטערן געקומען צום זון צוגאַסט. ער איז געווען אויף יאַגד און זיין ווייב האָט געגרייט פאַר די עלטערן אַ געלעגער. שפּעט ביינאַכט איז יוליאַן צוריקגעקומען. ער האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט, ניט געוואָלט איבערוועקן דאָס ווייב. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און דערזען אַ בערדיקן מאַן ליגן אין בעט מיט אַ פרוי, מיט „זיין״ ווייב... בליץ־שנעל האָט ער אַריינגעיאָגט זיין שווערד אין ביידנס הערצער... „און אַז ער האָט זיך צוגעהערט צו זייער גסיסה־כאַרכל האָט ער דערקענט דאָס רעווען פון אַ גרויסן שוואַרצן הירש״...

ס׳איז געקומען די נקמה און געמאַכט אַ סוף צום עסטעטישן סאַדיזם פונעם ווילדן יאַגד־מענטשן. ס׳רשעות צום בעל־חי האָט זיך אין אים נוקם געווען. די סטאַאישע ליידן פון חיות ווערט אַ ווינקלשטיין פאַרן פיינלעכן געוויסן פון טראַגיש־אכזריותדיקן מענטשן.

יוליאַנס ערשטער געדאַנק איז געווען: זעלבסטמאָרד. נאָכן מאָרד פון זיינע עלטערן האָט „זיין אייגענע פערזאָן אין אים אַרויסגערופן אַן עקל״. ס״וואָלט אוודאי לייכטער געווען פאַרן גרויסן שילדערער פון עמאַ באָוואַריס לעצטן טאָג צו מאַלן די דעקאַראַציע פון לעצטן טאָג אינעם לעבן פונעם טאַטע־מאַמע מערדער. פלאָבער האָט אָבער מוותר געווען אויף דעם דראַמאַטישן עפעקט, ווייל ער האָט געוואָלט געבן די לייטערונג, וואו דאָס עסטעטישע גיסט זיך צונויף מיטן עטישן, די עסטעטיק, שיינקייט וואָס שרייט מיט דער שיינקייט וואָס שוויגט. יוליאַן האָט געמאַכט אַ שטילע לוויה נאָך די עלטערן און נאָכדעם פאַרלאָזן זיין פרוי, דעם שלאָס און זיין פאַרמעגן און איז „אַוועק אין דער וועלט און געלעבט פון שנאָרעריי. אויף די קני פלעגט ער פאַלן פאַר די פעלד־אַרבעטער און אויסשטרעקן זיין האַנט, און אַ געדאַנק איז אַריין אין אים הייליקן זיין לעבן פאַר אַנדערע״. ער האָט אויף זיך גע־

נומען די לייטערונג פון דאַנטעס גיהנום כדי דערגרייכן די ריינסטע ליבע, אָט־די ליבע ווי דאַנטע האָט געזאָגט, „גייט פאַראויס יעדן וויסן".

„בעטלערשאַפט איז די העכסטע באַרעכטיקונג פון מענטשנשאַפט. דער גרענעץ־פונקט צווישן מענטשלעכן און אונטערמענטשלעכן, און ווייל אַזוי — דער איבערגאַנג צו דעם איבערמענטשלעכן. פראַנציסק פון אַסיסי האָט זיך אויסגעליידיקט פון אַלע מענטשלעכע האָבשאַפטן און אויסגעשטרעקט די האַנט צו בעטלען און די אויסגעשטרעקטע האַנט האָט געוויזן בייע מענטשלעכע האַריזאָנטן" (א. קאַראַלניק, שריפטן, באַנד 1).

יוליאַן איז געוואָרן אַ בעטלער און האָט דערגרייכט די לעצטע מדרגה פון מענטשלעכער איזאָלירונג. ער איז געוואָרן אָפּהענגיק פון אַלע און אויך צוגעבונדן צו אַלע. ער האָט געוואַנדערט אויף איינזאַמע וועגן, ביי אומעטיקע לאַנקעס און טריבע טייכן ביז ער האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד־שטיבל און האָט דאָרט דערגרייכט דעם „טריאומף פון גייסט".

אין שטיבל איז אַריינגעקומען אַ קרעציקער בעטלער, „אַ מענטש איינגעהילט אין שמאַטעס, אַ שוידערלעכע קרעץ האָט באַדעקט זיין קערפּער". דער מכניס אורח האָט געבראַכן ברויט מיטן וואונדיקן בעטלער און נאָכדעם זיך אַריינגעלייגט מיטן אורח אין איין בעטל כדי צו דערוואַרעמען זיין קאַלטן גוף. „ער האָט דערפילט לעבן זיינע היפטן די באַרירונג פון קרעציקנס הויט, וועלכע איז געווען קעלטער פון שלאַנגען־פעל און קרעציק ווי אַ זעג". דעם אומגליקלעכן איז נאָך אַלץ געווען קאַלט האָט זיך יוליאַן אינגאַנצן אַוועקגעלייגט אויף אים, מויל צו מויל, ברוסט צו — ברוסט. דעמאָלט האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעצונדן מיט אַ גלאַנץ פון שטערן, זיינע האָר האָבן זיך פאַנאַנדערגעצויגן ווי די שטראַלן פון דער זון; דער הויך פון זיינע נאָזלעכער האָט געהאַט דעם זיסן ריח פון רויזן; פונעם פייער האָט זיך געצויגן אַ ריח פון קטורת און דער וועלכער האָט אים כסדר געדריקט אין זיינע אָרעמס איז אויסגעוואַקסן אויסגעוואַקסן... יוליאַן האָט זיך אויפגעהויבן אין דער ריכטונג צו די בלויע שטחים, פנים אל פנים מיט קריסטוסן".

ווי דער גאָלדשמיט פאַרקריצט אינעם גוף פון אַ מעטאַלגאָס לויטערלויכטנדיקע סימנים, אַזוי האָט דער פראַנצויזישער מייסטער אַריינגעלויכטן מיט עטישן זין אין דער עסטעטישער פאָרם. ער האָט איבערגעשמאָלצן זיין אייגענעם נזירותדיקן ליידן. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער אַלטער קאַטעדראַל און אַראָפּגעלייענט דעם אַלטן יידישן פסוק, וואָס אויף אים איז דאָך אויפגעבויט געוואָרן אַ גאַנצע מיטאָלאָגיע און הונדערטער קאַ־

טעדראַלן ג „גווי נתתי למכים" — „איך האָב געגעבן מיין באַק צו דעם וואָס וויל זי שלאָגן". ער האָט דערגרייכט די העכסטע ליבע. גאָרניט איז זיינס, אַלץ איז יענעמס. דעם שרייבער איז דאָס בילד אַזוי היימיש געוואָרן, אַז ער האָט אין דער דערציילונג צונויפגעשמאָלצן אַלע עלעמענטן פון דער וואָרט־קונסט, דעם רעאַליסטישן, דעם לעגענדאַרישן. ער האָט געשאַפן אַ געשטאַלט, וואו דאָס מאָראַלישע און דאָס שיינע האָבן זיך באַהעפט, און זין און פאָרם זיינען געוואָרן איינס, ווי גוף און נשמה. — „און שיינקייט פון נשמה איז דאָס שענסטע דאָך".

פון פרייען שפּיל צו תשובה

אויפן ראַנד פון אָסקאַר וואַילדס „ממעמקים" — „דע - פּראָפונדיס"

„אויך פון דער צעלאָזענער פרייקייט וועט קומען דער ליבער יאָך. גילדענע געפלעכטן וועלן זיך צונויפהעפטן און אויפגיין פון דער וועלטלעכער פּאָעזיע און אַ בלענדיקע תשובה וועט דאַן אַרויסקומען פון דער וועלטלעכער ליטעראַטור. די געפילן פון תשובה אין זייער גאַנצער פּראַכט, מיט אַלע טיפסטע נשמה דעמערן, מוזן זיך אַנטפּלעקן אין דער ליטעראַטור... און דער סוף פון אַלץ וועט זיין תשובה, וואָס ברענגט רפואה און גאולה צו דער וועלט" הרב אַברהם יצחק קוק ז"ל)

אין דער מחשבה פונעם ישיבה־תלמיד, וואָס האָט „געגאָסן וואַסער" אויף די הענט פון דעם „רבין פון די חלוצים" מיט קאַרגע דרייסיק יאָר צוריק האָבן די באַפליגלטע שירה־ווערטער וועגן ליטעראַטור און תשובה געפלעמלט מיט אַ באַזונדער צוציאונגס־ליכט. קיין גרויסער בקי אין דער ליטעראַטור איז דער יונגער תלמיד נאָך ניט געווען, און ס'איז שווער געווען צו געפינען אַן אָנשפּאַר אין דער ליטעראַטור פאַר אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלער טעזע, אַז פון „דער צעלאָזענער פרייקייט" פון אַ ליד אָדער נאָוועלע וועלן אויפגיין „תשובה־געפילן".

ס'האָבן געמוזט אָפּלויפן דריי צענדליק יאָר נאָך דער הסתלקות פונעם רבין און נאָכדעם ווי מען איז אַריינגעטראָטן אין פּרדס פון דער וועלט־ליטעראַטור און עס זאָל קלאָר ווערן, אַז די ווערטער זיינען ניט סתם קיין מליצה, נאָר ווערן געדעקט מיט די גאָלד־ווערטן פון גרויסער ליטעראַטור.

ווען מען בלעטערט אין די כתבים פונעם גאון הדור און גאון פון דויער, וואָס איז אַליין געווען אַ דיכטער, ווערט מען ממש נשתומם פון זיינע מחשבות

און בילדערישע סענטענצן, וואָס האָבן אידייאישע שותפותדיקייט און זייִנען ענלעך צו די וואָרט־בילדער פון ליטעראַטור־גדולים ביי די אומות העולם. איז עס אַ צופאַל, וואָס צווייִ דיכטער־נביאים האָבן גערעדט אין איין סטיל? למשל, דאַנטע און עמנואל הרומי, שעלי און בן גבירול, אָדער דאָס האָט דער קוואַל פון צייט איבערגעפירט בילדערישע וויזיעס פון קדמונישע יידן צו פּאָעטן און דערציילער פון וועלטן? אין די ספערעס פון גייסטיקער שאַפונג גיט איין דור איבער צום אַנדערן אַ וואָרט און אַ וויזיע און דיכטער פון פאַרשיידענע פעלקער פאַרקריצן ענלעכע בילדער, אפילו ווען איינער פאַרשטייט ניט דעם אַנדערנס לשון דורך פאַרבאָרגענע קאַנאַלן שטראָמען השפּעות. אַוודאי געפינט מען מער מחשבה־אויסדרוקן ווי בילדערישע ענלעכקייטן, אָבער אויך פאַרצווייגטע בילדער זייִנען ניט זעלטן.

וואָרט־קינסטלער פון פאַרשייענע לאַנדשאַפטן און פסיכיש־גייסטיקע קלימאַטן רעדן אָפט די זעלבע שפּראַך וועגן מענטש, חיה, שטערן און גראָז, ליידן און טרערן. זיי באַרירן זיך און דערנעענטערן זיך. דער חוזה פון ירושלים זאָגט שירה און דער עסטעט פון לאָנדאָן ענטפערט אים מיט אַ קול. „דער גאַנצער באַשאַף אָטעמט אינאיינעם" — האָט געזאָגט אַ גריכישער חכם — דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן אויף קינסטלערישער שאַפונג.

דער לעבנס־לוסטיקער געניסער אויף די לאַנדאַנער באַלן און אי־טאַליענישע קונסט־זאַלן, אָסקאַר וואַילד, האָט געהאַלטן, אַז קונסט און מאָראַל זייִנען צוויי באַזונדערע זאַכן. „עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ מאָראַליש אָדער אוממאָראַליש בוך. ביכער זייִנען אָדער גוט אָדער שלעכט אָנגעשריבן". די עסטעטישע קונסט איז שענער פון מעשה־בראשית. קונסט פאַרשענערט דעם פּרימיטיוו און איז רייכער פון יעדער ווירקלעכקייט. אַזוי האָט גערעדט און לויט דעם באַגעם האָט ער געשאַפן זייִנע ווערק, וואַילד, דער ריז מיטן גרויסן קערפּער און די ברייטע הענט און מיט דער זילבער־קלינגענדיקער שטים, וואָס האָט באַוועלטיקט און פאַרכשופט יעדן וואָס האָט זיך געפונען אין זייִנע פיר איילן.

וואַילד האָט געוואוסט, אַז אַזאַ לערע וועגן קונסט, וואָס „איז העכער פון לעבן" קאָן ווערן אַ קוואַל פון פאַרדאַרבונג פון די זיטן, אַן אָפענע דער־מוטיקונג צו קערפּערלעכער אויסגעלאַסנקייט, אויך אָפּיום פאַרן פאָלק, — אָבער דאָס האָט אים ווייניק געקימערט. דער געזאַלבטער פּריסטער אינעם קונסט־טעמפּל, האָט אָסקאַר וואַילד, דער פּאָעט־דראַמאַטורג, געהאַלטן, מעג

דאַרף אַראָפּנידערן אין די מ"ט שערי טומאה און פון דאָרטן צוריק אַרויפ־בריינגען הויפּנס שיינקייט בונטן גראַציע. אַלס תנאי צו דערגרייכן די עסטעטיש־אויסגעפּוצטע גאַנצקייט האָט וואַילד געשטעלט די דערשיטערונג פון די חושים און דאָס טועם זיין פון אַלע חטאים אויף דער וועלט... זיין „שוואַנען־געזאַנג": „דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי".

דאָס פּנים פונעם העלד ווערט אויף דער עלטער באַדעקט מיט שטריכן פון זינלעכער תאווה און סאַדיזם נאָר ער בלייבט דער חנוודיקער יונגערמאַן ווי ביי זיינע איין־און־צוואַנציק יאָר. צום סוף וויל ער פאַרניכטן דאָס בילד און דער מעסער טרעפט אין זיין ברוסט. דעמאָלט באַקומט דאָס בילד די געשטאַלט פון דעם שיינעם, דעם שענסטן, כאָטש אויף דער ערד ליגט טויט, ווי אַ נבלה, דער אַלטער בעל־תאווה און פאַרברעכער.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע טעאָריע פון „קונסט לשם קונסט" וועט קיניגן אויף אַלע אייביקייטן, אָבער עפּעס איז געשען אין לעבן פון „לעבנס קעניג", און די געשעעניש האָט צעשניטן זיין לעבן אויף צוויי טיילן און פאַרברענט ביז ווייסן אַש זיין קונסט־לשם־קונסט קרעדאָ. דער פאָטער פון צעלאָזענעם זון, וואָס איז פאַר וואַילדן געווען אַ לעבעדיקער „אַפּאָלאָ", און וואָס האָט אים געזען דעם סימבאָל פון אייביקער, כשופדיקער יוגנט־שיינקייט, — דער מאַרקיז דאָוגלאַס האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן דראַמע־מייסטער פון „סאַלאָמאַ" און „דאָריאַן". ביי די ערשטע פּראָצעסן האָט נאָך וואַילד געוואָרפן קלוגע ווערטער און אַפאָריזמען, ווי ס'וואַרפט אַ צירקוס־מייסטער בלאַנקע חלפים. זיין שוימיקע און זיך־פאַראויסרייסנדיקע פיגור האָט געוואָלט אָפּשטוסן די כמורנע און קאַלטע ענגלשע ריכטער, די בייזע פּראָקוראָרן און די שטייפע מאָראַל־פּרעדיקער. שפּעטער האָבן די מאָראַל־היטער אים געבראָכן. מען האָט אים אָוועקגעריסן פון די קאַלט־בלוטיקע לאַנגווייליקע ריכטער אין די פּאַרקן און אַריינגעשליידערט אין רעדינגער תפיסה.

אין זיין ענגן תפיסה־קאַמער איז ווילד געזעסן אַ פאַרוואַקסענער מיט צעשויבערטע האָר. די קייטן אויף די הענט און די פיס האָבן געקלונגען מיטן גרילצנדיקן קלאַנג פון פאַרזשאַווערט אייזן. אַן טורמע האָט האָט ער געהאַט געגוג צייט, דער פאַרמשפּטער „נביא פון שיינקייט", האָט ער זיינע טעג אויסגעצויגן צו אַן אייביקייט און פון דער אייגענער טיפקייט אָנגעהויבן אַרויסשעפּן אַ נייע קלאָרקייט. ניט געווען קיין אַנדער רפואה פאַר זיין בראָך

ווי זיין אייגענער ממעמקים. דאָרט איז געבוירן געוואָרן זיין פּאָעמע אין פּראָזע — „דע פּראָפונדיס״.

„ווי די נעסט פון אַ לערכע אין די אַקער־בייטן קאָן אַריינעמען די גרויסע פרייד וועלכע איילט פאַר אַלע רויז־רויטע פרימאָרגנס אַזוי קען דאָס לעבן אין אַ מאָמענט פון שפלות און הכנעה אַנטהאַלטן דעם גאַנצן סוד פון לעבן... דורכדעם וואָס איך בין מקבל באהבה אַלץ וואָס האָט מיט מיר געטראָפן, מאַך איך זיך אַליין ווירדיק דערצו״.

צווישן די טורמע־ווענט דערגייט דער דיכטער צום אמת, אַז זיין אייגענע דערלייזונג איז איינס מיט דער וועלט. „גאָטס ערד איז מילדער ווי דער מענטש דער אכזר קלערט. אפילו פאַרן פאַרדאַרבענעם בליט די רויטע רויז רויטער און די ווייסע — ווייסער״. אין שמעלצאויוון פון זיינע ליידן האָט זיך אויסגעגליט אַ באַוואוסטזיין, אַז די עטיק פאַרמאָגט איר אייגענע עסטעטיק, גוטהאַרציקייט און רחמנות האָבן זייער אייגענע שיינקייט. „די קונסט איז די אייניקייט פון אַ זאַך מיט זיך אַליין; דאָס אויסנווייניקסטע ווערט דער אויסדרוק פון אינעווייניקסטן, דאָס נשמה־פלייש, דער גוף וואָס באַלעבט דעם גייסט״. ווער ס׳איז שלעכט דער איז ניט שיין. ווער ס׳איז אכזריות־דיק, — דער איז בלוט־אָרעם אין זיין נשמה. „שפּאָטן פון צער מיינט אויסלאַכן אַ נשמה. לאַכט איינער פון הילפלאָזן, באַווייזט ער אַז זיין לעבן איז מיאוס. אין דעם אינוועטאר פון דער וועלט באַקומען מענטשן מידה כנגד מידה. די וואָס האָבן ניט גענוג פאַנטאַזיע אַרויסצווייזן מיטלייד, זיי באַקומען נאָר פאַראַכטונג. אַ מענטש אָן רחמים איז אַ מענטש אָן פאַנטאַזיע און אָן עסטעטיק״.

אין דער רעדינגער תפיסה איז געבוירן געוואָרן אָסקאַר וואַילדס באַלאַדע, וואָס האָט געקוועלט פון זיינע „טיפסטע נשמה־דעמערן״. דאָרט האָט ער זיך פאַרפלאַכטן אין „די גילדערנע געפלעכטן פון תשובה״, און אנשטאָט דער ביז־אַהעריקער „צעלאָזענער פרייקייט״ האָט ער אַנגענומען דעם „ליבן יאָך״. אין דער תשובה־ממעמקים ווערן די „בלומען פון שלעכטס״ פאַרוואַנדלט אין איידלסטן נשמה־צוויט. דער וואָס זאָגט, אַז ער האָט בלויז שיינקייט וועט לסוף קיין שיינקייט אויך ניט האָבן, ווייל „אויב שיינקייט איז אָן מאָראַל איז מיאוסקייט שענער פון שיינקייט״.

אין זיין אַריינפיר צו זיין איבערזעצונג פון „דע־פּראָפונדיס״ זאָגט קלמן מרמר: „אין תפיסה זיינען פון אים אַרונטערגעפאַלן אַלע קינסטלעכע מאַסקעס. דער אומבאַמערקבאַרער טוי פון סאָציאַלן געפיל, וואָס האָט גע־

פערלט אויף די בלעטער פון זיינע ווערק, האָט זיך איצט צוזאַמענגעגאָסן אין אַ ברייטן שטראָם. דאָס וואָס וואַילד האָט ניט געקאָנט דערגרייכן אין זיין גליק, דאָס האָט אים געלונגען אין זיינע ליידן, צו מאַכן פון זיך אַליין אַ קונסט־ווערק, אַ סימבאָל פאַר אַלע צייטן".

פון „ממעמקים" צו נייע הויכקייטן, פון פערזענלעכער טראַגעדיע צו דער דערקענטעניש פון סאָציאַלער טראַגעדיע, צו דער תשובה, וואָס טראָגט אַ „רפואה דער וועלט".

די העראָאישע באַלאַדע

ליבקנעכט און לוקסעמבורג אין דער ליטעראַטור



„סאיז אַ פאַרשאָלטענע צייט און פונ־
דעסטוועגן דאַרף מען זיך באַמיען דורכ־
לעבן אַ פאַרגאַנצט לעבן״.

„כ׳קאָן ניטוועגן — כ׳קאָן נאָר וואַגן,
נישט שניידן —
נאָר זייען און אַנטלויפן;
כ׳קאָן דעם האַלבן טאָג ניט ליידן,
אַ מאָרגן־רויט — אַן אָוונט־גלוט,
אַזוי זאָל זיין מיין טאָג״
(קאַרל ליבקנעכט, בריוו)

בעת די גאַנצע וועלט איז אויפגע־
טרייסלט ביזן גרונט, באַמי איך זיך צו
פאַרשטיין, וואָס און פאַרוואָס ס׳האָט
זיך אַזוי געטראָפן, און אויב איך האָב
אויסגעפילט מיין חוב, בין איך ווידער־
אַמאָל רואיק, און ווייטער בלייבט מיר
נאָך אַלץ, וואָס פרייט מיך: מוזיק און
מאַלעריי, די וואָלקנס, קלייבן געוויקסן
און גוטע ביכער. איך בין זייער רייך און
האָף צו פאַרבלייבן רייך ביזן סוף״
(ראָזע לוקסעמבורג, בריוו פון תפיסה)

א היסטאָרישער ראָמאַן ליד נאָוועלע און באַלאַדע, זיינען ניט בלויז געשיכטע, נאָך אויך ראָמאַן, באַלאַדע, פּראָזע און פּאָעזיע, אַ קינסטלעריש

בילד וועגן גרויסע היסטאָרישע געשטאַלטן, וואָס ברענגט ניט נאָר אַרויס די „געשיכטלעכע פּליינען און די „הערצאישע לאַנדשאַפּט", וואָס האָבן אַרויס־געהופן און באַווירקט די העלדן, נאָר ווייזט אויך ווי אַזוי די היסטאָרישע העלדן האָבן באַווירקט זייער צייט, ווי זיי האָבן באַלויכטן זייער עפּאָכע און ווי זיי האָבן באַפלאַמט דאָס לעבן מיט זייער געדאַנק און טאַט.

ביים שילדערן די געשטאַלט פון אַ גרויסן קעמפער אין אַ דערציילונג אָדער ביים אַרויסהייבן אַ דערהויבענעם מאָטיוו פון זיין לעבן אין אַ ליד אָדער באַלאַדע דאַרף מען אין זינען האָבן דעם זעלבן כלל, וואָס איז חל, איז גילטיק אויף דעם אַלגעמיינעם ניט קאָנקרעטן היסטאָרישן העלד, אויף דעם בעלעטריס־טישן טיפּ. ניט נאָכגיין דעם פּערסאָנאַזש — דעם העלד — טראָט נאָך טראָט און באַווייזן זיין יעדן קער און ווענד, ווי אַ מיטל צו מעסטן זיין גאַנצע פּסיכיק, דעם צוואוקס אָדער אָפּפאַל פון זיינע נשמה־איבערלעבונגען, זיינע ליידן און פריידן; וויכטיק איז צו באַווייזן דורך דער גרויסער געשטאַלט, די געזעלשאַפטלעכע דינאַמיק; ווי אַזוי דער העלד איז באַווירקט געוואָרן פון זיין עפּאָכע און האָט באַווירקט זיין תקופה, די צווישן־ווירקונג פון העלדישן יחיד און דעם כלל.

אין דעם איז פאַראַן דער גרונט־אונטערשייד צווישן נאַטוראַליסטישן מעטאָד און דעם רעאַליסטישן. דער נאַטוראַליסטישער שרייבער באַמיט זיך קודם־כל, אַרויסצוהייבן דאָס רירנדיק־שוואַכע, דאָס אַזוי גערופענע אום־באַהאָלפענע פון דער פּערזאָן. שוין דער פילאָסאָף העגעל האָט פעסטגעשטעלט, אַז די קונסט גיט די דערשיינונגען אָפּגערייניקט פון די צופעליקייטן, און אַז ניט די קליינינקע, צופעליקע שטייגער־מאָמענטן דאַרפן זיין כאַראַק־טערמעסיק פאַר דער פיגור, נאָר דווקא איר געשיכטלעכע קאָנקרעטקייט, די אויסגעבונדנקייט מיטן סאָציאַלן אַרום, די דינאַמיק פון דער טאַט, נאָר אַזוי קאָן מען באַווייזן די פּסיכישע אַנגעלאָדנקייט פון ריזן־געשטאַלטן.

נאָר ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם כלל קאָן מען דעאַלט זען ווי די ליטעראַטור האָט געמאָלן און באַזונגען גרויסע הערצאישע פּערזענ־לעכקייטן, היסטאָרישע געשטאַלטן, ווי די גרויסע רעוואָלוציאָנערע העלדן: קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג, וועמענס גאַנץ און פאַרגאַנצט לעבן איז געוועזן איין „הערצאישע באַלאַדע".

כדי אַזעלכע געשטאַלטן זאָלן געגעבן ווערן לעבעדיק, מיט זייער גאַנצער עמאַציאָנעלער אַנלאָדונג דאַרף מען אַרויסברענגען זייערע טיפּישע שטריכן און מיר זאָלן דערשפּירן סיי זייער האַרמאָנישע פאַרוועבטקייט מיט

זייער עפּאָכע און סיי זייער פּאַראויסגיין די עפּאָכע. דערצו איז גאָר ניט נויטיק אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן צום טיף פון אויבערמענטשן, נאָר זיי זאָלן פאַרבלייבן אויף זייער מענטשלעכן ניוואָ.

קאַרל ליבקנעכט איז, מיט רעכט, באַצייכנט געוואָרן פון שרייבער ווי דער ערשטער אַרבעטער־פירער, וואָס האָט געהערט צום „צוקונפטס־טיפ". ער איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ נייער סטאַדיע, פון אַן עטאַפּ אין וועלכן דער מיליטאַנטער אַרבעטער איז אַרויסגעטראָטן. — דאָס איז געווען אין אָנהויב פון פאַרשאַרפטן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם און מיליטאַריזם, ווען די אידעאַליסטישע יוגנט האָט שוין אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון גליאיקער שנאה צום מיליטאַריזם. אין אַזאַ צייט איז דערשינען אויף דער היסטאָרישער אַרענע דער גרויסער זון פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס, וואָס זיין לעבן איז געוואָרן אַ לייכט־טורעם, וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג פאַר דעם אידעאַלי־טישן שטורם פון אַ דור, וואָס האָט געשאַפן געשיכטע.

אין דעם שוין קלאַסיש געוואָרענעם ווערק פון אַנרי באַרביס „פייער", וואו דער שרייבער האָט באַוויזן די קונסט פון איינהאַלטן די ריכטיקע פאָרם, אפילו אין די מיניאַטור־בילדער און פובליציסטישע־געדאַנקלעכע אויספירן פון זיינע פרעכטיקע שלאַכטפעלד־סצענעס, דאָרט שפירן מיר בחוש, ווי ביי דער שטומער סאָלדאַטישער מאַסע הייבט אָן צוּוואַקסן די אידייע פון אַ צוקונפט, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צום דאָזיקן גיהנום־קאָשמאַר.

„מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו די פאַרבייגייענדיקע און אומבאַוועגלעכע שאָטנס, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט אויפן גרויען טונק פון הימל, ווי איינ־געקאָרטשעטע, געבויגענע טינט־פלעקן לענג אויס דעם צעשטערטן גרוב־געוואָלגער... צוויי שאָטנס גייען פאַרביי אין דער טונקלקייט. זיי פירן צווישן זיך אַ שטילן שמועס:

— קענסט דיר פאָרשטעלן, גוטער ברודער, כ'האָב געהאָקט ווי אַ משוגענער, ווי אַ חיה... מיט וואָסערע אויגן וועלן די שפּעטערדיקע, די וואָס וועלן לעבן נאָך אונז, קוקן אויף דער דאָזיקער העלדנטאָט... און דאָך — האָט ער ווייטער געזאָגט — זע! ס'איז אַ געשטאַלט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער מלחמה, און וואָס וועט אַמאָל גלאַנצן מחמת זיין שיינקייט און דער באַדייטונג פון זיין מוט... אין דער בין־השמשות'־דיקער שטילקייט האָט ער קלאָר און הויך אויסגערופן: ליבקנעכט!

און דעמאָלט האָב איך געזען זיך אויפהייבן אַ בלאָטע־באַקריינטן

שטערן, און דאָס מויל האָרט לעבן דער ערד האָט אַרויסגעזאָגט:

— צוויי אַרמייען, וואָס קעמפן צווישן זיך, דאָס איז איין גרויסע אַרמיי, וואָס קוילעט זיך אַליין אויס!"

שוין פון דעם ציטאָט אַליין ווערט קלאָר דער מעטאָד, וואָס דער גרויסער רעאַליסט באַרביס האָט גענוצט. ער איז ניט געגאַנגען אויף דער ליניע פון פסיכאָלאָגיזירן, פון אויסטראַכטן די העראָאישע פערזענלעכקייט, נאָר פונעם קינסטלער, וואָס זעט די גרונט־כחות פון דער עפּאָכע, די כחות, וואָס באַוועגן די נשמה פונעם העלד און באַשטימען זיין געוואָגטן העראָאישן טאָט.

דאָס קעמפערישע לעבן און דער מאַרטירער־טויט פון ליבקנעכט־לוקסעמבורג איז ניט פון אַלע קינסטלער אויפגענומען אויפן זעלבן אופן. אָבער געוויסע דיכטער און פּראָזאאיקער האָבן זיך דערהויבן צו דער באַר־ביסישער דיאַלעקטישער קלאָרקייט.

צוויי שרייבער, אַ יידישער דיכטער, אין זיין פּראָלעטאַרישן שאַפונגס פּעריאָד און אַ דייטשער רעוואָלוציאָנערער דראַמאַטורג, אין ליד און פּראָזע וועגן די ל. ל.־געשאַלטן:

„האָט בלאָטיקער קאַנאַל־טיף
געטרונקען ראָזעס בלוט,
און זומפּ קאַנאַלישער
געקילט האָט ליבקנעכטס וואונדן;
זענען וואונדן אויפגעגאַנגען רויטער פון דער טיף,
האָבן וואונדן רויטער נאָך געצונדן.
האָט נאָכאַמאָל אַ ריס געטאָן געשריי זיך פון קאַנאַל טיפע,
פון קאַזאַרמעס, אונטערערדן, קאָנצענטראַציע־לאַגערס,
האָט נאָכאַמאָל אַ ריס געטאָן געשריי פון ראָזעס שוועסטער,
ליבקנעכטס ברידער,
און נאָך שטייפער האָט פאַרקראַמפּט זיך פויסט פון וויטיק,
פויסט פון וואָגן
ס'איז דאָס בלוט און ס'זענען וואונדן,
פון איין קייט די זעלבע רינגען
ס'איז דאָס בלוט און ס'זענען וואונדן,
פון איין בייטש די זעלבע ריטלעך. — —
שווימט דער ריין אין אומרו כוואַליעס,
טראָגן לעצטע רויטע רופן.

אברהם ביק

שווימט ביינאַכט... נאָר אויפצומאָרגנס
וועט דאָס בלוט ווי אַ געוויטער שלאָגן גיך צו יעדן ברעג".
(משה שולשטיין, ברויט און בליי)

"...לייטענאַנט פּאַגל האָט זיך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן צו דער בלאַסער פרוי און מיט דער קאָלבע איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. זי האָט אַ ציטער געטאָן און זיך איבערגעבויגן אויף דער ליכטענשטיין־בריק. דאַן האָט קאַפּיטאַן רונגע אַריינגעשאָסן אַ קויל אין איר נאַקן. דאָס וואַסער האָט אַ כליופּע געטאָן פון דעם פאַלן פונעם קערפּער און זיך איבערגעבלאָזן מיט אַ זיפץ... די סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעמורמלט און זיינען אַוועק. אונטן אין קאַנאַל האָט נאָך געמורמלט אַ טונקעלע כוואַליע און עס האָבן געבלישטשעט די שטיינערנע ראַנדן פון גראַבן. אויפן נאַסן ברוק האָבן זיך אָנגעזען שפּורן פון זעלנערשע שטיוול. בלויז אויף איין אָרט איז געבליבן אַ רויטער שפּור, אַ העלער, אַ דייטלעכער; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט פאַרשוואונדן; אַז ער וועט דאָ בלייבן אויף אייביק, ביז די פרילינגדיקע מאַי־טעג, ווען די וואַסערן וועלן געשוואָלן ווערן און דער לאַנדוועער וועט האַסטיקער שטראָמען צום שפּרעע און דער שטילער שפּרעע וועט זיך לאָזן ריטשקעווייז צום עלבע, און דער עלבע וועט אַוועקטראָגן זיינע שטורמדיקע וואַסערן צום ווייטן, ענדלאָזן ים, צו דער ענדלאָזער ערד".
(גערהאַרד פּאָל „די שלאַכט פון קאַבלענאַו")

פאַר דער בירגערלעכער עסטעטישער קריטיק איז ראָזע לוקסעמבורג געווען אַ גרויס רעטעניש, וואָס זיי האָבן צוליב זייער פאָרמאַליסטישן עסטעטיזם ניט געקענט באַנעמען. אין זיינע „בריוו וועגן ליטעראַטור" האָט דער העברעאישער, מערב־אייראָפּייאיזירטער שרייבער דוד פרישמאַן באַהאַנדלט די אַזוי גערופענע סתירה פון ר. ל. „ביז איר טויט" — שרייבט פרישמאַן — „האָב איך בלויז געקענט לוקסעמבורגן, די פאַרפאַסערין פון „אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל", „קריזיס", „רעפאָרם" און ענלעכע ביכער וועגן עקאָנאָמיק. אויפן סמך פון די ווערק האָט זיך ביי מיר געשאַפן דאָס געשטאַלט, וואָס איז שאַרף־אַנאַליטיש, שטאַל־קאַלט און אכזריותדיק צו די שונאים פון קלאַס".

פרישמאַן שרייבט ווייטער וועגן „אַזויפיל גיפט און שנאה צו דער גאַנצער וועלט", וואָס האָט געטריפט פון איר וואָרט, וועגן איר „היסטעריע און דאָגמאַטישער עקשנות". ערשט נאָך איר אומקום, דערציילט ער, האָט ער

אַנגעהויבן לייענען אירע תפיסה־בריוו און האָט דערזען פאַר זיך לגמרי אַן אַנדער געשטאַלט:

אינעם דאָזיקן ביכל, געשריבן אין די ענגע תפיסה־ווענט און אויף גרוי־אָרעסטאַנטן־פּאַפּיר רעדט צו אונז די נשמה פון איינער פון די אויסגע־צייכנטע דיכטער. צאַרטע קולות, וואָס קאָנען קומען בלויז פונעם לויטערסטן מענטשן. סאַראַ פאַרשטענדעניש פאַר דער נאַטור און אַלע באַשעפעניש! ווי זי פאַרשטייט דאָס מענטשלעכע האַרץ! זיין באַשייד! און ליטעראַטור און פּאָעזיע און מאַלעריי און מוזיק, ווי זי פאַרשטייט זיי! און איבער אַלץ — די שפּראַך, דער סטיל! און פרישמאַן פאַרענדיקט זיינע ווערטער מיט אַ אַ פראַגע: „ווי אַזוי האָט די מענטשן־טאַכטער, פול מיט האַס צו אירע קלאַסן־שונאים", ווי אַזוי האָט זי געקענט רעדן מיט אַזאַ ליריש־מענטשלעך קול? און פרישמאַן ענדיקט מיט אַ קללה: „פאַרשאָלטן איז די האַנט, וואָס האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון איינער פון די איידלסטע נשמות".

מען דאַרף זיך אַנשליסן אין פרישמאַנס צאָרן אויף די מערדער, ס'איז אָבער ניט פאַרשטענדלעך זיין וואונדערן זיך אויף דעם ווידערשפּרוך, אויף סתירה אין דער לוקסעמבורג־פּערזאָן, וואָס לויט דעם עסטעט קומט אויס ווי „צוויי נשמות" וואָלטן געלעבט אין איר. ווי יעדער פאָרמאַליסט, וואָס טיילט אָפּ אידייע פון געשטאַלט, איז פרישמאַנס בליק געווען אַ מין זען מיט צוויי אויגן, וואָס יעדער אויג באַזונדער זעט בלויז איין טייל פון דער פולער און גאַנצער געשטאַלט און בשום אופן ניט קיין „פאַרגאַנצט לעבן".

דער האַלב־דעקאַדענטישער עסטעט און פאַרשכורטער פון באַדלערישן אָפּיום, וואָס איז צו אים דערגאַנגען פון יענעמס „בלומען פון שלעכטס", האָט ער זיך ניט דערגרונטעוועט צום דעם קערנדיקן מהות פון דער לוקסעמבורג־פּערזענלעכקייט. אים, דעם בירגערלעכן ליטעראַטור־קריטיקער, האָט געפעלט דער דיאַלעקטישער בליק, וואָס אַנטפּלעקט דאָס גאַנצע אין דער פיל־זייטיקייט, ער האָט ניט באַנומען אַז דער „גיפט" און דער „גרויזאַמער האַס" צו דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג ווידערשפּרעכט גאָרניט דעם „האַרץ באַשייד" און די„פאַרשטענדעניש פאַר דער נאַטור", און אַז ניט נאָר זיינען די דאָזיקע סתירות ניט קיין רעטענישן, נאָר אַז זיי זיינען גאָר איין גאַנצקייט, קוועלן אָרגאַניש איינע פון די אַנדערע. בלויז דאָרטן וואו מען געפינט דעם כח פון טיפער שנאה דאָרט איז אויך דאָס אָרט פון פלאַמיקער ליבע... פרישמאַן האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן דאָס צו טאָן מיט אַ פּסיכיק, וואָס צעשטערט צוליבן שאַפן, מיט אַ שטאַרקן ווילן און באַגער צו פאַרניכטן אַן אומווירדיקע

לעבנס־סיסטעם, כדי מאַכן בליען אויף אירע חורבות אַ ווירדיק און שיין לעבן, ס׳איז די גרויסע ליבע, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם גרויסן האַס.

פרישמאַן איז געשטאַנען פאַר אַ „רעטעניש״ און אַנדערע האָבן בלויז געזען די לירישע זייט פון דער הערצאישער געשטאַלט. אין באַפליגלטער, עקזאַלטירטער און אַבסטראַקטער רעטאָריק האָט דער דייטשער דיכטער יאָהאַן בעכער, אין זיין עקספּרעסיאַניסטישן פּעריאָד, געזונגען וועגן ר. ל. אין „הויכן סטיל״ און רעטאָרישן פּאַטאָס אָן ס׳האָט זיך באַקומען אַ מין קירכלעכער ווייַרויך־געזאַנג. בעכערס „הימנע וועגן לוקסעמבורג״: „געווירץ פון גן־עדן פעלדער , דו איינציקע, דו הייליקע, אָ, פרוי !״ דורך וועלט־וועגן שטרעק איך זיך דערגרייכן דיין האַנט — כשוף צווייַג פון געטלעכע רויזן־פעלדער !״

ס׳איז מערקווירדיק: דווקא אַ העברעאישער דיכטער האָט דאָס סובטעלע, סאַמעט־צאַרטע און לירישע אין דער לוקסעמבורג־געשטאַלט פאַרבונדן מיטן אינהאַלטלעכן מאָטיוו פון איר „פאַרגאַנצט לעבן״.

„הייצינטעס און בלומען, גראָזן אין בליען,
דיינע שורות געשריבן אויף תפיסה־ווענט.
פויגלען, וואָס שוועבן, רויזן, וואָס גליען
זיי האָבן צעטראָטן, זיי האָבן פאַרלענדט.
דו בענקסט נאָך דער זון, דו גאַרסט נאָך איר גלוט
אין פינצטערער צעל האָבן זיי דיך פאַרשלאָסן
איך לייען די שורות און טראַכט: ניט קיין בלוט —
נאָר ריחות פון רויזן זיי האָבן פאַרגאָסן,
און אפילו ווען אַלע דערמאָרדעט, צעטראָטענע,
פאַרוויט וועלן ווערן אין לויף פון די יאָרן
דער דאָזיקער ריח פון רויזן צעשאָטענע
וועט קיינמאָל, וועט קיינמאָל ניט ווערן פאַרלאָרן״

(ישראל אפרת. יידיש: אברהם ביק)

ניט קיין בלוט — דערמאָרדעטע רויזן! דער דאָזיקער פּאָעטישער פאַר־גלייך איז פול מיט אידייאישער זאַפט. די געדונגענע מערדער, נאַסקעס באַנדיטן, די שפעטערדיקע היטלער־רוצחים, האָבן מיט זייער טאַט אויסגע־פירט די שליחות פון אַן אַכזריותדיקער מאַשין, וואָס איר עקזיסטענץ רוט אויף דערמאָרדן בלומען, אויף דערשטיקן דאָס שענסטע פון דער מענטש־לעכקייט און די שענסטע מענטשן.

אין אירע לידער "צו די דיכטער" (אין בוך "דער בלויער קלאַוויר") זאָגט די דייטש־יידישע ליריקערין עלזאַ לאַסקער־שילער, אַז דאָס גאַנצע לעבן פון פּאָעט איז געווען אַ ליריש ליד; זיין מלחמה־באַלאַדע — זיין טויט. דאָס זעלבע קאָן מען אָנווענדן אויפן לעבן און טויט פון ר. ל. דאָס לעבן פון דער דאַזיקער קליינער פרוי מיטן שוואַכן גוף, מיטן טונקעלן האָר־קרוין און די גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָט געטראָגן נביאישן דונער קעגן אַ אַ פוילער אָרדנונג פון רשעות און אומזין, הונגער און מלחמה, — דאָס לעבן איז פאַרפולט געווען מיט די טויזנטער שיינקייטן פוןביימער, פלאַנצן און בלומען, מיט דער נאַטור אין איר סאַמע עסענץ. און ווען זי איז געפאַלן דורך די הענט פון די געדונגענע מערדער, דער ערשטער אַוואַנגאַרד פון די שפּעטערדיקע "האָרסט־וועסל" קינס, איז איר טויט געוואָרן אַ פייערדיקע האָמערישע באַלאַדע, וואָס גייט פאַראויס אַלע קעמפער אויף דער יונגער ברענעדיקער ערד.

דער בראָוינער שײַטער און די שטערן

װעגן שאפן פון בערטאלד ברעכט און אננא זעגערס

פאַר מײנע טײַערע און נאָענטע חברים פײגל און יאַנקל אַדלער!

„משוגענע טרויבן פאַרשרײבן די שאַנד,
דאָס כתב פון די בײַטשן אַף פּלײצעס פון לאַנד.
צווײ שאָטנס זיך טראָגן דורך פּלעצער אַלײן
און ס׳וויינען די כוואַליעס פון אַלטן רײַן,
און ס׳קלאָגן פעלדער פון בײַטשלאַנד.
און ס׳רײַסט זיך דורך גראַטעס אַ הײנישער בליק
ס׳טראָגט זיך דורך גראַטעס בעטהאָװנס מוזיק
און טעלמאַן הייבט אויף דורך גראַטעס זײַן האַנט
און ליבקנעכט שטײט אויף פון זײַן קבר און שפּאַנט
מיט פויסט קעגן בלוטיקן בײַטשלאַנד".
(איציק פעפער)

דעצעמבער, 1938! פינף יאָר נאָכדעם ווי די ברוינע מגיפה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער דײַטשער ערד, האָט זיך דער האַקנקרײַצישער שטן, וואָס דער אָפּגרונטיקער חושך איז פאַר אים געווען שײַן, אָנגעצונדן אײן גרויסן שײַטער און האָט צום לעצטן מאָל באַלויכטן די נאַכט פון דײַטשע שטעכל־דראָטן און לאַגערן און האָט זיך שוין ניט אויסגעלאָשן, נאָר האָט פאַרברענט ביזן אַשיקן געביין אַ שטיק געשיכטע.

דער פעך און שװעבל פון סוואַסטיקא־שײַטער האָט דערשטיקט אַלע

מענטשלעכע פייערן, וואָס האָבן אַמאָל געלויכטן אויף דער דאָזיקער ערד. ער האָט פאַרצערט און אויפגעפרעסן דעם אָלימפּישן פלאַקער פון געטע; דעם גאָלדיק־לאַרעלייאישן גלאַנץ פון היינען; דעם פּראָמעטעאישן פלאַם פון מאַרקס און ענגעלס; דאָס לירישע תהלים־ליכט פון רילקע און עלזאַ לאַסקער־שילער, דאָס העלע פויגל־געזאַנג פון לוקסעמבורגס טורמע און דעם גליענדיקן שטערן־שאָס הינטער ליבקנעכטס גראַטעס; דעם אַנגעצונדענעם ריטם פון יאַהאַן בעכערס עקספּרעסיאָניזם און די געדאַנקלעכע רונדקייט פון האַרמאָנישן ליכט אויף מאַנס „צויבערבאַרג".

און אַז די לעצטע פלאַמען אויף די „בראַנד־אָפּפער"־פלעצער זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן האָט זיך די וואָטאַנישע נאַכט אַראָפּגעלאָזן אויף דער ברוינער ערד ביז דער עלבע און פון באַלטיק ביזן מאַלדאו. די ערד פון „דענקער און דיכטער" איז געוואָרן איין באַדאַרנטער שטח פאַרזייט מיט שטעכיקע דראָטן, מיט תליות און צעשנירלט מיט בלוט: בוכענוואַלד, דאַכאַו, ראַווענסברוק. — —

פאַרשטומט געוואָרן דער מענטשלעכער וואָרט און דערוואָרגן יעדער הומאַניסטישער געדאַנק. בלויז קליינינקע ליכטעלעך האָבן נאָך דאָ און דאָרט געצאַנקט. די אונטערערדישע פּאָעזיע אין גיהנום־לאַנד. ריינהאָלד שניידער האָט אין זיין קליינעם העטאָגראַפירטן לידער־ביכל „איצט איז די צייט פונעם ריינסטן" — אויסגעלעכצט דעם מאָטיוו, אַז עס שטאַרבן די ריינסטע, ווייל די וועלט איז אַזוי טיף געזונקען, און ווען ניט דאָס ליכט פון רייניע הערצער וועט באַלד גאָרניט שיינען. זיין פּאָעטישער אימאַזש האָט אָבער ניט געברענט און ניט געצונדן די הערצער, נאָר געטליעט במסתרים ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין געדיכטן חושך. פאַראיינזאַמט ווי דער ענזיסהיימער טורעם אין ראַטענבורג איז פאַרבליבן דאָס לעצטע ליד פון אַ פאַרשניטענעם דור אויף דער ברוינער מגיפה־ערד וואו שוואַרצע קראָען האָבן געקראַקעט און וועלף האָבן זיי אַקאָמפּאַנירט.

די שארית הפליטה פון מענטשלעכן דייטשלאַנד האָט נאָך אַ צייט געוואַנדערט אויף די צעשראָקענע און שטומע וועגן וואָס די סוואַסטיקאַס האָבן געקרייצט; געבלאָנקעט ווי שאָטנס און אויפגעהאַנגען זייערע האַרפּעס ביי די טריבע ברעגעס פונעם רהיין און נאָכדעם זיינע זיי אַוועק אָפּריכטן גלות און מיטגענומען מיט זיך אַביסל פייער. די פייערן זיינען אויך געווען פאַרשיידענע. מערסטנס זיינען דאָס געווען פייערלעך, וואָס האָבן שוין ניט געקענט וואַרעמען און לייטערן.

סטעפאַן צווייג האָט מיטגענומען זיין פייערל פון בלויען דאַנוי אין דער זוניקער בראַזיל אָבער האָט די שוואַרצע האַנט פון זעלבסט־מאָרד פאַרלאָשן זיין גייסט. ווי אַ פייכטער דאָרן האָט נאָך אַ שטיק צייט זיך געדרויכערט דאָס וואָרט פון ערנסט טאָלער ביז ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט דערוואָרגן זיין אַמאָליקן אומרו. פראַנץ ווערפל האָט זיין העראָאישן בליץ־און־דונער פון „מוסאַ דאַג" באַשאָטן מיטן קאַלטן אַש פון „קאַטוילישן מיטוואָך" און געבליבן איז אַ ליכט אונטער אַ שעפל, ווי עס שטייט געשריבן אין דער עוואַנגעליע. עלזאַ לאַסקער־שילער האָט מיטגענומען קיין ירושלים איר סודותדיק פלעמל און איר באַזילבערט קרבן־מנחה־סידורל האָט זיך רואיק געטוקט ווי אַ ליכט אויף אַ קאַמאָד. מיטן פלאַם פון דער געשיכטע האָט אין דער ווייטער קאַליפאָרניע נאָך געדרויכט דאָס וואָרט פון ליאָן פויכטוואַנגער און בלויז דעם רויך פון באַגינען האָט געגעבן דער מעטאַפיזיש־באַוואָלקנטער און פאַאוסטישער טאָמאַס מאַן, אַ צייט האָט נאָך געפינקלט דער באַרבּיסישער פייער אין „טריאומפאַלן טויער" פון עריך רעמאַרק ביז אויף זיינע טעג האָבן אָנגעהויבן טליען ווי אומעטיקע קוילן אין אַ קאַמין פון אַ פּאַריזער ווילע. פון דער בענקענדיקער פיכטע וואָס היינריך היינע האָט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק פאַרפלאַנצט אין טעווטאָנישן וואַלד האָט דער נאַצישער שטורם אויסגעריסן אַ פייכט־גרינע צווייג און אים פאַרטראָגן צום זוניקן כרמל־באַרג אין חיפה — אַרנאָלד צווייג.

נאָר יחידים האָבן געבראַכט אַ נייעם פלאַמיקן צעשטייער זייער לאַנד, דער וועלט, דער צייט, די דורות. צווישן די דאָזיקע — צוויי פּען־מענטשן, וואָס האָבן זייער וואָרט געגערט מיטן „שווערד און פלאַם"־אָטעם פון היינע און זיך געוואָרעמט ביי די אויפשטאַנד פייערן פון „ספּאַרטאַקוס" אויף די באַ־ריקאַדן פון יאָר 1919 אין בערלין, — בערטאָלד ברעכט און די נאָוועליסטן אַנאַ זעגערס. זייער קינסטלערישע קרעדאָ און גרונט־פּעיזאַזש איז געווען און איז געבליבן יענע העראָאישע בערלינער שלאַכט־לאַנדשאַפט וואו ס'האָבן געלויכטן די לעצטע ווערטער פון דער פלאַמיקער רויז, די „רויטע ראָזאַ".

„היינט הערט איר נאָך דעם גערויש פון דעם וואולקאַן. מאָרגן וועט דער זעלביקער וואולקאַן באַגראָבן אונזערע שונאים אונטערן זודיקן שטראָם פון פייער און אַש..."

אין דער טראַדיציע פון פרייליגראַטס רעוואָלוציאָנערער באַלאַדע

האָט בערטאָלד ברעכט אין זיין קאַלטן פינישן און שוועדישן גלות געשמייכלט מיט שפּאָט און איראָניע פון „גלות און עשאַפּאַט” און געשריבן געשליפענע עפּיגראַמען און לידער, וואו יעדער אות איז געווען אַ שטערן און יעדער פערז — אַ געשליפענע קויל, און אַנאַ זעגערס, וואָס איז אַוועק צו די טויבע פרייקייטן פון מעקסיקע, האָט, „וואויגענדיק אונטער שטערן”, זיך דאָרט „געמאַכט אַ זיכערע היים אין יעדן האַרץ”, באַזונדערס אין די הערצער פון אירע ווייטע, זייער וויניק פאַרבליבענע מענטשלעכע שוועסטער און ברי־דער ביים רהיין און מאַין. אַזוי איז ביים ברוינעם טשאַד פון האַקנקרייצלערישן שייטער געבוירן געוואָרן אַ ליד, אַ דראַמע און אַ נאָוועלע, וואָס האָט דורכ־געשטאָכן דעם ברוינעם מתים טשאַד און געשרפהעט שטאַרקער פון נאַצישן פלאַם. די צוויי וואָרט־קינסטלער האָבן אויפגעהיט זייער קינסטלערישן פייער ווייל דעם דיכטער און טעאַטראַל האָט באַגלייט דער רהיינישער בליק פון זיין, היינעס, אַמאָליקן פאַריזער גלות און ס׳האָט אים אַקאָמפּאַנירט די בעטהאָווענשע מוזיק. אַנאַ זעגערס האָט געזען אין דער ווייטער מעקסיקע ווי ליבקנעכט שטייט אויף פון זיין קבר און שפּאַנט קעגן ברוינעם מערדער און טעלמאַן שטעקט אַרויס דורך די שטעכיקע דראָטן זיין האַנט, פאַרפּאַנצערט אַ פויסט קעגן בלוטיקן דייטשלאַנד־בייטשלאַנד.

די באַלאַדע האָט איר קוואַל אין לעגענדע. זי האָט אַ שייכות צו די לע־גענדעס פון מיטלאַלטער און אַלטערטום. אין יענע מעשהלעך־לעגענדעס וועגן פרינצן און פאָלקס־העלדן זוכן די מענטשן די פאַרכשופטע בת מלכהעס און אויף דעם וועג צו זייער חלום פון שיינקייט מוזן זיי פירן מלחמות מיט עקדישן און שלענג, מיט שדים און טייוולאָנים, מיט רוצחים און קאַניבאַלן. שוין אין יענע לעגענדעס געפינט מען דעם טיפערן מיין פון דער פאָלקס־באַלאַדע. עס זאַמלען זיך ביי די פינצטערע היילן — וועבט זיך די לעגענדע — אַלע דעמאָנישע כחות מיט וועלכע די העלדן מוזן זיך ראַנגלען. דאָס איז דער לעצטער אַנטשיידענער קאַמף פאַר דער הייל פון דער פאַרכשופטער בת־מלכה און נאָכדעם גייט אויף דאָס ליכט פון שיינקייט און גוטסקייט.

ניט די שקלאַפעריי פון אַלטערטום און ניט די פינצטערניש פון מיטל־אַלטער זיינען געווען די סימנים פון מענטשלעכן גאַנג צו אַ בעסערער צוקונפט, נאָר די געדאַנקלעכע און קינסטלערישע הייכן פון העלעניזם און די עטישע דערהייבונג פון די יידישע נביאים, געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די היסטאָרישע שטרייטן, דאָס איז דער גרונט־מאָטיוו פון היינעס שטראַליקער

באַלאַדע און דער מקור פון זיין איראָנישן סאַרקאַזם, וואָס ער האָט געשטעלט אין דינסט פון קאַמף קעגן דער „שוואַרצער באַפּליגלטער זשאַבע" — דעם שוואַרצן אָדלער פון יונקערישן פּרייס, דער מלוכה־הערב פון דייטשלאַנד. לויט דעם מאָטיוו האָט ער אַריינגעוועבט זיין דרייפאַכיקע קללה און אַריינגעגאָסן זיין זאַלציקע איראָניע אין זיינע „רייזע בילדער" מעבר לרהיין.

דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט האָט דערפאַר גלאָריפיצירט היינען. אין יאָר 1919 האָט די „ספּאַרטאַקוס־ליגע" אַרויסגעגעבן אין אַ מאַסן־טיראַזש היינעס ווערק און אַ מיטגרינדער פון „ספּאַרטאַקוס" פראַנץ מערינג האָט געשריבן: „די יידישע אָפּשטאַמונג פון היינען איז געווען פאַר אים אַ קוואַל פון גליק און אומגליק: זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ וואַנדערער און פאַרפאָלגטן זיין גאַנץ לעבן אָבער זי האָט אים אויך אָוועקגעשטעלט אין די פאָדערשטע רייען פון דעם אוואַנגאַרד פון דער פרייער מענטשהייט און געמאַכט שטראַלן זיין נאָמען מיט אומשטערבלעכן שיין". אין 1917 האָט אַ גרופּע רויט־גוואַרדייער פון פעטערגראַדער האַפן־פערטל אויפגעשריבן היינעס ווערטער: „שלאָג דעם פויק און האָב ניט מורא!" אויף זייער פאָן און מאַטראָסן און פּלאַט־איפּאַנגטריסטן, זיינען מיט דעם היינע־זאַץ אַוועק אינעם קאַמף פאַרן אָקטאָבער, פאַר דער ראַטנמאַכט. היינע, וואָס האָט פלאַמיק באַגריסט דעם אויפברויז פון „פעלקער־פרילינג" אין 1848 האָט נאָך אין זיין צייט ניט געקענט באַנעמען געזעצן פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, אַז דער נייער קלאַס איז ביכולת אַרויפפירן קולטור און קונסט אויף אַ העכערער מדרגה. היינעס אַ יורש, דער דיכטער־דראַמאַטורג בערטאָלד ברעכט האָט פאַרשטאַנען דעם זין פון טויש פון צייט, אַז נישט די גרויליקע חשכות־נאַכט וועט בלייבן נאָר די מענטשן ליבע און הומאַניזם.

אין 1918, אינעם לעצטן יאָר פון ערשטן וועלט־קריג איז דער מעדיצינישער סטודענט בערטאָלד פון מינכען מאָביליזירט געוואָרן אין מיליטערישן שפּיטאָל אין מינכען. מיט אַ יאָר שפּעטער שרייבט ער אָן זיין ערשט ליד וועגן מלחמה־משוגעת, „די באַלאַדע פון טויטן סאָלדאַט":

„ווען אין פינפטן פרילינג פון מלחמה
האָט מען אַלץ ניט געזען קיין סימן פון שלום
האָט דער זעלנער געצויגן פון דעם דעם לאָגישן עולם:
ער איז געשטאָרבן ווי אַ העלד"...

מען האָט אָבער דעם מת ניט געלאָזן צורו. אַ קייזערלעכע מיליטערישע

קאַמיסיע איז אַראָפּגעקומען אויפן שלאַכטפעלד און באַטראַכט דעם מת און אים דערקלערט „פּעאיק פאַר מיליטער־דינסט". מען האָט אים באַגלייט מיט פּויקן און טרומייטן, ווי זיין גאַנצע קאַלאָנע מתים צום פאָטערלאַנד־פראָנט און „צום צווייטן מאָל איז דער סאָלדאַט געשטאָרבן ווי אַ העלד".

„אָף זיין העמד האָט מען געמאָלן
די קאָלירן: שוואַרץ, רויט, גאָלד
כדי די פאָן און אירע קאָלירן
זאָלן אויפן העמד די בלאָטע פאַרשמירן".

ס'איז אויפגעקומען די „ווייִמאַר־רעפּובליק", וואו מען האָט „דאָס אַלטע הויז בלויז איבערגעפאַרבט"... און די זעלבע זעלנער, וואָס האָבן גע־געבלוטיקט אויף די שלאַכטפעלדער זיינען געשטאָרבן פון כראָנישער אַרבעטס־לאָזיקייט, פון הונגער, ווען די וואָס האָבן די מלחמה געמאַכט האָבן געשאַרט הויפנס גאָלד פון ספּעקולאַציע.

די „מאָראַל" פון נאָך־מלחמהדיקן כאַאָס אין די צייטן פון „ווערסאַל", האָט דער דייטשער באַלאַדיסט און דראַמאַטורג בערטאָלד ברעכט אַרויס־געפירט אין זיין באַרימטער „דריי גראָשן אָפּער"־דראַמע — „אַ, דיזער מענטש איז גאָרניט גוט" — דאָס איז זיין „גורל". איז טאַקע דאָס דער „אייביק־מענטשלעכער שיקזאַל?" — פרעגט ברעכט און גיט זיין קינסטלערישן ענטפער אין זיינע פּרעכטיקע פּיעסן און באַלאַדן.

די גאַמע פון ברעכטס שאַפן איז רייך. אין זיינע באַלאַדן און פּיעסן איז פאַראַן דער קוועליקער פאָלקס־טאָן, הומאָר, גראָטעסק, סאַטירע, איראָניע און קלאַסישער לעגענדע. אין זיינען „דידאַקטישע פּיעסן" שפּיגלט ער אָפּ אויף אַ פּרעציזן אופן דעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט. אָבער ס'איז ניט קיין איינפאַכע אָפּשפּיגלונג נאָר אַ טיפערע ראַדיאָגראַפישע קונסט. ער קומט צום אויספיר, אַז דאָס שלעכטס איז ניט פאַטאַל און בלייבט „אייביק מענשלעך", נאָר אַ חולאת, אַ קרענק. די וואָרצלען פאַרן יחידס קראַנקהייט דאַרף מען זוכן אין גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. אָט דעם געדאַנק ברענגט ער דורכ־זיכטיק אַרויס אין אַ קליין עפּיגראַם־ליד.

„אויף מיין וואַנט הענגט אַן אויסגעשניצט יאַפּאַניש האָלץ.
אַ מאַסקע פון אַ דעמאָניש געשטאַלט און איר האַרץ איז גאָלד.
מיט רחמנות קוק איך אויף די געשוואָלענע אָדערן פון איר שטערן.
זי ווינקט צו מיר: ווי אָנגעשטרענגט עס איז צו זיין שלעכט".

ברעכטס וואָרט־קונסט איז אַ וויזיאָנערישע. וויזיע מיינט אָבער דאָ

ניט קיין פֿאַנטאַסטיק. ער איז רעאַליסטיש. ער זעט זאַכן און געשעענישן אין שייכות מיט זייער אַנטוויקלונג. זיינע באַלאַדן, וואָס דערגאַנצן זיך מיט זיינע פּיעסן, שטראַלן מיט אַנגעלאָדענעם געפֿיל און געדאַנק און נעמען אַרום די פּראָבלעמען פֿון מלחמה און פֿרידן, קלאַסן קאַמף און פֿרייהייט פֿון וויסנשאַפֿטסמאַן.

דער פּאַרטיפּטער מאָטיוו פֿון זיין דראַמע „מוטער קוראַזש" ווערט געגעבן אין דער ראַם פֿון זיין „עפּישן טעאַטער". אין דער שפּיל מאַכט ער דעם צושויער פֿאַר אַ נאָכקלערער און אַ שופֿט. ער האָט די טעמע ווי בכיוון דער־ווייטערט. ער האָט גענומען דעם דרייסיק־יאָריקן קריג אין זעכצנטן יאָר־הונדערט, וואָס דייטשלאַנד איז געווען איר שלאַכטפֿעלד און זי אַרויסגעפֿירט סצעניש אויף דער בינע. ניט די היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס מאַכן די וועלט־פּאָליטיק און ענדערן די מאַפּעס, נאָר דעם פֿאָלק פֿירט ער אַרויס. די פּויערים, דעם הענדלער, די קורטיזאַנקע און דעם גלח. אין צענטער פֿון דער דראַמע שטייט די מאַרקיטאַנקע מוטער קוראַזש, אירע קינדער און די אַטמאָספֿערע פֿון קריג.

פֿאַר „מוטער קוראַזש" איז, דאַכט זיך, די מלחמה געווען איר עלעמענט. זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין אַ בויד מיט אירע צוויי זין און טאָכטער, פֿאַר־קויפֿט בראָנפֿן און אויפֿגעקויפֿט גנבהעס, געלעבט אין דעם מלחמה־זומפּ ווי אַ פֿיש אין וואַסער. האָט זיך אָבער די מלחמה אַריינגעריסן אין איר פּריוואַט וועלטל. ווען דער ווערבירער האָט געוואָלט נעמען אירע צוויי זין האָט זי זיך געוואָרפֿן אויף אים ווי אַ לייביכע. אין דער מלחמה פֿאַלן אירע צוויי זין און איר טאָכטער ווערט שטום ווייל אַ הפקרדיקער זעלנער האָט זי פֿאַר־אומגליקלעכט. שפּעטער פֿאַלט די שטומע פֿון אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער קויל. דעמאָלט וואַרפֿט זיך די ציניש און פֿאַרהאַרטעוועטע מאַרקיטאַנקע אויף דער וויסטער ערד, ווי זי וואָלט וועלן צוריק אַרויסרופֿן די מלחמה, צוריק ברענגען איר לעבנס־עלעמענט, וואָס האָט איר משפּחה אומגעבראַכט און איר לעבן חרוב געמאַכט. די גאַנצע פּיעסע, וואָס איז רייך אין דעטאַל איז געבויט ווי אַ גאָטישער דאָם, וואו די אידייען רייסן זיך צו איין שפּיץ — אין הימל אַריין.

אין זיין דראַמאַטיש־קינסטלערישער הויך אַנטפּלעקט זיך ברעכט אין אַלע 25 פּיעסן, וואָס גייען אונטערן נאָמען: „שרעק און עלנט פֿון דריטן רייך" געשריבן אין זיין גלות פֿינלאַנד, שוועדן און האָליוואָוד.

אין „גאַלאַ־גאַלילעי" שטעלט ער אַוועק דעם פּראָבלעם פֿון וויסנשאַפֿטס־

מאַן, וואָס ס׳איז שווער פאַר אים צו זאָגן דעם אמת אין אַ געזעלשאַפט וועלכע איז געבויט אויפן „גרויסן ליגן״. גאַליליי ראַנגלט זיך מיט זיין אַנטדעקונג און מיט די מענטשן פון זיין סביבה, וואָס דענקען אין אייביק־פאַרגליווערטע דאָגמעס און קאַטעגאָריעס. אויך אין אַ קורצער באַלאַדע לויכט אויף די פראַגע קאָן מען בלייבן ביים „אייביקן אמת״, אַז דער שווער־געוויכט פון מענטשן וועט אים קיינמאָל ניט לאָזן פליען אין רוים? — אַ „לעגענדע פון פויערים קריג״. דער שניידער יאָהאַן פון אולם, אין 1525, זאָגט צום עפּיסקאָפּ, אַז ער קען פליען ביז צום שפּיץ פון קאַטעדראַל. ער האָט אַזאַ אינסטרומענט, וואָס איז ענלעך צו ווינט־פליגל. דער עפּיסקאָפּ האָט געלאַכט: „מענטש איז דיר ניט קיין פויגל. קיינמאָל וועט פראָסטער שניידער ניט פליען״... און אַז דעם שניידערס פליגל האָבן זיך צעשמעטערט און זיינע גלידער צעשאָטן „אויף דער האַרטער, האַרטער ערד״, האָט דער עפּיסקאָפּ געקלונגען די קירכן־גלעקער: „קיינמאָל, קיינמאָל וועט אַ מענטש ניט פליען״...

וואָלט מען געקענט דערפינדן דעם עראָפּלאַן, דעם „דזשעט״, וואָלט מען געקענט באַצווינגען דעם קאָסמאָס, אַריינפליען אין די רוימען, אויב מען וואָלט געגלויבט דעם עפּיסקאָפּ, ווען מען וואָלט דעם אמת געלאָזט איינוויגן מיט קירכן־גלעקער?

די טעמע פון דער פּיעסע „דער קאַווקאַזישער ערד־קרייז״ איז באַזירט אויף אַ כינעזישער לעגענדע, ענלעך אין סוזשעט צו דער שלמה המלך־לעגענדע. צו וועמען געהערט ס׳קינד? געהערט עס דער פּרינצעסין, וואָס האָט דאָס קינד געלאָזט הפקר אויף דער גאַס, אָדער דער דינסט, וואָס האָט עס אויפ־געהאָדעוועט? דער ריכטער ברענגט אַרויס זיין אורטייל: — דער פּרינצעסין! דער טעאַטער־צושויער, דאָס פאָלק מאַכט זיין אויספיר: די ערד געהערט דעם וואָס גיט איר וואַסער און זריעה, באַפרוכפּערט זי. די געשטאַלט פונעם דינסטמיידל גרושא איז דאָ ניט די פאַרקערפּערונג פון מוטער־ליבע. זי איז גרייט צו נעמען אויף זיך יעדן קרבן נישט אויס ליבע צו א י ר קינד, נאָר צום קינד פון איר פאַרהאַסטער באַלעבאָסטע. ס׳איז ניט די ליבע פון בלינדן ביאָלאָגישן טריב און אויך נישט די ליבע פון קריסטלעכער באַרמ־האַרציקייט. ס׳איז די ליבע פון באַזיניקטן געפיל, אין וועלכער עס איז אָר־גאַניש באַהאָפטן די ערלעכקייט און די קראַפט פון פאָלק, וואָס שאַפט די וועלט מיט זיין אַרבעט, ס׳איז די ליבע צום לעבן און דער צוקונפט, און גושאַ, ווערט די טרעגערין פון דער שליחות פון איר קלאַס, פון איר פאָלק.

פאַר דעם פאָלק טראָגט זי אחריות. די דאָזיקע פיעסע רופט זיך איבער מיט דער באַלאַדע „פראַגן פון אַן אַרבעטער ביים לייענען געשיכטע".

דער פשוטער אַרבעטער לייענט אַ געשיכטע־בוך און ווערט נשתומם:

„ווער האָט געבויט די זיבן טויערן פון אַמאָן?
אין בוך זענען פאַרקריצט געוואָרן בלויז די נעמען פון מלכים
האָבן דען די מלכים געלאָדן אויף זייערע פלייצעס די שטיינער?
און די גינגאָלדענע לימאַ? — האָבן די בויער באַוואוינט?
וואוהין זיינען די בויער פאַרשוואונדן נאָכן פאַרענדיקן די וואַנט?
אַלעקסאַנדער דער יונגער האָט איינגענומען אינדיע!
טאָקע ער אַליין?
— סיזאַר האָט געשלאָגן די גאַלייער!
איז אין זיין אַרמיי ניט געווען כאָטש איין קצב?
יעדעס בלעטל איז פול מיט זיגן!
ווער האָט געבאַקט פאַר דער סעודה פון נצחון?
אויף יעדער צען בלעטלעך באַווייזט זיך אַ גרויסער מענטש;
ווער באַצאָלט זייערע הוצאות"?

אין זיין טיפן סאַרקאַזם און גאַליקער היינישער איראָניע באַווייזט זיך דער קינסטלער אין זיינע אַנטי נאַצישע באַלאַדען, וואו ער קראַצט מיט זיין שאַרפער פעדער דעם פאַרקרעצטן נאַצי און ברענט די ברוינע פעסט. ס'איז ניטאָ אין ברעכטס אַנטי־נאַצי לידער קיין שמץ פון יענע דונער און בליץ־מעטאַפאָרן און דער שלאָקס רעגן פון ווערטער, וואָס זיינען געווען אייגן דעם עקספרעסיאָניזם. די פאָרם פון זיין ליד איז עפיגראַמאַטיש און אויס־געקריסטאַליזירט און דער אינהאַלט איז פשוט ווי דאָס לעבן גופא און ס'איז אמת ווי דאָס לעבן לויט דער אידייע. ער באַווייזט ווי די געשיכטע אַליין שליידערט אין תהום און כף־הקלע אַריין די פינצטערע נאַצישע רוחות.

אַ ליד „מיין ברודער איז געווען אַ פילאָט":

„מיין ברודער האָט באַקומען אַ בילעט. ער האָט זיך פאַרפאַקט און איז אַוועק אויף דרום.
מיין ברודער איז געוואָרן אַ העלד און אַ באַצווינגער.
אונזער פאָלק פעלט רוים; נייער באָדן ווילט זיך אים, לעבנסרוים.
לעבנס־רוים האָט מיין ברודער באַקומען: דריי איילן — די לענג, צוויי איילן — אין דער ערד"...

און דאָס ליד „אַן אומבאַזיגבאַרע שריפט".

אין דער טורמע, אַ פולע מיט שכורים און גנבים און פּאָליטישע פאַרברעכער האָט אַן אַרעסטאַנט אויסגעקריצט שאַרפע אותיות: זאָל לעבן לעניןǃ האָט מען געבראַכט אַ פאַרבער מיט אַ פולן עמער פאַרב און ער האָט פאַרשמירט די געפערלעכע שריפט. נאָר אין האַלב־טונקל האָבן זיך שפּעטער די אותיות אַרויסאַנטפּלעקט: זאָל לעבן לעניןǃ האָבן די הענקער געבראַכט אַ מויערער און ער האָט אַטאַקירט די אותיות מיט זיין לאַנגן מעסער. ער האָט געקראַצט איין אות נאָכן אַנדערן, שווער געאָטעמט. גאַנצע דריי שעה' פאַרענדיקט? די שריפט איז געזונקען טיף־טיף אין דער וואַנט, די אומבאַזיגבאַרע שריפט, זאָל לעבן לעניןǃ און איצט? —
„נעמט אַראָפּ די גאַנצע טורמעǃ" — האָט באַפוילן דער סאָלדאַטǃ...

און די באַלאַדע „וואָס האָט באַקומען דעם סאָלדאַטס ווייב"? —

פון פּראָג — שטעקשיך; פון אָסלאָ — אַ פוטער־מאַנטל; פון אַמסטערדאַם — אַ האָלענדישן הוט; פון בעלגיע — זיידענע שפּיצן; פון פּאַריז — דאָס זיידענע קלייד. דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט גאַליקער נקמה —

— און וואָס האָט באַקומען דעם סאָלדאַטס ווייב פונעם פּראָסטיקן רוסישן סטעפּ? — צו דער טויטן פייערונג דעם אלמנה־שלייערǃ...

ברעכט האָט אַריבערגעפירט זיין דראַמע און באַלאַדע פון אַ תקופה פון גרעסטן פּורעניות ביז דער מפּלה פון די ברוינע בעסטיעס ביי דער וואָלגאַ און ביים בראַנדענבורגער טויער פון בערלין. דער וואָרט־מייסטער האָט געפירט דאָס בליציקע וואָרט פון פּאַסיפיק און האָדסאָן ביז דער שפּרעע. דער אַנטרונענער שטערן פון ברוינעם נאַכט־שייטער האָט פאַר זיין טויט ווידער אויפגעפינקלט אין יענעם זינד באַלאַדענעם בערלין, וואָס אַ העלפט פון דער שטאָט האָט כאָטש דערוואַכט צו פאָלקס־דעמאָקראַטיע.

דער פרעג־געדאַנק וואָס האָט געמאַטערט אַ דור און איז נאָך ווייט ניט פאַרענטפערט. ווי אַזוי האָבן קינדער פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַררעכנט געוועזן פאַרן „פאָלק פון דיכטער און דענקער", ווי אַזוי איז ער געזונקען אין טיפן אָפּגרונט? ווי אַזוי האָבן זיי געזונקען אין דער טיפסטער דעמאַנישקייט? דאָס פאָלק פון פּאָעטן און דענקער — דאָס פאָלק פון רוצחים און הענקערǃ

אין איינעם פון אירע לעצטע ראָמאַנען „די טויטע בלייבן יונג" האָט אַנאַ זעגערס געפּרואווט ענטפערן קינסטלעריש אויף דער פראַגע, ווי אַזוי איר לאַנד איז אַריינגעטראָטן אין ברוינעם וואַטאַנישן מדבר. דאָרט מאָלט זי דעם שטופנווייזן וואוקס פון דער היטלעריסטישער חיה רעה, וואָס האָט

אויסגעלאָשן דאָס ליכט אויפֿן מילכוועג און דערשטיקט יעדן מענטשלעכן פֿונק אין אַזויפֿיל הערצער פֿון די פּריצעס און מאַטילדעס, קאָנראַדס און מאַרגאַריטעס; ווי אַזוי די סוואַסטיקאַ האָט געקרייציקט די זון אַליין, כּדי מענטשן זאָלן זיך ניט געפֿינען אין דער געדיכטער פֿינצטערניש.

דער ראָמאַן הייבט זיך מיט אַ צופֿעליקן עפּיזאָד. נאָסקעס אַ שליח אַ ווייס־גוואַרדייאישער קאַפּיטאַן האָט אַרויסגערופֿן אַ יינגן אַרבעטער און אים דערשאָסן אָן אַ געריכט. דאָס איז געווען גלייך נאָכן געבורט פֿון דער ווײַמאַר רעפּובליק, וואָס איז „ווי אַ קינד אין דער מערכנהאַפֿטער לעגענדע געבוירן געוואָרן מיט ווייסע האָר, אַ געבויגענער אונטער די יאָכן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט”. דער יונגער אַרבעטער האָט פֿאַר זײַן טויט געטראַכט און געפֿילט אַז אויב ער, ערווין, מוז איצט שטאַרבן, וועט זײַן טויט זײַן נאָר אַ פֿאַרבייגייענדיקער אינצידענט אין לעבן פֿון עפּעס גאַנצעס”.

געווען איז עס אין פֿעברואַר פֿון 1919. נאָסקעס לייטענאַנטן האָבן זיך געטרייסט: „דאָס שלימסטע איז שוין פֿאַרביי. מען שפּירט שוין מער ניט דעם מינדסטן פּולווער פֿון רעוואָלט אין דער לופֿט. ליבקנעכטס לויה האָט ניט געצויגן קיין מאַסן, כאָטש פֿון דעם ווערט ער ניט מער טויט, זיי האָבן נאָך ניט געפֿונען ראָזאַן. זי איז שוין מסתמא געזונקען אין אָפּגרונט”...

דער דאָזיקער עפּיזאָד קאָן דינען ווי אַ לייט־מאָטיוו פֿאַר זעגערסעס רעאַליזם, פֿאַר איר הומאַניסטישער פּראָזע אין ראָמאַן „דער זיבעטער קרייץ”. איך ציטיר פֿון לעצטן בוך אָבער אין מוקדם ומאוחר אין דער וואָרט־קונסט. אויך דער שרײַבער הייבט אָן פֿון זײַן לעצט בוך. „דער זיבעטער קרייץ” איז אַ בוך וועגן דער פֿאַרמשכנטער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון דײַטשן פֿאָלק אין די היטלער־יאָרן, סוגעסטירט פֿון זײַן מאָרד־געשיכטע אין 1919. ס'איז אַ קינסטלערישע געשטאַלטיקונג פֿון „זײַן” און „אָנגעהערן” פֿון אַ מאַסע און אויך פֿונעם גלויבן און ווערן זיך פֿון יחידים געגעבן אין רעטראָ־אַקטיוו. ס'איז אַ ראָמאַן וועגן קאָלעקטיווער העלדישקייט, כאָטש אַלץ ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט דורך די אייַנצלנע העלדן, וואָס נעמען אויף זיך די שליחות פֿון דער מאַסע. אויף אַ קונסט־ווערק איז אויך חל דער אמת אַז קוואַנטיטעט גייט איבער אין קוואַליטעט. דער בוך איז דעריבער די געשיכטע פֿון דײַטשן פֿאַשיזם אין זײַן בלוטיקן אָפּגיי און ס'איז אויך די געשיכטע פֿון איבערמענטשלעכער העראָאיק פֿון געציילטע, אַנטלאָפֿענע קעמפֿער פֿון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פֿון רהיינלאַנד.

אויף איר אייגנער לאַנדשאַפֿט, אויף די טריבע און אָפֿענע, פֿאַרוויאַנע־

טע און האַרבסטיקע ווײַנפּעלדער בײַם רהײַן־בּרעג, פירט זי אַרויס איר העלד. זעגערס איז אַליין אַ קינד פון דער געגנט. אַ טאָכטער פון אַ יידישן קונסט־הענדלער אין דער אַלטער מאַינץ. אין אירע יוגנט־יאָרן האָט זי באַקומען איר דאָקטראַט פאַר אַ דיסערטאַציע וועגן „יידישע מאָטיוון ביי רעמבראַנדטן". ווען זי פירט איר העלד, געאָרג הייזלער אויף די האַרבסטיקע שליאַכן ווערט דער העלד און די גאַנצע לאַנדשאַפט געגעבן אין די ראַמען פון אַ דע־טאַליזירטן רעאַליזם, וואָס דערמאָנט מיט זיין קאָלאָריט אין רעמבראַנדטן; דאָס טונקעלע פון בילד געמישט מיטן פינקלדיגן העלן גאָלד־טאָן.

געאָרג וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער וועסטהאָפען, איז געווען אַ האַלב־פאַרשייטער בחור, פאַרקאָכט אין פוטבאָל און אין מיידלעך. פראַנץ מאַרגאַו, דער אינטעליגענט צווישן די יונגע טוער אין שטאָט האָט אים גענומען אונטער זיינע פליגל און אים מדריך געווען אין סאָציאַליזם. געאָרג האָט זיין חבר־לערער שטאַרק ליב, דאָך שטערט עס אים ניט, ער זאָל ביי אים אָוועקנעמען זיין געליבטע וועלכע ער אַליין, געאָרג פאַרלאָזט גלייך נאָך דער חתונה איידער זי האָט נאָך געהאַט זיין קינד. אַ שטיק צייט איז ער טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און ווייזט אַרויס מוט און בראַווקייט. נאָכדעם ווי ער ווערט פאַרשפּאַרט אין דעם נאַצי־לאַגער קומט ער אונטער דעם איינפלוס פון אַן עלטערן חבר, דעם געוועזענעם ספּאַרטאַקיסט וואַלאַו, און אַלע אין לאַגער ווייסן, אַז אויב עפּעס גרויסעס וועט געשען אין וועסטהאָפען וועט געאָרג זיין פאַרמישט אין דעם.

אינאיינעם מיט זעקס אַנדערע געלינגט אים זיך אַרויסרייסן פונעם שטעכל־דראָט און די ווייניק־פאַרבליבענע פון דער אונטערערד שפּירן, אַז פאַר דעם איין און איינציקן מענטשן איז ווערט צושטעלן אַלץ אין קאָן, ווייל דער פראָסטער יונג האָט זיך פון זיין ווילדקייט און פאַרשייטקייט דער־הויבן צו העלדישקייט און גלויבן אין אַן אידעאַל, וואָס גיט אים ניט נאָר ווילן און כח נאָר אויך חכמה און אויסדויער אין טעג פון גרעסטער געפאַר.

זיבן ביימער — זיבן תליות האָבן די הענקער, די וועכטער פון וועסט־האָפען אויפגעשטעלט פאַר די אַנטלאָפענע. איינציקווייז ווערן זיי געכאַפּט און צוריקגעבראַכט און אויפגעהאָנגען. שווערער קומט זיי אָן צו כאַפּן דעם זעקסטן, דעם העלדישן און פילאָסאָפירנדיקן וואַלאַו. אויך אים כאַפּן זיי. נאָכדעם ווי זיי האָבן אַלאַרמירט די גאַנצע געגנט, אַלע שטעט און דערפער. וואַלאַו ווערט געהאָנגען און זיין תליה, דער זעקסטער קרייץ ווערט אַרונטער־געזעגט. דער זיבעטער קרייץ בלייבט שטיין און וואַרטן אויף דעם זיבעטן.

געאָרג וואַנדערט און וואָגלט אויף די רהיינישע שליאַכן צווישן סאָלוטן פון "הייל־זיג!". טירן ווערן פאַר אים פאַרשפּאַרט, טויערן פאַרהאַקט און שוועלן — באַוואַכט. ער איז געיאָגט פון שטאָט און דאָרף, ווי אַ נאַקעטער וואָלף אין סטעפּ און וואַלד. די שרייבערין ברענגט אַרויס די גאַנצע קאָשמאַר־אַטמאָספערע. די מענטשן מיט וועלכע געאָרג קומט אין באַריר, די רעגונגען וועלכע בליען אויף אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דער געגנט און די יחידים און גרופּעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין געיעג און אַנטלויפן; די סיטואַציעס וויקלען זיך און ס׳ווערן אַרויסגעבראַכט קער־און־ווענדן, וואָס קומען פאָר אין די מענטשן. עס גייען פאַרביי אַ גאַלערייע דייטשן; נאַציס, סתם קליינבירגער, וואָס זיינען אפשר ניט אַזוי גרויזאַם ווי די היטלעריסטן, אָבער ס׳איז שוין אין זיי לאַנג דערשטיקט געוואָרן דאָס מענטשלעכע, און אויב די חיה איז נאָך אין זיי ניט אויפגעוועקט, איז שוין אָבער ביי זיי אָפּ־געטעמפּט דער מענטש. עס זיינען דאָ אויך פאַראַן טעמפּ־געוואָרענע און פּחד׳פולע דערדריקטע פון צרות און ליידן.

אַנאַ זעגערס ברענגט אַרויס דעם גאַנצן מאָראַלישן חורבן וואָס דער דייטשער פאַשיזם האָט אַריינגעבראַכט אין די נשמות פון דייטשן מענטשן, דורך צעלייגונג און „איבערדערציאונג", דורך אַרויסרופן די נידעריקסטע אינסטינקטן, דורך דער ראַסיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, דורכן דערפירן די אַלט יונקערשע קאַזאַרמע־דיסציפּלין ביז דער גולמדיקסטער אויטאָמאַטיש־קייט, דורך קאָרופּציע און אַנטיסעמיטיזם — דאָס אַלץ האָט געהאָלפן אויס־וואָרצלען ביים יונגן דור, ביים דורכשניטלעכן יונגן דייטש דעם קלענסטן מענטשלעכן צאַפּל.

די נאָוועליסטין ברענגט אַרויס שטיקער פון דערווירקלעכקייט אין ברוינעם סדום. „די יוגנט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין שרענגעס, זיי זאָלן קוקן און שפּייען אויפן געכאַפּטן פליכטלינג. מענטשן ביי וועמען ס׳איז נאָך געבליבן איין ניצוץ מענטשלעכקייט, האָבן געפילט, אַז „דאָס בעסטע וואָס איז געוואַקסן אין לאַנד איז אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. מען האָט דער דאַזיקער יוגנט, די ייִנגלעך און מיידלעך פון דער היטלער־יוגנט, געזאָגט, אַז זיי געהערן דעם „פיורער" און זיי זיינען ווי די פאַבל־קינדער, וואָס האָבן געזויגן פון וועלף און האָבן דערנאָך זייערע אייגענע מוטערס צעריסן אויף שטיקער.

די שרייבערין פירט אויך אַרויס דעם עלעמענט, וואָס האָט זיך גע־וואַקלט צווישן שרעק און געוויסן. פּאול ראָדער און זיין ווייב ליזעל. געאָרג

האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין זייער הים בלויז איין נאַכט. אינדערפרי איז ער אַוועק. ליזעל איז געווען פאַרצווייפלט. זי האָט געהאַט טענות צום מאַן, פאַרוואָס ער האָט איר ניט אויסגעזאָגט, אַז געאָרג איז דער אַנטלאָפענער. צוליב וואָס שטעלן אין געפאַר זיך, דעם מאַן, די קינדער? ער איז דאָך איינער אונדזער מיר — זיבן". — „ליזל, ס'איז דאָך אַ פראַגע פון לעבן און טויט" — זאָגט פאול. — „די ערשטע פראַגע איז אונזער לעבן" — זאָגט ליזעל. עס האָבן ניט געהאָלפן פאולס רייד אַז דער מענטש ווערט געשטעלט צום נסיון אין אַ קריטישער לאַגע, דווקא ווען האַנדלט זיך וועגן „יענעמס לעבן". נאָר שפּעטער, ווען גאָרניט איז געשען מיט דער פאַמיליע ראָדער, האָט ליזעל איבערגעלעבט אַ שווערן געפיל. זי האָט זיך געשעמט פאַר דער העלדישקייט פון איר מאַן און פאַר איר אייגענער שוואַכקייט און האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען.

אַן הלכה־דילעמע אין דער אַלטער העברעאישער משנה איז געשטאַנען אין מיטלאַלטערלעכן דייטשלאַנד, בימי ר' יהודה פון רעגענסבורג און די קרייצצוגן. ווען יידן פון דער רהיינלענדישער געגנט זיינען געפּרוּווט געוואָרן מיט דעם נסיון:

„אַ באַנדע וואָס האָט באַפאַלן אַ יידישער קהלה: גיט אונז אַרויס איינעם אויב ניט וועלן מיר אַלע אומברענגען, זאָלן בעסער אַלע שטאַרבן און ניט אַרויסגעבן איינעם — „איז דען דיין בלוט רויטער ווי יענעמס?"

צי האָט זיך ניט צומאָל די יידישע טאָכטער פון מיינץ, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין די טונקל־גאָלדיקע רבנישע רעמבראַנדט־געשטאַלטן אויך ניט פאַרטראַכט וועגן דער מאָראַלישער דילעמע?

טעמפּע, דערדריקטע מענטשן, שוואַכלינגע. מענטשן פון רשעות און ווילקיר, אָבער דאָ און דאָרט בליצט אויף אַ שטראַלעכל ליכט, אַ ניצוץ פון מיטגעפיל, אַ פונק מענטשלעכקייט, און די נאָוועליסטין טשאַטעוועט אויף די ליכט־פלעקן און גראַווירט זיי אַרויף אויף אירע בלעטער ווי איר מוסטער־האַפטער רעמבראַנדט. אָט איז דער גייסטלעכער, וואָס פאַרברענט דעם פאַר־בלוטיקטן באַנדאַזש פון פאַרוואונדעטן געאָרג, וואָס האָט געגנעכטיקט אין דער מיינצער קאַטעדראַלע. דער גלח וויל ניט די מערדער זאָלן זיך לאָזן אויף די שפּורן פון קרבן; און דאָס פאַסטוך־יינגל, וואָס האָט געזען ווי דער אַנטלאָפענער שפּרינגט אריבער אַ פלויט, טוט און אָן דעם יינגלס רעקל. דאָס פאַסטוך־יינגל ווערט אויסגעפּרעגט אין דער געסטאַפּאָ און לייקנט אַז

ס'איז זיין רעקל... דאַכט זיך קליינע עפּיזאָדן, אָבער אַן זיי וואָלט אַלץ אונטער־געגאַנגען, מיט זיי איז נאָך דאָ אַ האָפענונג אַז ניט אַלץ איז סדום!

דער עיקר פון „זיבעטן קרייז", זיין צענטראַל־פּונקט איז אָבער די רעטונג פון געאָרג הייזלער. עס זעט אויס אַז די קינסטלערין זאָגט וועגן איר העלד: זאָג מיר אין וואָס דו גלויבסט, וועל איך דיר זאָגן וואָס עס וועט מיט דיר געשען!

טעג און נעכט פּייניקן די לאַגער־הענקער דעם זעקסטן קרבן וואַלאַ. זיי פאָדערן פון אים, ער זאָל זיי זאָגן וואו עס געפינט זיך זיין תלמיד געאָרג. וואַלאַו, וואָס ווייסט אויף זיכער, אַז געאָרג וועט אויסהאַלטן ביז זיין לעצטן אָטעם, שווייגט ווי אַ שטיין. זיי רייסן אים די נעגל מיט צוואַנגען, זיי ברענען אים די פינגער און ער איז שטום. ער געדענקט איצט גוט, וואַלאַו, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט הייזלערן, איידער זיי האָבן זיך צעשיידט: „האָסט אַ גוטע געזעלשאַפט, געאָרג. זי איז איצט צעזייט און צעשפּרייט, נאָר ס'מאַכט ניט! ס'איז אַ גוטע געזעלשאַפט פון לעבעדיקע און טויטע, צווישן זיי אויך קאַרל, ראָזע!" די מערדער שינדן זיין הויט אָבער קריגן ניט אַרויס פון אים קיין וואָרט! דער הענקער לאָזט אַראָפּ די פייערדיקע בייטש אויף וואַלאַוס בראַנד־וואונדיקן רוקן און פרעגט: „איז וואָר, אַז דו האָסט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ספּאַרטאַקוס־ליגע אינעם ערשטן טאָג פון איר גרינדונג?" וואַלאַו שווייגט און טראַכט דערביי: אַרויסגעוואָרפן די מי! רופט בעסער ליבקנעכטן. ער ווייסט בעסער פון מיר. ער וועט אייך ענטפערן אַזוי הויך ווי איך, געצוי! „לאָזן די טויטע באַגראָבן די טויטע!"

די הערן פון דער הענקער־ראַסע האָבן דערפילט אַז דער אַנטרונענער הייזלער האָט דורכגעבויערט אַ לאָך אין זייער לייבן־גרוב. „צום ערשטן מאָל זינט ער איז אַנטלאָפן האָט דער הויפּט פון וועסטהאָופען, פאַרענבורג, גע־שפּירט, אַז ער האָט פאַר זיך ניט קיין יחיד, נאָר אַ שטאַרקן און אומאויס־שעפּלעכן כח". און אויך געאָרג האָט, בעת זיין רעטונג, ווען ער איז געווען אויף דער שיף, וואָס האָט אים געפירט קיין האָלאַנד, דערשפּירט, אַז „דאָס אַלגעמיינע איז דאָך גוט, בלויז טיילן זיינען שלעכט". ער האָט געוואוסט, אַז די עקשנות און סבלנות פון זיין לערער וואַלאַו איז דערפאַר געווען אַזוי קעמפעריש־פאַרעקשנט, ווייל זי איז ניט געווען זיכער אין באַלדיקן זיג איבערן שונא, נאָר איז באַשטאַנען אין אויסדויער און אין פילן די אייגענע עקזיסטענץ וואָס בלייבט נאָך אים.

אין אירע בריוו פון תפיסה צו לואיזע קאַאוטסקי האָט ראָזע לוקסעמ־

בורג געשריבן: „יעדער מאָל ווען איך פאָר פאַרביי דעם ברויזיקן וואַסער־פאַל פון רהיין, און איך זע דעם זודיקן געווירבל, ווערט מיין האַרץ, אין אַנבליק פון דעם בילד, ווי פאַרשטומט און מיינע ליפּן מורמלען: דאָרט איז דער שונא!... ס'איז בעסער אַ מענטש זאָל איינזינקען אין רהיין ווי אַ שאָלעכץ פון אַ נוס, אַבי ער זאָל ניט צושאָקלען דעם קאָפּ צום טייך, ניט לאָזן אים זידן און רוישן ווי אין די צייטן פון אונזערע עלטערן... אַ מענטש מוז באַהערשן דעם היסטאָרישן פּראָצעס".

ניט דער געפיל פון גורל נאָר עקזאַלטאַציע פון ווילן איז דאָ אַזוי וויכטיק. ראָזע לוקסעמבורג האָט געקענט זען הינטער דעם איצטיקן טונקל די ליכטיקע צוקונפט, די אונטער ערדישע קרעפטן, וואָס רייסן זיך צו דער זון און גראָבן אַ גרוב פאַר דעם פאַרמשפּטן היינט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זיי אַליין קומען אום.

אין אַ צווייטן בריוו צו סאָניע ליבקנעכט האָט ר. ל. געשריבן: „דער אָנהויב פון פרילינג אין דער אָרגאַנישער וועלט, דאָס דערוואַכן צום לעבן, הייבט זיך אָן איצט, אָנהויב יאַנואַר. ניט וואַרטענדיק אויף דעם קאַלענדאַרישן פרילינג. ווען לויטן לוח הייבט זיך אָן ווינטער געפינען מיר זיך אין דער גרעסטער אַסטראָנאָמישער נאָענטקייט צו דער זון, און דאָס האָט אַ ווירקונג אויף פלאַנצן און חיות, אויף אַלץ וואָס לעבט. אויך אין מענטשנס לעבן איז די זון־וואַנדערונג אַ קריטישער מאָמענט. אויך אין טראַגישן סוד געפין איך אַ קרובהשע נאָענטקייט מיט די גראַנדיעזע בילדער פון רעמבראַנדטן".

דאָס לעבן פון זיינע גרויסע ספּאַרטאַקוס־לערער, האָט וואָלאו געוואוסט איז געווען האַרמאָניש, „פאַרגאַנצט". ס'איז אָבער ניט געווען די האַרמאָניע פון אַ אידילישער אָרענזשאַריע, נאָר פון לעבעדיקע סטיכייעס, וואָס קעמפן צווישן זיך, אָבער אין לעצטן סך־הכל ווערן זיי אויפגעלייזט אין אַ האַרמאָנישן — הגם טראַגישן — ליכט. די העכסטע האַרמאָניע איז די וואָס אַ מענטש דערפילט די אייגענע אומשטערבלעכקייט אין מאָמענט פון שטאַרבן.

עפּעס פון דעם איז דאָ אין דעם עפּילאָגישן אַקאָרדישן שלוס־בילד פון „זיבעטן קרייץ". געאָרג איז אַנטרונען. די תליינים האָבן אָפּגעזעגט דעם בוים און מיט זיין האָלץ איינגעהייצט דעם אויוון פון לאַגער. — „און אין יענעם פאַרנאַכט" — דערציילן די אַרעסטירטע — „ווען אין אונזער באַראַק איז געוואָרן וואַרעמער און אַז מיר האָבן געקוקט אויף די פלאַמען האָבן מיר זיך דערפילט נאָענטער צום לעבן ווי פריער, אַ סך נאָענטער און לעבעדיקער

ווי די וועלכע האָבן אויפגעשטעלט דעם בוים, און מיינען אַז זיי לעבן. אינעם נאָסן און שנייאיקן יאַנואַר האָבן מיר דערפילט — פרילינג!״

אין איר צווייטן ראָמאַן, געשריבן נאָך דער מפּלה פון נאַציזם, האָט זעגערס דערפירט דעם יונגן האַנסן, דעם זון פון דערמאָרדעטן ערווין, אַמאָל, אין 1919 צו אַ צונויפטרעף מיט דעם נאַצישן וועגצלאַו, דעם גענעראַל פון היטלערס „טויזנט יאָריקן רייך״. דער גענעראַל, וואָס איז געקומען פון רוסישן פראָנט, האָט דערזען דעם זון פון זיין אַמאָליקן אומשולדיקן קרבן און האָט אויסגערופן: „אָבער ווי יונג ער איז געבליבן! מעגלעך, אַז אַלע וואָס זיינען דאָן געווען זיינען טויט, אָבער דער דאָזיקער יונג, אים האָט דער טויט ניט גענומען. די נאַציס האָבן געדראָשן זיינע ביינער און אים ניט באַזיגט. דער טויט האָט אויף אים קיין שליטה ניט. ער איז געבליבן יונג!״

אַנאַ זעגערס „דער זיבעטער קרייץ״ איז נאָענט צו רעמבראַנדטן מיט דער פרישקייט פון איר פאַרביקן געמעל און מיט דעם ליכט־עפעקט, וואָס זעט זיך אָן אויף דער אַנגעצונדענער שקיעה. אינעם ראַם פון אַ בין־השמשות בילד זעט מען ערשט די שפּעטערדיקע ליכטיקייט. אויך די געשיכטע מאַכט דורך אַ מין ראַטאַציע פון פאַרטונקלונג צו זון־אויפגאַנג, פון נאַכט — צום טאָג, פון ווינטער צום זומער. „יונג איז נאָך די געשיכטע פון דער מענטשהייט״.

די גרויל־בילדער פון די פאַרפייניקטע אַנטי־נאַצישע העלדן אין די היטלערישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן נאָך געשוועבט פאַר די אויגן פון אַנאַ זעגערס, נאָך איר צוריקקער פון גלות. זי האָט די טעמע געפירט צום גערעכטן פסק־דין אויף די מערדער. צוויי טיפן פון איר „זיבעטן קרייץ״ האָט די שרייבערין אַוועקגעשטעלט אין נייע סיטואַציעס און אין דער לאַנד־שאַפט פון איר חרוב לאַנד, וואָס האָט זיך אויפגעהייבן פון מפּלה־רואינעס.

די גרויסע דערציילונג „דער סוף״ איז אַ רעאַליסטישע נאָוועלע מיט אַן אידייאישן זין. עס איז דער פאַרדינטער סוף פון געוועזענעם נאַצישן אַכזר און פייניקער פון וועסטהאָופען און איצטיקן פויער ציליך, וואָס האָט זיך נאָכן היטלעריסטישן פאַנאַדערפאַל צוריקגעקערט אַהיים צו ווייב און קינד און געוואָלט „אָנהייבן אַלץ פון׳ס ניי״, קיינער זאָל ניט וויסן וועגן זיינע בלוטיקע מעשים אין דער מלוכה פון האַקנקרייץ. ציליך האָט רואיק איבער־געגעבן דער ווייב זיין ביסל געלט און איז זיך אַוועק צו זיין אַרבעט אין פעלד מיט אַ ריינעם געוויסן. מאַלע, וואָס איז אַמאָל געווען! מען האָט דאָך נאָר אויסגעפירט באַפעלן! „ניכט וואָר?״

האָבן הימל און ערד געשוואוירן אַז דער קין־צייכן פון נאַצישטן שטערן זאָל אַזוי גיך ניט אָפּגעמעקט ווערן. עס דרייען זיך נאָך אַרום אויף דער ערד, וואָס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן באַדעקן מיט לעבעדיקער גרינקייט, די הונדערטער אַנטרונענע נאַצי־קרבנות און זיי האָבן דאָך געשוואוירן: נקמה!

שפּאַנט זיך דער נאַצישער קין מיט ווייכע טריטעלעך איבערן גרינעם פעלד נאָכן פרידלעכן אַקעראייזן, ווי ער וואָלט וועלן פאַראַקערן דעם זכר פון זיינע רציחות. זאַנגען און גראָזן קאָנען ניט זיין קיין עדות, אָבער מענטש איז עדות און שופט אינאיינעם!

דעם מערדערס אַ קרבן, אַ פּליט פון אַ לאַגער, דער יידישער אינזשינער וואָלפּערט, וואָס האָט דערטראָגן זיך פאַרפייניקט לעבן און דערלעבט די מפּלה, איז דאָ! ער פּאָרט פאַרביי ציליכס דאָרף און דערקענט זיין אַמאָליקן פּייניקער און דעם מערדער פון זיינע ברידער און שוועסטער. ער האָט אויף דעם קין געוואָרפן איין בליק און פונעם בליק פון יידישע אויגן האָט זיך קין־ציליך דערפילט ווי אַ דורכגעברענט, ווי אַ פוילער שטאָם אין אַ שטורם־פלאַקער. דער מערדער איז אַנטלאָפן, האָט זיך אויסבאַהאַלטן, נאָר די ערד האָט געברענט אונטער זיינע פיס און ער האָט געפילט ווי דאָס לעבן אַליין יאָגט אים. ער האָט פאַרדונגען זיינע אין אומשולדיק בלוט־איינגעטונקטע הענט הענט דער פאַבריק, געאַרבעט פלייסיק, נאָר זיין וועלפישע הויט האָט גע־ציטערט פון אַנגסט טאָמער וועט מען אים דערקאָנען. ער האָט דערפאַר אויסגעמיטן איבעריקע רייד מיט די אַרבעטער, אָבער פון זייערס אַ בליק אַליין האָט ער געציטערט און איז באַדעקט געוואָרן מיט זיבן שווייסן...
ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים און זיין משפּחה האָט שוין געוואוסט גענוי וואָס ער האָט געטאָן די גאַנצע צייט פון דער מלחמה. דאָס ווייב האָט אים צוריקגעוואָרפן זיין געלט און פאַרטריבן. ניט געוואָלט האָבן ביי זיך דעם מערדער פון אַלטע לייט און יונגע קינדער.

אויף זייטיקע שליאַכן און פאַרבאַרגענע איינזאַמע שטעגן האָט דער נאַצי־קין געוואַנדערט, זיך געשאַרט ווי די פאַרצייטיקע נבוכדנצר־חיה אין וואַלד. וואו געטאָגט ניט גענעכטיקט. ער האָט זיך שוין ניט געשראָקן פאַרן טויט. ער האָט מורא געהאַט פאַרן לעבעדיקן לעבן. ווען האָט זיך, אין אַ פרימאָרגן אַרויסגעשאַרט פון אַ וואַלד־הייל האָט ער ביים ברעג פון אַ טיריני־גישן וואַלד באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס האָט אים באַגלייט אַ שטיק וועג ביזן נאָענטסטן ישוב. זיין באַגלייטער האָט אים דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ יידן. די דערמאָנונג האָט אַרויפגעבראַכט אין אים די געשטאַלטן פון זיינע יידישע

קרבנות. ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און געפרעגט: „זיינען נאָך דאָ יידן?״ — „ניטאָ זיך וואָס צי וואונדערן״ — האָט אים זיין באַגלייטער געענטפערט: „עס שטייט געשריבן אין הייליקן בוך, ווען מען האָט דעם קאַסטן געעפנט איז אַרויסגעשפּרונגען אַ ייד — נח נאָכן מבול!״...

ציליך האָט געוואָנדערט ווי דער „אייביקער ייד״ און געוואָלט בעסער פאַרשווענקט ווערן פון שלאַקסרעגן, דערשלאָגן ווערן פון האָגל און פאַרדעקט ווערן פון שניי. ער איז דערגאַנגען צו זיין לעצטן פונקט. ווי זיין קרבן געאָרג הייזלער אַמאָל האָט ער זיך איצט אויסבאַהאַלטן אין אַ קירך. און דאָ ערשט האָבן אויף אים געהאָגלט די שטראָף־רייד פונעם גייסטלעכן, וואָס האָט געמוסרט די „דייטשע שאָף״, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו „באָפעלן״ און ניט צום „אינערלעכן באָפעל״, „וואָס שרייט אימער פון דער טיפעניש: קין, וואו איז דיין דערמאָרדעטער ברודער?״ און אַז דער „פּאַסטאָר״ האָט פאַר־ענדיקט די שטראָף־דרשה מיט די ווערטער: „נקמה געהערט מיר, איך וועל באַצאָלן!״ האָט ציליך דערהערט זיין פסק־דין. ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון דער קירך, וואָס אירע שויבן האָבן געברענט אין די לעצטע שקיעה־שטראַלן, האָט אַוועקגעשפּאַנט אין וואַלד און זיך אויפגעהאָנגען.

צווישן לעבעדיקע מענטשן איז דער נאַצי טויט. אויף דער ערד וואו עס דאַרפן ווידער גרינען לעבעדיקע שטאַמען און פרישע פלאַנצן איז פאַרן מערדער קיין אָרט ניטאָ! צי האָט דער זעלבער גורל אויך דערוואַרט די טויזנטער אַנדערע רוצחים אויף דער ערד? איז ציליך אַ טיפּ, אָדער אַן אויסנאַם? דרייען זיך דאָך נאָך אַרום אויף די ווידער אויפגעשטעלטע חורבות און אָפּגעבויטע רואינען הונדערטער מערדער! איינס איז זיכער: קיין אַנדער סוף ווי דער וואָס אַנאַ זעגערס האָט צוגעטיילט דעם געוועזענעם נאַצי קען מען זיך ניט פאָרשטעלן. פון איר פּראָזע שרייט אַרויס דער פסק־דין: די צינדער פונעם ברוינעם שייטער, וואָס האָבן פאַרלאָשן די שטערן, זאָלן יאָ גיין דעם לעצטן וועג!

צווישן תוהו און תיקון

ארום דער וועלט פון פראַנץ קאַפקאַ

„און קיין מעלה פון מענטשן איבער דער בהמה איז נישטאָ, וואָרים אַלץ איז תוהו און נישטיקייט״ **(קהלת ג).**

„אין דער שעה ווען מען פירט אַריין דעם מענטשן צום משפט זאָגט מען אים האָסטו געהאָפט אויף ישועה? האָסטו געגלויבט די רייד פון די נביאים?״ **(שבת ל)**

פּרייטיק פאַרנאַכט. ביי דער שטיינערנער בריק איבערן מאָלדאַו־טייך. אַ פרישע ווינטל בלאָזט פון גרין־בלוילעכן וואַסער. די זון זעצט זיך. אַנטקעגן טורעמען זיך מויערן און קירכן, וואָס ציען זיך ביזן „הראַדשין״, דעם אַלטן פּראַגער „בורג״. לינקס ליגט די „אַלט־שטאָט״. ענגע, קרומע און גע־פלאָכטענע געסלעך, וואָס פירן אַריין אין טיפע ווינקלען און אין אייזערנע טויערן, ביז צו דער „אַלט־ניי״ שול, און דעם קהלה־בנין מיט דעם זייגער, וואָס האָט העברעאישע אותיות אויף זיין ציפערבלאַט. רעכטס ליגט דער אַלטער יידישער בית עלמין, וואו איבער די שטיינער מיט די פון ווינט און רעגן־אויסגעלאָשענע אויפשריפטן דערהייבט זיך די מצבה פון גרויסן מהר״ל, דעם לעגענדאַרישן שאַפער פון גולם.

אויף דער בריק איז שטיל. אַ שלאַנקער, עטוואָס־געבויגענער פערציק־יאָריקער מיט אַ ברוינלעך שאַרף־געשניצט פנים, פאַרקלערט און טרויעריק, בויגט זיך אַריבער דער בריק. זיינע בליציקע אויגן קוקן צו דער „אַלט־שטאָט״. אין דער פאַרגאָלדעטער בין־השמשות־זון זעט ער ווי צום שווערן טויער פון

דער שול שאַרט זיך די פיגור פון אַן אַלטן יידן מיט אַ שטאַלץ־גרויען קאָפּ, אַ שמאָלער ווייסער באָרד. דער אַלטער גייט אַריין אין שול, זעצט זיך אויף זיין אָרט ביי דער מזרח־וואַנט, לעבן ארון־קודש, וואו די סטעליע איז ווי אַ געשפּאַנטער בויגן. באַלד דערהערט זיך זיין ווייך קול. ער לערנט מיט אַ ברענענעדיקן ניגון דעם ספר קהלת: „ומותר אדם מן הבהמה אין כי הכל הבל...— — ”

דער יונגערמאַן מיטן ברוינעם פּנים און די בליציקע אויגן רייסט זיך אָפּ פון דער גרין־בלויער מאָלדאַו און שפּאַנט אַוועק צו דער שול. ער בלייבט שטיין ביי דער שוועל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווייל מען מוז זיך איינבויגן ווען מען וויל אַריין אינעווייניק אין דער „אַלט־ניי”־שול. זיינע אויערן זאַפּן איין די ווערטער און דעם ניגון פון דעם רענעסאַנס־גאון. אָט־באַלד און ער וועט פאַרפירן אַ שמועס, אַ דיאַלאָג וואָס איז אייגנטלעך אַ מאָנאָלאָג.

דער מאָדערנער מערב־אייראָפּייאישער זון פון אַלטן פּראָג האָט דערפילט זיין איינזאַמקייט. ס'איז די איינזאַמקייט פון אַ מענטשן אין אַ מדבר, אָן אַ וועג און אָן אַן אויסוועג. וואו ליגט דער אויסוועג פון מענטשלעכן כאַאָס? פון דעם אַבסורד? ער האָט דערטראַכט דעם תוהו־געדאַנק ביז צום סוף. אפשר דאַרף מען גאָרניט זוכן, אויסמיידן ענטפערס?

דער קאָנטראַסט רייצט. צוויי יידישע געשטאַלטן. איינער אַ ייד פון רענעסאַנס — דער מהר"ל פון זעכצנטן יאָרהונדערט, אַ רעליגיעז־הומאַנע פיגור, וואָס איז דערגאַנגען צום שעור־קומה־בילד פון מין מענטש, צו אַ פאָרשטעלונג, אַז דער סדר פון דער וועלט גייט צו דער העכסטער פאָרם פון דערלייזונג, ווי ער האָט געשריבן „הגאולה היא הכרחית” — די דערלייזונג איז אַ נויטווענדיקייט; דער צווייטער — אַ זון פון אַלטן פּראָג, אַ בן־דור פון „פאַרטונקלטן מערב” און אַן אייגנאַרטיקער ליטעראַרישער געניע אין דעם קרייז דייטשע ליטעראַטן פון פּראָג, אַ באַלאַדענער מיט ספקות און מיט פאַטאַליזם פון קראַנקן מערב; איינער וואָס איז אויף זיין אופן געווען אַ רעאַליסט און האָט געשפּירט די פרייד פון דער יצירה, פון באַשאַף און באַשאַפונג; דער צווייטער — אַ רעאַליסט, וואָס דערגרייכט תמיד דאָס אומרעאַלע, ווייל דער מענטש איז ביי אים אונטערוואָרפן אַ קאָסמישע שיקזאַל־דעטערמינאַציע און די גאַנצע מי, דער אָנשטרענג פון מענטשן איז, אין לעצטן חשבון, זינלאָז. עס איז ליידיק, פּוסט. „די ליידיקייט איז גאָט, די מענטשלעכע איינזאַמקייט איז גאָט”, און „ווען מען פירט אַריין דעם מענטשן

צו זיין משפט ?״ — גאַרניט האָט פּאַסירט. דער אורטייל איז ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן. דער שופט האָט פאַרשפּעטיקט...

פראַנץ קאַפקאַ ווערט באַטראַכט פאַרן פאָטער פון ליטעראַרישן עקזיסטענציאַליזם, וואָס זיינע הויפּט־שטריכן לאָזן זיך פאָרמולירן אַזוי: דער מענטש דורך זיין קיום, עקזיסטענץ, קאָן באַטראַכטן די וועלט בלויז ווען ער נעגירט יעדע סיטואַציע און דורך זיין פרייען אויסוואַל. די פרייהייט פון מענטש איז אין דער בחירה, אָדער ער מאַכט שלום מיט אַ סיטואַציע, אין וועלכער ער געפינט זיך, אָדער נעגירט זי דורך זיין רעוואָלט, דורך אַקציע. אין זיין טאָט ווערט ער דאָס וואָס ער שטרעבט צו ווערן, און אַלעמאָל בלייבט ער איינזאַם, ווייל ער האָט ניט קיין פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער וועלט. אָדער ער נעגירט, אָדער ער ווערט נעגירט. „דער קיום, די עקזיסטענץ שאַפט דעם זיין״, אַ פּראָדוקט פון דער אייראָפּע פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז קאַפקאַס הויפּט־פּראָבלעם געווען די איינזאַמקייט פון מענטשן, וואָס געפינט זיך אין מיטן אַ פאַרגליווערטער וועלט, וואו איין מענטש פאַרן צווייטן איז בלויז אַ „זאַך״, וואָס ער קאָן צעשטערן. ער האָט זיך געפונען אין אַ וועלט פול מיט פחד און „אַנגסט״ פאַר דער עקזיסטענץ און זיין גאַנץ שאַפן איז אַ מין פּירוש אויף דער מיטאָלאָגיע וועגן דעם מלאך מיט דער פלאַמען־שווערד וואָס האָט פאַרטריבן אדמען פון גן עדן מיט אַ קללה.

קאַפקאַס גרונט־ווערק זיינען „דער שלאָס״ און „דער פּראָצעס״. ק... דער הויפּט־העלד פון „שלאָס״ האָט איין באַשיידענעם פאַרלאַנג אין לעבן. ער וויל אויפשטעלן אַן אייגענע פאַמיליע. ער וויל זיך באַזעצן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, וויל שלאָגן וואָרצלען אין אַ באָדן, ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון כלל. קומט ער אין דאָרף וואו די הערשאַפט געהערט צום „שלאָס״ און ער ווערט ברוטאַל באַהאַנדלט פון די באַאַמטע, פון דער פאַרוואַלטונג.

אויף די עטלעכע הונדערט זייטן פונעם ראָמאַן ווערט אָט־די טונקעלע אַנונג פון דעם מענטשנס איינזאַמקייט און איבעריקייט געמאָלן דווקא מיטן שטרענגסטן רעאַליזם. דער העלד זוכט אַ וועג צום „שלאָס״ און קאָן אים ניט געפינען. ער בלייבט אַן אורח אין דאָרף און מען וואַרפט אים אין פּנים: „מיר דאַרפן ניט קיין אורחים, גיי דיר פונדאַנען!״ די טראַגעדיע פון פרעמדן. „איך געהער ניט צו די פּויערים או ווי עס ווייזט אויס, בין איך אויך ניט שייך שייך צום שלאָס״. דער מאָטיוו איז די איינזאַמקייט. אַ מענטש, וואָס שטייט מחוץ דער געזעלשאַפט..

אין „פראַצעס" שילדערט קאַפקאַ דעם העלד יוסף ק... וואָס כאַפּט זיך אויף אין אַ שיינעם פרימאָרגן און טרעפט אין צימער פּאָליציי, וואָס פאָדערן ער זאָל זיך שטעלן פאַרן געריכט. די פּאָליציי־לייט מעלדן אים, אַז עס דער־וואַרט אים אַ שווערער פראָצעס. דאָס גאַנצע בוך שילדערט די באַמיאונגען פון דעם מענטשן זיך צו דערוויסן אין וואָס מען באַשולדיקט אים, כדי ער זאָל עפּעס קאָנען טאָן פאַר זיין פאַרטיידיקונג. עס ווערן אַרויסגעבראַכט בילדער און סיטואַציעס פון זיין געראַנגל, זיינעליידן און אַנטוישונגען, זיין אַנגסט און קאָשמאַר. ער יאָגט זיך נאָך אַדוואָקאַטן, פאַרטיידיקער און עס געלינגט אים ניט, ביז ער דערגרייכט זיין טרויעריקן סוף. ער ווערט דער־מאָרדעט פון געהיימע אַנפאַלער.

ביים טויער פון געריכט־הויז זיצט דער וועכטער. קומט אַ מענטש פון דאָרף און וויל אַהין אַריינגיין לאָזט אים דער וועכטער ניט. ער גייט אַוועק און קומט צוריק און געפינט אַלץ דעם שומר ביי דער טיר. ער זעצט זיך אַוועק אויף דער שטיינערנער באַנק און בעט זיך ביים שומר: לאָז מיך אַריין! און יענער זאָגט: דו קענסט ניט אַריין. בלייבט דער מענטש זיצן ביים טויער. זיצט ער דאָרט און וואַרט טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. ער זיצט פאַרטראַכט ביז ער אַליין ווערט פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט. זיינע אויערן טויב און די אויגן־בלינד. ער וויל שוין גאָרניט. ער זיצט און שטאַרט אויף דער גלייכגילטיקער פאַרריגלטער טיר. ער זיצט אָפּ יאָרן, ווערט גרוי און אַלט, ביז ער דערהערט צום סוף די רייד פונעם וועכטער: די דאָזיקע טיר איז פאַר דיר!

יוסף ק. גייט צום ערשטן מאָל צום פראָצעס. ער געפינט זיך אין אַ מאַסיוון טורעם. ער דרייט זיך אין אַ לאַבירינט פון טיר־און־טויער, וואָס מען ווייסט ניט וואוהין זיי פירן. די געריכט־צימערן געפינען זיך אונטערן סאַמע דאַך. ער גייט אַריין, קוקט זיך אַרום, הערט זיך צו, האַלט אַ שטאַרקע פּראָטעסט־רעדע קעגן דער אומזיניקער פּראָצעדור. דער פּראָקוראָר פרעגט אים צי ער איז פון פאַך אַ מולער און ער איז גאָר אַ באַאַמטער אין אַ באַנק. ניט די שולד און ניט די פערזענלעכע אידענטיפיקאַציע איז דאָ וויכטיק. ניטאָ קיין זיכערקייט. נאָכן רײנוואַשן קומט ווידער אַ באַשולדיקונג און נאָך אַן אַרעסט, אַן ערשטער אַרעסט, אַ צווייטער, אַ דריטער".

יוסף ק... ווערט אַלץ מער און מער פאַרשפּונען אין דער נעץ פון דעם „פּראָצעס", וואָס קומט קיינמאָל ניט פאָר. ער גייט צום אַדוואָקאַט, טרעפט דאָרטן אַ בלך מיידל, וואָס פירט אים אַרום אין די געהיימע צימערן, אין

די ביוראָען. ער זעט זאַר זיך אַ ים מיט פּאַפּירן און זעט דאָרטן אויך דעם גרויל פון די וואָס דערוואַרטן די גערעכטיקייט. ער טרעפט דאָרטן דעם סוחר בלאָק, וואָס פאַרברענגט טעג און נעכט ביים אַדוואָקאַט. נאָכדעם פאַרפּלאָנטערט ער זיך מיט אַ מאָלער, וואָס איז אַ „מאַכער" ביים געריכט, און מיט דער פרוי פונעם געריכטס־דינער, וואָס ווערט פאַרגוואַלדיקט פון דעם אויספאָרשונגס־ריכטער און מען זעט ניט קיין סוף צום קאָשמאַר. דער „אַבסורד" פייערט דאָ זיין נצחון. „דער אוניווערס איז באַזירט אויף שקר", אויפן גרויסן ליגן, אויפן תוהו ובוהו".

דאָס לעבן איז איין גרויסער „פּראָצעס". „אַ מענטש טאָר ניט אַוועקנעמען זיין געדאַנק פון פּראָצעס. אים שטענדיק האַלטן פאַר די אויגן". יוסף ק. גייט פון איין ביוראָ צו דער צווייטער, פון איין אַדוואָקאַט צום אַנדערן. ס׳טרעפט און זיין פאַרטיידיקער רופט אים, אַרויס אין מיטן דער נאָכט. ער וואַנדערט און וואָגלט אין דעם עולם־התוהו־קאָשמאַר ביזן סוף. אין דער נאָכט, ווען ס׳איז אויסגעפאַלן זיין איין־און־דרייסיקסטער געבוירנטאָג, ווען די גאַסן זיינען געווען שטיל, זיינען געקומען צוויי פאַרשוין און אים אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט און אים געקוילעט מיט אַ מעסער. די שטילקייט אויף דער גאַס דינט ווי אַ מין דיסאָנאַנס צום בעסטיאַלן אַקט. זיי האָבן אים געבונדן און געקוילעט מיט אַ מעסער. דער מענטש וואָס האָט זיך פריער ניט געוואָלט בויגן פאַרן אומזיניקן פּראָצעס האָט שוין איצט ניט געהאַט קיין וואָרט פאַר פּראָטעסט. זיין אומזיניקער מאָרד איז געוואָרן דער קלימאַקס פון אַבסאָלוטער דעהומאַניזאַציע.

קאַפקאַס ראַנגלעניש מיטן אומזין, וואָס זיין שאַפן איז זיין שפּיגל־בילד, איז אונטער דער השפּעה פון דעם קריסטלעכן פאָטער פון עקזיסטענציאַליזם סערען קירקעגאַרד. אַנדערש ווי דער דענישער פילאָסאָף האָט זיך אָבער דער דייטשער פּראָגער ייד ניט באַמיט אויסצוטרעטן אַ וועג און זוכן אַן אויסוועג. ער האָט ניט דערזען דעם „באַראַן פאַרטשעפּעט אין פּלאָנטער פון זיינע הערנער", נאָר האָט געפירט יוספן צו דער עקידה. אַזאַ איז די סצענע פון קיילער־מעסער ביים שיין פון דער לבנה איבערן באַרגיקן פעלד.

אין זיין הקדמה צום „שלאָס" זאָגט טאָמאַס מאַן: „אין זיין סאַרדאָנישן חלום־סימבאָליק איז דאָס דאָרף — דאָס לעבן, די ערד, די גאַנצע געזעלשאַפט. די נאָרמאַלע עקזיסטענץ פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט מיט אירע ברכות. דער „שלאָס", ווידער, שטעלט מיט זיך פאָר דאָס אומבאַגרייפלעכע, רעטעניש־פולע, דאָס וואָס לאָזט ניט דעם מענטשן קיין אָנהאַלט אין רעאַלן דאָ־זיין".

קאַפקאַס ווערק זיינען סימבאָלן פון עפּעס אַ העכערער און געהיימער קראַפט, וואָס ס'איז שווער צו דעפינירן וואָס זי איז. דאָס איז ניט דווקא קיין אויסער־וועלטלעכע און אויסערמענטשלעכע קראַפט; עס קאָן זיין אַז דאָס איז אַ כח, וואָס געפינט זיך אין מענטשן, אַ מין קראַפט, וואָס דער מענטש פּראָיעצירט זי פון דרויסן. דער דאָזיקער כח איז אָבער ניט קיין באַגריפענער. ס'איז גורל. דער מענטש שפּירט די שווערע האַנט פון דער קראַפט. צום אָנהויב ווערט ער זיך, קעמפט, ווייל בייקומען און געפינט אויס אַז די דאָזיקע קראַפט איז אַ סוד און אַ געהיימניס. ס'איז זיין עקזיסטענץ.

דער שרייבער שטייט קעגן דער דאָזיקער אומבאַגרייפלעכער וועלט און אויך זיינע ליפּן שוועבט אַ דינער, איראָנישער און אומעטיקער שמייכל. איז ער פ אַ ר דער וועלט, איז ער ק ע ג ן איר? ווי אַ קינסטלער משפּט ער ניט און פאַרדאַמט ניט. ער ווייזט נאָר דעם קאָשמאַר, דעם אַנגסט. זאָל דער לייענער אַליין מאַכן דעם אויספיר. ס'איז אָבער מערקווירדיג אַז קאַפקאַ אַנטפּלעקט זיך ניט אין זיינע ביכער ווי אַ מיסטיקער אָדער ראָמאַנטיקער. די סצענעס פון דעם געדיכטן קאָשמאַר ווערן איבערגעגעבן מיט אַ דע־טאַליזירטן רעאַליזם. די גאַנצע אַטמאָספערע, אַלע פּרטים פונעם ראָמאַן דער משפּט שטעלן מיט זיך פאַר אַ מאָדנעם געמיש פון רעאַל־אומרעאַל. דער שרייבער איז אויך אַ הומאָריסט אין יענעם זין אין וועלכן דער ענגלישער קריטיקער קלאַרידזש האָט דעפינירט הומאָר: אַוועקשטעלן איין ענדלעכקייט קעגן דער צווייטער אויפן הינטערגרונט פון דער אומענדלעכקייט. ער נעמט אָן זיין ביטען גזר מיט באַדויער, מיט אַ געוויסן צידוק־הדין און אויך מיט אַ שמייכל, ווי ער וואָלט זיך געשטעלט איבער די „אומזיניקע פאַקטן" פון אַ קאָשמאַרנער און זינלאָזער וועלט.

פראַנץ קאַפקאַ ווערט באַטראַכט ווי אַ מין דאָסטאָיעווסקי פון דער מערב־וועלט, וואָס האָט פאָראויסגעזען די אַטמאָספערע און געשפּירט די לופט פון די נאַצישע קרעמאַטאָריומס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די סטאַלין־משפּטים און „רייניקונגען". דער וואָס לויפט אַרום זוכן דעם „שלאָס" שלאָגט זיך אָן אין אַוויסטער, פאַרגולמטער בויראָקראַטיע; אין „פּראָצעס" שטויסט ער זיך צונויף מיט אַ ברוטאַלער יוסטיץ, וואָס האָט שוין לאַנג אָפּגעטויט יעדן פונק פון מענטשלעכקייט. ווען ער פּראָוווט פּראָטעסטירן קעגן אומזיניקן משפּט, ווען ער טענהט, אַז ער אָנאַרקענט ניט דעם ריכטער און דעם משפּט, באַקומט ער אַן ענטפער: דיין עצם שטעלן זיך פאַר אונז איז אַליין אַ באַווייז אַז דו אַנאַרקענסט דיין שולד..."

דער העברעאישער עסייאיסט א. שטיינמאַן וואָס באַהאַנדלט די טרויערי־קע געשטאַלטן־וועלט פון דעם עקזיסטענציאַליסטישן נאָוועליסט, שרייבט אין זיין עסיי „פרשה קאַפקאַ": „קאַפקאַס רעאַליזם איז אַ רעאַליזם פון חושך. ס'איז אַווירקלעכקייט פון דערשלאָגנקייט. זיין מענטש איז געפאַנגען פון קאָשמאַרן. ער וואַנדערט אין אַ וועלט, וואו עס זיינען ניט פאַראַנען קיין רשעים, ווייל ס'זיינען אין איר קיין צדיקים אויך ניטאָ; וואו ס'זיינען ניט פאַראַן קיין מאַנער און ס'איז ניטאָ ביי וועמען צו מאַנען; אָבער ס'איז דאָ אין איר אַ שופט אָן אכזר, וואָס קוקט אַרויס פון די פענצטער פון דעם פאַר־הוילענעם שלאָס". די פאַרטיידיקער פון קאַפקאַן, וואָס האָבן שוין אָנגעשריבן אַ סך פירושים, טענהן, אַז קאַפקאַ האָט דאָך מיט זיין דורכדרינגלעך אויג געזען די שפּעטערדיקע צייט, די אָרדנונג פון רשעות, טיראַניי און בייז וואָס קריכט פון אַלע תהומות; מאַסנמאָרד, פעלקער־פאַרטיליקונג, די אַלע מעשים תעתועים פון דער ברוינער בעסטיע, דאָס איזדיעקעווען זיך איבערן לייב און לעבן פון אומשולדיקן מענטשן. שטיינמאַן ענטפערט אויף דעם:

„ס'איז כלל ניט קיין רבותא (אויפטו) צו זיין אַ נביא פון אונטער־גאַנג... ווי שווער איז נביאות צו זאָגן אויף אַביסל ישועה און נחמה פאַרן מענטשן! די אָנזאָגער פון ישועות און נחמות זיינען שטענדיק עלול צו פאַר־לירן, ווייל קרוב לוודאי אַז זייערע הבטחות וועלן ניט אינגאַנצן, און אפשר בכלל ניט מקוים ווערן... דאָס גוטע אין דער וויזיע איז במילא אַ ליגן אין דער ווירקלעכקייט". שטיינמאַן איז ניט גערעכט אין זיין באַהויפּטונג, אַז קאַפקאַס העלדן „זיינען ניט קיין טיפּן. זיי זיינען רוי־שטאָף, אָבער ניט מענטשן מיט פאָרם", אָבער ער זאָגט אַרויס אָן אמת אין זיין טענה וועגן דער תוהו־אידייע, וועגן קאַפקאַס כאַאָטישער וועלט.

בעלעטריסטישע פאַרגלייכונגען — האָט עמעצער געזאָגט — זיינען גילטיק נאָר דעמאָלט ווען זיי קאָנען דורכגעפירט ווערן אין ביידע ריכטונגען. דער דערמאָנטער שטיינמאַן שרייבט אין זיין אַריינפיר צו די כתבים פון ר' נחמן בראַסלעווערס מעשות: „דער וואָס וועט אַריינקוקן אין די ספורי־מעשות פון דעם בראַסלעווער איז אוממעגלעך ער זאָל ניט ציען קיין פאַראַלעלן צווישן בראַסלעווער און קאַפקאַן. קאַפקאַס גאַנצע שרעק־וועלט איז שוין אָנגעדייט ביים בראַסלעווער. אויך ביים חסידישן דיכטער איז דער מענטש באַלאָדן מיט אַ שווערן שולד־באַוואוסטזיין און איז שטענדיק געיאָגט, און

וואָס שייך די געשילדערטע סצענעס זיינען זיי אויך ביים בראַסלעווער ניט אויף דער וואָר נאָר אין טראַנס״.

ווען מען מעסט די מעשות פון דעם פּאָדאָליער חסידישן זעער מיט די תוהו־סצענעס פון פּראַגער מאָדערניסט — וואוהין קען אַזאַ פּאַראַלעליזם פאַרפירן? מען דאַרף דאָך אין זינען האָבן, אַז דער חסידישער מעשה־דער־ציילער איז געווען פול מיט הימלישן גלויבן און דער קינסטלער פון פּראַג איז געווען אַ וועלטלעכער הערעטיקער· פונדעסטוועגן מוז מען שטוינען אויף דער ענלעכקייט פון ביידנס — דעם בראַסלעווערס און קאַפקאַס — שאַפונג. כאָטש וועגן השפעה קאָן דאָ קיין רייד ניט זיין איז אָבער די ענלעכקייט פון דער אידייע מערקווירדיק. ווען מען לייענט, למשל, די סצענע אין „משפּט״ וועגן באַזוך פון יוסף ק... ביים מאָלער, וואָס איז אַ „מאַכער״ ביים געריכט, און וואָס איז אַן אויטענטישע שילדערונג פון דער פּסיכיק פון אַ משוגענעם, ווערט שטאַרק אָנגעזען די קרובהשאַפט פון קאַפקאַס און בראַסלעווערס באַנעם וועגן יענעם פּסיכישן מצב אין וועלכן מען אַנאַרקענט אַז אַלץ איז אומזין.

פאַראַן ביים בראַסלעווער אַ קליין־מעשהלע: „די תבואה פון משוגעת״:

דער קיסר האָט געזאָגט צו זיין שני למלך: פון די שטערן לייען איך, אַז די וואָס וועלן עסן פון דר הייאָריקער גערעטעניש וועלן משוגע ווערן. — וואָס זשע זאָלן מיר טאָן? אפשר וואָלטן מיר זיך פאַרגרייט מיט פאַראַ־יאָריקער תבואה און פאַרשפּאָרן עסן די נייע תבואה? — האָט דער שני למלך געפרעגט. — חכם! מה תקנת? וואָס האָסטו אויפגעטאָן? — האָט געענטפערט דער קיסר: אויב אַלע מענטשן וועלן זיין משוגע און נאָר מיר די איינציק־קלאָרע, וועלן זיי דאָך זאָגן, אַז מיר, ניט זיי, זיינען די משוגעים. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט ווי עסן די נייע תבואה און דער חילוק צווישן אונז און דער גאַנצער וועלט וועט באַשטיין אין דעם, וואָס מיר וועלן לכל הפחות וויסן, אַז מיר זיינען משוגע און זיי וועלן מיינען אַז זיי זיינען קלאָר״...

„איינמאָל — דערציילט נחמנס בראַסלעווערס תלמיד נתן — האָט ער (נחמן) געהאַלטן אַ בויגן פּאַפּיר פאַרשריבן פּאַפּיר און האָט אויסגעשריגן: די גאַנצע וועלט ציט איר חיות פון דעם רויך פון דער תורה, וואָס איז פאַרשריבן אויף דעם פּאַפּיר. נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס שטיק פּאַפּיר און אים אונטער־געצונדן״... ווי ענלעך אַזאַ קינסטלערישער קאַפּריז איז צו קאַפקאַס צוואה, מען זאָל פאַרברענען אַלע זיינע ווערק. דער דייטש־העברעאישער שרייבער מאַקס בראָד האָט, ווי באַוואוסט, ניט געפאָלגט זיין חבר. ער האָט זיינע

שריפטן ניט פאַרברענט און דערמיט אַריינגעשריבן זיין פּריינטס נאָמען אין דער וועלט־ליטעראַטור און וועלטן ציען איצט יניקה, אויב ניט קיין חיות, פון קאַפקאַס וועלט.

א. שטיינמאַן קלאָגט אָן קאַפקאַן. ער זאָגט: אויף דער וועלט זיינען פאַראַן מדבריות, אָבער די וועלט איז ניט קיין מדבר. עס זיינען פאַראַן טורמעס אָבער די וועלט איז ניט קיין טורמע. פאַראַן צייטן — אויסנאַם צייטן — ווען דער אשמדאי זעצט זיך אַרויף אויפן בענקל און צווינגט אַרויף קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָבער ניט אויף תמיד בלייבן זיי. פאַראַן ערד־ציטערנישן אין דער נאַטור און ערד־ציטערנישן אין דער געזעלשאַפט, אָבער דער גאַנצער מענטשלעכער מין איז ניט קיין מדבר... איז טאָקע אַ יושר צו שילדערן דווקא די פינצטערניש? ווער עס שילדערט בלויז איין זייט פון מענטשן האָט גאָרניט געשילדערט. ווער עס זאָגט אַז עס איז דאָ גאָלע פינצטערניש, אַז די וועלט איז הפקר און כל האדם כוזב, ווערט ער גופא דער אויספיר־כח צו פאַרמערן הפקרות און שקר".

ס'איז אמת אַז זיינע מענטשן האָט קאַפקאַ צוזאַמענגערופן פון זיינע וויזיאָנערישע טונקלקייטן, אַז ער האָט געאָנט אַ דיאַבאָלישן עולם התוהו. וואָס ס'פעלט אים איז די דיאַלעקטיק פון וועלט־געראַנגל, וואָס פליסט ערגעצוואו צו אַ סינטעז. קאַפקאַ איז אָבער בשום אופן ניט פאַרמלאָז. אַן פאָרם איז ניטאָ קיין קונסט. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ מין גאָטישן סטיל אין דער ליטעראַטור. זיינע ביכער האָבן אַ סך פון דער גאָטישער אומ־הימלעכער פאַרמהאַפטיקייט. זיין פאַנטאַסטיק איז אַ מין געמיש פון דאָס־טאָיעווסקי און עדגאַר פּאָו. ער האָט אָבער אויך דעם פינקלדיקן חן פון הומאָר. ער איז אַ פּלאַסטישער שילדערער נאָר זיינע ממש סקולפּטאָרישע געמעלן זיינען פאַרשפּיצט צו די הימלען, ווי אַ מיטלאַלטערלעכער שלאָס, ווי אַ גאָטישער פּאַלאַץ, שיין אין געבוי נאָר אָן טירן און אָן אַרויסגאַנג. זיינע גרעסערע און קלענערע נאָוועלן זיינען ניט דיאַלעקטיש צוזאַמענגעבונדן. זיינע געשעענישן באַוועגן זיך אין איין־און־איינציקן קרייז און קומען צוריק אויף אַ מאָנאָטאָנעם אופן — צום אויסגאַנגס־פּונקט. די פּאַסירונגען באַוועגן זיך ניט אין אַ ליניע, נאָר זיי דרייען זיך אין אַ צירקל, האַלב אין ליכט — הומאָר — און האַלב אין פינצטערניש — די אויסוועגלאָזיקייט.

אין זיינע אַפאָריסטישע טאָג־ביכער האָט קאַפקאַ אַמאָל פאַרצייכנט: „די קראָען האַלטן, איין־און־איינציקע קראָ קאָן צעשטערן די הימלען. בלי

ספק, אַז עס איז אַזוי, נאָר ס'איז ניט קיין באַווייז קעגן די הימלען. הימלען מיינען איין זאַך: די אוממעגלעכקייט פון קראַען". הימלען וואָס ווערן שוואַרץ פון קראָען־פּלי פאַרשפּרייטן פינצטערניש, געזעצן וואָס זיינען קעגן מענטשן פאַרטונקלען די גערעכטיקייט, אָבער די הימלען אַליין זיינען אַ צייכן און אָנזאָג אַז עס קען קומען אַ צייט, וואָס וועט אוממעגלעך מאַכן קראָען. ס'איז גאַרניט אויסגעשלאָסן אַז דער וויזיאָנער און דער שטאַרקער מאָלער פון שרעק־סיטואַציעס וואָלט אין זיין קינסטלערישן וואוקס — ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון איין־און־פערציק — אָנאַרקענט אַז די גוטע וועלט געפינט זיך ניט דווקא אונטער די הרי חושך נאָר אויף די פּליינען פון דער געשיכטע, פון דער צייט, וואָס פירט צו „בויטוועגדיקער דערלייזונג". סיי ווי פון קאַפקאַס עצם שילדערונג ווערט מען ניט אָפּגעשטויסן פון לעבן, נאָר פון די פינצטערע דערשיינונגען און פון די אומווירדיקע באַגלייטונגען פון מענטשלעכן גורל. אין דעם זין האָט דער רעאַליסטישער פּראָזאַאיקער דאָך געגעבן אַ קינסטלערישן תיקון דעם תוהו.

— אַנשל, מיין זון, — האָט דעם מהר"לס קול אריינגערעדט אין תהומיקן געמיט פון אַנשל־פראַנץ קאַפקאַ, וואָס איז ניט אַריבער די שוועל פון דער שול, — אויפן פסוק „ומותר אדם מן הבהמה אין" — „און קיין מעלה פונעם מענטש איבער דער בהמה איז ניטאָ", — וואָרים „הכל הבל" — „אַלץ איז תוהו, נישטיקייט" — האָב איך אין מיינע כתבים אַמאָל געשריבן. קום אַהער, נעענטער, מיין זון:

„די יצירה גייט און שטייגט אין איר מהלך. יעדער מדרגה ווערט פאַררעכנט פאַר אַ מין הכנה, אַ צוגרייטונג, צו אַ העכערער מדרגה. די מציאות, די ווירקלעכקייט, איז אין אמת'ן אַ זאַך, וואָס איז בפועל, אין פּאַטענץ, ניט דערגרייכונג. אַזאַ איז דער סדר פון באַשאַף. פריער דער תוהו — נאָכדעם תיקון; פריער חושך, דערנאָך — ליכט. נמצא, אַז די מציאות פון אַ בהמה איז נאָר אַ מין הכנה אויפן לייטער פון באַשאַף צו דער אמתער ווירקלעכקייט פונעם מענטשן. פון דעם איז במילא געדרונגען, אַז דער עיקר פאַרן מענטשן איז דער גלויבן אין תיקון, ווי עס איז געזאָגט אין מאמר החכמים: ווען מען פירט אַריין דעם מענטשן צום משפט פרעגט מען אים: האָסטו געהאָפט אויף אַ ישועה? האָסטו געגלויבט אין די ישועות און נחמות פון די נביאים? האָסטו געגאַרט נאָכן תיקון? — —"

— „וואָס שטייסטו דאָ און טראַכטסט, פראַנץ"? — האָט דער מענטש

ביים שוועל פון דער שול דערפילט אַ האַנט אויף זיין פּלייצע, — עפּעס הער איך, דאַכט מיר, אַ יידישע שטים רעדן צו דיר אויף אַלט טשעכיש־יידיש, קום פראַנץ צום שלאָס!"

און אַז ביידע חברים זיינען אַרויס פון שמאָלן געסל צום ווענצעלוס פּלאַץ וואו אַ האַרבע, פינצטערע גאָטישע מאַסיווע קאַטעדראַלע האָט שווער און פּאַנאַטיש געהויערט, — ווי דער גערמאַנישער צפון וואָלט געוואָלט פאַרשאָטענען די שטיינער געבראַכט פון ליכטיקן מזרח — האָט נאָך קאַפקאַ געזען ווי דער זילבער־ווייסער קאָפּ פונעם זקן שאָקלט זיך, זיינע אויגן לויכטן מיט ערב־שבת, און ער גרייט זיך צום תיקון. די זון איז פאַרגאַנגגען און האָט פאַרלאָשן די גרינגע אַראָמאַטישקייט פון דער מאָלדאו, פון פּראָג.

דער אַבסורד און די האָפנונג

וועגן שאַפן פון אלבער קאַמי

מיין זון יצחקן און דעם דור מיט אים!

„איך וועל זי אַוועקפירן אין מדבר, און וועל רעדן צו איר האַרצן... און דעם טאָל פון קומער פאַר — אַ טיר פון האָפנונג" (הושע ב, ג)

„ווער עס האָט איינמאָל רעוואָלטירט, פאַר אים איז דער וועג אויף צוריק סאַרשלאָסן. בלויז ווייטער — אין דעם מדבר פון אומענדלעכן זיין" (שעסטאָוו)

אַ פרעמדער און אַ רעוואָלטירנדיקער איז ער דורכגעגאַנגען דורכן לעבן דער טעאָרעטיקער און קינסטלער פון „אַבסורד" און אומזיניק אַבסורדאַל איז אויך איבערגעשניטן געוואָרן דאָס יונגע לעבן פונעם נאָבל־פרעמירטן אַלבער קאַמי. אין 1960 איז ער אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל־אומגליק לעבן פאַריז.

אַבסורד און רעוואָלט — דאָס איז די אידייאישע אַקס אַרום וועלכער עס קרייצן זיך די קינסטלערישע געשטאַלטן פון זיינע ווערק, פון זיין ערשט בוך „דער פרעמדער" („ל'עטראַנזשע") ביז זיין לעצט עסייען־בוך וועגן רעוואָלט. זיין וועלט איז געווען אַ רעאַליסטישע, אָבער דאָס איז געווען אַ רעאַליזם פון אַ באַזונדער מין. ער האָט געשילדערט די מענטאַליטעט פון זיינע העלדן אַ סך מער ווי זייערע אויסערלעכע דערשיינונגען. די קינסטלערישע אינסטרומענטן, מיט וועלכע ער האָט מאַניפולירט, האָבן דער־מעגלעכט אויפצוהאַלטן די נאַטירלעכקייט פון פערסאָנאַזש. די גאַנצע טעמע און די אַטמאָספער ווערן באַלויכטן מיט אַ באַזונדערן גייסטיקן פלאַם דורך וועלכן עס אַנטפלעקט זיך זיין טיפסטער אידייאישער מהות.

דער שאַפער פון מאָדערנעם עקזיסטענציאַליזם סאַרטר האָט געשריבן וועגן זיין חבר: „ביי קאַמין וויל דער מענטש פאַרשטיין די וועלט און זי באַהערשן, נאָר די וועלט גרייט אים אָפּ צו טרויעריקע איבעראַשונגען, זי צעשטערט זיין זיכערקייט און איז מבטל יעדער אָנהאַלט... ער זוכט די לאָגיק און געפינט אומלאָגיק, דעם שכל און געפינט — אַבסורד".

קאַמי אַליין האָט זיך באַקלאָגט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט פון אַן אינטעלעקטואַל, וואָס וויל שטעלן דעם באַוואוסטזיין קעגן דעם זיין: „וואָלט איך געווען אַ בוים צווישןביימער, אַ חיה צווישן חיות, וואָלט איך געהערט צו דער וועלט — אַזוי געהער איך צו אַ וועלט קעגן וועלכער איך רעוואָלטיר מיט מיין באַוואוסטזיין". רעוואָלטירן באַוואוסטזיניק? — ווי אַזוי? קאַמי זאָגט:

„פאַראַן בלויז איין ערנסט־פילאָסאָפישער פּראָבלעם און דאָס איז זעלבסטמאָרד. משפטן צי דאָס לעבן האָט יאָ אָדער ניט ווערט געלעבט צו ווערן, דאָס אַליין מיינט געבן אַן ענטפער אויף דער גרונטיקער פראַגע". זאָל מען באַגיין זעלבסטמאָרד? — נ י י ן! — ענטפערט ער. דאָס מיינט גיין אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד. דאָס לעבן איז פול מיט אַבסורדן, נאָר מען דאַרף רעוואָלטירן. דער אַבסורד אַליין איז דאָך אַ מין רעוואָלט.

דער העלד פון זיין „דער פרעמדער" מאַרסאָו איז אַ ייִנגער באַאַמטער אין אַן אַלזשירער ביוראָ. ער נעמט דאָס לעבן גלייכגילטיק. זיין מאַמע איז געשטאָרבן אין אַ מושב־זקנים. איר טויט לאָזט אים גלייכגילטיק, די איינציקע זאַך וואָס ער שפירט ביי איר אָפענעם אָרון איז די אומדערטרעגלעכע היץ. נאָך דער לויה קומט אַ אַ מאַנאָנטאָנע גרויקייט. ס'איז אַ געוויינלעכער סוף־וואָך. ער טרעפט זיך מיט אַ באַקאַנט מיידל, זיי גייען זען אַ פילם, נאָכדעם פאַרברענגען זיי אין אַ האָטעל. מאַרסאָס שכן בעט אים ער זאָל פאַר אים אָנשרייבן אַ בריוו צו זיין אָפּגעפרעמדטער געליבטער, זי איינלאַדן אין האָטעל. אַנשטאָט דער מיידל קומט איר ברודער און פאַרמעסט זיך מיט אַ מעסער אויפן שכן. נאָכדעם גייט מאַרסאָ צום ים און ווערט אויף אַן אַבסורדאַלן אופן אַריינגעצויגן אין דעם קריג צווישן צוויי פרעמדע לייט און ער הרגעט אַן אַראַבער און די פּאָליציי פאַרשפּאַרט אים אין תפיסה.

בעתן פראָצעס זאָגט מאַרסאָ ניט אויס וואו ער איז געווען די גאַנצע צייט נאָך דער מוטערס לויה. ער זוכט ניט קיין סימפּאַטיע ביי די ריכטער. ער ווערט פאַרמשפּט צום טויט. אין תפיסה־צעל צעשפּילט זיך זיין פאַנטאַזיע. ער זעט זיך אַ באַגנאַדיקטער און מאָלט זיך אויס, אַז ס'וועט אים געלינגען אַנט־

לויפן, כאָטש ער טראַכט אויך אַז ער וואָלט געוועזן אַ בעלן צו זיין אַ צושויער פון זיין אייגענער לויה.

אין „פרעמדער" איז דער העלד אַ מענטש, וואָס איז ווי מחוץ דער געזעלשאַפט. ער האָט געהרגעט אַ מענטשן און ניט געוואוסט פאַרוואָס. אמת, אַז זיין אַקט איז געווען אַ פועל־יוצא פון שווערן פאַלש און פון זיין אַרומפירן זיך מיט פאַרשוינען פון דער אונטערוועלט, אָבער ער האָט וועגן דעם ניט געטראַכט. אויב מיר לעבן אין אַן אַבסורדאַלער וועלט, וואו דאָס לעבן האָט ניט קיין זין, פאַרוואָס זאָלן פאַרברעכן און מאָרד זיין אַ זינד? ער ווערט פאַרמשפט ווייל די געזעלשאַפט דאַרף זיך פאַרטיידיקן. מען שפירט אין דעם גרויסן אומזין און אויך טיפע רחמנות פון שרייבער אויף זיין העלד, דעם יחיד, וואָס ווערט אַזוי אומגערעכט פאַרמשפט פון כלל... די ווערטער מיט וועלכע ער פאַרענדיקט זיין „דער פרעמדער" קלינגען אָפּ אין געמיט:

„עס איז געווען ווי אַ צאָרנדיקער אויסברוך וואָלט מיך אויסגעליידיקט פון יעדער האָפנונג, און אַז איך האָב זיך פאַרקוקט אויף די טונקעלע הימלען, וואָס האָבן זיך געצייכנט מיט קליינע שטערן, האָב איך צום ערשטן מאָל געעפנט מיין האַרץ צו דער רחמנות און דעם גלייכגילט פון אַ וועלט".

אַבסורד און רעוואָלט, רחמנות און גלייכגילט — זיין „מיטאָס פון סיזיפוס": סיזיף פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע איז פאַרמשפט געוואָרן, ער זאָל זיין גאַנץ לעבן קייקלען אַ פעלז אויפן שפיץ פון אַ באַרג. דער פעלז קייקלט זיך יעדעס מאָל אַראָפּ און ער מוז אים צוריק אַרויפקייקלען און אַזוי אָן אַ סוף. אַ סימבאָל פון מענטשן, וואָס זעט דעם אַבסורד אָבער ער רעוואָלטירט אויף זיין אופן, ווייל אָננעמענדיק דעם משפט קעגן וועלכן ער איז מאַכטלאָז, פירט ער דאָך אויס אַן אַרבעט, וואָס זעט טאָקע אויס, לויט איר ציל, אומזיניק, ווייל זי איז גורלדיק, שיקזאַלהאַפט, אָבער אין איר איז אויך דאָ די פרייהייט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

„אויב דער אַבסורד איז מבטל יעדן אויסזיכט פאַר מיין פרייהייט קערט אָבער מיר צוריק אום די פולע פרייהייט פון אַקציע"... מיר דאַרפן אָננעמען דעם סיזיפישן שיקזאַל מיט ליבשאַפט. לאָמיר שלעפּן די שווערע משא פון אונזער פאַרשאָלטענעם גורל אָן אילוזיעס און דעמאָלט וועלן מיר, דורך אונזער באַוואוסטזיין און פרייען ווילן, פאַרוואַנדלען דעם צער אין גליק".

אַ גוטע קינסטלערישע קאָמפּאָזיציע אין אַ ראָמאַן אָדער ליד דעקט

טײלמאָל אויף טיפֿע אמתן און דערגרייכט צו אַזעלכע אָפּגרונטן פֿון געדאַנק וועלכע קיין שום פֿילאָסאָפֿישע דעפֿיניציעס זיינען ניט אומשטאַנד צו געבן. קינסטלערישע אינטואיציע און אידייאישע טיפֿקייט איז פֿאַראַן אין קאַמיס ראָמאַן „מגיפֿה" — „די פּעסט".

דער פֿראַנצויזישער שרייבער האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער פֿראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן דער נאַצי־אָקופּאַציע, האָט געקעמפֿט אין יענער צייט, וואָס איז געווען, ווי ער דערציילט, פֿול „מיט שטעכל דראָט, טיראַניי און מאָרד און איז אויך געווען די צייט פֿון רעוואָלט". נאָך דער מלחמה האָט ער אָנגעשריבן אַ ווערק שוין ניט וועגן אַן אומזיניקער עוולה לגבי אַן איינציקן יחיד, נאָר וועגן גרעסטן פֿאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע לגבי דעם מענטשן און דער מענטשהייט. זיין „מגיפֿה" („פּעסט") איז די גרויזאַמע רעאַלקייט וואָס דער ווידערשטענדלער האָט געזען, די וועלט פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואו די ברוינע פּעסט האָט גע־גריזשעט דעם מענטשן און וואָס איז פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן פֿון רויך, וואָס האָט געשפּאָרט פֿון די נאַצי־קרעמאַטאָריומס.

אין אָט־דער אַטמאָספֿער פֿון דער שטאָט, וואָס געפֿינט זיך אין קלעם פֿון דער „פּעסט" האָט ער צום ערשטן אַריינגעפֿירט זיין צענטראַלן העלד, דאָקטאָר רואַ, אַ ניכטערער מענטש, אָן שום אילוזיעס, וואָס קאַרגט ניט קיין מי און אַרבעט מיט זיינע לעצטע כחות צו ראַטעווען די שטאָט. ער טראָגט דער שטאָט, אירע קרבנות און איז פֿול מיט הומאַניזם. ער איז דערגאַנגען צום באַוואוסטזין אַז עס איז „פֿאַראַן אין מענטשן מער מעלות וואָס מען דאַרף באַוואונדערן, ווי חסרונות וואָס מען דאַרף פֿאַראַכטן".

„פּנים צו פּנים מיט דער רשעות, אין אָנגעזיכט פֿון טויט, שרייט דער מענטש פֿון זיינע טיפֿענישן צו דער גערעכטיקייט. — „ווייסט וואָס איך טראַכט? איך טראַכט צו געפֿינען דעם וועג אויף וועלכן מענטשן ווערן געהייליקט!" — זאָגט רואַ צום זשורנאַליסט טאַראַו.

— מענטש איינער! גלויבסט דאָך ניט אין גאָט?" — וועגן דעם האַנדלט זיך עס" — ענטפֿערט דער דאָקטאָר — „אפֿשר קאָן מען זיין הייליק אָן גאָט. דאָס איז דאָס איינציקע פּראָבלעם וואָס שטייט פֿאַר מיר — וואו איז דער וועג אויף וועלכן מען ווערט אַ מענטש?"

טאַראַו איז אַ זון פֿון אַ שטאָט־ריכטער. זיין פֿאָטער האָט פֿאַרמשפּט מיטן כח פֿון געזעץ אומשולדיקע מענטשן, און ער האָט געזוכט פֿאַר זיך

אין דער צייט פון דער „מגיפה" אַ רעטונג פאַרן מענטשלעכן מין. אין דער אויסזיכטלאָזיקייט פון דער שטאָט, וואָס איז באַלאַגערט געוואָרן פון פאַטאַלן גזר, פון אכזריותדיקן שיקזאַל, האָט ער געוואָלט מקיים זיין דעם מאָראַלישן געבאָט פון העלפן דעם ברודער. די רעטונג איז דער יסוד פון לעבן, ווייל זי היט דאָס לעבן אין מיטן פון די ברענענדיקסטע גיהנום־ליידן.

די ליבע און די ליידן טוישן זיך שטענדיק און ווייל דער מענטש האָט ניט קיין כח פאַר דער ליבע טרייסט ער זיך מיט דער אייביקייט פון מענטש־לעכע ליידן. דער געדאַנק איז אַ הויפּט־מאָטיוו אין קאַמיס שאַפן. עס בלאָזט דאָ דער פּעסימיסטישער ווינט פון אַבסורדאַלן תהום, וויכטיק אין זיין שאַפן איז אָבער אויך דער גלויבן אין רעוואָלט דווקא אין אַ גרויליקער צייט. קאַמי האָט געשריבן אין זיינע לעצטע עסייען, אַז ער איז „אַ פּעסעמיסט וועגן גורל פון מענטשן און אַן אָפּטימיסט וועגן מענטשן גופא".

„די פּעסט" שילדערט אַ מענטשן־מדבר. די שטאָט איז איבערפול מיט מענטשלעכע פגרים און אין מיטן שטייט דער מענטש, וואָס איז פול ביז די ברעגן מיט דער פאַרהערלעכונג פון לעבן, מיט רעוואָלט קעגן טויט. „דאָס לעבן איז אַ דערהויבונג העכער פון די באַרגיקע וואולקאַנען וואָס פּלייצן מיט ליכט. דאָס איז דער אַבסורד פון גערעכטיקייט". דאָס איז דער „אַני מאמין" וואָס דער שרייבער לאָזט איבער זיינע העלדן, וואָס בלאָנדזשען אין דעם טאָל פון ליידן. אין מדבר פון אַבסורדאַלן עלנט. זיין „פּעסט" פאַרענדיקט דער שרייבער מיט די ווערטער: „דער באַציל פון דער מגיפה פאַרשווינדט קיינמאָל ניט אינגאַנצן. ער קען יאָרנלאַנג בלייבן אין מעבל, אין די וועש, אין די נאָז־טיכעלעך און אין פּאַפּיר. עס קאָן נאָך קומען אַ טאָג און צום אומגליק פון די מענטשן־קינדער וועט די מגיפה ווידער אויפוועקן די שטשורעס און וועט זיי שיקן שטאַרבן ערגעץ אין זיגעגנדיקער שטאָט". און דאָך פאַרענדיקט קאַמי זיין עסיי: „ביים סוף פון פינצטערן טונעל רוט אַ ליכט".

אין „טאָל פון קומער", וואָס איז פאַר אים דער „מדבר פון אומענדלעכן זיין" עפנט ער אַ טירל פון האָפנונג. אין אַ מדבר, וואו די זון שיינט מיט „רחמנותדיקן גלייכגילט" איז דאָ שטורעם און רעוואָלט. דאָ באַגעגנט זיך דער טאַלענטירטער און טיפער אַלזשיראַנער זון מיט דעם פאַרצייטיקן נביא הושע, וואָס האָט אויך אין זיין ליבע צום פאָלק, צום מענטש, גע־רעדט אין זיין וויזיע וועגן פאָלק, ווי וועגן אַ „לא רחומה" — אַ ניט דער־באַרעמטע. דער נביא האָט זי געזען אין „טאָל פון קומער" און האָט געעפנט פאַר איר אַ „טיר פון האָפנונג" אין דעם מדבר פון „אומענדלעכן זיין".

די העראָאישע לאַנדשאַפט

דער וואַלקאַן־זייל און דער תהום

דאָסטאָיעווסקי ־ רעפלעקסיעס



„די רייד פון דעם וואָס הערט געט־לעכע ווערטער, זעט די זעאונג פון דעם אַלמעכטיקן, ווייסט די העכערע גע־דאַנקען, פאַלט און די אויגן אַנטפּלעקט"
(במדבר כד)

„זיין וועג צום אמת האָט ער געשטרייפט מיט שנירלעך בלוט פון זיינע העלדן און אויפן וועג צו זיין גן עדן האָבן זיינע הענט פאַגראַמירט די מעטשלעכע נשמה. זיין שאָטן האָט געדינט גאָט"
(אליעזר שטיינמאַן)

זיין פּנים — סלאַוויש, באַזוימט מיט אַ שיטערער ציכטיקער באָרד, אין די טיף־אַריינגעזעצטע, שוואַרץ־טרויעריקע אויגן אַ טריבער בליאַסק. די ליפּן — פאַרביסן, פאַרשטייפט. אַזאַ פּנים און אַזעלכע אויגן האָבן זיך אַריינגעלעבט אין דער עפּילעפּטישער וועלט פון „ביט־זיין" און אין תהום פון ליידן וואו ער האָט געזען דעם טויט פּנים אל פּנים. אונטער די קלאַנגען פון תפיסה־קייטן, אונטערן פייף פון תליונס ברענענדיקער בייטש, אין דער לופט פון קאַטאָרגע, וואו דער ווינט האָט אויסגעפייפט דעם ניגון פון תליות האָט ער געלעבט, איז דען אַ חידוש, וואָס ער האָט געזען די וועלט ווי אַ טיפן אָפּגרונט? וואָס ער האָט זיינע העלדן באַלאָדן מיט אָפּגרונטיקע וויזיעס? — „יעדער מענטש איז אַ דעספּאָט לויט דער נאַטור!"; ער האָט ליב צו זיין אַ פייניקער"; „ביז ליידנשאַפט האָט ער ליב ליידן".

תהומיק זיינען זיינע אינקוויזיטאָרישע קאַראַמאַזאָוו־סצענעס. ס׳גרוילט אין זיינע ספערן פון צלם־קני און מעסער אין רוקן. די פּסיכאָלאָגישע אַנאַטאָמיע פון זיין „פאַרברעכן און שטראָף" שלאָגט אָפּ מיט אַ קרענקלעכן מאַזאָכיזם, אָבער אונטערן שווערן וואָלקן וואָס שוועבט איבערן תהום טוקן זיך שטראַלן פון רחמים אויף די „דערנידעריקטע און באַליידיקטע".

עס איז זינלאָז צו פרעגן, צי האָט דער רוסישער גיגאַנט ביי די ברעגעס פון דער ניעוואַ געטראָגן אין זיך דירעקטע וואַרעמע ליבע צו מענטשן און מיטלייד מיט זייער פּיין. אָן רחמנות אויף די דערנידעריקטע און באַליידיקטע קאָן מען אים בכלל ניט פאַרשטיין. אַוודאי האָבן זיינע טיפע און ברענענדיקע איבערלעבענישן פון יוגנט אָן אַרויסגערופן אין אים די באַהעפטונג מיט די פּייניקונגען פון זיינע קאָנקרעטע געשטאַלטן. עס בלייבט דאָך די פראַגע: ווי אַזוי האָט דער פינצטערער ריז, וואָס האָט „זיין וועג צום אמת געשטרייפט מיט בלוט", ווי אַזוי האָט ער געקענט אויפרודערן דעם גוויסן?

די פּסיכאָלאָגן האָבן אַ גרייטן ענטפער: ס'איז די קאָמפּליצירטע רוסישע נשמה, ווי דאָסטאָיעווסקי אַליין זאָגט דורך זיין פּראָקוראָר: „מיר זיינען ברייטע נאַטורן, וואָס זיינען פעאיק אַריינצונעמען אין זיך אַלערליי מעג־לעכע ווידערשפּרוכן און אין איינער און דער זעלבער צייט אַריינקוקן איןביידע תהומען, דעם תהום איבער אונדז, דעם אָפּגרונט פון די העכסטע אידעאַלן, און דעם תהום אונטער אונדז, פון נידעריקסטער און העכסטער גע־פאַלנקייט — צוויי אָפּגרונטן, אונזער עקזיסטענץ איז אַזאַ. מיר זיינען ברייט, ברייט ווי אונזער גאַנצע מאַטושקאַ ראָסיאַ, מיר ווילן אַלץ אַריינגעמען און מיט אַלץ זיך איינלעבן".

אָן ענטפער אויף דער צעשפּאַלטנקייט געפינט מען אויך אין דער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור: „אַ נשמה, מוזטו וויסן, איז אַ ריינער שטראַל פון הימל און ערשט פון אַ שאָטן מיט אַ שטראַל צוזאַמען ווערט אַ מענטש" (י. ל. פּרץ). און ווי זאָגט אַנסקיס משולח: „אַרויסרופן דעם טייוול קען מען נאָר מיטן גרויסן צוויי־פאַכיקן אויסגעדריקטן שם, וואָס שמעלצט צונויף אין זיין פלאַם די העכסטע באַרג־שפּיצן מיט די טיפסטע טאָלן" (דער דיבוק). דער גרויסער געראַנגל פון מענטש און שאָטן, פון גאָט און טייוול. אויף דעם האָט אויך דער גאונישער פּאָעט־רעאַליסט אין זיין פּאָעמע און באַלאַדע אַנגעדייט, מעגלעך אַז טאַקע דורך דאָסטאָיעווסקישער השפעה. ח. נ. ביאַליק אין זיין „מגילת האש" (פייער־מגילה): „פאַרן תוהו און פאַרן כף־הקלע האָב איך מורא געהאַט, ווייל איך האָב געזען מיין נשמה און זי איז ווייס און שוואַרץ צוזאַמען, אַ געמיש פון ליכט און פינצטערניש, און מיין האַרץ האָב איך געזען — אַ נאַרע פאַר עקדישן און אַ נעסט פאַר אָדלערס. דעריבער ברומט מיין האַרץ צום אָוונט און מיין זעל דאַרשט נאָכן מאָרגנ־שטערן". און אין זיין טיפער באַלאַדע „שער החמישים" (דער פופציקסטער טויער) — „און ער האָט געגראָבן און איז געקומען צו אָן אָרט וואו די

סתירות קערן זיך איבער און באַהעפטן זיך אין זייער שורש". ס'איז אפשר דאָרטן, אויף יענע ערטער וואו סתירות ווערן פּאַראייניקט, וואו מען דאַרף זוכן די גאַנצקייט פון דעם מייסטער. זיינע ליכטיקערע אידייען זיינע ווי אונטער־ערדישע וואָרצלען, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער פינצטערער וואָרעמ־קייט פון דער ערד.

אַ שליסל פאַר דער תהומיקער רעטעניש פון דעם פעטערגראַדער העלזעער געפינט מען אפשר אין דעם אַריינטייטש פון חסידישן דעקאַדענט מענדל קאָצקער, וואָס איז נשתומם געוואָרן לערנענדיק די ווערטער אין דער פרשה בלעם. „פלאי־פלאים, וואונדער איבער וואונדער! בלעם האָט פאַרשטאַנען געטלעכע רייד געוואוסט העכערע געדאַנקען, אַלץ איז פאַר אים געווען אַנטפּלעקט, און איז דאָך געווען — בלעם הרשע...

ווען מען וויל פאַראַפראַזירן דעם קאָצקערס טייטש קאָן מען זאָגן: דאָסטאָיעווסקי האָט געפלאַמט מיט גרויסער וויזיע און געדאַנק, ער האָט געזען זעאונגען פון „שדי" (אַלמאַכטיקייט) און פון „שדים" און איז דאָך געפאַלן. דאָס איז אַ געוויסער שליסל צו דער נשמה פון שדישן און געטלעכן עפּילעפּטיקער, אַ שליסל צו זיין כאַראַקטער, אָבער ס'איז ניט גענוג!

אַ טיפערע פאַרשטענדעניש פאַרן רוסישן קלאַסיקער האָט אַרויס־געוויזן אַ מענטש, וואָס איז אַליין געוואָקסן אין דער דאָסטאָיעווסקי־לופט, אין דער אַטמאָספערע פון באַליידיקונגען און נגישות, האָט זיך דאָך אַרויס־געהויבן פונעם „אָפּגרונט" און מיט זיין גאַנץ שאַפן געגעבן אַ תיקון צו דאָסטאָיעווסקיס „פאַגראַמירטע נשמות" אין דעם ווײ־געשריי פון וואָלגאַ־לאַנד.

מאַקסים גאָרקי האָט געשריבן: „דאָסטאָיעווסקיס געניאַלקייט איז ניט צו באַשטרייטן. לויט דער שילדערונגס־קראַפט קען זיין טאַלאַנט פאַרגליכן ווערן בלויז צו שעקספּירן, אָבער אַלס כאַראַקטער, אַלס ריכטער פון דער וועלט און די מענטשן, קען מען אים זייער לייכט פאַרשטעלן אין דער ראָליע פון אַ מיטלאַלטערלעכן אינקוויזיטאָר". דערמיט איז גאָרקי אויסן געווען צו זאָגן, אַז ניט די פאָרמעלע גרויס פון דעם קלאַסיקער איז וויכטיק נאָר דער כאַראַקטער פון זיין גאונות. די גרויס פון אַ גאון ווערט ביאָלאָגיש, פיזיאָלאָגיש פאַראויסבאַשטימט; זיין כאַראַקטער ווערט אויסגעפורעמט אין זיין סאָציאַלער אַטמאָספערע, דורך זיין תקופה און קלאַס".

דאָסטאָיעווסקי האָט אין זיין שאַפן אַרויסגעבראַכט די טיפן פון דעקלאַסירטע שיכטן. דער וואוקס פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד נאָכן יאָר

1861 האָט געבראַכט צו דער דעקלאַסירונג פון מיטעלן און קליינעם בירגער און באַאַמטן, פון גרויסע מאַסן פויערים, פון קליינעם באַלמעלאָכע. ער איז ניט געווען דער שרייבער פונעם אָדל, נאָר פון בירגערטום, פון דורכן קאַפּיטאַליזם פאַראָרעמטן און דעקלאַסירטן טשינאָווניק. ער האָט טיף געשפּירט זייער ווייטיק, ווייל זיין אייגענער קומען אַלס קינסטלער איז דעטערמינירט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער וואַקסנדיקער קאַפּיטאַליזם האָט דערנידעריקט און באַליידיקט דעם „מעשטשאַנין".

און דאָך איז די געניאַלקייט פון דאָסטאָיעווסקין „ניט צו באַשטרייטן". דורכדעם וואָס זיין שאַרפער סאָציאַלער חוש האָט אים געפירט צו זען און דורך זיין אַוועקשטעלן די פראַגן פאַר זיין גאַנצער געשטאַלטן-וועלט, פראַגן וואָס האָבן געפּייניקט די מענטשן פון די קעלערס, דאָס כמורנע און טרויעריקע לעבן פון די פינצטערע ווינקלען, — דורכן שטעלן די פּראָבלעמען, הגם ער האָט קיין אויסוועג ניט געזען, — איז וויכטיק, און ניט דווקא די לייזונג, נאָר דאָס גופא שטעלן דעם פּראָבלעם, די טיפע דרייסטע קינסטלערישקייט, דער שטראַל, וואָס טיילט זיך אָפּ פון זיין שאָטן און עפנט ברייטער די אויגן פון לייענער, העלפט אים געפינען דעם אמת, וואָס דער בלייענער וואָלקן אויף די דעמאָלטיקע סאָציאַלע האָריזאָנטן האָט פאַרשטעלט פאַר זיין בליק. באַשערט געווען אַן אַנדער שרייבער פון זעלבן „אָפּגרונט" צו ווייזן דעם רעגנבויגן איבערן תהום. גאָרקי האָט געזען דעם שטורעם און נאָך אים — דעם רעגנבויגן.

די דאָסטאָיעווסקי-קריטיק האָט זיך אָנגעכאַפּט אין באַוואוסטן אַפאָריזם פון זיינע „ברידער קאַראַמאַזאָוו": „די גאַנצע קומענדיקע האַרמאָניע האָט ניט די ווערט איין טרערעלע פון אַ קינד". די וועלט-האַרמאָניע טאָקע ניט, נאָר דער שטורעם, וואָס פון אים דאַרף קומען די האַרמאָניע — יאָ! ער איז ווערט, ווייל אַלע ווערטן ווערן אינעם ווירבל-ווינט איבערגעקערט. דאָס וועלן פאַרשטייט זיך, ניט זען די וועלכע דרייען זיך ווי פאַרכשופטע שפּענדלעך אין ווירבל-שטורעם, די וואָס האָבן ניט געקענט אַרויס פון זייער אייגענעם שיכט, אינעם פּעריאָד פון זיין צעפאַלונג און ירידה. דאָס האָט אָבער יאָ געזען דער קינסטלער פאַר וועמען מענטש איז געווען די מאָס, דער ווערט און די מערווערט פון אַלצדינג.

אין דעם שפּיל פון סתירות-אויפדעקונגען, וואָס פירן צו האַרמאָניע, האָט מאַרקס אַריינגעוועבט זיין גאַנצן כח פון דענקען. דאָס לעבן אַליין

שאַפּט טעזן, ווידערשפּרעכט זיי און סינטעזירט זיי. אין דעם אמת האָט דער שאַפער ביי דער וואָלגאַ אריינגעלייגט די גאַנצע קראַפט פון זיין שאַפן. ער האָט געזען דעם ווידערשפּרוך אין דער סטראַטעספערע און אין דער סאָציאַלער אַטמאָספערע — אַ וואָלקן איבערן תהום, רעגן און זונשיין...

דאָסטאָיעווסקי איז אַ פאַראויסגייענדיקע קראַפט אין דער ליטעראַטור. ער איז אָבער אַן עמוד הענן, אַ וואָלקן־זייל. דער עמוד האש איז געווען און איז פאַרבליבן — טאָלסטאָי.

דער פעלז און דער אָקעאַן

ארום דער געשטאלט פון לעוו טאלסטאי

„און דער טויט וועט פאַרשלונגען ווערן אויף אייביק די טרערן וועלן אָפּגעווישט ווערן פון איטלעכן פנים און די שאַנד פון פאָלק וועט אוועק פון דער גאַנצער ערד“ (ישעיהו נט)

„צווישן די גאַנצע ביבליאָטעק, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן ל. נ. טאָלסטאָי פאַרבלייבן געוויס מאַקסים גאָרקיס ביכל זכרונות צוזאַמען מיט לענינס סעריע אַרטיקלען דער שליסל צו טאָלסטאָיען“ (י. נוסינאָוו).

לענינס אַרטיקלען האָבן איבערגעגעבן דעם סאָציאַלן תוך פון טאָלסטאָי קינסטלערישן דענקען; גאָרקיס בילד — דעם כשוף פון זיין מענטשלעכער געשטאַלט.ביידע באַווייזן זיין גרויסקייט און „הייליקייט“, וואָס איז ניט אַבסטראַקט, נאָר מענטשלעך, דעם „מענטשן פון דער מענטשהייט“. אַ פּאָר שורות פון לענינס דיאַלעקטישן אַנאַליז וועגן דענקען און שאַפן פונעם געניע פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ:

„ניט ווי אַ נביא, וואָס האָט אַנטדעקט נייע רעצעפּטן פאַר דער רעטונג פון דער מענטשהייט איז טאָלסטאָי גרויס, נאָר ווי דער גאונישער קינסטלער, וועלכער האָט געגעבן נישט בלויז אומפאַרגלייכלעכע בילדער פון רוסישן לעבן, נאָר אויך ערשטקלאַסיקע ווערק אין דער וועלט-ליטעראַטור... אין זיין ירושה איז פאַראַן אַזעלכעס, וואָס נישט אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס געהערט דער צוקונפט“.

דער שאָפער פון „אָקטאָבער" האָט אָבער ניט געהערט צו די „רעוואָ־לוציאָנערע אַסקעטן", וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר קינסטלערישער הנאה, טאָמער וועט עס ביי זיי חלילה אָוועקרויבן זייער „רעוואָלוציאָנערע ענערגיע", האָט לעניך, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט גאָרקיס ביכל אויסגעדריקט זיין עמאָציאָנעל־קינסטלערישע באַגייסטערונג אויף דעם אופן: „וואָס פאַר אַ פעלז! וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער מענטש? אָט־דאָס, טאָטעלע, הייסט אַ קינסטלער!... ביז דעם דעם דאָזיקן גראַף איז דאָך ניט געווען אין דער ליטעראַטור קיין עכטער פויער. ווּעמען קאָן מען שטעלן אין איי ריי מיט אים? — טאָקע קיינעם ניט!" (גאָרקי זכרונות).

און אָט איז גאָרקיס פּרעכטיק בילד:

„איך האָב אים איינמאָל געזען, אפשר ווי קיינער האָט אים ניט געזען. ס'איז געווען אין קרים ביים ים. איך בין צוגעקומען צום ברעג צווישן די סקאָלעס און האָב דערזען זיין מאָגערע הויכע פיגור. ער איז געזעסן דעם קאָפּ אַריינגעטאָן אין די הענט. דער ווינט האָט צעבלאָזן דעם זילבער פון זיין באָרד דורך זיינע פינגער. ער האָט געקוקט אין דער ווייטקייט און די קליינע גרינע כוואַליעס האָבן זיך געהאַרכזאַם געקייקלט פאַר זיינע פיס, ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואָלט דערציילן דעם זקן. עס איז געווען אַ האַלב־פאַרוואָלקנטער טאָג און שאָטנס האָבן טיילווייז פאַרדעקט די סקאָלעס און דעם אַלטן מיט האַלב ליכט און האַלב שאָטן. און דעמאָלט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער אַליין איז אויך אַן אַלטער שטיין, וואָס איז לעבעדיק געוואָרן, וואָס ווייסט אַלע אָנהויבן און צילן, טראַכט וועגן דעם ווען און וואָס וועט זיין דער סוף פון שטיין און ערדישן גראָז, פון די וואַסערן און ימען, פון מענטשן און פון דער גאַנצער וועלט, פון דעם שטיין ביז דער זון, און דער ים איז אַ טייל פון זיין נשמה, און אַלץ אַרום שטאַמט פון אים, איז אַ טייל פון אים. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער פאַרגליווערטער פאַרטראַכטקייט פון זקן שטעקט די כשופדיקייט, זי איז פאַרטיפט אין דעם אָפּגרונט, וואָס אונטער אים, זי עקבערט די הויך אין דער בלאָער פוסטקייט אַריין איבער דער ערד, גלייך ווי ער, טאָלסטאָי, זיין קאָנצענטרירטער ווילן, רופט צו זיך און שטויסט אָפּ די כוואַליעס, פירט אָן מיט די וואָלקנס און מיט די שאָטנס, וואָס ס'דאַכט זיך, אַז זיי באַוועגן די שטיינער, וועקן זיי. און מיטאַמאָל, אין אַן אומזין, וואָס באַהערשט אַמאָל אויף רגע, האָב איך דערפילט אַז — ס'איז מעגלעך! — אָט שטייט ער אויף, וועט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, וועט דער ים פאַר־

גליוועדט ווערן, די שטיינער וועלן אָנהויבן זיך באַוועגן און וועלן אָנהויבן שרייען, און אַלץ אַרום וועט אויפלעבן, וועט אָנהויבן רעשן, ריידן מיט פאַרשיידענע קולות וועגן זיך, וועגן אים, קעגן אים. ס׳איז מיט דעם וואָרט ניט אויסצודריקן, וואָס איך האָב דעמאָלט דערפילט... באַלד האָט זיך אַלץ צונויפגעגאָסן אין איין גליקלעכן געדאַנק: „איך בין ניט קיין יתום אויף דער וועלט, כל זמן אָט־דער מענטש לעבט אויף איר״.

גאָרקיס ווערטער־מאַלעריי האָבן אויף אַ קאָנדענסירטן אופן איבער־געגעבן די „אַלצייטיקע״, איבער־צייטיקע ווערטפולקייט, דעם „אָקעאַנישן אָטעם״, וואָס די מערב־אייראָפּייאישע קריטיקער, ראָמאַן ראָלאַן, סטעפאַן צוויג און טאָמאַס מאַן, האָבן געשריבן וועגן טאָלסטאָיען. ס׳איז דער צוגאַנג צום קינסטלער וואָס האָט אַליין געמאָסטן אין זיין שאַפן אַלץ מיט דער אָקעאַנישער גרויסקייט און ברייטקייט. דאָס וואָס גאָרקי האָט אויסגעדריקט אין בילד האָט טאָמאַס מאַן געזאָגט אין זיין פילאָסאָפישער פּראָזע, ווען ער האָט באַצייכנט טאָלסטאָיס ווערק ווי „אַ שאַפונג וואָס אָטעמט מיט אָקעאַנישער ברייטקייט״.

„ווען דאָס לעבן וואָלט געשריבן וואָלט עס געשריבן ווי טאָלסטאָי״, האָט עמיצער געזאָגט. טאָלסטאָי האָט מער ווי אַלע שרייבער באַאיינפלוסט מענטשן און וויניקער פון אַלע די ליטעראַטור. זיין רעאַליזם איז ניט דער רעאַליזם פון אַ שפּיגל, וואָס שפּיגלט אָפּ דיווירקלעכקייט, בשעת ער אַליין רירט זיך ניט פון אָרט; נאָר ווי אַ זיפּ, וואָס זייט דורך די ווירקלעכקייט און אַנטפּלעקט איר עסענץ אין וואָרט און בילד. זיין כשוף ליגט אין דעם, וואָס ס׳איז אוממעגלעך ניט צו קענען די מענטשן וועלכע ער באַשרייבט. מען דערקענט זיי ניט דורך דער אַבסטראַקציע פון וואָרט נאָר מיט אַלע חושים.

דאָס בילד פון זאַנגען־שניט פון קאָנסטאַנטין לעווין, די ברענענדיקע טרער אין אויג פון גענעראַל; דער שוואַרצער פאַלד פון אַנאַס קלייד אויפן באַל און דער וואַרעמער באַריר פון איר האַנט אינעם קאַלטן אייזערנעם שטאַנג פון פאַרשנייטן וואַגאָן; דער קאַפּיטל, אין אָנהויב פון ראָמאַן, ווען די גאַנצע וועלט זעט אויס אין אירע אויגן ווי דאָס קעניגרייך פון צויבער, איז ניט וויניקער אמת ווי איר שוידערלעכער טויט אונטער די רעדער פון לאָקאָמאָטיוו. לערנען פון טאָלסטאָיען מיינט ניט נאָר לערנען דאָס לעבן, נאָר אויך זען דעם מענטשן אין פּראָצעס פון זיין און דויערן. זיין קונסט איז אַ קונסט פון זיין און פון ווערן. זיינע דערציילונגען ענדיקן זיך קיינמאָל ניט נאָר

רייסן זיך איבער אין מיטן בשעת יעדער איינער שפּירט בחוש, אַז די דער־ציילונג ווערט פאַרגעזעצט ערגעץ פון יענער זייט פון די בלעטער.

„ניטאָ אין דער קונסט קיין שולדיקע ווייל ניטאָ אין לעבן קיין שולד, עס דאַרפן ניט זיין קיין שולדיקע", האָט ער פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך דעם 3טן מערץ, 1863. „בלויז אין דער ליבשאַפט געפינט מען דעם אייגענעם גליק". ליב האָבן מיינט ניט באַשולדיקן קיינעם, מיינט זיך דערגרונטעווען צום שורש פון לעבן.

די איידעלע אַנאַ און דער טרוקענער מענטש מיט דער אויטאָמאַטישער נשמה קאַרענין; וורָאנסקי און ניקאָלאַי ראָסטאָוו און פּיער באַזוכאָוו; חאַדזשי מוראַט און „פאָטער סערגיי", אַלע זיינען גערעכט. קריטיקירן דאַרף מען די קולטור, די געזעלשאַפט, אָבער ניט דעם מענטשן ווייל אין זיין שורש איז דער מענטש גוט. גוט „ווען ער ליידט אין זיין ניט־פאַרשולדיקטן ליידן". ווי ער אַליין האָט געשריבן אין קאַפּיטל 15 פון פינפטן טייל „מלחמה און שלום".

טאָלסטאָיס קונסט איז אייביק ווייל ער לאָזט ניט אַרויס פון אויג דעם מענטשן. דאָרט וואו ס'ענדיקט זיך דער מענטש ענדיקט זיך דאָס לעבן, אפילו די נאַטור. דערפאַר זיין שטרעבן צו דערוואַכונג, ווידער־אויפלעבונג.

עס איז באַקאַנט, אַז פלאָבער האָט געראָטן זיין יינגערן חבר מאָפּאַסאַן, ער זאָל זיך אַזוי לאַנג איינקוקן אין בוים ביז ער וועט אַנטפּלעקן אין אים די שטריכן, וואָס טיילן אים אויס פון אַן אַנדער בוים און נאָכדעם זאָל ער געפינען אַדעקוואַטע ווערטער, וואָס זאָלן אויסדריקן די ספּעציפישקייט פון דעם איינציקן בוים. די פראַנצויזישע מייסטערס האָבן טאַקע אויסגעדריקט די ספּעציפישקייט פון אַ בוים, ס'איז אָבער אַלץ געבליבן „טויטע נאַטור". ווי אַנדערש האָט טאָלסטאָי געזען דעם בוים. יענער באַרימטער בוים פון „קריג און פרידן", וואָס אַנדרעי בולקאָנסקי האָט אים געזען, ווען ער איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. שפּעטער, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון זיין נחלה אין ראָסטאָוו האָט ער שוין געזען דעם בוים, אָנגעקליידט אין גרינע בלעטער, אַ אויפגעלעבטן, אַ צוריקגעקערטן צום לעבן.

„דאָס ליכט פון דער זון איז ניט גענוג, מען דאַרף האָבן אויך דאָס ליכט פון האַרץ" — זאָגט ראָמען ראָללאַן אין זיין בוך וועגן טאָלסטאָי. דער אונטער־שייד צווישן געניאַלן רוסישן רעאַליסט און די מערב־אייראָפּייאישע איז טאַקע אין דעם וואָס ער האָט אַלץ באַלויכטן מיטן „ליכט פון האַרצן".

אין טאָלסטאָיס שאַפן, מער ווי ביי אַן אַנדערן, פאַרנעמט דער טויט

אַ גרויס אָרט. דער טויט־מאָטיוו האָט אָבער ביי אים אַ טיפן סאָציאַל־קריטישן באַדייט. „ער ווייזט אָן, אַז וואָס מער דאָס לעבן איז אָנגעפּילט מיט זין און האַרמאָניע אַלץ ווייניקער איז פאַראַן מורא פאַר טויט. דער פּחד פאַרן טויט ווערט ביים מייסטער שטענדיק געגעבן ווי אַ טראַגישער חשבון־הנפש פון מענטשן, וואָס דאָס לעבן איז ביי זיי ניט עטיש״ (געאָרג לוקאַטש).

„דער טויט פון איוואַן אילטש״ איז אַזאַ מין חשבון הנפש פאַרן טויט. ערב טויט טראַכט ער וועגן זין פון לעבן. איוואַן אליטש איז געווען אַ שטאַרק־פאַרשטיינערטער ביוראָקראַט, אַ שרייפל אין דעם אויטאָמאַט, די צאַרישע מאַשין. ער איז געווען אַ ריכטער און זיינע אויערן האָט ער געהאַלטן פאַר־שטאָפּט פאַר די טענות פון מענטשן, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אין די רעדער פון דער מאַשין. מיט זיינע רייד האָט דער ריכטער זיי צוריק אַריינ־געשרויפט אינם גאַנג פון דער „יורידישער גערעכטיקייט״. און אָט ווערט איוואַן איליטש קראַנק. ער ווייסט אַז ער מוז שטאַרבן. ער האַלט זיך אין איין פרעגן ביי זיין דאָקטאָר וועגן זיין מצב. דער דאָקטאָר איז ניט ווייניקער ביוראָקראַט ווי דער חולה און ער פירט זיך אויף ווי זיין פאַציענט אַמאָל אין געריכט: — „באַשולדיקטער. איך וויל דו זאָלסט זיך באַגרענעצן בלויז צו ענטפערס, אויב ניט וועל איך הייסן מען זאָל דיך אַרויספירן פון זאַל...״ — „האָט דער דאָקטאָר געקוקט אויף אים דורך די ברילן״.... און איוואַן איליטש דערוואַכט. ער מאַכט אַ סך־הכל פון זיין ביז־אַהעריקן אָפּגעלעבטן לעבן, וואָס איז געווען אומזיניק, ווייל ניט מענטשלעך. אין אַנבליק פון טויט דערזעט ער ווי זיין לעבן איז געווען אומזיניק.

אַלע בלאָנדזשענישן, טעות׳ן, אַלע איבלען האָט טאָלסטאָי געזען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס דער מענטש איז אָפּגעטראָטן פון דרך הישר. ווען דער מענטש באַווייזט זיך אַרויסצורייסן פון זיין ענגן קרייז, פון זיין „עגאָ״, ווערט דעמאָלט פאַר אים טייער ניט זיין איך, נאָר דער מענטש אין אים. דער געדאַנק האָט געפירט דעם קלאַסיקער צו דער פאַרשטעלונג פון מענטשן ווי אַ כוואַליע אין מיטן ים, נאָענט און פאַרבונדן מיט אַנדערע כוואַליעס פון אָקעאַן, וואָס איז די אייביקייט.

פילאָסאָפיש האָט טאָלסטאָי געגלויבט אין אומשטערבלעכקייט, אין „גאָטס ממשלה וואָס איז אין אונז״. זיין קינסטלערישע אידייע איז געווען דער גלויבן אין אייביקן לעבן, אין זיג פון לעבן איבער די ניט־לעבעדיקע יסודות פון דער נאַטור.

„און דער טויט? וואו איז ער? — פרעגט איוואַן אליטש אין דער

לעצטער רגע? טאָלסטאָי ענטפערט: „יאָ, טויט, אָבער ד ע ר טויט איז ניטאָ!"

דער פילאָסאָפישער וויכוח צווישן דעם רעליגיעזן טאָלסטאָי און זיינע ניט רעליגיעזע, אַטעאיסטישע תלמידים און פאַרערער האָט ניט אויפגעהערט ביי זיין לעבן און נאָך זיין טויט. פאַר דעם גאון פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ איז נשמה געווען אַ זאַך, וואָס שטאַמט פון אַנדערע איבערערדישע וועלטן; פאַר די באַגרינדער און אַנהענגער פון מאַטעריאַליזם איז נשמה בלויז אַ מאַניפעסטאַציע פון ערדישן זיין, אַזוי ווי דער נאַכטיקער גלי איז ניט דער „גייסט" פון שוועבל נאָר זיין אַרויסשטראַל. אָט־דעם וויכוח, וואָס ציט זיך נאָך פון אַלטערטום, האָט פאַרמולירט טאָלסטאָיס אַ יורש אין אַ רעדע צו דעם פופציקסטן יאָרצייט פונעם קלאַסיקער.

„אין משך פון טויזנטער יאָרן זיינען די הימלען געווען אויסגעשפּרייט איבער די קעפּ פון מענטשן און די וואַסערן פון אָקעאַן אַזוי לויטער, אַז יעדער איינער האָט דאָרט געפונען זיין אָפּשפּיגלונג. אייגנטלעך איז דער גאַנצער וועג פון דער פילאָסאָפיע אין אומאויפהערלעכער וויכוח, פונוואַנען האָט זיך צו אונז גענומען דער פונק פון לעבן און דענקען, צי בלויז פונעם רייב פון שטיין, אָדער דער מענטש איז געבוירן מיט אַ ליכט אין זיין נשמה; אָדער ער דאַרף יעדעס מאָל דעם פונק אויפסניי אַרויסגנבענען ביי די געטער?"...

טאָלסטאָי איז דער עיקר גרויס מיט זיין קראַפט פון אויסמישן דעם גייסט מיט די מיליאָנען טראָפּנס פון מענטשלעכן ים, מיט די מענשן פון ערד און אַרבעט" (לעאָניד לעאָנאָוו).

אין די אומשטערבלעכע ווערק פונעם גאונישן שאַפער פון דער רוסישער ערד איז פאַראַן די וויזיע פון פאַרצייטיקן נביא פון שלום „אָפּווישן די טרער פון פנים" — די דערלייזונג פון אַ טראַגישן סאָציאַלן לעבנס־סדר; „די שאַנד פון פאָלק וועט אָפּגעטאָן ווערן" — נאַציאָנאַלע דערלייזונג, און „דער טויט וועט פאַרשלונגען ווערן אויף אייביק" — אין דער אייביקייט, די קאָסמישע דערלייזונג, דער באַהעפט וואָס דער מענטש האָט מיט דער אומשטערבלעכער סטיכייע, ווי אַ פעלז אין אָקעאַן.

פון סטעפּ און גאָרטן

ביים קוואַל פון טשעכאָווס שאַפן

„אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן איז מיין שוועסטער, אַ גאָרטנקוואַל, אַ ברונעם לעבעדיק וואַסער" (שיר השירים ד)

דאָס שאַפן פונעם דאָקטאָר מעדיצין און דעם דאָקטאָר פון ליטעראַטור אַנטאָן טשעכאָוו איז געווען אַ מין אַלעגאָריע פון אַ גאָרטן און אַ קוואַל. ער, וואָס האָט אין זיין מעדיצינישער ביוראָ און לאַבראָטאָריע עקספּערעמענטירט מיט מעדיצינישער וויסנשאַפט האָט ווי אַ קינסטלער אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן אין זיין קוואַליקייט· אַ טובערקולאָז־קראַנקער, וואָס האָט קוים דערשלעפּט ביז פיר און פערציק יאָר, האָט דאָך געהאַט אַזאַ גרויסע ליבע צום לעבן. „אַ פאַרצווייפלטע, האָפענונגסלאָזע ליבע צום לעבן. לעבן צו יעדן פּרייז. לעבן — וואָס איז דער גאַנצער לייטער פון ווערטן — לעבן און זאָל זיין ווי אַ ווערימל. אַ לעבעדיקער הונט — בעסער ווי אַ טויטער לייב" (אַ. קאָראַלניק).

טשעכאָוו האָט געמאָלן דעם רוסישן פאַרצווייפלטן אינטעלעגענט און אין דער וועלט פון פאַרצווייפלונג איז ער ניט געווען פאַרצווייפלט. אין דער דערציילונג „דער געוועט" פירט ער אַרויס אַ יונגן יוריסט, וואָס איז שטאָלץ מיט זיין חכמה און וויסן און איז דאָך פול מיט אַ הבל־הבלים־פילאָסאָפיע ווען ער פאַרטראַכט זיך וועגן לעצטן סך־הכל — דעם טויט. „איך פאַראַכט די מענטשלעכע חכמה. אַלץ איז נישטיק, אַלץ איז פוסט, אילוזאָריש

און אָפּנאַרעריש ווי אַ מיראַזש. איר קאָנט זיך זיין שטאָלץ, קלוג און שיין, נאָר דער טויט וועט אייך אָפּראַמען פון דער וועלט צוגלייך מיט די אונטער־ערדישע מייז״.

דעם זעלבן יאוש דעקט אויף דער אַלטער פּראָפעסאָר אין דער „אַ לאַנג־ווייליקער געשיכטע״, וואָס „דער גורל פון ביינער־מאַרך אינטערעסירט אים מער ווי דער ענדציל פון דער וועלט״. דער פּראָפעסאָר זאָגט: „וואָס פאַר אַ פּראַכטפולער מאָרגנשטערן זאָל ניט באַלויכטן אייער לעבן וועט מען אייך דאָך סוף־כל־סוף פאַרשלאָגן אין אַ קאַסטן און אַריינוואַרפן אין אַ גרוב״.

קעגן דעם קאָסמישן טראַגיזם האָט אָבער דער גרויסער פּראָזע־קינסטלער טשעכאָוו אַנטקעגנגעשטעלט אַ סאָציאַלן אָפּטימיזם. זיין שטאַרקער גלויבן אין הומאַניזם און פּראָגרעס האָט ניט נאָר געפונען אַן אויסוועג פאַרן אומעט פון רוסישן קליינבירגער אין זיינע אַלע פאַרמאַציעס, פאַר דער אויסוועגלאָזיקייט פון די „דריי שוועסטער״, נאָר האָט אויך פאַררוקט די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען וועגן סוף פון לעבן.

טראָפימאָוו אין „קאַרשן־סאָד״ איז אפילו אין מינוטן פון שווערסטע נסיונות פול מיט „פאַרגעפילן אַז דאָס גליק גייט, עס קומט, און אויב מיר וועלן עס ניט דערזען, אויב מיר וועלן עס נאָך ניט דערוויסן, איז וואָס פאַר אַן אומגליק — אַנדערע וועלן עס זען!״

אין זיין גלויבן דערגייט ער דערצו, אַז ווען נאָוויע דערווידערט אים: „סיי ווי וועסטו שטאַרבן!״ ענטפערט ער: ״וואָס הייסט שטאַרבן? אפשר פאַרמאָגט אַ מענטש הונדערט חושים און אַז ער שטאַרבט קומען אום די פינף וועלכע זיינען אונז באַוואוסט און די איבעריקע פינף און ניינציק בלייבן לעבן״.

אין זיין „פאַלאַטע נומער 6״ האָט טשעכאָוו דעמאַסקירט די הבל־הבלים פילאָסאָפיע ווען ער האָט צונויפגעפירט דעם געזונטן פעסימיסט דר. ראַגין מיט דעם קראַנקן, פאַרשפּאַרטן אין משוגעים־הויז איוואַן דימיטריטש. ראַגין טענהט: „די נאַטור־געזעצן וועלן בלייבן די זעלבע. מענטשן וועלן קרענקען און שטאַרבן אַזוי ווי איצט״. דער קראַנקער דימיטריטש ענטפערט: „אַנשטאָט צו באַקעמפן דאָס בייז, אַנשטאָט טראַכטן ווי עס אויסראָטן... ניין, דאָס איז ניט קיין דענקען, נאָר טעמפּע פאַרשלאָפנקייט״. דער משוגענער אָפּטימיסט באַזיגט דעם געזונטן פילאָסאָף, וואָס גריבלט זיך אין די „אייביקע פּראָבלעמען״. אויף מאָרגן ווען דער דאָקטאָר אַליין שטאַרבט האָט ער אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן צער, וואָס ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו לעבן.

טשעכאָוו האָט געוואוסט, אַז אין יענעם בליענדיקן גאָרטן וועגן וועלכן די בעסטע פון דער מענטשהייט טרוימען וועלן די פּראָבלעמען וואָס זיין פּראָפעסאָר האָט געשטעלט, ניט געלייזט ווערן, זיי וועלן אָבער געשטעלט ווערן מיט אַ שטאָלצער ווערדע. אין זיינע אַלע דערציילונגען לערנט ער אונז, אַז אויף דער וועלט איז טאַקע ניטאָ קיין גליק אָבער דער טאַלאַנט צו זיין גליקלעך איז דעם מענטשן יאָ געגעבן געוואָרן. די פונדאַמענטאַלע פראַגן פון קראַנקהייט, איינזאַמקייט, טויט, וועלן אפילו ביים זיג פון אַ העכערער סאָציאַלער אָרדנונג ניט געלייזט ווערן, אָבער ווען מען ווידמעט זיך איצט דעם קאַמף פאַר אַ גליקלעכערן לעבן ווערט דער צער געמילדערט.

אַ כלל גדול האָבן געלערנט די גרויסע נביאים און קינסטלער: ס׳האָט ניט קיין טעם און זין צו שילדערן די נאַטור, אויב ס׳איז אין איר ניטאָ קיין מענטשלעכער סימבאָל. טשעכאָווס דערציילונגען זיינען פול מיט נאַטור בילד, וואָס איז סימבאָל פאַר מענטש. אין זיין באַרימטער נאָוועלע „דער סטעפּ״ איז דער סטעפּ אַ סימבאָל פון אַ גאַנצער וועלט. ס׳איז דער געזאַנג פון פעלד וואָס גיסט זיך אַריין אין דער נשמה פון לייענער. דער טוי פון הומאָר באַפייכט די טריקעניש און דער ייִנגל, דער יתום, וואָס וואַנדערט מיט זיין פעטער דעם בעל־גול, און מיטן גוט־האַרציקן גלח׳ אַלעמען כשופט דער סטעפּ מיט זיין גרענעצלאָזער רחבות. יעדער פאַרוויאַנעט גרעזל, יעדער איינזאַמער בוים באַפּרוכפּערט דאָס הערצל פון פאַרלאָזענעם יתום און פירט אים אַריין אין פאַרשלאָסענעם גאָרטן פון לעבן.

ביי גרויסע קינסטלער איז די נאַטור קיינמאָל ניט איינגעקוואַרט און איינגעדאַרט ווייל שטענדיק זעען זיי פאַר זיך דעם לעבעדיקן מענטשן און זיינע שטרעבונגען נאָך יושר און שיינקייט. די סאָלידאַרישקייט, דער צונויפגוס פון מענטש און נאַטור, אין וועלכן מען געפינט אַ היילונג אין דעם גרויסן אומעט, דאָס איז אַ לייט־מאָטיוו אינעם שאַפן פון דעם היילער פון יאַלטאַ, וואָס האָט אין מיטן דער וויסטעניש פון דער צאַרישער ביוראָקראַטיע געזאָגט אין זיינע דערציילונגען: „ווי שיין איז דער דאָזיקער בוים, דער דאָזיקער אַקער״.

אין טשעכאָווס פּראָזע גאַרט די נאַטור אַליין נאָכן גליק און וויל זיין דער אויסדרוק פאַרן זיג פון שיינעם און ערלעכן לעבן. „וואָס פאַר אַ שיינעביימער און ווי שיין דאָס לעבן איז לעבן זיי״ („דריי שוועסטער״). די דאָזיקע

ווערטער זיינען אַ באַגלייט־מעלאָדיע צו זיין שילדערונג. — „אַמאָל ווען איך ליג וואַך אין דער נאַכט זאָג איך צו זיך אַליין: דאָס גאַנצע לאַנד איז אונזער גאָרטן... וועלן מיר פלאַנצן אַ נייעם גאָרטן, וואָס וועט זיין שענער פון דעם" („קאַרשן־גאָרטן").

ווען טשעכאָוו האָט אויפגעהויבן די האַק אויף די קאַרשן־ביימער האָט ער אויך געזען דעם בוים פון דער צוקונפט, דעם בוים פון לעבן וואָס וואַקסט און נערט זיך פון אייביקן קוואַל.

די נשמה און דער וואַלד

דער סאָוועטישער נאָוועליסט לעאָניד לעאָנאָוו

„רויִשן צעדערס פונדערווייטן:
ווינט צעבלעטערט אוראַלט צייטן.
קוועלט אַ בוימעכע און פּלאַפּלט:
אַלט, צי ניי, אַבי סע צאַפּלט.
מילדער ווינט — באַפרידיקט גראָזן,
מיך דערפרייט אַ ווילדער בלאָזן.
פרעגט אַ דאַרער בוים אַ בייזער: ..
אַ פאַרוויסטער — אַ דערלייזער?
שרייט אַן אַלטער בוים אַ שרייער:
גאָט באַפריי אונדז פון באַפרייער.
זאַפט פון ערד און זון פון הימל,
קאָן מען אייביקן אין דרימל.
זוכט אַ לינדנבוים צו לינדן:
וואַלד איז וואַלד נאָך אַלע ווילדן.
שטורעם היינט און שטורעם מאָרגן —
יעדער שטורעם גייט אַריבער —
און די וועלדער — בלייבן איבער...”
(א. לוצקי, „אַ וואַלד רעדט”)

א ברייט רוסיש פנים. ערנסט ווי אַ רוסישער טייך אין ווינטער־טאָג. די ליפּן האַלב פאַרזיגלט, אין די אויגן — תמימות און פאַרוואונדערונג; די ברעמען געוועלבט ווי די פליגל פון אַ דאָרפישער ווינטמיל.

ער איז פון פויערים־שטאַם. דער פאָטער איז געווען אַ רוסישער רע־וואָלוציאָנער, אַ האַלבער פּאָעט און אַ האַלבער זשורנאַליסט. ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון צאַרישן מאָסקווע אין ווייטן אַרכאַנגעל מיט זיין משפחה. דאָס וויגל פון זון לעאָניד איז געשטאַנען ביי קאַלטע אָזיערעס, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געשפּיגלט איבערגעקערטע ביימער. אַלטע רוסישע צפון־דעמבעס האָבן אים דערציילט געשיכטעס פון הייליקן, תמימותדיקן און צעווילדעוועטן רוס; מעשהלעך געשפּינט פון אָניטשעס און טרוימען, פון בונט און צער. ער האָט

אַריינגעזויגן אין זיך די ליריק פון רוסישע נאַכטיגאַל־פּאָעטן, ווי בעריאָזעס דעם טריפנדיקן סאָק. אין זיין קינדערשער נשמה האָבן אַריינגעדרונגען די אומעטן פון דאָסטאָיעווסקיס פאַרברעכער און קדושים און זיי האָבן שפּעטער טריי אָפּגעקלונגען אין זיין מחשבה און געמיט.

אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט דער אָקטאָבער פון פּעטאָגראַד פאַרטריבן פונעם ערד־זעקסטל — פון אייזיקן ים ביזן גליאיקן קאַווקאַז — די לאַנגע צאַרישע נאַכט. דער יונגער זון פון שנייאיקן צפון איז אַוועק אין דער זוניקער קרים. אין די יאָרן פון בירגער־קריג איז ער געוואָרן אַ זשורנאַליסט און האָט מיט זיין פעדער געהאָלפן די זין פון אָקטאָבער צו טרייבן די ווייס־גוואַרדייאישע שדים אויף די בערג פון פעך און סמאָלע, אין כף־הקלע פון דער געשיכטע.

די נייע געבאָטן פון דער פלאַמיקער אָקטאָבער־ערד און די רוסישע קולטור־ירושה, אין וועלכע עס זיינען אַריין די דורותדיקע ווערטן פון פּושקין און נעקראַסאָוו, פון אַוואַקום און טאָלסטאָי, פון גאָרקי און לונאַטשאַרסקי — אָט־די דאָזיקע אַלטע און נייע ירושה האָט זיך אַריינגעגאָסן אין זיין טאַלאַנט און האָט באַווירקט זיין פּראָזע. די ליכט־און־שאָטן עפעקטן פון רוסישן ריז פון פעטערגראַד און די געשטאַלטן־וועלט פון דעם גאון פון „קריג און פרידן" האָבן אים באַאיינפלוסט. זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָבן גע־מוטיקט און באַגלייט מיט פאַטערלעכע ברכות צוויי זיילן פון דער יינגער סאָוועטישער קולטור, דער באַגרינדער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם מאַקסים גאָרקי און דער ערשטער בילדונגס־מיניסטער פון אָקטאָבערלאַנד אַנאַטאָל לונאַטשאַרסקי.

אין זיינע ערשטע דערציילונגען האָט זיך בולט אָנגעזען דער דאָס־טאָיעווסקי־מאָטיוו. עס ווערן דאָרט ארויסגעבראַכט דאָס לעגענדאַרישע און היסטאָרישע און עס דאָמינירט דאָרט די געדאַנקלעכע אָנגעלאָדנקייט פון דעם מחבר פון „פאַרברעכן און שטראָף".

לעאָנאָוו שאַפט מיטאָלאָגיעס. ער דיכטעט אַריין אין דער נאַטור די געדאַנקען און שפּירונגען פון זיינע העלדן. אין איינעם פון זיינע ערשטע ראָמאַנען וועגן קאַמף פון רוסישן דאָרף מיט דער באָלשעוויסטישער שטאָט וועבט ער אַריין אַ לעגענדע וועגן אַ מיטאָלאָגישן צאַר, קאַליפּאַט, וואָס האָט געוואָלט אַרויסגעבן פאַספּאָרטן צו די חיות פון וואַלד, רעגיסטרירן יעדער וואָרצל און פלאַנץ. איז אַלץ באַדעקט געוואָרן מיט אַ טרויער. אַלע וועלדלעך זיינען געוואָרן שטיל און אַלע לאַנקעס זיינען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט מאָך. אפילו דער בער אין זיין נאָרע איז געוואָרן קראַנק. ער „האָט ניט געוואוסט

צי איז ער מענטש אָדער חיה". קאַליפאַט האָט אויך אָנגעהויבן בויען אַ טורעם, וואָס זאָל דערגרייכן די הימלען. צוואַנציק יאָר האָט געדויערט דאָס אויפבויען דעם טורעם. „צוואַנציק יאָר ביי אים, צוואַנציק דורות — פאַר אונז". ווען דער טורעם איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן האָט דער צאַר אָנגעהויבן קלעטערן אויף זיינע טרעפּ. פינף יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געקלעטערט. ווי נאָר ער האָט דערגרייכט די ערשטע טרעפּ האָט דער טויער אָנגעהויבן זינקען אונטער זיין שווערגעוויכט. ער איז געזונקען מיט יעדן שפּאַן אַרויף, לויטן דער זעלבער מאָס שטח, וואָס דער צאַר האָט זיך אויפגעהויבן... דערווייל האָט די נאַטור אויפגעגעבן אַלע פּאַספּאַרטן, די חיות און די פייגל האָבן ווידער געבלאָנקעט און אַרומגעשוועבט אין וואַלד און פעלד.

„די לעגענדע פון קאַליפאַט" איז אייגנטלעך אַ וואַריאַציע פון דאָס־טאָיעווסקיס בבל טורעם אין דער לעגענדע פון גרויס־אינקוויזיטאָר, אין די „ברידער קאַראַמאַזאָוו". די געטלעכע אידייע ווערט חרוב און אַ נייער בבל־טורעם (סאָציאַליזם) ווערט אויפגעבויט. מער ניט וואָס ביי לעאָנאָוון איז עס דער דאַרף קעגן דער שטאָט, דער סערף קעגן האַמער...

„לעניד לעאָנאָוו קומט פון דאָסטאָיעווסקין. אין איניקע פאַלן, אין זיין באַציאונג צו פאַרשטאַנד, איז ער אָפּהענגיק אויך פון לעוו טאָלסטאָי. אָבער אָט־די ביידע צוזאַמענהאַנגען זיינען אַזעלכע, וואָס באַווייזן בלויז אויף דער באַדייטנדיקער גרויס פון דעם יונגן שרייבער און זיי פאַרהוילן נישט זיין אייגנאַרטיקייט... מיר דאַכט זיך, אַז לעאָנאָוו איז אַ מענטש פון עפּעס „אַן אייגן ליד", זייער אַן אָריגינעלס, און אַז ער האָט ערשט אָנגעהויבן זינגען עס, און עס קאָן אים אין דעם ניט שטערן ניט דאָסטאָיעווסקי און ניט עמעץ אַן אַנדערער" (מ. גאָרקי, ווי איך האָב זיך געלערנט שרייבן).

גאָרקי האָט די ווערטער געשריבן נאָכן דערשיינען פון לעאָנאָווס דריט ווערק „דער גנב" (1927). אין וועלכן דער סאָוועטישער פּראָזאַאיקער האָט זיך געגרונטעוועט אין דאָסטאָיעווסקישן נשמה־תהום פון „פאַרברעכן און שטראָף".

דער געוועזענער קאָמיסאַר פון אַ רויטאַרמייאישער גוואַרדיע, דימיטראָ (מיטקאָ) וועקשין איז געקומען קיין מאָסקווע פון פראָנט. דאָ אין דער צייט פון נייעם עקאָנאָמישן פּלאַן („נעפּ") געוואָרן אַ פירער פון דער אונטער־ערד. ער איז אַוועק פון דאָרף מיט אַ שולד־באַוואוסטזיין, ווייל ער האָט דאָרט דערהרגעט אין אַ מינוט פון רציחה אַ ווייסגוואַרדייאישן אָפיציר, וואָס האָט געטויט זיין פערד. עס האָט ניט גענומען לאַנג און דימיטרי האָט זיך

אַנטוישט אין דער מאָסקווער געזעלשאַפט און איז אַוועק אין דער אונטער־וועלט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט גניבות און אַפערעס.

מיטקאַ איז אַ ראַסקאָלניקאָוו־טיפּ אין אַ נייער אַטמאָספערע. ווי דאָס־טאָיעווסקיס העלד איז ער פול מיט ווידערשפּרוכן. ער איז אַ גנב און וויל אויפהאַלטן זיין מענטשלעכע ווערדע. די צווייטע, כמעט צענטראַלע העלדין אינעם ראָמאַן איז מאַשאַ דאָלמאַנאָוואַ, וואָס איז אויך ענלעך צו דאָסטאָיעווסקיס גרושענקאָ פון די „קאַראַמאַזאָווס". אין איר פריער יוגנט האָט זי זיך פאַר־ליבט אין מיטקאַן, אָבער ער האָט זי נאָכדעם פאַרלאָזן און איז אַוועק אין דער אַרמיי. ווען ער איז אַנטלאָפן פון דער צאַרישער פּאָליציי האָט ער זי ניט געוואָלט מיטנעמען. שפּעטער איז זי, ווי גרושענקאָ, פאַרפירט געוואָרן פון אַ באַנדיט, וועמען זי האָט פאַרראַטן פאַר דער פּאָליציי, וואָס האָט אים דערמאָרדעט בעת אַן איבערפאַל אויף דער באַנדע פאַרברעכער. מאַשאַ האָט די גאַנצע צייט ניט פאַרגעסן דימיטרין. זי האָט נאָר געוואָלט ברעכן זיין שטאָלץ און אים ברענגען צו זיך.

צווישן דער גאַלעריי טיפּן אין בוך איז אויך דאָ אַ פּסיכאָלאָג פאַר וועמען מיטקאַ איז זיך מתוודה וועגן זיין ערשטן פאַרברעכן . ווי אין „פאַר־ברעכן און שטראָף" צעלייגט דער פּסיכאָלאָג דימיטריס נשמה אויף אירע עלעמענטן און הייסט אים ליידן „ביז דער פייער פון דיין פאַרברעכערישער נשמה וועט זיך לייטערן". ווען דער גנב, וואָס איז מיד און אויסגעשעפּט פון געראַנגל, ווערט קראַנק, איז מאַשאַ די וואָס ברענגט אים צוריק צום געזונט. זי וואַכט ביי זיין קראַנקן־בעט. „ער איז אַ געפאַלענער" — טענהט זי — „אַ געפאַלענעם טאָר מען ניט שלאָגן". דער מאָטיוו פון געפאַלענעם אין דער־הויבונג. אַן אָנדייט אויף דעם זאָג פון דאָסטאָיעווסקין: „מענטש, מענטש! קיינער קען נישט לעבן אָן רחמנות!"

לעאָניד לעאָנאָוו דערהייבט אָבער דעם דאָסטאָיעווסקי־מאָטיוו אויף אַ נייעם עטאַפּ. אַנדערש ווי ראַסקאָלניקאָוו, וואָס נעמט פרייוויליק אויף זיך די קאַטאָרגע, פירט לעאָנאָוו זיין פאַרברעכער צו אַ נייעם לעבן. אַ צעבראָכענער אין גוף און נשמה פאַרלאָזט מיטקאַ די שטאָט און גייט אין וואַלד, ער אַרבעט און פאַרדינט זיין ברויט דורך שווערער האָרעוואַניע.. „ער איז אַריין אין וואַלד ווי אַ ביי־באַשאַפענער מענטש, געוואָרפן מיט דער טשופרינע ווי אַן אומגעצוימט פערד, וואָס זוכט אַ רייטער. אַ זון איז אויפגעגאַנגען איבער רוסלאַנד". מיט די ווערטער פאַרענדיקט דער שרייבער זיין ראָמאַן.

דער געדאַנק, אַז דער נעכטן לעבט אין מענטשן ווי דער היינט, אַז אין

דער מענטשלעכער נשמה זיינען ניטאָ קיין האַרטע גרענעצן צווישן נעכטן און היינט, — דאָס איז געוואָרן אַ פירנדיקער מאָטיוו אין לעאָנאָוס ווערק.

אין די יאָרן פון סאָוועטישן אויפבוי און רעקאָנסטרוקציע (1932) האָט לעאָנאָוו אָנגעשריבן זיין דריטן ראָמאַן „סאָט־בוי", וואו ער פירט אַרויס דעם צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי וועלטן, דעם ווייפולן אָפּגאַנג פונעם אַלטן און אויך די חבלי לידה, די פיינלעכע געבורט פונעם נייעם. עס איז אַ בוך וועגן סאָציאַליסטישן אויפבוי, וואָס גיט איבער אויף דער שפּראַך פון קונסט דעם געהעריקן „סאָציאָלאָגישן עקוויוואַלענט" פון יענער עפּאָכע, מיט דעם גאַנצן סטיל, פאַרב, קאָמפּאָזיציע און פּסיכאָלאָגישן אַריינדרינג, מיט וועלכן אַ קונסט־ווערק אונטערשיידט זיך פון אַ וויסנשאַפטלעך ווערק.

דער קאַמף פאַר דעם נייעם סאָציאַלן פּראָדוציר אופן אין סאָוועטנלאַנד איז אויך געווען אַ קאַמף מיט דער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער שטרויענער ראַסיי, מיט דער רוסלאַנד פון שכרות, האַרמאָשקעס און רעליגיע־זע זאַבאַבאָנעס. באַוואָפנט מיט לונאַטשאַרסקיס אידייע אַז די אייביקע ווערטן פון דער אַלטער קולטור זיינען ווערטפול, דערפאַר וואָס זיי ברייטערן אויס די דערפאַרונג האָט לעאָנאָוו געשריבן זיינע ווערק. פאַרן דאָזיקן גרויסן בוך האָט לעאָנאָוו געשעפּט גאַנצע הויפנס פון די אַלטע קוואַלן פאַרן נייעם. ער האָט געגראָבן צו דער וואָרצל־פרישקייט פון רוסישן פאָלקלאָר וועגן די „אַלט־גלויביקע", די רוסישע „בעלינעס" און פאָלקס באַלאַדעס.

„סאָטבוי" — ווייט אויפן צפון, וואו דער זומער איז קורץ און דער ווינטער איז לאַנג, די נאַטור — בייז און קאַפּריזנע; דאָרט, וואו אויף הונ־דערטער מיילן ציען זיך געדיכטע פינצטערע וועלדער, — פליסט דער אַלטער טייך סאָט, וואָס טראָגט אויף זיינע כוואַליעס שוימענדיקע רוסישע לעגענדעס.

אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן פונעם יאָרהונדערט האָבן נאָך אין דער וואַלדישער געגענט געווימלט „שוואָמען, בערן, נזירים, שדים — אַלץ אַ חוץ שכל און ווילן". דער דאָזיקער ווילדער קאַנט איז געווען געדיכט באַזעצט מיט מאָנאַכן, וואָס האָבן אין דעם אוראַלטן וואַלד געפונען זייער מקום מקלט אין אַ מאָנאַסטיר. דאָ האָבן זיי פאַרבראַכט אין זעלבסט־פייניקונג און ווידוים און געפּריידיקט דעם „אַלטן גלויבן" פאַר מענטשן, וואָס אפילו קריסטנטום איז פאַר זיי געווען ניי. געוועזן נאָך דאָרטן תושבים, וואָס גלויבן אין וואַלדישע הייליקע, „טרינקען קעראָסין אַלס אַ סגולה צום הוסט". דאָרט

„האָט מען די גרויס פון אַ יום־טוב ביים טייך געמאָסטן מיט דער צאָל גע־קוילעטע מענטשן".

אין דעם אַלטן מאָנאַסטיר האָבן די הייליקע געטראָגן פּאַרצייטיקע נעמען פּעפּעליקאָט, קסענאָפּאָט, פילאָפּיי. דער פירער פון „סקיט" (מאָנאַסטיר) האָט געהייסן וויסאַריאָן. אין איין טאָג האָבן זיך אַהער אַראָפּגעלאָזן אַ קליינע גרופּע סאָוועטישע געלערנטע — מענטשן מיט פאַרשטאַנד און ענערגישן ווילן און מיט פּאַטאָס פאַר סאָציאַליסטישן אויפבוי. זיי האָבן זיך גענומען אויפשטעלן אין דערבייאיקן דאָרף מאַקאַריכע אַ גרויסע צעליולאָז־פאַבריק פאַר פּאַפּיר, כדי צו העלפן דער גיגאַנטישער מאָסן פּראָדוקציע פון סאָוועטישער קולטור. אין אַ לויטערן אַפּריל־פאַרנאַכט האָבן זיך אין דעם וואַלד באַוויזן די דריי מענטשן וואָס פירן דעם קאַמף פאַר דער צוקונפט: דער אינזשינער אַוואַדייעוו, אַן אויסגעפּרואווטער פאַרהאַרטעוועטער באַלשעוויק, זיין געהילף פּאָוואַראָוו און די כעמיקערן סוזאַנע, אַ טאָכטער פון אַן אַלט־רעזשימנעם אינזשינער, וואָס האָט פאַרלאָזן דעם טאַטנס דרכים און זיך געשענקט דער ראַטונג־בויאונג.

„סאָטבוי" האָט ניט געמיינט בלויז בוי נאָר דער עיקר „איבערבוי". עס האָט זיך ניט געהאַנדלט בלויז אין דעם, וואָס אין אַ פאַרוואָרפענעם העק פון סאָוועטישן צפון וועט אויפגעבויט ווערן אַ נייער פּאַפּיר־זאַוואָד, עס איז געגאַנגען דער עיקר אין קאַמף פאַר אַ פּרינציפּעל נייער קולטור, אינעם קאַמף פאַר אויפרייסן דעם נעכטן, די באַגרענעצטקייט פון אַ דורותדיקן פויעריש־קלויסטערישן שטייגער לעבן.

„ביז מילד האָט דער וואַלד באַגעגנט די דאָזיקע דריי בויער פון מענטשן־גליק. ס'איז געדיכטער געוואָרן די פינצטערניש. ס'האָט שוין ניט אויפגעוואַכט די צערודערטע סודותדיקייט. דער וועג איז צייטנווייז פאַרפאַלן געוואָרן און קיין וואַרעמע מענטשן־וואוינונג האָט זיך אַלץ ניט באַוויזן. פאַר־זאָרגט, כמורנע, ווי אַ שוואַרצער מאַנאַך איז אַרויסגעגאַנגען דער אָוונט".

פאַראַן דאָ האַרמאָנישער צונויפגוס פון מענטש און קעגנשטאַנד. דער טיפּאַזש איז צונויפגעגאָסן מיטן קאָלאָריט, איז איינס מיט דער גאַנצער נאַטור־אימפּרעסיע. דרוכן אימפּערעסיאָניסטישן געמעל ברענגט לעאָנאָוו אַרויס דעם קינסטלערישן דעטאַל און זיין גרונט־אידייע:

"שטייען וועלדער פינצטערע פון דער ערד ביזן הימל און אין הימל איז נאַכט. פאַרבאָרגן פון מענטשישן אויג ליגט אין הימל אַ בעכער; ס'קריכט דער בעכער צום הימל־זוים, גיסן זיך אויף דער דאַרשטיקער ערד שלאָף, רו און שטילקייט. די וועלט שלאָפט און ס'שלאָפט אַלץ, וואָס איז מסוגל צו אָט־

דעם זיסן חלשות, און אפילו די פֿרילינג־וואַסערן רינען פֿוילער אונטערן אײַז באַוואַשנדיק דאָס סקיטישע בערגל. אָפּגעזונגען די מיט־נאַכט תּפֿילה שלאָפֿן גאָטס פֿויערים: דער ישיש יוּוועגלי, פֿעליפֿיקאַט, וואָס איז שטענדיק פֿאַרשמאָלצן, ווי אַלע וואָלטן זייערע הענט אָפּגעווישט אין אים; אַגאַפּיט, וואָס זיין גוט־פֿריינטשאַפֿט צו דער וועלט טוט קיינעם קיין שאָדן נישט און ברענגט קיינעם קיין נוצן ניט... די מאָנאַסטיריטשע זקנים קוועלן דאָ אָן פֿון שקיעהס, וואָס זיינען דאָ מאַיעסטעטיש פֿייערלעך ווי די אייביקייט".

ווען די געסט זיינען פֿאַרפֿאָרן אין מאָנאַסטיר האָבן זיי גלייך דערשפּירט אַז די נזירים ציטערן אימת מוות פֿאַר דער אידייע, וואָס „דראָט זייער עובר־בטלשער וועלט". זיי האָבן שטאַרק מורא פֿאַר דער „ווילדער מאַשין, וואָס וועט אין גיכן קומען צופֿליען און אויפֿפֿרעסן די ירושה פֿון די זיידעס אײַנאיינעם מיט דער שטילקייט". אויף צענדליקער זייטן מאָלט דער שרייבער דעם גערענגל פֿון אַלטן מיטן נייעם, ווי דאָ, אין „שטיינערנעם זאַל שפּינען די נזירים זייערע טרוימען צו דערשטיקן דאָס נייע ראָזעווע לעבן".

דער אַזוי־גערופֿענער נעגאַטיווער העלד, אין קעגנזאַץ צום פּאָזיטיוון, איז דער הויפּט פֿון מאָנאַסטיר וויסאַריאָן. ער איז „אַ מענטש מיט אַ נשמה־קעלערל, וואָס האָט געטרייסלט מיטן ריזיקן קאָפּ און דערמיט נאָכגעקרימט דעם ווילד־צאָרנדיקן אַוואַקום, וועלכן ער האָט ווי אַ שטעמפּל אָוועקגעלייגט ביי זיך אין האַרצן. אָט־דער וויסאָריאָן, אַ געוועזענער וויס־גוואַרדייאַישער אָפֿיציר, איז דער אידעאָלאָגישער פֿירער פֿון סאַבאָטאַזש אויף אַוואַדייעווס פֿאַרמעסט. ער איז אַ מין שיגאַליאָוו פֿון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן „שדים" און איז אַ ביטערער שונא ניט נאָר פֿון סאָציאַליזם נאָר פֿון ציוויליזאַציע, בכלל פֿון פּראָגרעס. ער גלויבט אַז ראַציע, מעכאַניזאַציע צעשטערן די נשמה פֿון דער וועלט. פֿון דער ערשטער רגע אָן, וואָס אַוואַדייעוו איז אַרויפֿגעטראָטן אויפֿן סאָטער ברעג, האָט זיך אָנגעהויבן זיין גערענגל מיטן אוראַלטן שטייגער און מיט דעם הויפּט־טרעגער פֿון דעם שטייגער — וויסאָריאָן.

ניט אַזוי גרינג איז אַוואַדייעוון, דעם „שטייפֿן רויקן מענטשן, דעם לאַסט־פֿערד פֿון דער רעוואָלוציע, אָנגעקומען צו פּטור ווערן פֿון דער אוראַלטער פֿינצטערניש". דער מענטש פֿון „נשמה־קעלער" האָט זיך לפֿנים „געשמדט" אויף אַ פּויער, וואָס האָט מכלומרשט געהאָלפֿן צעאַקערן דעם באָדן פֿאַרן פֿאַרזיי פֿון דער סאָטער פּאַפּיר־אינדוסטריע, אָבער אין דער שטיל האָט ער געחלומט און געפּלאַנט צו טאַנצן אויף די חורבות פֿון סאָטבוי, און האָט טאַקע פֿאַרזייט קערנדלעך פֿון סאַבאָטאַזש, פֿון שעדיקעריי.

די כעמיסטקע סוזאַנע, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דעם ציל־באַוואוסטן אַרבעטס־מענטש, וועלכער הייבט ערשט אָן פאַנאַנדערשפּרייטן זיין מאַכט איבער דער נאַטור. — דעם דאָזיקן נייעם מענטשן גיט דער שרייבער איבער די שליחות אַראָפּצורייסן די „הייליקע" מאַסקע פון דעם פאַרשטעלטן ווייס־גוואַרדייער, דעם נעוראַסטעניש אינטעליגענט וויסאַריאָן און דאָס באַווייזט לעגאַנאָוו אין אַ פּרעכטיקער סצענע אין אַ בין־השמשותדיקן שקיעה־פלאַם אין מאַקאַריכער וועלדל. אויף דער פאָן פון „פאַרגליווערטע הימל־פלאַמען, וואָס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שמעלצן איבער מיט ווייטיק דעם פלאַנעט" — דאָ, איז פאָרגעקומען אַן אידייאישער ווערטער־געראַנגל צווישן סוזאַנען און דעם היפּאָקריטישן שעדיקער.

דער געמעל פון צווישן טאָג־און־נאַכט איז האַרמאָניש מיטן גרונטיקן מאָטיוו איבעם וויכוח צווישן די צוויי. וואָס איז גינגאָלד פון שקיעה אויב ניט דער ערשטער שטראַל פון אויפגאַנג? און וואָס איז אַזוינס האַרבסט פון וועלקן, אויב ניט האַרבסטיקע רייפקייט? בין השמשות מיינט ניט קיין ציען זיך אין זעלביקן קרייז, עס מיינט אַווירקלעכקייט צווישן צוויי זונען. איינע פאַרגייט אויף אייביק און די אַנדערע, אַ פרישערע, אַ נייע — גייט אויף.

אין דעם וועלקנדיקן צווייג בליט נאָך דער שטאָלץ פון אַלטן שטאַם־בוים און אין קעלערדיקן מענטשן ברענט נאָך דער פלאַם פון אָפּגאַנג און פוילעניש. וויסאַריאָנס פילאָסאָפיע:

„די וועלט האַלט ביי אַן אומגעהייערער שקיעה. דער יסוד פון דער וועלט איז איצט שנאה און נקמה. אירע געזעצן זיינען געשאַפן פאַר די נידערטרעכטיקע, איר טעכניק איז פאַר די שוואַכע, איר קונסט פאַר די דולע, ציוויליזאַציע איז אַ וועג פאַר דעגענעראַציע. דער מענטש, דער געלויף זיינער איז שרעקלעך ווייל ער האָט מורא אָפּצושטיין פון זיין אייגענעם שאָטן... ס'וועט קומען נאָך איין פרייד און ס'וועט ניט בלייבן קיין גלויבן, ס'וועט זיך אָפּטאָן די ריינקייט, די פריינטשאַפט. אַלע וועלן אויפהערן לאַכן ווייל מען וועט זיך אָפּגעוואוינען פון וויינען. די לעבעדיקע אייניקייט איז אינגאַנצן אַוועק... דער מויערער וואָס האָקט דעם שטיין, שטעקט זיך אָן מיט דער האַרטקייט פונעם שטיין. ניט אומזיסט שפּאַנען אין סאַמע פראָנט פון דער רעוואָלוציע די מעטאַליסטן, דער מענטש האָט זיך אָנגעשטעקט מיטן מכה־אייטער פון וויסן... די נשמה ווערט געטריבן פון דער וועלט. די באַשעפעניש וואָס האָט געבוירן די ביבל, דעם קאָראַן, די איליאַדע, איז געוואָרן אַ קליאַטשע..."

סוזאַנע האָט צענויפגענומען אַלע כחות כדי אַ שמייכל טאָן:

— „רעדט, רעדט! אין אייער לאַגע דאַרף מען אַ סך רעדן. איר זאָגט, דאַכט זיך, ווגען אַ סינטעז, אָבער, דרך־אגב, היפּערט איר איבער דעם געביט פון סאָציאַלע באַציאונגען. איר פאַרגעסט,אַז די מענטשהייט איז איצט צעהאַקט אויף מלוכהעס, אויף קלאַסן און גרופּעס... די כעמיע גיסט זיך שוין איצט צונויף מיט דער פיזיק. מיר שטייען אויף דער שוועל פון איינהייטלעכן דערקאַנען די וועלט אין איר גאַנצן פליסיקן וועזן... דער קאָמוניזם וועט פאַראייניקן די צעטיילטע חלקים. . — —"

דער אַלטער האָט ניט נאָכגעגעבן: „ס'איז די היץ־רייד פון יענעם גריך, וועלכן מען האָט גערופן 'דער פינצטערער' — העראַקליט... — —

„הייסט עס אַז דער אַלטער גריך איז טאַקע באַענט געווען צום אמת" — האָט סוזאַנאַ געטראַכט, און באַלד געזאָגט: — „אָבער וואָס קערן זיך אַן דערמיט אייערע אַנטי־סאָוועטישע אַגיטאַציע־רייד?"

דער וויכוח איז פאַרגעזעצט געוואָרן אויף אַ נייעם הינטערגרונט פון אַ פּייזאַזש: „ציי‌טנווייז האָט זיך צעפראַלט אַ טיר אין די וואָלקנס און אַן אומבאַשטימטער אויפפלאַם פון שקיעה־בליצל האָט באַלויכטן דעם אַרום, דער פלאַם האָט געדונען און אַלץ האָט גערונען אונטער אים". אַ צענויפ־געקאַרטשעטער האָט וויסאַריאָן געהערט סוזאַנעס רייד:

„דאָס אַלטע וועט זיך אומקערן נאָר מיר וועלן זיך ניט אומקערן צו איר. ערשט אין סאָציאַליזם וועט אַנטוויקלט ווערן די אינדיווידואַליטעט. ווען עס וועלן ניט זיין קיין קלאַסן, וועלן זיך די לעבענס־פּראָצעסן צו־נויפגיסן אין איין פּראָצעס. ס'וועט אויפקומען אַ נייע פריינטשאַפט, אַ פריינטשאַפט פון גלייכהייט, ניט פון אונטערטעניקייט. ס'וועט ווערן איין קאָלעקטיווע נשמה"

— „אויב ס'וועלן פאַרשווינדן די ווידערשפּרוכן וועט פאַרשטאָפּט ווערן דער קוואַל פון אַנטוויקלונג. די פּאָטענצן וועלן פאַרטיליקט ווערן און וועלן זיך אַליין אויסלעשן. איר ווילט אַ שלום־ושלווהדיקן, אַ גלייכ־וויכטיקן קרישטאַל... דאָס איז ניט דער וועג — —"

— „סוועט קומען אַ פּאַנאַדערבלי פון דער גייסטיקער און פיזישער קראַפט. זאָל זיך צעפראַלן דאָס קערנדל, וואָס איז אַמאָל פאַרזייט געוואָרן. איר וועט זען" — זי האָט זיך פּלוצים פאַרריכט: — „ניין, א י ר וועט שוין ניט דערזען!"

— „מען דאַרף אָפּטרעטן צוריק ביז צו דער עפּאָכע פון פאַסטוכערײַ — און אַ סוף, צוריק צו דער סטאַדע!"

— „אָבער סטאַדע איז דאָך שוין אינטעלעקט, דאָס איז דאָך אַן אָרגאַניזאַציע" — האָט סוזאַנע אויסגערופן.

„ניין, ס'איז אינסטינקט... בלויז אין די געזאַנגען ביי די ריזיקע סטעפּ־שייטערס וועט צוריק דערוואַכן די נשמה. דער ווייזער פון זייגער, דאָס וואָס איר רופט פּראָגרעס, דאַרף אַוועקרינען אויף צוריק און דעמאָלט וועלן קומען פינצטערע טעג — —"

„סוזאַנע האָט אומגעדולדיק געריבן אַ צווייגל, וואָס זי האָט אָפּגעריסן פון אַ סאָסנע. אונטער דעם ציטער פון דער שקיעה האָט דאָס ביימל געררוישט".

— „און די סאָוועטישע זאַוואָדן דאַרף מען אויפרייסן? ענטפערט, יאָ, אָדער ניין?" — „איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען. — —" —האָט ער ווידער געוואָלט אָנהויבן רעדן. „דאָס וואַלקנדל האָט צוגעדעקט דעם לעצטן שקיעה־גלאַנץ. אין וואַלד איז צוגעפאַלן נאַכט.ביידע זיינען אַוועק אויף פאַרשיידענע וועגן".

דער שעדיקער איז אומגעקומען און מיט זיין אָפּגיין איז אַוועק דער ריח פון אוראַלטער פוילעניש פון דער סאָט־געגנט. דער מאַנאַסטיר איז אויפגעריסן געוואָרן. דאָס גאַנצע דאָרף איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט. מען האָט אויפגעבויט אַ נייע שולע, אַ שפּיטאָל, עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט די מוחות ביי אַ סך אומוויסנדיקע פויערים. סאָטבוי האָט זיך צעבליט און איינאיינעם מיט דער פּאַפּיר־פאַבריק איז געשטיגן דאָס ליכט אין דער גאַנצער געגנט. די טויזנט־יאָריקע וועלדער האָבן דערוואַכט פון זייער שלאָף.

„וואָס קאַלירנדיקער עס האָט זיך צעלאָזט דער פרילינג אַלץ געדיכטער איז געוואָרן די פינצטערניש איבערן סקיט. פאַר וואָרעמעס פלעגן זיך די זקנים צונויפקומען אויף יענער באַנק פון וועלכער אַוואַדייעוו האָט ערשט ניט לאַנג געצייכנט די מאַפּע פון די צוקונפטיקע שלאַכטן. זיי האָבן שטומשווייגנדיק באַוואונדערט דאָס געשטאַלט, וואָס עס האָט באַקומען אויפן סאָט די אונטערגעטריבענע געשיכטע. אין די אַלטע ספרים וואָס זענען פאַרשלאָסן אין פייערלעכע לעדערנע ארונות איז געשטאַנען איין וואָרט: אַנטי־קריסט! צוויי טויזנט גרונטלייגער פון נייעם טעסטאַמענט אויף דער ערד האָבן זיך געפּאַרעט הינטער מאַקאַריכע".

אין אָט־די ווערטער ווערט אויפגעריסן די דורותדיקע סקיפּישע קולטור.

אוואַדייעוו, דער „מענטש, וואָס האָט זיך קיינעם ניט אונטערגעגעבן און אויס־געפירט די פונקציעס פון אַ מאַשין״, האָט זיך איצט דערמאָנט אין זיין קינד, וואָס איז אומגעקומען אין די הונגער יאָרן פון בירגער־קריג. ער האָט זיך געטרייסט מיט דער וויזיע פון דער צוקונפט. ער האָט געזען ווי „אין שטעט שפילט זיך אַ קוויטן־ווינט מיט די לאָקנדלעך פון אַ מיידעלע, וואָס איר פּנים זעט אים אויס באַקאַנט. מעגלעך אַז אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געטאָן האָט זיך אים פאַרגעשטעלט בלויז ווי אַ נאַאיוו געמעלעכל פון קאָטיעס אַלף־בית־ביכל, דעם אלף־בית וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זיין אוואַדייעווס פּאַפּיר פאַבריק אין הונדערט יאָר אַרום״.

אין זיין לעצט ווערק „רוסישע וועלדער״ (1955) האָט לעאָנאָוו זיך, אַזוי צו זאָגן, אַריינגעשריבן אויף צוריקוועגס. ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער פּראַכט פון זיין וואַלדיקער וועלט. די גרונט־אידייע פון דעם בוך איז: דער נייער סאָוועטישער מענטש שפּרינגט ניט אַרויס פון דער העלער הויט פונעם אַלטן. ער איז באַלאָדן מיט ירושה־זינד פון אַמאָל, אָבער ער איז אויך דאָך בכח פאַרברענען די אַלטע ירושה אין הייצקעסל פונעם נייעם בוי און איבערבוי (ברענען הייסט לעבן), כדי די אַלטע עלעמענטן זאָלן שפּעטער אַריינוואַקסן אין אַ פּריניציפּיעל־נייער קוואַליטעט.

אויך אין דער נייער וועלט פאַרשווינדן ניט מיטאַמאָל, פון זיך אַליין, די ווידערשפּרוכן. „אַנטאַגאָניזם איז ניט דאָס זעלביקע וואָס ווידערשפּרוך. דאָס ערשטע וועט פאַרשווינדן, דאָס צווייטע וועט פאַרבלייבן אויך ביים סאָציאַליזם״ (וו. לענין). דאָס אַלטע אין דער נייער וועלט איז ביוראָקראַטיע, פּאַראַט, רייך־פּערזענלעכע עגאָאיסטישע צילן, איינגעוויקלט אין שלייערן פון הויכע אידעאַלן. אין קורצן: די טונקלקייטן פון דער מענטשלעכער נשמה.

אין בוך טראַכט די יונגע סטודענטקע פּאַליאַ וויכראַוואַ, אַז ס׳איז „די מיסיע פון דער נייער אָרדנונג אָפּצווישן פּיין, רשעות, ליגן, אַלץ וואָס איז מיאוס, פאַרמלאָז און רוי״. נאָר גלייך ביי איר אָנקומען קיין מאָסקווע טרעט זי אַריין אין אַ מין דאָסטאָיעווסקישן פּלאָנטער. זי האָט זיך אָנגעלייענט מיט באַשולדיקונגען אויף איר פאָטער, וואָס איז שוין לאַנג צעשיידט מיט איר מוטער. און זי גלויבט יאָ און ניט אין די באַשולדיקונגען.

דער פאָטער איוואַן וויכראַוו איז געוואָרן דער הויפּט פון אינסטיטוט פאַר רוסישער וואַלד־אַנטוויקלונג. זיינען אַ „פריינט״ איינער גראַטסיאַנסקי האָט אים אָפּן באַשולדיקט אין שעדיקעריי. וויכראַוו, וואָס איז דערצויגן

געוואָרן אין רוסישן וואַלד און איז פון זיין יוגנט אָן פול מיט ליבע צום וואַלד, האָט אויסגעאַרבעט אַ וויסנשאַפטלעכן פּלאַן ווי אַזוי צו פּרעזערווירן די וועלדער וועלכע זיינען פאַר אים די פאַרקערפּערונג פון פאָלקס־גייסט און אין וועלכע ער זעט די צוקונפטיקע גלאָריע פון גאַנצן לאַנד.

זיין קאָלעגע, דער פּראָפעסאָר אין זעלבן אינסטיטוט, באַשולדיקט אים אין געהיימען סאַבאָטאַזש. לויט גראַטסיאַנסקין איז בעסער מען זאָל די וועלדער אויסהאַקן און זיך אָפּגעבן מיט אינדוסטריעלן בוי. אין דעם גרויסן ראָמאַן, וואָס איז פול מיט אינטריגע און חשד, מיט שילדערונגען פון ליבע און קנאה־סצענעס, ווערן די סיטואַציעס אַלץ מער און מער פאַרוויקלטער. עס גייען אַוועק וואָכן און חדשים ביז דער גרויסער פּלאַנטער ווערט אויפגעוויקלט. דער סוף, ווייזט זיך אַרויס, אַז גראַטסיאַנסקי איז גאָר דער „שונא פון פאָלק" וואָס האָט אויסגעטראַכט בלבולים אויף וויכראָוון כדי צו פאַרדעקן זיין אייגענע טונקעלע פאַרגאַנגענהייט און זיינע איצטיקע פינצטערע מעשים.

גראַטסיאַנסקי איז אַן אמתער דאָסטאָיעווסקי־טיפּ. איינער פון די לעאָנאָווישע העלדן פון זיינע פריערדיקע ווערק, וואָס זאָגט: „די ערשטע חיה איז די נשמה, און די נשמה וועט אייביק בלייבן די זעלבע, ווי זי איז געווען, ווען די וועלט איז נאַרוואָס באַשאַפן געוואָרן". דער רכילותניק און שעדיקער באַגייט זעלבסטמאָרד ווען זיינע מעשים ווערן אויפגעדעקט און איינע פון די וואָס העלפן פאַרזיגלען זיין סוף איז טאָקע די טאָכטער פון דעם פּאַטריאָט פון לאַנד און וואַלד־ליבהאָבער וויכראָוו. מער פון אַלץ איז אין ראָמאַן דער הויפּט־העלד דער וואַלד. די וועלדער זיינען פאַרן שרייבער די סימבאָלן פון פאָלקס־נשמה און פון נאַציאָנאַלער גלאָריע (אין די רוסישע וועלדער זיינען דאָך די נאַציס פאַרטיליקט געוואָרן). דער וואַלד איז אויך המשך, ס'איז די פאַרגאַנגענהייט, וואָס פליסט צו דער צוקונפט.

„דאָס גייסטיקע לעבן איז ניט קיין שטיין און פעלז. די מענטשלעכע נשמה איז פליסיק. זי געפינט זיך אין טויזנטער סיטואַציעס. דער שרייבער מעג זי באַווייזן אין איר סטאַבילן צושטאַנד, אָבער ער קען ניט און טאָר ניט איגנאָרירן אַנדערע צושטאַנדן... אַ נשמה צאַפּלט זיך תמיד, זי וויינט און זי לאַכט." (סטעפאַן צווייג, „עראַזמוס").

לעאָנאָוו איז ניט קיין קאָנפאָרמיסטישער קינסטלער. ער זעט דעם מענטשן סיי אין זיין אכזריות און סיי אין זיין רחמנות. ער זעט אויך די רשעות, וואָס מען באַגייט אָפט אין נאָמען פון דערלייזונג. קאָן דער „פאַר־

וויסטער זיין אַ דערלייזער?" מיט זיין דיאַלעקטיק פון מחשבה און געפיל, דערגרייכט דער קינסטלער צו ענטפערן אויף דער פראַגע פּאָזיטיוו: „דער וועג פון מענטלעכן מין גייט דורך אַנצאָליקע אינדיווידועלע טראַגעדיעס, אָבער דער מענטשלעכער מין אליין איז נישט האָפנונגסלאָז" (געאָרג לוקאַטש, גוטע און זיין צייט"). דער מענטש איז אין דעם זין ווי דער בוים, ווי דער וואַלד. „יעדער שטורעם גייט אַריבער — אין די וועלדער בלייבן איבער".

דער האַמלעט פון דאָן־קערנער און זאַנגען

מ. שאלאכאווס „שטילער דאָן" און „צעאַקערטע רוי ערד"

בעלאַו! — צו אונזערע פינף און צוואַנציק יאָר צוזאַמען!

„שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבשאַפט, האַרט ווי דער קבר די קנאה; אירע פלאַמען זייַנען פייער... גרויסע וואַסערן קענען ניט פאַרלעשן די ליבשאַפט און טייכן וועלן זי ניט פאַרפליצן. אַז אַ מענטש זאָל געבן פאַר ליבשאַפט דעם גאַנצן פאַרמעג פון זיין הויז, פאַראַכטן וואָלט מען אים פאַראַכט" (שיר השירים)

„און ער וועט זאָגן: ניט קיין נביא בין איך, אַ מאַן אַן ערדאַרבעטער בין איך, וואָרים פאַר אַן ערד־מענטשן האָט מען מיך געמאַכט פון מיין יוגנט אָן. און אַז מען וועט זאָגן צו אים: וואָס זיינען די דאָזיקע וואונדן צווישן דיינע הענט? וועט ער זאָגן: דאָס האָב איך געקריגן געשלאָגן אין הויז פון מיינע גוטע פריינט" (זכריה יג)

„דער העלד פון מיין דערציילונג, וואָס איך האָב אים ליב מיט לייב און לעבן, וועלכן איך האָב מיך באַמיט אַרויסצוברענגען אין זיין גאַנצער פראַכט, און וואָס איז אַלעמאָל געוועזן און איז פרעכטיק, איז — דער אמת. אָט־די ווערטער פון טאָלסטאָי וואָלט שאָלאָכאָוו געקענט שטעלן ווי אַ מאָטאָ צו זיינע ווערק".

מיט די ווערטער האָט אַ סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיקער פאַרענדיקט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מ. שאָלאָכאָווס שוין קלאַסיש געוואָרענער עפּאָפּיי „דער שטילער דאָן", וואו ער האָט גערעדט וועגן גרויסן איינפלוס פון טאָלסטאָיען, אויף דעם שרייבער פון דאָן. יעדער לייענער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער ריזיקער עפּישקייט פון רוסישן גיגאַנט, וועט גלייך באַמערקן די טאָלסטאָאישע ברייט־אָטעמדיקייט אין שאָלאָכאָווס פּרעכטיק ווערק, וואָס האָט אים געמאַכט מאָנומענטאַל און אייביק.

די עפּישע מאָלעריי ביי דעם רוסישן און ביי דעם דאָניש־קאָזאַקישן שילדערער פון מענטש און נאַטור האָטביידן געפירט צו דעם, זיי זאָלן קענען איבערגעבן נשמה פון סטעפּ און טייך, פון זאַנג און קאַרשנבוים, פון פייכטן האַרבסט־ווינט, פון די שניי־באַזילבערטע טאָפּאָלן און דעם ביינאַכטיקן צעשטערנטן הימל.

נאַטור און ליבע צו איר איז ביי טאָלסטאָיען ניט סתם קיין קינסטלעריש־פילאָסאָפישע אידייע, דאָס איז זיין עלעמענט, זיין סטיכייע. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם איז אויך זיין עטישער אימפּעראַטיוו באַזירט אויף דעם אמת פון דער ערד, די מאַמע־ערד, וואָס איז דער צענטער פון זייער קינסטלערישן שאַפן.

דער פּעטער יעראָשקאָ אין די „קאָזאַקן" זאָגט: „אַלץ האָט גאָט געשאַפן פאַר דעם מענטשנס וועגן. נישטאָ קיין זינד אין קיין שום זאַך". דאָס איז געוואָרן טאָלסטאָיס קרעדאָ, באַזונדערס אין זיין ערשטן קינסטלערישן שאַפונגס פּעריאָד. די הויפּט־העלדן פון טאָלסטאָיס מערסטע שאַפונגען ווערן געטריבן צו זייערע מעשים דורך אינערלעכע נאַטור־געבאָטן. דער גאַנצער ראָמאַנטישער פּוץ מיט וועלכן פּאָעטן און פּראָזאַיקער האָבן דורות לאַנג באַצירט די ליבע, איז ביי טאָלסטאָיען אַראָפּגענומען געוואָרן און איז פאַרבליבן אין ערדישן געשטאַלט. ער איז צום אַלעם ערשטן דער פּלאַסטיקער־מאָלער און די פּסיכאָלאָגיע וואַקסט ממילא אַרויס פון דער עצם מאָלערישקייט.

ווען מען לייענט טאָלסטאָיס ווערק זעט מען גאָרניט פאַר זיך דעם גרויסן נביא און מאָראַלישן אידייען־זוכער מיט דעם פּאַטריאַרכאַלן הדרת־פּנים פון אַן אַפּאָסטאָל, נאָר דעם ליכטיקן מאָלער, ווי ער האָט זיך איינגעקריצט אין די מוחות פון זיינע מיליאָנען לייענער. מען זעט דעם קינסטלער, וואָס ברענגט אַרויס ביים שיין פון טאָג־ליכט די נאַטור און די נאַטירלעכקייט. בשעת ביי גאָגאָלן דאַרף מען זיך מטריח זיין צו זוכן דעם העלד אין פאַרוואָרפענע ווינקעלעך כדי זיך באַקאָנען מיט די „טויטע נפשות", דערקענט מען זיי ביי טאָלסטאָיען אויפן ברייטן שליאַך. בעת ביי דאָסטאָיעווסקין מוז דער לייענער

מיטמאַכן מיטן שרייבער אַ גייסטיקע עקסקורסיע אין די לאַבירינטישע נשמה־טיפענישן פון זיינע העלדן; זי שלעפּן דורך געדרייטע און אומגעדרייטע וועגן און זוכן מיט אַ לאַמטערן אין דער אינערלעכער פינצטערניש — באַגעגענט מען די נאַטור און די נאַטירלעכקייט פון טאָלסטאָיס טיפּ אויף די ערשטע בלעטער פון זיין ראָמאַן און דערציילונג. מיט ריין אויסערלעכע מאַלערישע מיטלען געלינגט אים אויסצודריקן די פּסיכישע צושטאַנדן.

דער שטומער בליק פון אַנאַ קאַרענינאַ אויף וראָנסקין נאָך זיין ליבע־דערקלערונג, דערציילט וועגן איר באַגער, וואָס איז געווען דערשטיקט ביים טרוקענעם ביוראָקראַט קאַרענינען. „בישטאַ קיין זינד אין קיין שום זאַך". אַלץ וואָס איז נאַטירלעך, געטריי דער נאַטור, איז ניט זינדיק. אַנאַ קאַרענינאַ איז ניט שולדיק אין איר פאַרראַט. ס'איז גאָר קיין פאַרראַט נישט געווען. דער גורל האָט פאַרריכט דעם פעלער פון דעם ניט ריכטיקן אומנאַטירלעכן צונויפפאָרן די שיינע אַנאַ מיט דעם סאָלידן ביוראָקראַט קאַרענין.

אויך „מלחמה און שלום" — די עפּאָפּייע פון אַן עפּאָכע — איז קודם־כל און דער עיקר אַ געניאַל מאַלעריש ווערק. זיין ליבע שענקט דער קינסטלער אַוועק קוטוזאָוון און נישט נאַפּאָלעאָנען, העלדישקייט דאַרף וואַקסן פון נאַטור און אַרויסשפּראָצן דורך קליינע מעשים, ווי די ערדישע קרעפטן וואַקסן אַן פון איינצלנע זאַנגען און קערנדלעך. נאַפּאָלעאָן בלייבט דער קליינער מענטשל ווייל ער איז געשטיגן אויפן לייטער, ער איז אַרויפגעקראָכן און איז נישט אַרויסגעוואַקסן ווי אַ שפּראָץ פון דער ערד, געכאָוועט פון זון און זאַפט, גע־וואַקסן פּאַמעלעך פון דער טיף. טאָלסטאָי, באַזונדערס אין זיין ערשטער תקופה איז דער עיקר דער עפּיקער פון ערד און נאַטור.

אָט־די אייגנאַרטיקייט פון רואיקן מאָלן איז איבערגעגאַנגען צום וואָרט־קינסטלער מיכאַאיל שאָלאָכאָוו, ווי דער דער רוסישן גאון פאַרמאָגט ער די זעלטענע פעאיקייט אַרויסצוברענגען דאָס כאַראַקטעריסטישע און פּסיכאָ־לאָגישע פונעם העלד דורך דער ערדישער נאַטירלעכקייט.

לויט זיין דיספּאָזיציע צעפאַלט זיך דער „שטילער דאָן" אין פיר טיילן, אין איינקלאַנג מיט די פיר צייט־סעזאָנען.דער שטח אויף וועלכן די פאַרביקע אַקציע וויקלט זיך איז דער דאָנער סטעפּ מיט זיין כשוף־לאַנדשאַפט. דאָס קאָזאַקנטום, וואָס באַוואוינט די געגנט, איז אַ נאַציאָנאַלער אייגנאַרט פאַר זיך און איז דורותדיק פאַרוואָרצלט אויף דער ערד אין אָט־דער סביבה פון שיינעם טייך, אַרומגערינגלט מיט הויכע טאָפּאָל־ביימער, אונטערן געזאַנג־

באַגלייט פון צווישטשערנדיקע פייגל, לעבט אַ מחנה מיט אייגענע פאַרלאַנגען און נייגונגען, פריידן און ליידן, מיט אייגענע באַגריפן פון וועלט און מענטש. איבער אַלץ הערשט דאָ דער קאַמף פאַרן דאַ־זיין, וואָס איז אָפט פרימיטיוו און ווילד. דאָ דעצידירט אויך דער עראַטישער מאָמענט. עס ציען זיך אַ ריי אומבאַשרייבלעכע בילדער פון ליבע און קנאה, פון גיריקייט און לוסט און ריזיקער גבורה.

דער אַלטער קאָזאַק פאַנטעליי מעלאַכאָוו איז אַ מענטש מיטן אַן אייגענעם האַרבן כאַראַקטער און אַזוי אויך זיין זון גרעגאָר, וואָס איז דער הויפט־העלד פון ראָמאַן. גרעגאָר מעלאַכאָוו איז אַ העראָי אַן איבערטריבענער העראָיק, אַ העלד אַן אַ קרוין אויפן קאָפּ און אויך אַן באַזונדערע נשמה־קאָנפליקטן. ער איז אַ קינד פון דאָן און אָטעמט מיט דעם טייך און די אַרומיקע סטעפּעס. פשוט, ווי דער פלוס פון שטילן טייך אין אַ פרילינג־טאָג, הייבט זיך אָן די באַשרייבונג פון מעלאַכאָוון, וואָס וועט שפּעטער אַ סך דורכ־ליידן און דורכלעבן. — גרעגאָר גייט כאַפּן פיש:

„ער האָט ניט געראָדעוועט נאָר געקערעוועט”... — „וואָלסט אפשר אַ פּרואוו געטאָן רודערן” — זאָגט מען אים — „לאָמיר נאָר אַריינקומען אין מיטן שטראָם” — ענטפערט גרעגאָר.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער שטראָם פון פּערזענלעכע און סאָציאַלע געשעענישן האָט דעם דאָזיקן ענערגישן יונג אַריינגעכאַפּט און אים געשליידערט פון איין כוואַליע צו דער צווייטער, פון איין טראַגעדיע — צו דער אַנדערער. דער שטח פון דער אַקציע כאַפּט אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון יאָר צענדליק.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה הייבט זיך אָן די דראַמע פון גרעגאָרס ליבע צו דער געזונטער פויערטע אַקסיניאַ. עס ווערט געשלידערט זיין חתונה מיט נאַטאַליען, וועמען ער האָט ניט ליב געהאַט; זיין אַוועקגיין אַרבעטן ביי אַ רייכן גוטבזיצער און זיין שפּעטערדיקן אָנטייל אין אומזיניקן קריג, וואָס האָט אָפּגעריסן דעם מענטשן פון זיין ערד און צעקליאַטשעט זיין נשמה. און עס קומען אָן די יאָרן פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג. גרעגאָר פאַלט אַרונטער אונטערן איינפלוס פון קאָזאַקישן „נאַציאָנאַליזם”, טרעט אַריין אין דער רויטער אַרמיי, ווערט ווידער אַריינגעצויגן אין אַ ווייס־גוואַרדייאישן אויפ־שטאַנד. אָבער איבער אַלץ שוועבט דאָ פּראָסטע הערויק, אַ העלדישקייט, וואָס איז אפילו ניט אין דער טאַט גופא, נאָר אין דעם מוטיקער צוגרייטונג צו איר. מען האָט דאָ צו טאָן, ווי ביי טאָלסטאָיען, מיט אַ ברייט־פאַרמאָסטן

ביז די קלענסטע פּרטים טרייען בילד פון אַ לעבעדיקן מענטשן, מיט אַלע זיינע אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע שטריכן. ער איז אַ טייל פון דער היימישער דאָנער סטיכייע און אפילו אין זיינע וואַקלענישן, וואָס האָבן אים צעבראָכן און דערפירט צו טראַגישקייט, איז ער געבליבן דער מענטש וואָס קערעוועט אין די שטראָמיקע כוואַליעס. גרעגאָר ווייסט, אַז מער ווי דער ערד־ברעג איז ניטאָ, און אַז דער צייט־שטראָם, דער היסטאָרישער געוויטער, וועט ניט קאָנען אָפּווישן די זון אין הימל און ניט אָפּמעקן דעם קלאָפּטער ערד, וואָס געהערט דעם מענטשן. אַלץ וועט בלייבן ווי לאַנג די מאַמע־ערד וועט געבוירן און טייכן וועלן שטראָמען און מענטשן וועלן ווידער גע־בוירן ווערן, ווידער רייף ווערן, האַרעווען און שטאַרבן.

אין ראָמאַן קומען צום אויסדרוק גאַנצע שיכטן און קלאַסן. די אונטער־גייענדיקע ווי די אויפגייענדיקע. ער מאָלט זייער גרויסן קאַמף, אָבער די קינסטלערישע חוט־השדרה פון ווערק איז די שווידערלעכע פרייד פון שאַפן דורך צעשטערן און דורך בלוט. ס'איז דער טיפער שעפערישער טרויער פון מענטשן, וואָס דורך זיי פליסט דער אָרגאַנישער באַהעפט פון ברכה און קללה, פון געבורט־פרייד, וואָס איז פיינלעכער באַשאַף.

„אַלץ האָט גאָט געמאַכט פאַרן מענטשנס וועגן. ניטאָ קיין זינד אין קיין שום זאַך". — צווישן גרעגאָרן און אַקסיניאַן צעפלאַקערט זיך אַ ליבע, „וואָס איז שטאַרקער פונעם טויט" און זי האָלט שוין אָן ביזן סוף פון ווערק. די דאָזיקע ליבע איז אַ ביאָ־פּסיכישע. געגעני ווי אַנאַ קאַרעונינאַ קאָן אַקסיניאַ „נישט נישט ליבן". זי ווערט געטריבן צו דער ליבע פון אַן אינערלעכן נאַטור־געבאָט, פון איר עלעמענט.

„זי איז געזעסן פאַרהילט דאָס גאַנצע פּנים אין אַ טיכל פאַר דער זון. דורכן שמאָלן שפּאַלט, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר די אויגן, האָט זי געקוקט אויף גרעגאָרן... די לאַנקע, וואָס איז שוין געווען אָפּגעשניטן לעבן די כוטאָר־שייערס, האָט געלויכטן מיט גרינע פלעקן; דאָרט וואו מען האָט דאָס גראָז נאָך נישט געהאַט אַראָפּגענומען האָט אַ ווינטל גע־שויבערט דאָס גרין־טונקל־גלאַנציקע זיידנס פון גראָז... זיי זיינען געזעסן אונטער דער נאַסער היי־קופּע... אין קריגל האָט געטשירקעט אַ גריל. די לבנה איבער דער לאַנקע און פון קוסטן און אין דער קאַלוזשע אַריין טריפן איינצלנע טראָפּנס".

דער פאָטער האָט מיט גוואַלד חתונה געמאַכט דעם יונגן קאָזאַק מיט

דער צאַרט־קאַלטעלעכער נאַטאַליע. די געזונטע פּויערן־טאָכטער אַקסיניאַ, וואָס איז פאַרמשפט געווען צו לעבן מיטן ווילדן אומגליקלעכן סטעפּאַן, האָט געברענט מיט קנאה צו דער געלאַסנער נאַטאַליע, וואָס האָט ביי איר אַוועק גענומען „איר" חתן, גרעגאָרן צו וועלכן זי האָט האָט געהאַט אַן אומבאַזיגבאַר געפיל פון רויער ליבע. אַקסיניאַן זיינען פרעמד ראָמאַנטישע און טראַגישע אויסדרוקן. אין דער צייט ווען דער גאַנצער דאָרף הוליעט אויף דער מעלאַכאָוו־חתונה שפּרייזט די בלענדיק־שיינע אַקסיניאַ אויף די פעלדער און אַלץ אין איר יאָמערט נאָכן קרעפטיקן און שיינעם גרעגאָרן. זי בייגט זיך, קאָרטשעט זיך און גיט זיך ניט אונטער דעם שיקזאַל.

„דער שאַרף־בלעטערדיקער גרינער ווייץ גייט אויף און וואַקסט; דער ווייץ זייגט די זאַפטן פון דער ערד, פאַרוויקלט זיך מיט זאַנגען און קוועלט אָן מיט זיסער שמעקנדיקער מילך אין די קערנער; דערנאָך הייבט ער אָן בליען און די זאַנגען באַדעקן זיך מיט אַ גאָלדיקן שטויב. פלוצלונג רייסט זיך פון ערגעץ אַריין אַ סטאַדע בהמות אין דער תבואה, צעטרעטן און דריקן אַריין די שווערע זאַנגען אין דער ערד, לאָזן איבער נאָך זיך שטיקער צעטרעטן פעלד. אַזוי איז אויך געשען מיט אַקסיניען. אויף איר געפיל, וואָס איז אין גאָלדיקער בליאונג צייטיק געוואָרן, האָט גרישקאַ אַרויפגעטראָטן... וויסט און פוסט, ווי אין אַ פאַרגעסענעם, מיט ווילדע גראָזן פאַרוואָקסענעם שייער איז איר געווען אויף דער נשמה.

„עס שטייט דאָך אויך אויף די תבואה, וואָס איז צעטראָטן געוואָרן. אונטער דער ווירקונג פון טוי, פון זון, שטייט אויף דאָס שטענגל, וואָס איז אַריינגעדריקט געוואָרן אין דער ערד; לכתחילה בייגט זיך עס, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך איבערגעריסן פון אַ שווערער משא, דערנאָך גלייכט זיך עס אויס, הייבט אויף דעם קאָפּ און ווידער לייכט דער טאָג און עס מורמלט דער ווינט".

אַקסיניאַס „משא פון ליבע", וואָס זי האָט געטראָגן אין משך פון טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן, איז געווען אומאויסלעשבאַר ווי די נאַטור־סעזאָנען און האָט דורכגעמאַכט די זעלבע נאַטור־סעזאָנען: בלי און רעגן, ווינט און שניי. ווי אַ געדולדיקע פּויערטע האָט זי געוואוסט בחוש, אַז וויבאַלד דער קערן איז פאַרזייט געוואָרן וועט שוין די זאַנג בדרך הטבע אַרויסוואַקסן פון דער ערד, הגם זי וועט אָפט צעטראָטן ווערן פון ווינט און שטורם.

ווען סטעפּאַן, אַקסיניאַס מאַן, דערוויסט זיך וועגן ווייבס פאַרראַט, ווערט ער געמאַלן ווי אַ ווילד־אכזריותדיקער, וואָס איז אפילו אומסימפּאַטיש אין

זיין ליידן, אָבער אין איר זעט דער שרייבער ניט קיין שום חטא. שאָלאָכאָוו האָט זיין קינסטלערישן געוויכט ארויפגעלייגט אויף דער וואָגשאָל אויף דער זייט פון שווערן, צו דער ערד־ציענדיקן גוף.

די צייט איז געגאַנגען. שטורמדיקע אויפטרייסלונגען קומען פאָר און אַ סך בלוט ווערט פאַרגאָסן. סצענעס וועגן די פראָנטן וואו גרעגאָר געפינט זיך; דער קאַמף פון די צוויי אַנטאַגאָניסטישע לאַגערן, דער נאַציאָנאַליסטיש־קאָזאַקישער און דער רוסיש־אוקראאיניש־באַפרייערישער. עס גייט אָן אַ ווידערשפּרעכנדיקער, פאַמעלעכער אָנוואוקס אין גרעגאָרס באַוואוסטזיין, אין זיינע איבערלעבונגען. פון אָנהויב דערפילט ער אומקלאָר דעם „גרויסן אמת" פון די באָלשעוויקעס און נאָכדעם איז ער ווידער פאַרביטערט, ווייל עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס פויערשע רוסלאַנד גייט אויפן דאָן. ער וויל באַשיצן זיין ערד און גייט אַוועק צו די שונאים פון דער נייער אָרדנונג, הגם ער ווייסט אַז ער און די ווייסגוואַרדייער זיינען ניט קיין פּאָר. ער קעמפט מיט די „ווייסע" אָבער ער בלייבט פּאָר די אַדלדיקע אָפיצירן דער „ביט־אָפּגעהובלעוועטער פויער, אַ פרעמדער פון קאָפּ ביז די פיס".

דער גורל וואַרפט גרעגאָרן ווי אַ שטורם־ווינט זאַנגען און פלאַנצן אין סטעפּ. ער ווערט געשליידערט צווישן די צוויי קלאַסן־כחות. ער באַגריסט צום ערשטן די נייע מאַכט, וואָס האָט אויפגעריסן דעם דורותדיקן גליווער אין דער פּאַטריאַרכאַלער סביבה „אַ מענטש בין איך געוואָרן אין די אויגן פון נייעם געגנטלעכן סאָוועט. דער קאָמיסאַר האָט מיר די האַנט געגעבן, ווי זיינס אַ גלייכן מיך געבעטן זיצן". עס נעמט אָבער ניט לאַנג און גרעגאָר טראַכט שוין, אַז די באָלשעוויקעס ווילן רויבן זיין ערד, די ערד, „וואָס אונזערע עלטערן האָבן זי מיט זייער בלוט באַגאָסן". ער טרעט אַריין אין דער ווייס־גוואַרדייאישער באַנדע, וואָס פירט אָן מיטן קאָזאַקן־אויפשטאַנד און ווידער אַנטפּלעקט ער זיך מיט זיינע וואַקלענישן און צווייפלענישן, וואָס מאַכן אים אַזוי טראַגיש.. עס איז אויך די טראַגיק פון זיין ערד.

„סטעפּ, דו היים מיינע! ביטערער ווינט, פאַרפלאָנטערט אין די גריוועס

פון די טאַבון פערד. היימישער סטעפּ אונטערן נידעריקן דאָנער הימל! אומענדלעכע שטחים פון פעדער־גראָז און בערגלעך אין קלוגן שטיל־שווייגן, וואָס היטן דעם באַגראָבענעם קאָזאַקישן רום... נידעריק בייג איך מיך און קוש, ווי אַ טרייער זון דיין ערד, דאָנער מיט בלוט באַגאָסענער סטעפּ!"

אין זיין עלנטן געראַנגל מיט זיך און מיט די סאָציאַלע פאַרהעלטעניסן,

אין דעם טראַגישן וואָקל, וואָס שאָלאָכאָוו באַדעקט מיט אַזויפיל זידיק בלוט און וואָס ער טובלט אין די קלימאַטישע אַטמאָספערעס און סצענעס פון רעגן, שניי און האָגל, ווינט און שטורעם, אין דעם ווערט די ערד די פּאַן, וואָס פאַרבינדט אים מיט אומצייליקע בלוט־פעדים. עס זעט אויס ווי דער שרייבער וואָלט דערפירט זיין העלד צו איין־איינציקן אמת, אַז די ערד האָט אין איר איינגעוויד סיי ברכה און סיי קללה, אַזוי ווי דער מענטש פאַרמאָגט אין זיין בלוט דעם גוטן און דעם שלעכטן ווילן. פייער און וואַסער — דאָס האַלט אויף די ערד. אין יעדער לעבעדיקער זאַך ריזלען די צוויי עלעמענטישע כחות. רייב צוויי פייכטע העלצער איינס אָן אַנדערן און עס פליען פונקען; לייג זיי אונטער אַ פרעס — און וואַסער קומט אַרויס.

יעדן געוויקס באַשיינקט די מאַמע־ערד מיט טעם און ריח, פאָרם און קאָליר. גרין איז אַ בלאַט; רויט, געל און פורפור — די בלום, און בינען מאַכן זיסן האָניק אפילו פון דער זאַפט, וואָס זיי ציען אַרויס פון פון עסיק־זויערן ציטרין. אויך דער מענטש, וואָס איז באַהאַפטן מיט ערד זעט ניט נאָר די שיינקייט פון אירע פאַרבן, נאָר ער זויגט אויך דאָס בייזע, ווי דאָס גוטע. ער נעמט אויף מיט סטאָאישער חכמה אַלץ וואָס די ערד גיט אים, אפילו קללות. ער שטייט אויך ניט אָפּ פון דער ערד אין די מידות פון געדולד און עקשנות און אויך אין האַס און נקמה.

אין זיין נאַטור־שילדערונג פירט שאָלאָכאָוו אַריין דעם לייענער אין אַ ים פון גראָז אוןביימער וואו עס שמעקט מיט גרינעם צווייג און אַלטער קאָרע, וואו ס׳טריפט פרישער זאַפט פון טוי און ס׳ריזלט שטורמיש בלוט. אַמאָל זיפצן די ווינטן און אַמאָל רעגענען די וואָלקנס מיט טרערן — אָבער לויטער און שיין איז דאָס פעלד אין באַגינען ווען די טייך־ברעגן זיינען פייכט פון ראָסע און אַקסיניאַ שפרייזט איבערן סטעפּ בשעת דער ווינט פאַרפלאָנטערט זיך אין איר פאַרביקער שאַל און פאַרוויט אירע טריט.

דורך צענדליקער ברייטע עפּישע געמעלן ווערן געגעבן די סצענעס פון אכזריות און פון רחמים, וואָס דערנעענטערן דעם „שטילן דאָן" צו די בלעטער פון חומש און דער איליאַדע. דויערנדיק איז אַקסיניאַס ליבע צו גרעגאָרן און דויערנדיק איז אויך דער אומגליק פון דער פאַרלאָזענער נאַטאַליע; רוי און האַרט זיינען די הערצער פון די קאָזאַקן, אָבער ס׳טרעפט אַז אין אַט־דער האַרטער טונקלקייט צינדט זיך אָן דער מענטשלעכער פונק פון רחמים און ברענט ווי אַ פייערל ביינאַכט אין סטעפּ.

שאָלאָכאָווס רייכער פערסאָנאַזש איז ווייט פון דעם גוט־באַקאַנטן סוב־

יעקטיוויזם פון מאָדערנעם ראָמאַן. ניטאָ דאָ דער פּראָווינציאַנישער שטראָם פון „הינטער־באַוואוסטזיין", ניט די נשמה־גריבלעניש פון דאָסטאָיעווסקין און אויך ניט דער פּסיכאָלאָגיזם פון דזשאָיס און וואַסערמאַן, אָבער סאָראַ דערשיטערנדיקער אמת עס גייט אויף אין זיין בילד.

דער פאָטער האָט זיך צעקריגט מיטן זון און אים אַרויסגעטריבן פון שטוב. גרעגאָר איז אַוועק מיט אַקסיניאַן צום גוטבאַזיצער. נאַטאַליע איז געבליבן אַליין. מייסטעריש שילדערט דער שרייבער דעם אויפרודער אין כוטאָר פון נאַטאַליעס פאָטער מיראָן גריגאָרעוויטש. ער גריבלט זיך ניט אין די נשמה־געפילן פון דער פרוי נאָר פאַרבינדט איר קומען צום פאָטער מיט אַ סצענע. אַ קו איז פאַרוואונדעט געוואָרן און האָט פאַרטויבט די לופט מיט איר „אַפּגעריסן אומאויפהערלעך רעווען". דער אַלטער האָט „מיט געפרוירענע פינגער איינגעפעדימט אַ גראָבע נאָדל אין לייַן־פאָדעם. אַ קינסטלערישע נאָט האָט זיך אויסגעלייגט איבער דער וואונד". דאָ באַווייזט זיך די נשמה־פאַרוואונדעטע טאָכטער מיט אָנגעקוואָלענע טרערן אין אירע אויגן און אַ „ציגלדיקער רויטקייט אויף אירע באַקן". — „וואָס ביסטו גע־קומען?" — איז דער אַלטער אָנגעפאַלן אויף דער טאָכטער — „דער מאַן האָט דיך צעהרגעט? — ער, גרישקאַ, איז אַוועק מיט אַקסיניאַן" — האָט זיך נאַטאַליע געוואָרפן אונטער דער ראָד, וואו די פאַרנייטע קו איז געלעגן, — „איינע אַליין בין איך געבליבן, טאַטינקע! איך בין ווי אַן איבערגע־פאַרענע!..." — האָט נאַטאַליע געשטאַמלט, אַרויפקוקנדיג מיט געבעט צו איר פאָטערס געל־ברוינלעכער באָרד... געוויין אין אַ שווערער מינוט איז דאָס זעלבע וואָס רעגן אין אַ מאַי־טריקעניש..."

עס וויברירט דאָ דאָס ווייטע ביבלישע בילד פון הגרן אין דער מדבר, וואָס בלאָנדזשעט מיטן לייַדיקן קרוג און דאָס בילד וועט דעם יידישן לייענער דערמאָנען אין דעם זאַלציקן צער פון דער אַלט־יידישער „גרושת הלב" (די גע׳גטע אין הארצן).

עס איז דער סוף פון גרעגאָרס וואַנדלונגען. ער רייסט איבער מיט די ווייסגוואַרדייאישע באַנדעס און טרעט אָפּ אינאיינעם מיט די „איינ־קלעך פון די צעשלאָגענע קאָזאַקן אין זייער ניט־ערלעכן קאַמף קעגן רוסישן פאָלק". אַן אַלט קאָזאַקיש ליד דערגייט צו גרעגאָרס אויערן: „דער זומער איז אַוועק, אַ קאַלטער ווינטער קומט. ברידער קאָזאַקן! ניטאָ וואו צו ווינטערן, ניטאָ וואוהין צו גיין". מיט טרערן אין די אויגן באַשליסט ער וואוהין צו גיין. ער פאַרלאָזט די צעשלאָגענע שטאָט נאָוואָראָסיסק, וואַרפט אַריין זיין ביקס

אין טייך און גיט אַהיים. דאָ דאַכט זיך, איז געענדיקט די געשיכטע, אָבער — ניין! די לייזונג פון אַ סאָציאַלער טראַגעדיע באַשטימט ניט אַלעמאָל דעם גורל פון העלד, גרעגאָרס וועג איז איינגעוויקלט אין טראַגעדיע. ער איז אַ מין האַמלעט פון דאַנער סטעפּ.

ווי שעקספּירס קלאַסישער האַמלעט דערגייט ער צו זיין אמת דורך די קלעפּ פון גורל. זיין פאָטער, נאַטאַליע זיינען געשטאָרבן, און ווען ער איז שוין גרייט אָנהויבן אַלץ אויפסניי מיט אַקסיניאַן, וואָס איז אים פאַרבליבן אין זיין גרויסן עלנט, איז געקומען דאָס ערגסטע. גרעגאָר אַנטלויפט מיט אַקסיניאַן ווען „זיין נשמה איז שוין קראַנק פון די איבערלעבונגען אין די לעצטע חדשים און זיינע הענט זוכן ווידער אָנרירן די ערד". דעמאָלט טרעפט אַ פאַרבלאָנדזשעטע קויל אַקסיניאַן און וואַרפט זי אַראָפּ פון לויפנדיקן פערד. זי שטאַרבט אין גרעגאָרס אָרעמס. פאַרטאָג, אין באַגינענדיקן ליכט גראָבט ער אַ קבר פאַר איר מיט זיין סאַבליע. „און ווען זי איז געלעגן אין גרוב האָט ער פאַרדעקט איר פנים מיט אַ טוך, אַז די ערד זאָל ניט פילן דעם גלאַנץ פון אירע האַלב־אָפענע אויגן, וואָס האָבן נאָך געקוקט אין הימל. נאָכדעם האָט ער זיך געזעגנט מיט איר מיט אַ גלויבן, אַז לאַנג וועלן זיי שוין ניט זיין צעשיידט. איצט האָט ער זיך שוין ניט געאיילט. אַלץ איז געענדיקט... ער איז אַריבער דעם טייך און איז געשטאַנען ביים טויער פון זיין היים און געהאַלטן דעם זון ביי דער האַנט. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס איז אים געבליבן, דאָס האָט אים אויף צוריקגעגעבן דעם געפיל פון קרובהשאַפט מיט דער ערד, מיט דער וועלט, וואָס איז באַלויכטן געוואָרן פון אַ קאַלטער זון".

„שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבשאַפט" — דערמיט וואָס מען דאַרף צום טויט אָנקומען פאַר אַ פאַרגלייך צו שטאַרקייט און אומפאַרמייד־לעכקייט פון ליבע ווערט די ליבע אַריבערגעטראָגן איבער די גרענעצן פון צייט און רוים וואָס „קיינע וואַסערן קאָנען ניט פאַרלעשן און פאַרפלייצן" איר מהות. זי ווערט אַריינגעזעצט אין אַן אייביקייט, וואָס איז ווי ערד און זון. דאָס איז די אויפלייזונג מיט דער אייביקער נאַטור. די וויטיקדיקסטע דער־פאַרונג ווערט געגעבן אין אַן האַרמאָנישער אויפלייזונג. ס'איז אַ מין פאַנ־טעאיסטיש געפיל, וואָס דערהאַלט דעם גאַנצן וויטיק און אויך די באַרואיקונג. איינהאַלטנדיק דעם וואָרצל פון פיין פלאַצט אַרויס די פרייד פון נייעם וואוקס. ס'איז די ערד, וואָס דערמאָנט דעם מענטשן אין פרייד דורך טרויער, אין לעבן דורך טויט. „ערד ביסטו און צו דער ערד וועסטו זיך אומקערן". ס'איז

די ערד וואָס דרייט זיך אַרום דער זון און אויף איר אייגענעם אַקס, וואָס דערמאָנט אין אייביקן אומקער. ס'איז ווי זי וואָלט געוואונקען צום מענטשן: אַהער קער זיך אום, ווען אַלץ איז שוין פאַרלאָרן. ניט מענטש שאַפט די געזעצן פון דער נאַטור, אָבער איר שיינקייט און אמת ווענדט זיך אין זיין דערזען און פאַרשטיין.

אין אַן עסיי וועגן טאָלסטאָי זאָגט טאָמאַס מאַן: „די סימפּאַטיע איז אַ באַגעגעניש צווישן לעבן און טויט. אמתע סימפּאַטיע ווערט געבאָרן נאָר דאָרט וואוביידע חושים — פאַר לעבן און טויט — זיינען גלייכמעסיק. דער חוש פאַרן לעבן אַליין דערוועקט בלויז געוויינלעכע טעמפּקייט, איז באַנאַל. אויך דער חוש פאַר טויט אליין איז ניט גענוג, ווייל ער וואַרפט אריין דעם מענטשן אין אויסוועגלאָזן טרויער. בלויז דאָרט וואו דער יראת־הכבוד פאַרן טויט האָט איינגעזאַפּט די וואַרעמקייט פון דער ליבע צום לעבן, ווערט די מורא פאַרן טויט אויסגעוועפּט... אמתע גאַנצקייט איז בלויז דאָס טונקעלע און ליכטיקע אינאיינעם. גרויסע פרייד וואָס קומט דורך גרויסן טרויער... טאָלסטאָי האָט דורך זיין שילדערונג פון טויט צוריק איבערגעבעטן דעם מענטשן מיט דער נאַטור".

ווי אַ גרויסער קינסטלער האָט שאָלאָכאָוו אין זיין „שטילן דאָן" גאָרניט פאַרענטפערט, נאָר אָנגעוויזן, אַנטפּלעקט. ער האָט ניט איבערצייגט דורך וואָרט נאָר דורך דערשיטערן. זיין העלד האָט ניט געוואָלט דינען קיין אידייע, וואָס איז ניט קיין חלק פון זיין נשמה, וואָס איז אויסער אים. „ער איז געשטאַנען אונטער דער קאַלטער זון", וואָס האָט באַלויכטן די גרויסע און ברייטע ערד. די ווערטער זיינען פּאַסיק פאַרן מענטשן, וואָס „איז ניט קיין נביא נאָר אַן ערד־מענטש פון זיין יוגנט־אָן". אַ מענטש, וואָס איז געשלאָגן געוואָרן פון שיקזאַל, איז „פאַרווונדעט געוואָרן" און איז דערגנאַנגען צום אמת, אַז ווען עפּעס שטאַרבט אָפּ ווערט עס צוריק געטריבן צום אָרט פון שטאַם, צו דער ערד, וואָס איז דאָס אייביקע לעבן.

„ס'איז חודש יול, דער פרילינג איז אַוועק.
עס גיסן זיך אָן זאַנגען און ס'צייטיקן די קערנער.
און איך גיי ערשט אַרויס אין מיטן וועג, —
אַ מעסט טאָן זיך אַליין, ווי אָקסן מיט די הערנער...

אברהם ביק

„מיט עמיצן פֿאַרמעסטן זיך איז איביק שווער,
מיט זיך אַליין איז טויזנט מאָל נאָך שווערער"
(זעליק אַקסעלראָד)

שאָלאָכאָווס „צעאַקערטע רוי־ערד" איז וועגן דער קאָלעקטיוויזאַציע פֿון דאָרף. די קאָלכאָזאַציע פֿון פֿויערשן אייגנטום איז איינגעשטעלט. דאָל קולאַקישע רעכט אויף פּריוואַט אייגנטום איז אָפּגעשאַפֿן. איז שוין דען דערמיט אַלץ פֿאַרענדיקט? פֿאַרקערט, ערשט איצט הייבט זיך אָן אַ גרויסער געראַנגל צווישן צוויי כחות, צווישן די, וואָס ווילן איינהאַלטן די אַלטע אייגנטום־פֿאַרמען און די וואָס ווילן ברעכן דעם אייגנטימערישן געפֿיל ביי די פֿויערים פֿון קאָזאַקישן דאָרף.

ווי אַ גרויסער קינסטלער, וואָס מוז זיין אַן אמת־זאָגער, פֿאַרמירט דער שרייבער די ווירקלעכקייט און פֿעלשט זי ניט. דאָס ווערק וועגן דער קאָלעקטיוויזאַציע איז דאָ ניט קיין אידיליע, ס'איז אַ שווערער און פֿײַנלעכער קאַמף, פֿול מיט עקשנות און געראַנגל, פֿעלערן און מפּלות און אויך מיט קרבנות. ניטאָ אין דעם ראָמאַן די גוט־באַקאַנטע סכעמאַטישע צעטיילונג אויף גוטע און שלעכטע. שאָלאָכאָוו גיט דעם מענטשן ווי ער איז. דאָ זיינען פֿאַראַן קולאַקן, ערלעכע פֿאַרטיי־טוער, דאָרפֿישע דאָן־זשואַנען, לייכטזיניקע פֿרויען, אַלטע פּאַטריאַרכאַלע פֿויערים און אויך מאַסן־סצענעס פֿון בונט אויף די דאָרפֿישע פֿאַרזאַמלונגען.

דער געוועזענער שלאָסער־אַרבעטער פֿון פּוטילאָווער זאַוואָד, סימאָן דאַווידאָוו קומט אַהער אַראָפּ פֿון לענינגראַד כדי אָרגאַניזירן דעם דאָרף אין אַ קאָלווירט. דאַווידאָוו איז דער מוסטער פֿון נייעם מענטשן. ער איז אַ לעבעדיקע געשטאַלט, וואָס איז ניט צוגעשמידט צו דאָגמעס. זיין געראַנגל מיטן קולאַק, דעם קלאַסן־שונא, מיט דער אָפּגעשטאַנענער רעליגיעזער מאַסע, ווי מיט דער ביוראָקראַטיע פֿון די נייע קאָלווירטישע באַלעבאַטים; זיין ליבע צו דער יונגער דאָרפֿס־פּרוי לוקשאַ, וואָס לאָז טזיך ניט צווימען פֿון קולטור און אידעאָלאָגיע — דאָס אַלץ ווערט כאַראַקטעריזירט דורך זיינע טאַטן.

דער צווייטער צענטראַלער טיפּ אין בוך איז יאַקאָוו לוקיטש, אַ קולאַק וועמען עס געלינגט זיך צו פֿאַרשטעלן און ווערן אַ פֿאַרוואַלטער פֿון קאָלכאָז. אַ דריטער איז דער באַלשעוויק קאָנדראַ מאַידאַניקאָוו.

אין דער קלאַסישער ליטעראַטור זיינען פֿאַראַן גרויסע ווערק, וואָס האָבן קינסטלעריש אָנגעגריפֿן דעם אייגנטימערישן עגאָאיזם, אויפֿגעדעקט זיין

העסלעכן פנים און אָפּגעשפּיגלט זיין אַבסורד. אַ ביישפּיל: די וועלט־קלאַסיק: שעקספּירס „סוחר פון ווענעציע״, מאָליערס „דער קאַרגער״, גאָגאָלס לוישקין אין די „טויטע נפשות״, באַלזאַקס „עזשעני גראַנדע״. „די דאָזיקע קריטיק איז אָבער געווען געווענדט ניט קעגן דעם סאַמע וואָרצל פון אייגנטימעריש־קייט, נאָר קעגן קמצנות, קאַרגשאַפט, זשעדנעקייט״ (מ. ווינער „דער משפט איבערן פיינט״). אין שאָלאָכאָווס ווערק ווערט אויפגעדעקט דער מהות פון אייגנטימערישקייט גופא. אין זיין שילדערונג ווערט שאַרף באַלויכטן דער וועזן פון דעם טיפּ, וואָס וואָרצלט אין אַלטן שטייגער און זיין שווערן קאַמף מיט זיך אַליין.

„יאַקאָוו לוקיטש איז אַ באַלעבאַטישער מענטש. ער וויל ניט, אַז מיטן פלייש פון זיינע שעפּסן זאָל זיך ערגעץ אין אַ פאַבריק שפּייזן אַן אַרבעטער אָדער רויט־אַרמייער. ווי אַ קינד צום פייער האָט ער זיך אַ גאַנץ לעבן גע־צויגן צו רייכקייט... די רעוואָלוציע האָט אַ הויך געטאָן אויף אים מיט קעלט פון אומגעהייערע אויפטרייסלונגען. די ערד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, האָט ער פאַרקויפט דעם אַקער, פאַרגראָבן אין אַ קרוג דרייסיק גאָלדענע צענערלעך אין לעדערנעם בייטל מיט זילבער, פאַרקויפט די פי, דעם פאַרזיי. די רעוואָלוציע, די קריגן, זיינען אַריבער אים ווי שוואַרצער געוויטער איבער סטעפּ־גראָז; עס האָט אים געבויגן אָבער ניט געבראָכן. אין אַ שטורם ברעכן זיך טאָפּאָלן און דעמבעס ווערן אויסגעריסן מיטן וואָרצל, אָבער ווילדגראָז בויגט זיך נאָר צו דער ערד, ציט זיך אויס און דערנאָך שטייט עס ווידער אויף. אָבער „אויפשטיין״ איז שוין יאַקאָוון ניט באַשערט געווען — דאָס לעבן האָט אים שוין ניט געלויכטן ווי אַ קנאַקענדיקער הונדערטער״...

לוקיטש, אַט־דער „שונא נומער איינס״ פון דער נייער קאָלווירטישער אָרדנונג, איז אין געהיים געווען פאַרבונדן מיט אַ קאָנטרעוואָלוציאָנערער באַנדע, וואָס האָט געגרייט אַן אויפשטאַנד קעגן דער ראַטן־מאַכט, געוואָלט צוריקברענגען אַלץ צום אַלטן. ער האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין הויז צוויי ווייסע גוואַרדייער, קאָנספּיראַטאָרן, וואָס זייערע פינצטערע מעשים פלעגן זיי אָפּטאָן אין דער פינצטערניש. אין די נעכט האָבן זיי געשיקט קוריערן צו זייערע העכער־ראַנגיקע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. אין זייןליידנשאַפטלעכער שנאה צום קאָלווירט איז דער פאַרשטעלטער לוקיטש גרייט געווען צו באַגיין די ערגסטע פאַרברעכנס.

ביי אים אין הויז האָט זיך אויפגעהאַלטן זיין אַלטע מאַמע, ביי וועמען די

געדאַנקען האָבן שוין ניט געאַרבעט. זי האָט איינמאָל אומשולדיק געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פאַר די שכנים, אַז ביי זיי אין הויז זיינען דאָ „געסט"..˙ איר זון, יאַקאָוו, איז אַזוי פאַרציטערט געוואָרן, אַז ער האָט באַשלאָסן שטום מאַכן דער אַלטער, זי זאָל מער ניט רעדן. ער האָט פאַרשלאָסן די מאַמע אין אַ קאַמער, צוגענומען דעם שליסל און אָנגעזאָגט זיין ווייב: ניט וואַגן אַריינ־שאַרן וואַסער און שפּייז פאַר דער אַלטער! זאָל זי אויסגיין. זי איז אַ געפאַר פאַרן „גרויסן פּלאַן". „דאָס ווייב, וואָס האָט דורכגעלעבט מיט אים אַ לאַנג און נישט גרינג לעבן, האָט געזיפצט: ׳סאיז דאָך דיין מאַמע!׳... מיטן גאַנצן כח האָט ער זי אָפּגעשטויסן — שוויג! מ׳זאָל פאַרשיקן, ווילסטו?" פיר טעג האָט די פון־הונגער און־דאָרשט אויסגעשעפּטע זקנה געלעבט אין קאַמער. ווען יאַקאָוו איז פאַרבייגעגאַנגען האָט ער „געהערט אירע פאַרשטיקטע און טויבע שעפּטשערייען: „יאַשענקע מיינער! זונעלע, טייערער, כאָטש אַביסעלע וואַסער דערלאַנג".. יאַקאָוו איז געבליבן טויב. נאָך פיר טעג האָט ער געעפנט די טיר פון דער קאַמער און געטראָפן דער אַמען ליגן מיט אַ לעדערנער הענטשעקע אין מויל. זי האָט געגריזשעט דאָס אַלטע האַרטע לעדער, געוואָלט שטילן דעם הונגער...

די שכנים האָבן דער אַלטער געמאַכט אַ לויה, זי באַוויינט. „אָבער ניט געוועזן נאָך איינער, וואָס זאָל אַזוי ביטער און פאַרצווייפלט וויינען ווי יאַקאָוו לוקיטש; יענם טאָג האָבן זיך דער ווייטיק און די חרטה געלייגט אויף זיין נשמה מיט אַ שווערער לאַסט". — וואָס איז אַזוינס פאַרמעגנ־גיריקייט, וואָס קאָן פעאיק מאַכן אַ מענשן צו הרגענען אַ מאַמע. שווער געווען דעם קולאַק זיך פאַרמעסטן מיטן נייעם, נאָך שווערער — „מיט זיך אַליין"...

יאַקאָוו לוקיטש איז אַ שאַרף־געצייכנטער טיפּ אין שאָלאָכאָווס ראָמאַן. ער איז פאַרביסן און גיריק. זיין שנאה איז טיף און גיפטיק. ס׳איז דער האַס פון אַ הערשער, וואָס מען האָט ביי אים צוגענומען זיין הערשערישן חיות, געטייט די קראַפט פון זיין חיהשער עקזיסטענץ, חרוב געמאַכט זיין פּריוואַט אייגנטום. אָבער אפילו אין דער שילדערונג פון זיין ברוטאַלקייט הילכן אָפּ טענער פון ווייפולן באַדויער איבער דער אַכזריות פון אַ מענטשן וואָס קען ניט גובר זיין דעם געפיל פון באַזיץ...

אויך די געשטאַלט פון קאָלכאָז־פירער מאַידאַניקאָוו ווערט אויסגע־קלאָרט דורך זיין געפיל. ער דערציילט ווי מאַידאַניקאָוו לעבט מיטן קאָלכאָז מיט אַלע קעמערלעך פון זיין האַרץ און מח. דאָך גייט אין אים אויך אויף „אַ פאַסקודנער פאַרדראָס אויף זיין גוטס און נודיעט אים מיט בענקעניש און

אומעט״, אַז אין די נעכט „וואַרפט ער זיך אין זיינע געדאַנקען, ווי אַ גע־פאַנגענער פיש״. ס׳איז אים שווער איבערצורייסן דעם נאַפּל, וואָס פאַרבינדט אים מיט זיינע בהמות. ער האָט אָפּגעפירט אין קאָלווירט „די ברויט־קערנער, די פּי, איינגאַנצן ביז איין פעדער די עופות. ער איז דערפאַר אַז ברויט זאָלן עסן און און אויפן גראָז זאָלן טרעטן נאָר די וואָס אַרבעטן, פונדעסטוועגן איז ביי אים איז געבליבן אַ ביטערער פאַרדראָס אויף זיין אייגנטום און אַז ער קומט אַריין אין שטאַל קוקט ער צום ערשטן אויף זיין בהמה, צי זי באַקומט גענוג עסן, און אַז ער דערזעט זיין פערד נעמט אים זויגן אונטערן לעפעלע״...

אויף אַ מייסטערישן אופן שילדערט שאָלאָכאָוו דעם סאַבאָטאַזש פון די עקשנותדיקע אינדיווידועלע פויערים, וואָס ווילן ניט באַאַרבעטן די ערד. דער ענערגישער בויער פון קאָלווירט, דאַווידאָוו, קוקט מיט פאַרדראָס אויף „די שוואַרצע, שרעקלעכע אין זייער נאַקעטקייט, ניט באַאַרבעטע פעלדער״ און זאָגט צו זיך אַליין: „אַלץ אויסער מענטשן ווייסן זייער צייט ווען זיי דאַרפן באַפרוכפּערט ווערן, נאָר מענטשן זיינען ערגער... אָט פאַרן זיי ניט זייען איבער דעם וואָס דער אייגנטימער אין זיי האָט זיך געשטעלט קאַפּויר... פאַרשאָלטענע! אָט קום איך און גיב אַ יאָג אַרויס אַלעמען אין פעלד אַריין, אַלעמען ביז איינעם!״

ווי אין „שטילן דאָן״ איז דאָ אויך יעדער סצענע אַריינגעראַמט אין פּעיזאַזש. שטימונגס־מאַלעריי און ראַפינירטע נאַטור־רעפלעקסיעס:

„אין בלויען סטעפּ איז דער שניי־געדעק ווי אַ יאַדערדיקער, קערנדיקער און טרעשטשענדיקער זאַלץ. גייט איבערן ניט־געריירטן שניי אַ וואָלף. אויפן שניי לייגן זיך ניט די אָפּדרוקן פון זיינע לאַפּעס. נאָר דאָרטן וואו די נעגל זיינע רייסן אַרויס אַן אייז־פאַרפרוירענעם ברעקל פונעם שניי־געדעק, בלייבט אַ פינקלדיקער קריץ...

„קעלטן דריקן און קאַרטשען די ערד. אין ווייסן פראָסט־גלי שטייט אויף די זון. הינטערן כוטאָר לעבן דעם פריר־אַקער שימערירן די שניי־אַנשיטן בלענדענדיק. די טאָפּאָלן ביים טייכל זיינען אַלע ווי פון זילבער גע־גאָסן. אין די שייערס שמעקט דופּטיק פון פראָסט דאָס ווייץ־שטרוי מיט בלויען אויגוסט, הייסן אָטעם פון טרוקענע ווינטן, מיט זומערדיקן הימל״.

אין שאָלאָכאָווס ראָמאַן איז ניטאָ קיין טענדענץ. ער איז ניט סאָציאַל־סכעמאַטיש. ווען ער הייבט אַרויס דעם צוזאַמענשטויס פון די קעגנזעצטע סאָציאַלע טיפּן מאָלט ער זיי מיט זייערע באַזונדערע שטריכן. ער מאָלט די

מענטשן מיט זייערע קאַפּריזן, נייגונגען, קוריאָזן, מענטשן מיט אַלערליי שוואַכקייטן און אויסטערלישקייטן.

אָט ווי אַ העלד רעדט וועגן די מאָדנע מענטשן:

„נעם למשל די אויסטערלישקייט. ווי זאָל איך דיר דאָס דערקלערן? אָט וואַקסט אַ קאַרשן־בוים מיט פאַרשיידענע צווייגן. כ'האָב מיר אָפּגע־שניטן איין צווייג און פון אים אויסגעקאָרבט אַ פיינעם שטעקן — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער בייטש — ער איז געווען וואונדערלעך מיט זיינע קאָרבן, מיט זיין אויסטערלישן וואוקס, און איצט? — אַוועק זיין שיינקייט! אַזוי איז אויך מיטן מענטשן. אָן זיין אויסטערלישקייט איז ער נאַקעט־הויל, פאַרשעמט, נעבאַכדיק. נעם גאַלגאַנאַוון: אַ גאַנצן טאָג לערנט ער אַ פרעמדע שפּראַך; דער אַלטער זיידע קראַמסאַקאָוו, שוין צוואַנציק יאָר ווי ער שפּילט זיך מיט קעסטעלעך שוועבעלאַך — אויסטערליש! דו, ביסט פאַרליבט אין אַ צע־לאָזענער מויד! — אויסטערליש! איין פויער האָט שטאַרק ליב דעם ביטערן טראָפּן, אַן אַנדערער גייט איבערן מאַרק און קראַצט זיך אין דער פּאַטילניצע — אויסטערליש! נעם אַוועק פון מענטשן זיין אויסטערלישקייט און ער וועט ווערן נאַקעט, ווי אַן אָפּגעשניצטער צווייג פון אַ בליענדיקן קאַרשן בוים״.

שאָלאָכאָווס טיפּן זיינען ניט קיין אויסגעשניצטע און אָפּגעהובלעוועטע שטעקנס. אויך די וואָס זיינען טריי מיט האַרץ און נשמה דעם קאָלעקטיוויזם, דעם סאָציאַליזם, זיינען ניט קיין „מלאכים״, נאָר קאָזאַקישע בשר־ודמס און די בעלי־גופים און קולאַקן זיינען ניט דווקא קיין „טייוולנים״, „קינדער פון שטן״. די ליבע און די שנאה ווערן דאָ ניט געגעבן שטאַמפּאַווע, לויט איין אוניפאָרמירטע סכעמע. דער באַזינגער פון דאָנער סטעפּ פאַרצייכנט אַלע געמיט־וויבראַציעס פון דער מענטשלעכער נשמה.

ניטאָ קיין „העפּי ענד״ אויך אין „צעאַקערטע רוי־ערד״. דער קעמפער פאַר דער קאָלעקטיווער אידייע דאַווידאָוו איז אומגעקומען. ער האָט ניט דערלעבט דעם טאָג פון „שניט־צייט״. ער האָט בלויז פאַרפלאַנצט די זריעה פאַרן מאָרגן. די טיפע זוימען פון קאָלעקטיוון פאַרזיי זיינען שפּעטער טאַקע אויפגעגאַנגען. ער האָט בלויז דורכגעמאַכט די שווערע זריעה, דעם פאַרזיי.

אוממיטלבאַר ווערט די אידייע פון דעם בוך קלאָר דורך דער דיאַלעקטי־שער טעזע: „לאָמיר נעמען די שילדערונג פונעם געבורט־אַקט אין דער ליטעראַטור, — יענע שילדערונגען פון דער שווערקייט, פון אַלע ווייען. צום ביישפּיל: די געבורט פון אַ מענטשן איז פאַרבונדן מיט אַזאַ אַקט, וואָס פאַר־וואַנדלט די פרוי אין אַן אויסגעמאַטערטן, אויסגעפייניקטן, פון ווייטיק־

גערירטן גוף... אָבער צי וואָלט עמיצער מסכים געווען צו אַנאַרקענען פאַר אַ מענטשן אַזאַ „אינדיווידר”, וואָס וואָלט געזען אין דער ליבע, אין אירע פּאָלגן, אין דער פאַרוואַנדלונג פון דער פרוי אין אַ מוטער — בלויז אָט־דאָס?”
(נ. לענין באַנד 23).

דער שרייבער וואָס האָט אין דעמפּיקן געשריי פון די אָקסן געהערט דעם קרעכץ פון דער ערד, וואָס איז געגאַנגען ווי אַ קינפּעטאָרין צו קינד מיט די ערשטע זאַנגען פון קאָרן און ווייץ, האָט דערזען אין דעם געבורט־פּראָצעס די ליידנספולע אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן לעבן, דעם געבורט פון אַ נייער קאָלעקטיווער אָרדנונג, וואָס קומט דורך שווערע ליידן, דורך אַן אָנגעשטרענגטן און פאַרביסענעם קאַמף פון מענטשן מיט אַנדערע און מיט זיך אַליין. ער האָט געזען אין אָקער דעם שניט און אין פאַרזיי פון די קערנער — די פולע זאַנג.

פון יענער זייט טראַגעדיע

טראַגעדיע אין דער פּראָזע פון קאָנסטאַנטין פעדין

„קיין מענטש געוועלטיקט ניט איבערן ווינט צו קאָנען איינהאַלטן דעם ווינט, און ניטאָ קיין געוועלטיקונג אין טאָג פון טויט... דאָס אַלץ האָב איך געזען בעת איין מענטש געוועלטיקט איבערן אַנדערן" קהלת ג).

דער סאָוועטישער פּראָזאַאיקער קאָסטאַנטין פעדין, האָט, מער ווי אַנדערע סאָוועטישע שרייבער, געשטאַלטיקט טראַגישע געשעענישן. ער האָט אַרויסגעהייבן די טראַגעדיע פון יחיד אין לעבן בכלל און אין צייטן פון איבערקערענישן, פון קריג און בירגער קריג און אפילו אין די יאָרן פון פרידלעכן בוי. ווי אַ רויטער פאָדים גייט דורך דער פּראָבלעם פון טראַגיק אין זיינע ווערק „שטעט און יאָרן", „אַרקטור סאַניטאַריום", „אויסערגעוויינלע־כער זומער", ביז זיין לעצט ווערק „דער שייטער", וואָס שילדערט די שווערע ליידן פון די סאָוועטישע פעלקער אין די יאָרן פון דער נאַצישער אינוואַזיע.

ביים אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן איז ק. פעדין אָנגעשטעקט געוואָרן פון טובערקולאָז־באַציל און איז לויט דער עצה פון זיין לערער און חבר מאַקסים גאָרקי געפאָרן היילן זיינע קראַנקע לונגען אין דאַוואָס טאָל פון שווייצאַריע. ווי אַ רעזולטאַט פון זיין אָפּזיין אַ צייט אין דעם סאַניטאַריום האָט ער געשאַפן זיין נאָוועלע „אַרקטור סאַניטאַריום", וואָס איז באַצייכנט געוואָרן פון דער קריטיק ווי אַ מין סאָוועטישער „צויבערבאַרג".

ווי אין גרויסן ראָמאַן פון טאָמאַס מאַן זיינען אויך אין פעדינס בוך די

העלדן די קראַנקע אין דער סאַניטאָריע אין דער שווייצאַרישער באַרג־לופט. די צענטראַלע פיגורן אין ראָמאַן זיינען: דער אייגנטימער און דאָקטאָר פון אַלפּישן סאַניטאַריום קלעבע, די קראַנקע אינגאַ און דער סאָוועטישער אינזשינער לעוושין.

דר. קלעבע קוקט אויף זיין היילענדער היים ווי אויף אַ קוואַל פון ריווח. ער איז פאַרזונקען אין חובות און האָט איין באַגער: האַלטן וואָס לענגער די פּאַציענטן ביי זיך. „ער ווינטשט די חולאים לאַנגע יאָרן נאָר ביי אים אין סאַניטאַריום״... דער סאָוועטישער אינזשינער, לעוושין, פאַרקערפּערט דעם גלויבן פון זיג איבערן טויט, דעם שטאַרקן ווילן צום לעבן. ער איז נאָך יונג און חלומט וועגן נייע דערגרייכונגען אין דער וויסנשאַפט. ער איז אַרומגענומען פון איין באַגער: וואָס שנעלער געזונט ווערן און „מיט אַ באַנייטער קראַפט אין די לונגען זיך אומקערן אַהיים״. די קראַנקע און פאַרטרוימטע אינגאַ, אַ דערצויגענע אויף דער מערב־אייראָפּייאישער ליטעראַטור, ציט זיך מיט איר גאַנצער נשמה צום סאָוועטישן אינזשינער. דער אייגנטימער פון דער הייל־אינסטיטוציע האַלט זי אָבער ווי מיט צוואַנגען אין שפּיטאָל און איר סוף איז אַ טראַגישער. לעוושין ווערט געזונט און פאַרלאָזט דעם סאַניטאַריום. אינגאַ פאָרט אים נאָך. זיי טרעפן זיך אויף אַ באַרג און נאָכדעם קערט זי זיך צוריק אין שפּיטאָל און שטאַרבט.

אויך דר. קלעבע ענדיקט זיין לעבן אויף אַ טראַגיש־פּאַטעטישן אופן. דער געלט־גייציקער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען, אַז ער אַליין איז קראַנק אויף טובערקולאָז און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס צעטל, וואָס מען האָט געפונען אויף זיין שרייב־טיש: „איך האָב די גאַנצע צייט צייט געהאָפט אויף אַ נס וואָס קאָן מיך ראַטעווען... וואו נעמט מען געלט? געלט שאַפט ניסים. מען זאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ לאַנד, וואו עס געשעען ניסים אויך צו מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין געלט. וואָלט איך ניט געווען קראַנק וואָלט איך אַהין געפאָרן כדי זיך און אַנדערע איבערצייגן, אַז ס׳איז אַ לעגענדע, האָב איך ניט קיין געלט אויף רייזע־הוצאות״...

דער פאַרגלייך מיט מאַנס „צויבערבאַרג״ איז זייער ענלעך, נאָר אַביסל אַביסל אַנדערש איז דער שלוס, דער לעצטער אַקאָרד פון פעדינס בוך אויף דער זעלבער טעמע. אין „צויבערבאַרג״: צוליב דער ליבע טאָר דער מענטש זיך ניט לאָזן באַהערשן פון טויט״. דאָס זיינען די לעצטע ווערטער

פון מאַנס גרויסן ווערק. „פאַרן זין פון דער מענטשלעכער צוקונפט" — זאָגט פעדינס אינזשינער לעוושין

ווי טאַמאַס מאַן ווייזט אויך ק. פעדין, אַז אָפט קאָן אַ מענטש אין זיין קראַנקהייט דערגרייכן צו העכערע שעפערישע מדרגות, ווייל ערשט די קראַנקע טראָגן אין זיך אַזאַ שטאַרקע און פאַרצווייפלטע ליבע צום לעבן. צווישן דאָקטאָר און דעם חולה, צווישן סאַניטאַריום און פאַציענט, וואָס דאַרשט נאָך געזונט און לעבן, שוועבט דער טראַגישער אומעט, דער האָפנונגסלאָזער ריטם פון אַ ביאָלאָגישער טראַגעדיע, וואָס אויך סאָציאַלע היגיענע וועט ניט היילן. וואָס־זשע בלייבט פאַרט ?

„אויב אַ דיכטער איז געטריי צום אמת, מעג ער זיין אויך אַ פאַרטיי־דיכטער, מוז ער אַרויסברענגען אין זיין דיכטונג אויך די יאוש־מאָמענטן פון זיין לעבן, דאַרף אויך פערזענלעכע טראַגעדיע אָפגעשפּיגלט ווערן אין זיין שאַפן" (געאָרג לוקאַטש). פעדין האָט די „פערזענלעכע טראַגעדיע" אַריינגעבראַכט אין דער סאָוועטישער פּראָזע, ניט ווי קיין ווידערשפּרוך צו זיין אידייע. מאַרקסיזם וויל גאַרניט און קען ניט לייזן דעם פּראָבלעם פון מענטשלעכן שיקזאַל. ניט אָפּשאַפן ליידן, נאָר באַפרייען דעם מענטשן פון אַזעלכע ליידן, וואָס דעגראַדירן אים און לאָזן אים בלייבן אויף דער זאָאָלאָגישער מדרגה פון ליידן. ווער עס בלייבט אין כשוף־קרייז פון די קאַפּיטאַליסטישע געזעצן און געלט־פעטישיזם, דער זעט אירע געזעצן ווי „אייביקע", פאַר אַזאַ מין מענטשן איז דער גאַנצער באַשאַף אַ „יאָמער טאָל", וואָס איז באַזירט אויפן „טראַגישן פּרינציפּ". אנדערש איז די טראַגעדיע פאַר דעם וואָס זעט די סיבות פון געזעלשאַפטלעכן ליידן.

אין זיין ראָמאַן „אויסערגעוויינלעכער זומער" שרייבט פעדין:

„גרויסע היסטאָרישע געשעענישן ווערן באַגלייט ניט נאָר פון אויפשטייגן נאָר אויך פון יסורים, וואָס זיינען איבער די כחות פון מענטשן, וועלכע מען קאָן ניט פאַרהיטן. פאַר דעם, וואָס אַנאַרקענט, אַז טראַגיזמען זיינען אַן אומפאַרמיידלעכע באַגלייטונג פון היסטאָרישער באַוועגונג, און פאַר דעם, וואָס אַנאַרקענט ניט קיין היסטאָרישן געזעץ — פאַר זיי ביידן הערט דאָס ליידן ניט אויף צו זיין — ליידן. פּונקט ווי קערפּערלעכע יסורים הערן ניט אויף, ווען מען ווייסט די סיבה און דעם קוואַל פון ווייטיקן. עס איז אָבער דאָ אַן אונטערשייד צווישן די צוויי: פאַרן ערשטן מענטשן זיינען די ליידן צוליב ליידן, פאַרן צווייטן, גיט די לאָגיק פון געשיכטע אַ זין די יסורים און ער רעאַגירט אַנדערש אויף טראַגעדיע".

„ניטאָ קיין געוועלטיקונג אינעם טאָג פון טויט״. נאָר דער אַנגסט און דער פחד פאַרן טויט באַהערשן דעם מענטשן אין צייטן ווען „איין מענטש געוועלטיקט איבערן אַנדערן״. די וואָס שטעלן זיך אַלס ציל אָפּצושאַפן אַזאַ אָרדנונג וואו איין מענטש הערשט איבערן אַנדערן, פאַר זיי ווערט אויך די אומלייזבאַרע פראַגע, די טראַגעדיע געמילדערט. זיי קאָנען זיך דערהייבן צום מענטשלעכן באַרג, וואו מען קוקט איבער דער טראַגעדיע און זיי קאָנען זיך דערוויל פאַרגינען הנאה צו האָבן פון דעם וואונדערלעכסטן געשאַנק — דאָס ל ע ב ן.

יחידים—לייענער

אברהם זישעס
אויצער, משה
אַלבערט, לואי און כאַוועקע
אַלעקסאַנדער עוועלין (סאַן פראַנציסקא)
אַראַנעק, ה.
אַרענסטיין, סילוויע
באבריק, סאָפי
באַרענבוים, דזשוליאַן
באַרסקי, ראָוז
בודיש, י. מ.
בילסקער, סידני
בין, סעם און איידע
בלום, רבקה
בעקער, חבר און חברטע (מאָנטרעאַל)
בערניקער, אייב (ווינדזאָר, אָנטעריאָ)
בערנשטיין, דזשאָו
ברעזנאָוו, חבר און חברטע
ברענמאַן, מרדכי
באגאַן, מר און מרס
גאָדיק, דאָרא און מענדל (פילאַדעלפיא)
גאָלד, איידע
גאָלד, סערע
גאָלדבערג, רוט
גאָלדווירט, ב.
גאָלדמאַן, קלאַראַ און אייב
גאַרבער, סעם און ראָזא
גאַראָן, סאַלאָמאָן
גאַרדאָן, סערע
גאַרפילד, מערי און נייטן (ל. א. קאַל.)
רבקה בלום
גלאַזמאַן, שמשון
גליקסאַמן, דזשאָזעף

געקער, בנימין
גרובער, מר. און מרס.
גראָסמאַן, מלכה
האלטמאַן, רוט (מיאַמי)
סטיין, יוסף (מאָנטרעאַל)
קעסלער, הערי

פילאדעלפיא

וויניפעלד קולטור־קלוב (פילאַדעלפיא)
סטריקער, נייטען
קראַוועץ, דזשוליוס און ראָזע
לעווענטאַל, הערמען און עטל
שוכמאַן, רבקה
גאָלדבערג, חבר און חברטע
ביבערמאַן, איידע
קליינער, הערי און פרידאַ
מילגראם, שרה און דעיווידי
פעלדשער, חבר און חברטע
קוירשבאום, יוסף און דאָרא
נאַרען, וו.
לינא און איזי גודמאַן
ערליך, לואיס
ערענס, בעלא
פראַנצבלוי עווא און שמואל (ל. א.)
פאָלאָק, וו. (באָסטאָן)
פאַרגאַמענט, הילדא און דוד
פינקוס, קיסקע
פלאָטקין, מר .און מרס.
פעדערמאַן, ראָוז און סיימאַן
פרעסמאַן, רחל און פיליפ (מאָנטרעאַל)
פאַינס־מייזיל דאָרא און מאָטל
פאָגעל, מאָריס

פּאַקס, א.
פּאַרמאַן, מר. און מרס
פּינק, מאָריס
פּינקלשטיין, יעקב
פּישמאַן, אייב
פּיינבלאַט, מאָריס
פּיינסטיין, זשאַמע
פּלענזל, דר. העלן
פּעלד, ל.
פּריד, לואיס
פּריד, משה
פּרידמאַן, שטאַרלס (אָוקלאַנד קאַליפּ.)
פּריינט, ד. ג.
פּריינט, מאַס
פּרעין, נינאַ
קאַופמאַן, דזשאָזעף
קאַופמאַן, לאה און מאָריס
קאַופמאַן, קלאַרא
קאַופמאַן, סעמועל
קאַלינס, חבר און חברטע
קאַופמאַן, איידע און פּיליפּ
קאַלמוס, נאַטאַליע
קאַלסקי, היימאַן
קאַמינסקי, מאָריס
קאַפּלאַן, אידיט
קאַאבעלאַ, יוסף ע״ה (ל. א. קאַליפּ.)
קאַרמאַן, נ.
קוירטמאַן, אהרן (לאָס אנדזשעלעס)
קאַרט, כאַסיע און הערשל (מיאַמי)
קאַרן, יהודית און שמואל
קופּערשמידט, נענסי
קלאָווינסקי, איטשע
קלאַנטערניק, ישראל
קעס, שרה און דוד
קעסלער, אייזיק (דעטראָיט)
קעסלער, סידני
קרוגער, היימאַן
קרעימער, יעטע און טעוויע (פלאָרידאַ)
ראָזענבלאַט, ווילי
ראָזענבערג, מאָריס
ראָזנבערג, פּערל און פּיליפּ
ראָזנבערג, סיליע
ראָטנבערג, אברהם
ראָללער, לאה
רמבם, א.
ראַפּאַפּאָרט, ש. און י. (פּעטאַלומאַ, קאַל.)
ראַפּאַפּאָרט, לילי און אירווינג
ראָסו, ב.
רובין, מעקס
רובין, סאָפיע און מאָריס
רובין, ראָוז
רייס, פּעני
שאַכנאָוו, יאָסל
שאַפּיראָ, ראָשע און יוסף
שאַפּיראָ, סעם
שטערן, ראָזע
שטראַוס, אברהם (קליוולאַנד)
שיקעס, שמואל
שפּיגל, יעקב
שקאָלניק, שרה און אברהם
שראַגער, ברוך (אין זיין אָנדענק)

דאָליצקי, ה׳ און קלאַראַ
דאַווידזאָן ,סעמועל
דאָראָשקין, יעקב
דזשעיקאָב, דזשערי
דעיווידאָף, סעמועל
דיימאַנט, לייב
דעניעלס, עמאַ און העניך
האַלפּערן, פּרומע
האַלפּערן, מ. ל.
הורוויץ, מאַריל
הורוויץ, מ. ר׳
העיבער, יעקב יוחנן (לזכרון פון זיין זיין ליכטיקן נאָמען)
הייבער, שרה
הענדלמאַן, רבקה (דעטראָיט)
העריס, מ.
הערמאַן, בען
וואָלטער, נייטען
וואַסילעווסקי, מר׳ און מרס.
וואַרציג, ס.
ווינאַקין, אבא
וויניק, מר. און מרס.
ווישנעווסקי, יעטאַ
ווייס, מעקס און ענאַ
וויירעאָב, אַרטור
וועלער, בערנאַרד
וועגדי, פעני און טוביה
זעלצמאַן, מאַריס און אידיט
זינגער, לאה
זינגער, לעאָן
זיידנוואַרם, חיים
חיימאָוויץ, דזשעק
טאַבאַק, עליאַש
טענענבוים, ג׳
טראַכטנבערג, הערי
טשעיסין ,דאָראַ (ניו בראָנזוויק)
יאָשין, מעימי (לאָס אַנדזשעלעס)
כאַזאַנאָוו, ב.
כאַראָווער, דאָרא און מישע
ליפשיץ, שמערל, הילדע (דעטראָיט)
מאַדעל, אַלעקס און לילי
מאָרגענשטערן, יוסף און זיטאַ (מיאַמי)
מעק, באַשע און נעיטען (נוואַרק)
מייזליש, סעם (באַלטימאָר)
נידעל שרה
נינא און פרען
נעלסאָן, פרידאַ
נעלסאָן, לא האון סעם
נעסין, א.
סאָברואָף, מעקס (דעטראָיט)
סאָלינדזשער, גיטע און פרענק
סאָלאָמאָן, רעי
סוויט, א.
סטירעס, פעני
סטיינער, סעם און סאָפי
סטעלער, דר׳ ה.ב. (באָסטאָן)
סיגל, פיליפ
סילווער, אירווינג
סילווער, דזשאָזעף
סילווערבערג, ראוז
סילווערמאַן, אירווינג
סילווערמאַן, יעטע
סיסיקינד, מר. און מרס.
סיימאָן, דזש אונחנה (פילאַדעלפיא)
סלאָמאַ, ד׳
סלעיטער ,סילוויע און יוליוס
סעניק, העלן און משה
ספיוואַק, בען
ספּיירא, א. און אסתר
עדעלסאָן, נייטען
עמאַלער, דזשעק
עסטערזאָן, א.